STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05900

VORTSLEN ZENEN DORSHTIK

Iosef Okrutny

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף אָקרוטני

וואָרצלעו זענען דאָרשטיק

יוסף אָקרוטני

וואָרצלען זענען דאָרשטיק

ראָמאַן

פאַרלאַג סביבה
בוענאָס-איירעס, 1964 — תשכ״ד

שער־בלאַט: יוסף ראַטנער־מירסקי

אַנעטקען, הענעכלען
און הענעך־אַהרעלען —
אַ מתנה פון **פעטער יוסף**

...און ווייל די מערכה פונעם יידישן שרייבער איז אַזאַ שפּלע אין דעם אַזוי געליבטן און פאַר־מעגלעכן יישוב בוענאָס איירעס, איז דעם מחבר פון אָט־דעם בוך אַ באַזונדערער פאַרגעניגן אַרויס־צוהייבן די קליינע גרופּע איידעלע יידן, וואָס האָבן — צווישן אַ רוב פון גלייכגילטיקע צו אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט יידישער שעפערישקייט — דאָך זיך אונטערגענומען צו געבן אַ תיקון פאַר אַ יידישן כתב־יד. די דאָזיקע ליבע פריינד זאָג איך מיין האַר־ציקן דאַנק. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן לשבח אַז דער בוך־קאָמיטעט אונטערן פאַרזיץ פון פריינד **שמואל גלאַזערמאַן** איז אַ חוץ אים געווען צונויפגע־שטעלט פון די קולטור־טוערס הערש זשעלאַזני און משה וויינטרויב (וויצעפאַרזיצערס), יוסף קאַרנהויזער (סעקרעטאַר), מאַטעס קרישטאַלקאַ (מיטסעקרעטאַר), אהרון ראָזענקראַנץ (קאַסיר), מאיר פרענגלער (מיטקאַסיר), ישראל מאַרמורעק, דוד קולאַקאָווסקי, משה הלוי קליינער, מוניע גאָלדענבערג און דוד גערמאַן.

י. אָקרוטני

אינהאַלט

קאַפּיטל:		זייט
.1	צווישן הויכע מויערן	9
.2	דאָס פייגעלע וויל שוועבן	28
.3	טאַטע־מאַמע	34
.4	דאָן לעאָנאַרדאָס עשירות	39
.5	פאַרבאָרגענע שטאַרקייט	48
.6	פעטער מאַנועל	54
.7	סעניאָריטאַ עסטעלאַ	62
.8	שווערע טעג, פיינלעכע נעכט	69
.9	ס׳האַרץ איז ווי אַ בוים	81
.10	זיסער אומעט	89
.11	אויף אַ שמאָלער סטעזשקע	101
.12	פאַרשאָלטענע אַליינקייט	119
.13	טאָג איין, טאָג אויס	124
.14	אויפגעוואַכט בלוט	139
.15	טראַכטן און טרערן	149
.16	די פאַרשלאָסענע טיר	159
.17	אַנטקעגן דעם גורל	166
.18	פרעמד	174
.19	עס געשעען טרויעריקע טראָפן	179
.20	די מאַמע האָט אַ ברייט פאַרטעך	190
.21	שרעקלעך אומעטיק	202
.22	דאָס רעטעניש	223
.23	געפאַנגענע	239
.24	„פלעק־טיפוס"	252
.25	דער איבערקער	265
	עפּילאָג	283

קאַפּיטל איינס

צווישן הויכע מויערן

אַ זייטיקע, פּלוצלינג אָפּגעריסענע גאַס. ס׳איז אין צענטער שטאָט. האַרט אַרום קאָכט עס און שוימט. דאָ איז די שטילקייט ווי אַ שטייענדיק וואַסער — אויסטערליש אַלט און טוכלע. צווישן פאַרשטויבטע הויכע מויערן איז אַריינגעקוועטשט די נידעריקע, בידנע הייזקע; אַן איינציק מירמל־טרעפּל ליגט צופוסנס דער טיר, אַ מאַט־פאַרשמירט פענצטער דערביי — און שוין. דאָס איז די קליינע ביוראָ פון דער שטילער פירמע „כואַן באַלעזני און קאָמפּאַני״. קיין שכנים זײַנען נישטאָ אין דער דאָזיקער הייזקע. די אָנגעשטעלטע און די פיר ווענט פון איינגערינגלטן חלל זענען די איינציקע וואָס באַוואַכן דאָס מאָדנע סודותדיקע פון אָט־דעם געשעפט. קיין סחורה איז דאָ נישטאָ. פאַראַן נאָר דאָס פאַרשריבענע וואָרט און פאַראַן ציפערן. די אָנגעשטעלטע קומען אין ביוראָ אַריין און מ׳זעט זיי כמעט נישט אָן אינעם אַרום, פונקט ווי מ׳דערזעט דאָ נישט די פירמע באַלעזני; מענטשן גייען אַריין, מענטשן גייען אַוועק און קיינער באַמערקט זיי רעכט נישט. אַפילו דער באַלעבאָס קומט און קיין זייטיקער ווייסט עס נישט: איז דאָס דער באַלעבאָס פון דער פירמע — דאָס פאַרשטויבטע פענצטער, ווי עמעצער קען עס אָנרופן — אַזאַ אומבאַטייטיקער, אַ קליינטשיקער מיט אַ פאַרעלטערט פנים און אַן אָרעמס! ווער וועט זיך דאָ אַרומקוקן אויף עמעצן? מיט די קליענטן פון באַלעזנין איז אויך אַזוי. געקומען און געגאַנגען. קיין האָן גיט נישט אַ קריי. סיידן דאָס וואָס ס׳טוט זיך אינעווייניק אין ביוראָ איז פאַר וועמען שטאַרק וויכטיק. און באמת איז סעניאָר באַלעזני אַ וואַזשנער — ער גיט עס וואָג דעם געטועכץ אין באַשיידענעם ביוראָ. נאָר נישט קיין גראַטשקע, איז כואַן באַלעזניס אָנזאָג. טיכאָ יעדיעש, — האָט ער ליב

איבערצוחזרן אַ ווערטל פון זיין אַמאָל — דאַלשע בידיעש,* און ער האָט עס גערן אויסצוטייטשן פאַר זיינע מענטשן. ס׳איז רוסיש, טענהט ער, אָבער נישט נאַריש. ווערטלעך, זאָגעכצער פון זיין דאָרפישן געבוירנ־שטעטל איז זיין חיות. ס׳גוט, איר מעגט גלייבן, מאַכט ער. אָט הייבט זיך אויף עמעץ פון זיין טינטלען אין קאָמערציעלן טאָגבוך, גייט צו צום טע־לעפאָן, רעדט אַריין אין דער געהיימנישפולקייט פון דעם דראָט־און אייזן־צעשניטענעם שטח וואָס אויף יענער זייט וואַנט און ערגעץ ברומט אָפּ אַ גרוס, אַ לעבנסצייכן פון אָט־דעם באַזאַכטן, תמיד טונקלעוואַטן רוים.

און רעכט אַזוי. כּוֹאָן באַלעזני איז צופרידן. ער האָט פיינט טומל. דער טעלעפאָן פונקציאָנירט, דער חשבון שטימט? די צאָלונגען זענען איינ־געפלאָסן? — מער באַדאַרף מע נישט. וועגן דעם וו אָ ס ווי ט ע ר אין געשעפט, זאָגט ער אַלע מאָל: „פאַרלאָזט זיך״, און פאַרפרעסט די פאַר־יויאַנעטע ליפּן.

שתיקה איז די שענסטע מידה, און די געזינטסטע, — דערמאָנט ער אָפט די חכמה, ווי זי וואָלט געווען נאָר זיין אייגנס. און אויף איר שפּאַרט ער אָן זיין גאַנצע גדולה, וועלכע ער האָט ענדלעך איינגעצעמענטירט אויף די פונדאַמענטן פון קוים־פאַרשטויסענער דלפנות. „כאָטש פלאַץ, שעלט און זידל — אסור עס אַרט מיך״, איז זיין איינציק געווער קעגן די שונאים וואָס קלייבן זיך אָנצוגרייפן אויף אים. יאָ, אין מסחר קאָציען זיך שונאים אָן אַ שיעור. אָבער סעניאָר כּוֹאָן טוט זיך ס׳זייניקע, מיט געלאַסנקייט.

אַ סך לייט פון דער בראַנזשע האָבן געבראַכן דעם קאָרק פאַר די לעצטע יאָרן, דאָס קליינע כּוֹאַנדל האָלט זיך פעסט. מ׳שמועסט, ער האָט אַלעמען איבערגעקליגט, אויך דעם שאַרפסטן קריזיס. „מ׳באַדאַרף קענען חשבונען״, איז סעניאָר באַלעזניס רמז אַקעגן דעם, אויף וואָס פאַר אַ שפּיצלעך מ׳איז אויסגעשטעלט פנים־אל־פנים מיט דער יוסטער און דאָך קאַפּריזנער וואָל־בערזע. אַנדערש פאַסט אים נישט: „וואָל־בערזע״, כאָטש זיין בראַנזשע איז נאָר שמאַטעס, קויטיקע, שטויביקע שמאַטעס, אויף וועלכע ער האָט זיך אויפגעהויבן ווי אַ ריז אין אַ פּאַיאַץ־געשטאַלט. וואָרן איזן איז ער אַ פּיצל, נאָר מיט אַ רירעוודיקן מוח און באַזאַכטע הענט. זיי צי־טערן סכנות ביז ער שרייבט אונטער אַ טשעק. ער שוויצט, ער דרייט זיך,

---

* פאַר געלאַסן, ווערסט ווייט גרייכן.

שטעלט זיך און זעצט זיך ווידער אײדער ער פועלט ביי זיך אַרויסצולאָזן פון האַנט זיין חתימה. דער־אָ האָט עס אַרייננעכאַפּט אַן אוצר מיט געלט. שעמעוודיקערהייט אָבער זשעדנע צונויפגעשאַרט אַ מאַיאָנטעק. איצט בינדט ער אַלעמען צו די קעפּ אין מסחר: קויפט, פאַרקויפט, פירט אַן בריוולעך, טעלעגראַפיש מיט צענדלינגער אַגענטן. „כואַנדל האָט אָנגעטאַפּט דעם ריכ־טיקן נערוו״, רעדן שמאַטע־סוחרים נישט אָן קנאה. ער שטייט פעסט מיט לאָנדאָן, האַלט אַ האַנט אויף ליווערפּאָל, ר׳האַנדלט מיט בריסל און ער איז נישט צעקריגט מיט פילאַדעלפיע.

וועגן כואַן באַלעזניס געשעפטן שמועסט מען פאַרשיידנס, אָבער ער אַליין שווייגט. יחיאל באַלעזני איז די שטאַרקע פירמע אין דער בראַנזשע און ער האָט פיינט רייד. ער האָט פון דעסטוועגן הנאה צו הערן זיך אַליין. און רעדן רעדט ער על־פּי־רוב פון „יענע יאָרן״. דאָס טוט ער בעיקר ווען ער קוקט אויף „זיינע מענטשן״ פון ביורא. דאָס פלאַטשיקע סאָווע־פּנים מיט דער ברייטער בולבע־נאָז גלאַנצט בעת־מעשה מיט אַ האַפערדיקער רויטקייט און די אויגן־בלינצלעך לויפן, טאַנצן. דעמאָלט זעצט ער זיך אָוועק בנעימות ביים באַזונדערן טיש, וואָס וואַרט אויף אים יעדן טאָג צווישן צען און צוועלף. אַהער קומט ער כדי צו ווייזן די מענטשן אַז ס׳איז פאַראַן אַ באַלעבאָס און מ׳טאָר נישט פאַרגעסן אַז אַ געשעפט האָט קליענטן, וואָס מ׳באַדאַרף באַדינען. געוויס, אַ מאָל דאַרף מע זיך אויך דערמאָנען אַן זיי, אָנרופן הלמאי ס׳שוין לאַנג נישטאָ קיין באַשטעלונג; און מ׳באַדאַרף אָנפרעגן צי ס׳פאַראַן וואָסערע ס׳איז אָפּערטע. די פירמע באַלעזני, הייסט עס, איז אויפן אָרט, דינסטגרייט. אָבער דאָס איז לפּנים וועגן. כואַן באַלעזני דערליידיקט ס׳רוב טראַנזאַקציעס פּערזענלעך, אין שטילע שמועסן — אויג אויף אויג מיט פאַבריקאַנטן, אויך מיט אויפקויפערס. פאַראַן גענוג מענטשן וואָס קענען נישט אויסהאַלטן קיין סטאַק. דער סוחר כואַן באַלעזני האָט זיך זיין סטיל אין פאַרקערן מיט מענטשן פון דער בראַנזשע. זעלטן ער שמועסט אָפּ מיט עמעצן צו טרעפן זיך אין זיין ביורא. אַהינצו קומט ער מערסטנס ווי אָפּצורוען, אַרומקוקן זיך צי ר׳באַדאַרף נאָך ערגעץ דערמאָנען אין זיך. און ווייזט זיך גראָד נישט קיינער אין ביוראָ אַריין, האָט ער, באַ־לעזני, אויך נישט קיין עגמת־נפש. „מ׳האָט סחורה, האָט מע נישט קיין מורא״ — דאָס ווייס ער שוין אַקוראַט און אַלעמען איז באַוווסט אַז זיין לאַגער איז אָנגעשטאָפּט. וואָס מ׳קען נישט קריגן אין דער גאַנצער שטאָט,

געפינט מע ביי באַלעזנין. דער עיקר היטן די צייט, האַלטן די האַנט אויפן דופק פון מאַרק און, שאַנעווען ס׳געזונט. דאָס לעצטע איז ס׳ליכטל וואָס איז אָקערשט אָנגעצונדן אין זיין געדאַנק. איי, ווען דער מענטש זאָל דאָס געדענקען שטענדיק. דאָס ביסעלע געזונט איז די ריכטיקע דאַמבע, וואָס קען פאַרהיטן גאָר דיין אינדזעלע, אַלע דיינע ברויטפעלדער און דיינע פּרוכטגאָרטנס — — אין די דאָזיקע פאַרמיטיקן פּאָלוביעט ער זיך מיט זיינע זכרונות, וואָס זענען לעצטנס גאָר צודרינגלעך. און דווקא האָט ער ליב אַרויסצוגיין מיט זיי אויף דרויסן. אדרבא, זאָלן אויך אַנדערע וויסן ווי אַזוי ס׳איז דאָ צוגעגאַנגען. געווען לויטער מדבר־רויקייט אין דעם בוענאָס־איירעס. אַלץ האָט מע באַדאַרפט פאַראַקערן, באַוואַסערן, באַפעטיקן מיט מענטשישער פּיין און נויט, גיט ער אַ טראַכט. ווי ליכטפלעקן שווימען זיי אויף, די אַלע דערמאָנונגען — אין אַנבליק פון דער שרעק פאַר דער על־מער וואָס לאָזט זיך אָפּטלעך דערקענען צו אים. טאַקע דאָס וויל ער אין זיך פאַרטומלען, פאַרשטויסן, דערפון אפשר זיין נטיה צו זוכן אַן אויער וואָס זאָל אים הערן. דערציילט ער, איז עס דערהויפּט פון דאַנען, פון בוענאָס־איירעס, ווייל פון דאָ נעמט דער שטראָם זיין גאַנצן קוואַל. אַפילו די שיין פון דער שטעטלשער היים די אַנומלטיקע אין רייסן שטייט פאַר אים אין בלעזלדיקן שוים פון דער דאָזיקער האַרבקייט.

— אָ, אָ. וואָס ווייסט איר ה יי נ ט ? ערשט איז דאָך אַ גן־עדן! פאַבריקעס, שאָסייען, טראַקטאָרן, אָבער פריער? געווען דאָ אַ ים פון שרעקיקער פינצטערניש; ממש עבדות און חושך מצרים האָט געביסן דעם גורל פון די בינטלעך יידן וואָס זענען אַהערצו פאַרוואָגלט געוואָרן. מיט די גרינע ווערעם איז אָנגעקומען דאָס ביסן ברויט, וואָרן דער מדבר האָט פאַרשלונגען דאָס גרויסע ווילדע לאַנד. די שטאָט וואָס האָט קלאָמפּערשט געלעבט, האָט זיך געשטיקט אין אָרעמקייט. קוים געווען ערגעץ צו דערווישן אַ פונק ליכטיקייט. אויף וואָס האָט מע געקענט בויען? בוענאָס־איירעס איז געווען קליין און פאַרקבצנט, די פעלדער — גרויס, ווייט און קראָפּעווע באַוואַקסן. גיי, כ׳בעט דיך, שלאָג אַרויס וואַסער פון אַ שטיין. באמת, ס׳האָט נישט געקלעקט ביי די פּיזשאַמע־פּאַצעטן קיין כוחות צו ראַנגלען זיך מיט דעם דלות: אין די יום־טוב טעג האָט מען אין די שענסטע גאַסן געפּראַנטעוועט אין פּיזשאַמע־רעקלעך. אין שטריקענע שיך — ווייל ס׳איז נישט געווען קיין גרויסע ברירה. סיידן צוריקדרייען דעם דישל — אין פּאָגראָמישן רוסלאַנד

צוריקגיין, אין אומגליקלעכן פוילן. פאַרקערט, מ׳האָט זיך נאָך איינגעשמו־
עסט אַ האָפענונג אויף בעסערס. ס׳עט זיך אַרויפאַרבעטן, דאָס אַרגענטינע.
ס׳אי׳ געווען, ג ע ו ו ע ן ! דאָס ווילט זיך ליבערשט פאַרגעסן, אָבער די
אַלע גוטע זאַכן שטעקן דווקא אַרויס די קעפּ, צעשויבערטע, צעקרימטע,
פאַרחוצפּהטע און זיי ווייזן די פאַרקרענקטע צורות. מ׳האָט דאָ געפּעכניעט
אויפן פּיסק. נישט געווען צו וואָס זיך צו נעמען, ביי וואָס צו פאַרדינען אַ
פּעזע. אַ וואָלוועלע זאַך געווען מענטשנס הענט. וואָס זאָג איך? זיי זענען
געווען אין גאַנצן איבעריק, סיידן אין דער וויסטער פּאַמפּאַ, ווו מ׳האָט זיך
געקענט שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט נייַן־צען חדשים אין יאָר — אויספּלאַנצן
עלנטע בית־הקברותן פון די אייגענע; ס׳איז געווען אומצוקומען פון וועל־
רעמדיקער נויט און לאַנגווייל. בלויז אויסקאָרטשענען ווילדע ביימער,
אָפּיאָגן זיך פון גיפטיקע שלאַנגען און זיין אויסגעשטעלט אויף די פאַר־
ניכטנדיקע זאַמדווינטן וואָס האָבן דערשטיקט די פּרוכט פון דער בלוטיקער
מי. סאַמע רויקייט איז געלעגן אויסגעשפּרייט איבער די אומגעהייערע
לענדערייען, כאָטש אין תוך איז געווען אַ שפע אין אַלץ וואָס אַ מענטש
באַדאַרף עסן און נעמען אויפן לייב אַרויף, און בזיל הזול. צו מאָל פויגל־
מילך. נאָר דער גראָשן איז דעמאָלט געוואַקסן אין הימל. ס׳ביסל מענטשן
איז געקראָכן איבער גרודעס דחקות און בשום־אופן גאָר נישט געקענט
דערגרייכן פאַר זייער נעבעכדיקער אחיזה. שוין איין מאָל געווען יאָרן!

— נישטאָ שוין די־אָ כוחות און נישט יענער רייץ פאַר אַלץ. יונגע
מענטשן דאַרפן פון דעם זיך אַראָפּנעמען אַ לערנונג. אַפילו דער אַפּעטיט,
טייערענקע, איז שוין נישט דער וואָס געווען. איצט איז וואָס דער אָנהאַלט?
— גיט ער אַ קרים די ליפּן מיט אַ בפירושע־ אָנצוהערעניש אויפן נישט
דערזאָגטן און וואַרפט אַ בליק אויפן ביוראָ. ס׳הייסט, טרויעריק פאַרשפּילט
און נישט גליקלעך פון דעם געווינען זיינעם, כאָטש — אין פאַרגלייך מיט
אַנדערע, ווי שטאָט זעט און שאַצט. אַוודאי, אַלץ איז געווענדט אין דעם
קאָפּ קלוגשאַפט, — רעדט נאָך די מינע וואָס שניידט זיך אַרום זיין מויל.

אַ רגע אַזאַ און זיין גאָרנישט זאָגנדיק פּנים, ס׳שטיק פליש, גיט אַ
מיניע מיט לעבן.

געוויס, געוויס, — שאָקלען צו די „מענטשן״, הגם קיינער פון זיי גיט
נישט קיין מורמל. — גערעכט דער באַלעבאָס, מיינט דאָס קאָפּשאָקלען, אַ
הכם דער סעניאָר באַלעזני. ס׳אי׳ דאָך אַ ראיה, וואָס אַלע זעען. און די

שטאָט קלינגט. כואַן באָלעזני איז היינט קוראַנט אויפן בלויזן וואָרט. טאַקע ער אַליין. די שותפות וואָס שרייבט זיך אויף דער שילד, איז נאָר קעגן „אַן עין־הרע”. מער באַלעבאַטים, האָבן זיי רעכט אויף גרעסערע הוצאות און קלענערע שטייערן. זיכער, בוכהאַלטעריע איז נישט קיין האָקוס־פּאָקוס. אַז מע לייגט אַריין פינעף, וועסטו נישט מאַכן פון איר קיין זיבן, סיידן זי באַוועגט זיך אין סחורה, סיידן — טרייפענע ציגנזן. אָבער שווינדל איז נישט דער שניט פון סעניאָר באָלעזני, גאווהט דער באַלעבאָס אַנטקעגן די מענטשן וואָס שלינגען באַשיימפּערלעך זיינע רייד. „קענטיק אויך זיי זענען מקנא”. אין דער אמתן — כאַפּט ער זיך — דאַרף ער גאָר נישט רעדן פאַר זיי, וואָרן וואָס פאַרשטייען אַזעלכע? אָבער ער האָט הנאה צו הערן זיך אַליין, כאָטש זיינע בליקן בלאָנדזשען פון מאָל צו מאָל איבער די פּנימער פון די אַרומשטייענדיקע. זעצן זיך נעבן אים דערוועגט זיך נישט קיין איינע פון די ווייבספאַרשוינטעס, וואָס דינען אין זיין ביוראָ.

...אַ קליינער, אַ כיפּקער, מיט אַ שפּרינגעוודיקן שריט לענט ער זיך אָן שמיענדיק אויף אַ שטעקן. אי ס'איז לייכטער צו גיין (ס'האַרץ מוז מען היטן!) אי ס'אַ געווער אין האַנט. ס'זאָל אַזוי נישט געשען ווי ס'קען געשען. ער האָט טאַקע נישט וואָס מורא צו האָבן, יחיאל באָלעזני, ר'האָט חלילה נישט אַזעלכע שונאים. ער גייט זיך זיין וועג, קיינעם נאָך נישט גראָב פאַרגעקומען; אַלץ וואָס ער האָט, איז ערלעך אויסגעהאָרעוועט, אָרנטלעך אויסגעחשבונט, נאָר אַ שטעקן איז סיי ווי אַ גוטע זאַך.

דער קראַנקער ברודער אין זיין שותפות? ס'איז דאָך אַ פיקציע פון דער ערשטער רגע אָן. דאַכט זיך, די שטיינער פון גאַס וויסן דערפון. גרשון האָט מסכים געווען דערויף, וואָרן וואָס קען עס קאַליע מאַכן פאַר אַ קבצן סתם „צו פיגורירן?” און ר'האָט גאָר נישט צו אים, זיין גרשון. ער, כואַן, איז דערצו נישט דער ערגסטער. מ'קען פרעגן אויף אים. אַ רפואה, אַז ס'איז נייטיק, ברענגט ער זי דעם קראַנקן אין שטוב אַריין, און נישט תמיד בעט ער צוריק דאָס געלט. און אַ פאָר שיך פאַרן ברודער, אַ קלייד פאַר דער שווגערן — ס'זאָל נישט זיין אויסגערעדט; און אַזוי־זיך זיי עפּעס אין האַנט אַריין? עס איז אַ היפּשע הוצאה, נאָר ער רעכנט זיך נישט דערמיט. ס'איז אַ טובה פאַר אַ טובה. גרשונס נאָמען איז נישט מער ווי צו פאַרענטפערן דאָס געשעפט־קאַפּיטאַל, צו פאַרענטפערן „די ביכער”. דאָס אייגענע איז מיט דער קלאָמפּערשטער שותפות פונעם שוואָגער שמאי זאַלץ. ער

האָט אים חס־ושלום אָפּגענאַרט? דאָס איז נישט כּוֹאַן באַלעזניס דרך, צו גענאַרן יענעמען — — שאַדט נישט, כאָטש „מענטשן" ביי אים, מעגן זיי עס וויסן! עס איז שוין אַן אָפענע קאָרט. „די שטאָט" ווייסט אַלץ.

אַ מאָל, ר'איז באַזונדערס אויפגעלייגט, לאָזט ער פאַלן אַ וואָרט דער־פון, וואָרן לייט האָבן אַ טבע זיך אויסצושטעכן די ציין מיט יענעמען. און טאָקע — דער מענטש ווערט נישט יינגער. עס איז כדאי זיך אַראָפּצורעדן פאַר עמעצן. שאַדט נישט, אַז מ'האָט צומאָל אַזעלכענע עדות.

שמאַטעס איז כּוֹאַן באַלעזניס געשעפט. אַלטע שמאַטעס, נייע שמאַ־טעס, וואָל, באַנוול, וויגאָניע, אַמבולאַזשע, אָפּפאַל פון פאַבריקן, סוויטער־שטריקערייען, קאָנפעקציע־ווערקשטעלן, אויך רויע וואָל פון שעפּס אַראָפּ. אַלץ ווערט סאָרטירט, איבערגעקליבן, איינגעפּאַקט און טראַנספּאָרטירט. אָנגעהויבן מיט אַ גאַראַזשל, וואָס געדונגען צו האַלטן אַלטע שמאַטעס, איז איצט זיין לאַגער גרויס, געדעקט מיט אַ שווערן אייזערנעם דאַך; דער לאַ־גער ווערט אַלע מאָל צו קליין, אויב ס'געלינגט אים נישט (איי, די סטאַגנאַ־ציעס, די קריזיסן וואָס מ'מוז אויסהאַלטן!) אָפּצישיקן וואַגאָנעס סחורה פאַר... דאָס איז שוין פאַר קיינעמען נישט קיין נפקא־מינה. דאָס איז שוין כּוֹאַנס אַ סוד, פון דער בוכהאַלטעריע דער סוד. נישט אַלץ באַדאַרף מען אָנפאַר־טרויען אַפילו דעם געטרייעסטן בוכהאַלטער, — געדענקט ער און פאַר־שאַרט אין זיין בלאָסן מוילשניט אַ דין שמייבעלע.

כּוֹאַן באַלעזניס רויטע פּנים נעמט אָן פּלוצלינג די מראה פון בולטער עלטער־מאַטקייט. מיט אַ מאָל דערשפּירט ער זיך אויסגעשעפּט, שטעלט זיך אויף שלאַבעריק, ווי ער וואָלט באַדאַרפט זיך מינטערן; ער רעדט נישט מער און גייט גיך אַרויס פון ביוראָ מיט אַ כאַפּעדיקן —

— ביז מאָרגן, סעניאָרעס!

בשעת־מעשה פאַרגעסט ער זיך געלאָסן אָנצושפּאַרן אויפן שטעקל וואָס ער לאָזט נישט אַרויס פון האַנט. ער לויפט אָקערשט, איילט זיך, גלייך ער וואָלט אָפּיאָגן אַ חרטה־פּלעמל וואָס האָט זאָג־אַ זיך אַרויסגעהויבן אין זיין נאָענט. מ'מוז עס שוין איינלעשן, פאַרדעקן. פרוי סוסאַנאַ, די פאַר־וואַלטערן פון ביוראָ, קוקט נאָך דעם אַנטרינענדיקן באַלעבאָס („וו'אַן אויס־טערלישער, — גיט זי אַ קלער. — קענטיק, דער נישטיקער אַמאָל זיי־נער שלעפּט זיך אים נאָך. רייך, גאָר רייך דער מענטש און ווייזט אויס

נישט גאָר גליקלעך מיטן געלט. אַ צעפּלאָנטעדטער מוח ביי אים: גיט זיך פּלוצטאַלבן אַ כאַפּ, לויפט פון דער היץ!״).

— טאַקע אַוועק? — קומט זי אַרויס פון פּאַרטו׳אַבטקייט, קוקט אויפן ויאַנטזייגער און וואַרפט צו אַ גינציקן זאָג די מיידלעך ביי די שרייב־מאַשי־נען, ביי די דאָקומענטן־טעקעס פון דער פירמע:

— קינדערלעך, דאַכט זיך, ס׳איז צייט אויך פאַר אונדז עפּעס איבער־צוביישן.

נישט גאָר דרייסט הייבט מע זיך אויף. מ׳עט גיין, הייסט עס אין זייער׳ע באַוועגונגען.

— ווי האַלט מע, מיידלעך? — שטעלט זיך אַוועק פרוי סוסאַנאַ די ערשטע מיטן האַנטבייטל אויפן אָרעם און קוקט ווי דאָס יונגוואַרג מאַכט זיך גרייט זי צו באַגלייטן אין דעם נישט־אָפּגערעדטן פּאַרמעסט גיכער זיך אַ ריר צו טאָן פון דער איינגעגליווערטער טונקלקייט אַרויס. פול דרך־ארץ איז זייער קוקן און וואַרטן, נאָכצוטאָן דער פרוי. קודם באַדאַרף זי זיך פאַר־נעמען צום אַרויסגאַנג. דערנאָך וועט עמעץ אַ נעם געבן פון איר די שליס־לען אויף צו פאַרשליסן. יעדן טאָג אַזוי. מ׳גוטן שפּעטער גייען זיי זיך פונאַנדער. די ערשטע קערט זיך אָפּ פרוי סוסאַנאַ: — ביז שפּעטער, קינדער! — און לאָזט זיי איר שמייכל.

— מיט אַ גוטן אַפּעטיט, — ווינטשן איר נאָך די מיידלעך און מ׳פאַר־נעמט זיך אַהער־אַהין. יעדע גייט אין אַן אַנדערער גאַס אַריין. איטלעכע ציט אַהיים, צום מיטיק. די איינציקע וואָס האָט צו ווייט צו זיך אין שטוב אַריין, איז די קליינע עסטעלאַ מילער פון מאַטעדעראָס. מאַטאַדעראָס ליגט אַרויסשטאָט, מאַטאַדעראָס איז אַן אָרעם אָרט. עסטעלאַ געדענקט עס שטענ־דיק. עסטעלאַ האָט פאַרדראָס דערפון וואָס זי איז פון מאַטאַדעראָס. דער־שלאָגן פון דעם וואָס אַלע גייען אַהיים, לאָזט זיך עסטעלאַ אַריין אין אַ זייטיקער גאַס; אויף גיך וועט זי עפּעס אָפּכאַפּן אין אַן עסהאַלע.

אויף דער גיך, אין געפילדער — אַבי קיינער זאָל נישט באַמערקן איר חרפּה!

איר היימישע מאַלצייט וועט די מאַמע אויפוואַרעמען ערשט אין אָוונט און עס איר דערלאַנגען מיט אַ שטיקנדיקן זיפץ: „מיין אָרעמס!״ זיי קערן זיך אָפּ אַן אַ זייט, די אַלטע, ווען זי אַליין מוז שלינגען טרערן — בושע־

וועט עס אַ מאָל אין עסטעלאַן. אַוועקגעזעצט זיך אין אַזאַ מקום ווי פאַר־משפטע און אויך זי פאַרמשפּט.

אַך, ווי איר טוט ווײ די אַרעמקייט.

*

אין מיטן איבערקוקן די פּאָסט, דערמאָנט זיך פּרוי סוסאַנאַ אַן עפּעס פאַרגעסנס און זי נעמט בלאַנקען מיטן בליק איבערן ביוראָ־צימער. געזוכט און באַלד געטראַכט אויף אַ האַלב־קול: „ווער וועט מיר גיכער באַזאָרגן דעם נייטיקן דאָקומענט?"

דערזעען עסטעלאַן, נײַן, עסטעלאַס פּוכיקן קאָפּ האָר, גיט זי צו איר אַ רוף:

— וועסטו אַזוי גוט זײַן, ליבענקע?

אויב „ליבענקע", ווייסט מע שוין אין ביוראָ וואָס מען מע מיינט, און אַלע דראָדלען זיך אַן: „וואָס זעט זי אין דער גראָבטשענקער? אַ געשמאַק פון אַ מענטשן!" יעדע פון די מיידלעך שלינגט אָבער אַראָפּ דעם פאַרדראָס און אַלע בלײַבן זיי אָנגעבלאָזענע זיצן אויף זייערע ערטער. ס'אַ שטילקייט אַזאַ מיט אַ מאָל, אַז דער רוק פון דער שטול, וואָס עסטעלאַ גיט אַ באַוועג אַוועק פון זיך, טוט אַ מוראַדיקן ריטש אין אַלעמענס אויערן. ס'האָט אַזש אַ קאַלטן סקראָבע געטאָן איבערן רוקנביין און אַלע האָבן זיי געזען פון הינטער די אַראָפּגעלאָזענע שטערנס ווי עסטעלאַ האָט זיך געגעבן אַ הייב, אָט שווימט זי צו צו דער סעניאָראַ; כמעט אויף די שפּיצפינגער האָט זי זיך געטראָגן און שוין גיט זי פאַר איר אַ לייכט אויף, טוט אַ פּיעשטשנדיקן פרעג:

— מיך רופט די סעניאָראַ?

זי ווייסט נישט פאַר וואָס, די פּרוי סוסאַנאַ — זי האָט אַזוי גערן אָט־די קליינע: יעדעס מאָל, אַז זי דערנענטערט זיך צו איר, זי ווענדט זיך וועגן עפּעס, קען זי פון דעם מיידל נישט אַראָפּנעמען די אויגן; אויך אַצינד איז איר געוואָרן וואַרעם אַרום האַרץ, ווען זי האָט צו עסטעלאַן אויפגעהויבן דעם בליק:

— דיך מיין איך, מיידעלע.

— כ'בין גרייט, סעניאָראַ, — און מיט די אויגן זיך אַ טוליע געטאָן צו

דער פרוי, וואָס איז שטאַרק גוט צו איר. אָקעױשט איז דער קוק אויף אַזאַ ליבלעכער. קלאָר, פרוי סוסאַנאַ ווייזט אַרויס אַ „שוואַכקייט״ צו איר. דאָס מיידל ווערט אַזש צעטומלט פונעם בליצגעדאַנק וואָס גיט איר אַ קלאַפּ אין די שלייפן: זי איז אַזאַ האַרציקע! דערפאַר איז דער פרויס שטים צו איר דערגאַנגען ווי פון הינטער אַ נעפּל־וואַנט, קלינגענדיק אַזוי און מיט אַ וויכן ציטער:

— מ׳באַדאַרף נייטיק ברענגען אַ פּאַפּיר. ווּעסט גיין אויף וויאַמאַנטע צוויי טויזנט זעקסהונדערט אַכציק צוויי. כ׳האָב שיער־נישט פאַרגעסן. כ׳איז ביים נאָטאַר לעסקאַנאָ — אַן אָפּמאַך מיט סעניאָר כוליאָ ערבאַ. פאַרשרייב זיך דעם נאָמען.

— גוט, סעניאָראַ.

דאָס מיידל איז געהאָרכיק, שווייגנדיק שווימט זי אָפּ פון איר און דערנעענטערט זיך צום שטייהענגער.

פרוי סוסאַנאַ קוקט וואָס דאָס מיידל גייט אָקערשט טאָן: אַ מאַנטל? אַ סעקל? זי רעדט צו זיך אַ ביסל מבולבל, גלייך זי וואָלט נאָכגעטראַכט אַן אָפּגעשפּאָלטענעם געדאַנק: „אַזאַ היץ זיך געמאַכט. אַן אויסטערלישער קלימאַט״. דערנאָך זייעט זי אויס אויף אַ קול וואָס זי אַליין הערט גערן —

— מ׳באַדאַרף נישט, מיידעלע. נישט נייטיק קיין זשאַקעט. ס׳גוט אַזוי־אָ. ביסט ריכטיק אָנגעטאָן. און ס׳איז אַ שיין קלייד. וואַרעם געוואָרן אין דרויסן. פרילינג איז פּלוצלינג געקומען פון די וויטן.

עס טוקט זיך אַ שמייכל אויף פרוי סוסאַנאַס פּנים ביי דער דערמאָנונג פון פרילינג. פאַסקודנע דער בוענאָס־איירעסער ווינטער: פייכטקייט, עסיקע קעלט! ס׳לייגט אַנידער דעם מענטש.

— אוממעגלעך אָן זשאַקעט, סעניאָראַ, — דערלויבט זיך עסטעלאַ קינדיש זיך צו פאַרעקשנען. — און ס׳איז ערשט אויגוסט, סעניאָראַ סוסאַנאַ. נאָך פולער ווינטער.

— עס מאַכט נישט אויס וואָס אויגוסט. די וואַרעמקייט ר ע ד ט, און נישט דער קאַלענדאַר.

— אַלץ איינס. כ׳קען נישט אין בלויזן, — איז די קליינע איינגעשפּאַרט און שטייט שוין ווידער אַנטקעגן דער פרוי, גייט נישט ווו זי באַדאַרף גיין. זי פּיעשטשעט זיך, זעט אין די פאַרוואַלטערן און קוקט אויף איר אין

אומקלאָרן טראַכטן: „אַ מאָל איז דאָס אַ קינד, אַ מאָל שוין אַ גאַנצע פרוי. טשיקאַווע!״

דערזען זי אַן אומצופרידענע, מאַכט פרוי סוסאַנאַ: — גיי, גיי, ביסט דאָך אַ קלוגע.

— די סעניאָראַ פאַרשטייט נישט? — רעדן מער עסטעלאָס שוואַרצ־אַפּלען ווי די ליפּן, פולע ווי איבערגעשפּאָלטענע זאַפטיקע מאַרעלן.

דערויף גיט עסטעלאַ אַ קאַפּריזנע דריי מיט די אויגן; זי וויל נישט אַז נאָך עמעצער זאָל דערהערן וואָס זי האָט צו זאָגן. איר גרימאַסע, איר מויל זענען פול מיט זאָג. אַנגעבויגן זיך ראַפּטעם צו פרוי סוסאַנאַ, שושקעט זי איר עפּעס אײַן און די ליפּן קראַמפּן זיך צונויף אין שאַרפער שטוינונג. הלמאי מ׳באַנעמט נישט וואָס זי מיינט. מ׳קען דען אַלץ אַרויסלייגן אויפן טעלער? — גיט עס אַ שטורעם פון איר, אָבער זי פאַרבייסט אַ נערוועז שווייגן.

עסטעלאַ שעמט זיך. זי זעט שוין — אַלע קוקן אויף איר, ווילן וויסן וואָס איר טוט וויי. „פערדו!״ — שטשירעט זי שוין מיט כעס. לסוף גיט עסטעלאַ אַ פלאַץ אַרויס פאַר פרוי סוסאַנאַ, נאָר פאַר איר, כאָטש איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פון דעם האַסטיקן מורמל האָבן אַלע אויפגעהויבן די שטערנס און איר נעמען גלי׳ען די אויערן:

— געפערלעך צו ווייזן זיך אַזוי אין נעטן!

און אַנטקעגן דער פרוי גיט דאָס מיידל אַ וויג מיט איר ביוסטל, וואָס שניידט זיך בולט אַרויס פון דער בלוזע:

— אַזוי־אַ קען איך נישט, — חזרט זי איבער מיט פאַרדריקטע ציין (אוי, קיינער טאָר נישט הערן! — פלאַטערט איר בליק) און ווייזט מיט די אויגן די שאַרפע אַנבערגלונג פון איר בוזעם.

— פאַר וואָס נישט? — פרעגט פרוי סוסאַנאַ אויך מיטן בליק, כאָטש אירע ליפּן באַוועגן זיך גלייכצייטיק און די באַקן, פילט זי, פלאַקערן איר — ס׳איז דאָך זייער שיין. — יאָ, דאָס לעצטע זאָגט זי שוין דייטלעך.

— שוין איין מאָל שיין... — קרימט זיך עסטעלאַ — טאָ פאַר וואָס ווערט מיר אַזוי אַנגסטיק, ווען מ׳קוקט מיר נאָך?

— ביסט אַ קינד. דיר דאַכט זיך בלויז!

— מיר דאַכט זיך גאָר נישט, — באַשטייט די קליינענקע אויף דאָס איריקע און זי דריקט אַראָפּ איר שטים.

— צו וואָס־זשע טראָגסטו אַזעלכע ענגע קליידלעך? טו אָן אַ ברייט, לאַנג קלייד, באַבעשי, צי אַרויף לויזע בלוזקע׳לעך, — לאַכן שוין פרוי סו־סאַנאַס אויגנאַפּלען און די וו‏ִעס פאַרמרוזשען זיך.

— וואָס, אַ באַבע בין איך? דערצו האָב איך נאָך צייט. אַזאַ איז די מאָדע, זאָל איך זיין אַן אַלטפּרענקישע, אַן אויסטערלישע? אַ „משוגענע״, וועט מע זאָגן!

— זעסטו שוין? אַזוי באַדאַרף עס זיין, — פאַרגעסט נישט פרוי סו־סאַנאַ אַנצוהאַלטן עסטעלאַס סוד. זי רעדט מיט געשעפּטש און שפּירט ווי אַלע אַראָפּגעבויגענע רוקנס פון די שטילגעוואָרענע מיידלעך זענען אָנגע־שפּיצט אויף אָט־דעם גערייד.

— אָבער מ׳קוקט נאָך אַזוי פיל! — בעט זיך שוין דאָס מיידל און זי אַמפּערט זיך מיט עפּעס טשעפּעדיקס, וואָס טרעט נישט אָפּ פון איר.

— מ׳קוקט, ווייל שיינקייט געפעלט. ווייל דו ביסט יונג, ביסט אַ פרוי. און אַפילו דיר אַליין געפעלט עס. וואָס־זשע דען ווילסטו? באַדאַרפסט גאָר זיין צופרידן.

ביי עסטעלאַן איז באַשיימפּערלעך געוואָרן אַ צעטומלונג צווישן גע־פיל און געדאַנק. אירע אויגן זענען געוואָרן שווער, די שיין — ווי מיט רויך דורכגעזייעט, און האַרבלעך. און פון דער נאָענטער ווייטקייט פון איר טראַכטן גיט זיך פּלוצלינג אַ טראָג־אָן אַ דערוואָרגענער כריפּ אַ האַל־דזיקער:

— אָבער צו שטאַרק ביי מיר די שילד פון... געשלעכט —
און גיסט זיך אָן מיט אַ הייסער רויטקייט.

זיך פאַרלוירן פון דער אומגעריכטער אַנטפּלעקונג דער קליינענקערס, האָט אין פרוי סוסאַנאַס געהירן זיך אַ רודער־געטאָן ווייט פאַרלאָפענס. זי דערווישט זיך אַליין אַ דערשטוינטע פון דעם מיידלס דערצונדנקייט. די מיטליאָריקע פרוי קוקט פון איר זייט צו דער נעבנשטייענדיקער עסטעלאַ און זי קריגט קוים אַרויס פון זיך רייד, וואָס פאַלן צוריק צו איר מיט אַרויסגעזעצטע אויגן:

— ווער האָט׳ס דיר געזאָגט? — האָט זיך אַ גאַס געטאָן איר גע־שעפּטש — וואָס פאַר אַ קינד דו ביסט, סעניאָריטאַ עסטעלאַ!

— אַ קינד? דאָס קינד ווייסט, — זינקען אירע רייד און זיי צ‏ִיען זיך, אין שווערן נאָכקלאַנג, צו פרוי סוסאַנאַ. און עסטעלאַן ווייזט אויס אַז אַלע,

אַלע הערן שוין וואָס מ׳רעדט דאָ און איר נעמט אַרום אַ שפּירונג אַזאַ, גלייך אַ מהומה גייט אָן אויף איר. פלאַמען, שטיקער פייער וועלן זי פאַרצוקן.

די קליינע האָט נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן די אויגן.

— גיי, גיי, — צינדט זיך שוין ס׳פּנים ביי דער פרוי. מחמת נישט האָלנדיק דערמאָנט איר אָט די קליינע אין דעם נעמלעכן קרבן וואָס זי האָט געמוזט ברענגען. אָפּט מאָל האָט זי געמוזט זיך באַגראָבן פאַר חרפּה. און עס אַרט איר אויך היינט: ס׳איר אייגענער צו בו׳טער בוזעם. דאַכט זיך — גיט זי זייטיק אַ קוק אויף איר ווייבלעכער באַלייבטקייט: באמת, אַ ביסל צו גרויס! אַוודאי, ס׳איז געוועגדט אין דער ראַסע (קנייטשט זיך איר מוח) — טייל פרויען זענען געבענטשט מיט חן אַפילו אין דעם. פאַר אַנדערע ווערט עס אַ קללה; צו פיל לייב ליאַרעמט. ווילדע פרעסערס לויפן נאָך אַזעלכע, פאַרפאַלגן ממש. יאָ, טייל קען עס אויך דעם קאָפּ פאַרדרייען. ס׳וועגדט זיך אין דעם כוח פון שכל, נאָך מער פון ווידערשטאַנד־עקשנות וואָס די פרוי פאַרמאָגט. ווי ווייט איז דען פון סאַמע צניעות ביז...?

די קליינע שטייט אַלץ פאַר איר, אָבער זי זעט זי נישט אַצינד — פרוי סוסאַנאַס רעיון נעפּלט זיך אָקערשט. זי דערמאָנט זיך: ערשט מאָנט מען ביי איר האַרבע קלאָרקייט. ס׳אַ קינד די־אָ, דאַרף מען איר זאָגן אָפן.

— רעדסט דיר איין, סעניאָריטאַ!

מעכאַניש האָט עס אַרויסגעבראַכט די פרוי סוסאַנאַ. צו אַן אַנדערער קלאָרקייט נישט געקענט זיך דערשלאָגן.

דאָס מיידל דערזעט דער פרוי צעטומלטקייט; זי שפּירט זיך אַזוי ווי מ׳וואָלט זי אָנגעווירן אויף אַן אומענדלעך וואַרטן, דערפאַר — —

פרוי סוסאַנאַס ענטפער איז טאַקע געקומען אַ היפּש פאַרשפּעטיקטער. איצט גיט זי שוין אַ גלעט עסטעלאַן איבער דער האַנט און גלייכט אויס דאָס קעלנערל פון דער „קליינערס" בלוזקעלע:

— האָרך מיך, ליבענקע, און ברענג. ס׳אי׳ גוט אַזוי! — רעדט זי אַן אויפגעוואַכטע. — באַלעמוטשע נישט.

— כ׳מיין אויף אַן אמת, סעניאָראַ. כ׳טאָר נישט אַזוי!

עסטעלאַס קול בעט זיך שוין און די אויגן טרעטן נישט אָפּ פון דער פאַרוואָלטערן מיט אַ תחנונימדיקער גרימאַסע:

— ווי קען איך?! ש׳ער־נישט דערהרגעט מענטשן, נעכטן, — רעדט

זי אַרויס פֿלוצלינג ווי אין אַ טראַנס. אַן אויטאָ־אַקצידענט גורם געווען. יאָ, יאָ, — פֿולן זיך אַן אירע אויגן — גלייבט!

— וואָס דו רעדסט! שאַא, — ציט אויס די פֿאַרוואַלטערן איר רעגנ־דיק וואָרט. — אַ גליק, וואָס קיינער אַ חוץ מיר הע־ט עס נישט, — און באַלד ווילן לאַכן אירע ציטערנדיקע ליפּן. — הער שוין אויף, — פּיעש־טשעט זיך פרוי סוסאַנאַ פֿאַרן מיידל און פּעטשעט איר איבער דער דלאָניע. וואָס ליגט אָנגעשפּאַרט אויף איר שרייבטיש.

זי אָבער, עסטעלאַ, לאַכט אַרויס פֿריילעך, מיט אומגעריכטקייט, און באַקלאָגט זיך איינצייטיק:

— די היץ באַשלאָגט מיך, ווען די מענער הייבן אָן נאָכקוקן. זיי מעסטן אויס ווי, ווי...

ס'וואָרט בלייבט איר שטעקן אין האַלדז, אָבער זי נעמט דערציילן האַסטיק, שושקענדיק, אויף אַן אָפּגעריסענעם אופן. אירע רייד פֿאַלן ווי אומגעריכטער זומער־רעגן. דער בליק, אַן אַנגעגליטער, בלאָנדזשעט אַרום אין חלל מיט אומרו, גלייך ער וואָלט אָקערשט געזוכט די אַרויסגעבראַכטע קלאַנגען און זיי ברענען איר, רייצן זיך: „שעמסט זיך גאָר נישט, עסטעלאַ?"

פרוי סוסאַנאַ שמייכלט אַ דעררייטלטע. איר רעדנדיקער קוק איז פֿול אי פֿאַרווונדערונג, אי באַשיימפּערלעכן מיטלייד פֿאַר דער קליינענקער וואָס שטייט פֿאַר איר אַ בפירוש צענומענע פֿון די נייעסן וואָס באַווייזן זיך קענ־טיק פֿאַר איר איטלעך מאָל מיט אַן אַנדער פּנים:

„ווי יונג דאָס איז, אומבאַהאָלפֿן אַזוי. עס ווייסט נישט דעם כּוח פֿון דער פרוי און באַנעמט נאָך נישט די גרייס פֿון איר אומגליק — —"

ברויזיקע געפֿילן גרייפֿן אָן אויף פרוי סוסאַנאַ: אויך זי איז געווען אין דעם דאָזיקן יונגן עלטער, האָט געבליט ווי די־אַ, אויך געהאַט זיך אָפּצויאָגן פֿון שטעכיקע בליקן, פֿון טשעפּקע הענט. ס'איז דער שווערסטער עקזאַמען פֿון די ליכטיקסט־פֿיינלעכסטע יאָרן, סכּנותדיקע יאָרן!

זי וווּנדערט זיך, פרוי סוסאַנאַ, ווען צו איר דערגייט איר אייגענער זיפֿץ.

און אויג אויף אויג, ווי זיי זענען דאָ, דריקטביידן די זעלביקע פֿאַר־לעגנהייט; ביידע פרויען שטייפֿט איין דאָס מיטאַמאָליקע שטורמישע שווייגן וואָס האָט זיך געשטעלט אין זייערע אויערן (ווער הערט שרייב־מאַשינען, ווער זעט ווענט?).

— דער עיקר: מ׳באַדאַרף זיין קלוג, מיידעלע, — רייסט זיך אַרויס פרוי סוסאַנאַ פונעם פלייץ טראַכטונגען וואָס באַרשוועקען זי. — מיט געשעפּטש זאָגט זי עס און מיט שאַרפן אויגנגלאַנץ: — נישקשה, איך קען זיך פאַרלאָזן אויף דיר.

— מ׳קען דען שטענדיק זיין קלוג? — גיט זיך אַ הוידע עסטעלאַס קול. עס רעדט פון איר סיי דאָס לאַשטשנדיקע קינד, סיי דאָס געבעט פון דער פרוי וואָס אין גלי. איר בליק פאַלט מוטנע ווי דער אָפּשיין פון אַן אומגעריכט אָפּגעדעקטן זוד־וואַלקן. זשעדנער נייגיר און אומגליקלעכקייט אין סאַמע גליק קוקט אַזוי פון דעם רוב יונגע קינדער אויפן שיידוועג פון פונאַנדערקלייבן זיך אינעם זין פון דעם ז יי ן.

— מ׳מוז. אַ פרוי מוז!

דערויף האָט די עלטערע, אַנטקעגן דער יונגער, גענומען בייסן אַ ליפּ.

עס איז שוין טונקל אין ביוראָ־לאָקאַל, באַמערקט די קליינע עסטעלאַ. אַ קאַרגער פאַרשוין, דער קאַטשקעוואַטער כואַן. אַזאַ טוכלען אָרט גענומען פאַר אַ ביוראָ און אַהער אַריינגעזעצט מענטשן. ס׳נאָך נישט אַזוי שפּעט און דאָ איז שוין פינצטער, — גיט זי אַ ברען מיט כעס, הלמאי די־אָ אַרום האָבן זיך לעקישעוואַטע צוגעקלעפּט צו די מאַשינען, צו די פּאַפּירלעך און אין אמתן גריבלען זיי זיך נאָר אין איר! זי האָט זיך באַמיט, עסטעלאַ, צוריקצורופן זיך, זי באַדאַרף „זיך האַלטן״. יאָ, פרוי סוסאַנאַ זיצט אַ צע־פּלאָמטע, אָבער די אַנדערע הערן נישט אויף צו זיין לויטער אויער, זיי לעכערן זי דורך מיט די כיטרע אויגן — און אַנטקעגן אַלעמען האָט מען אַוועקגעשטעלט זי, עסטעלאַן, אין איר גאַנצער צעקראָכנקייט. — אָך, וואָס טוט זי?! — ליאַרעמט עס אויך אין דעם מיידל — ס׳איז איר אַ שאַנדע! זי מוז עפּעס זאָגן, אַנטקעגן שטעלן זיך, אָבער ס׳מויל בלייבט איר פאַרהאַקט.

— טאַקע הייס אין דרויסן? — כאַפּט זי זיך אַז ס׳איז דאָך נאַריש לאַנג צו שטיין אַנטקעגן עמעצן און גאָרנישט זאָגן.

— מיט אַ מאָל הייס געוואָרן.

דאָ דערשפּירט זיך פרוי סוסאַנאַ אויסטערליש שוואַך, אַ געפיל ביי איר אַזאַ ווי ביי אַ קראַנקן נאָך אַן אָפּגעפאַלענער וואָרעמקייט. צומאָל אַרט איר די שטול אונטער זיך. מאָדנע האָרט די בענקלעך אין ביוראָ!

זי קוקט און אירע אויגן פינטלען אומרויקע.

— זי איז אַ גוטע, — קלערט דאָס מיידל ווידער אַן אומגעריכטן גע־

דאַנק און שוין איז זי אין גאַנצן ניכטער — זי דאַרף וויסן, די סעניאָראַ, וואָס ס'איז געשען מיט איר. ס'איז אַקעגן דעם וואָס זי מיינט: „מ'באַדאַרף נישט דעם זשאַקעט". אָן זשאַקעט קען זי נישט אַרויס אין גאַס, עסטעלאַ.

— די סעניאָראַ קלערט, כ'האָב שוין אַלץ דערציילט? — רעדט זי אַ ביסל האַסטיק, די קליינע, און איר מינע זאָגט עדות אַז זי שפּירט זיך עפּעס שולדיק.

— ס'איז דען אַזוי וויכטיק? — דערזעט די פרוי עסטעלאַן ווידער אַ צעטומלטע — דערצייל זשע! — און זי גייט זיך נישט צו שמייכלען, מחמת איר פרייט די קינדישקייט פון דער וואָס קאָן נאָך נישט די פרוי, הגם זי שרייט שוין אַרויס פון איר — שטאַמלדיק.

— פון נעכטן מיין איך, — קווענקלט זיך די קליינע און איר שטים דערמערט. — כ'בין אַריבערגעגאַנגען די גאַס אויף דער קרייצונג פון לאַזשע און פּאַסטער. דער פּאָליציסט וואָס רעגולירט דעם ראָד־פּאַרקער האָט זיך פאַרגלאָצט און געבראַכט צו אַ צוזאַמענשטויס פון אויטאָמאָבילן. זיך פאַרגאַפט אויף מיר, דער שוטה — פאַרבייסט זי די פרישע, פולע ליפּן. — פוןביידע גאַסן אַרויס די קאָטשן און זיי האָבן זיך טשאָקירט. — גערעדט ציטעריק, די אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ פייכטקייט און אַ ווײַלע זיך פאַרדעקט מיט אירע ווײַעס, דורכזעעוודיקע אין זייער טונקלקייט. אויפגעהויבן זיי, האָט עסטעלאַ שוין דרייסטער געקוקט אויף פרוי כּוסאַנאַ, כאָטש זי האָט געפילט אויף זיך איר נישטערנדיקן בליק. — אַזוי־אַ. אין בלויזן קליידל, בין איך נעכטן דורכגעגאַנגען. נאָכגעקוקט מיר, זיך פאַרגעסן, דער מוטשאַטשאָ* אין אַוניפאָרם. אַזאַאַאַ אידיאָט! — גיט זי זיך אַ קרים — מענטשן זענען זיך צונויפגעלאָפן, מענטשן ווערן באַלד בייזיריק ווי אויף אַ צעשריגענעם מאַרק: אויף איין אָרט אַלע זיך צונויפגעדרענגט. אַלע האָבן געפרעגט, געשריגן, געשטויסן זיך — — אַזאַ פאַרשוין!

בלויז אויער, סאַמע אויג איז געוואָרן דער חלל און די זיצנדיקע דאָ זשוזשן און כיכיקען, — דאַכט זיך עסטעלאַן, אָבער דער כוח וואָס שפּאַרט פון איר, איז גובר איר ווילן דאָס צו פאַרשווײַגן. אדרבא, זי רעדט שוין אָן אויפהער:

— — אַזעלכן שטעלט מען אַוועק היטן אָרדענונג! — קלינגט ווידער

---

* יינגל

די יונגע שטים אין דעם אָנגעהאָרכטן דעמער. — סעניאָראַ, אַ פּאַסקודנער געוועזן דער. איך האָב תיכּף דערשפּירט זיינע אויגן. זיי האָבן מיך געבריט און איך האָב גענומען לויפן, גיכער געוואָלט זיך אַרויסרייסן פון אים. אומפּאַראַנטוואָרטלעך! — האָט עסטעלאַ צונויפגעדריקט די ציין. — אַזוינעם שטעלט מען אַוועק אויסהיטן פון טשאָקעס.** עס איז דען אַ קליין שטעטל? אַ שטאַרקע פּאָרעריי אין בוענאָס־איירעס, און אַ געגיי אַהין און אַהער אַז מ׳האַקט זיך אָפּ די זייטן, מ׳טרעט זיך אויף די פּיס. פאַרגאַפּט זיך, דער פּרעכער. אין צעטומלעניש האָט דער שוטהוואַטער קאָפּ איינגציטיק זיך אַ דריי געטאָן אָט רעכטס, אָט לינקס — ווי אַ צאַפּלמענטש. די קאָטשן זענען האַסטיק אָנגעפּאָרן, זיי איילן זיך דאָך שטענדיק, דיאָס מיינער.*** וואָס האָבן זיי געזאָלט טאָן די פאָרערס אין די איילּיקע קאָטשן? זיי קוקן זיך צו צום פּאָליציסט, וואָס מ׳שטעלט אַוועק אין **אַזאַ משוגענער גאַס!** זיי האָבן זיך „צעקושט" קוקנדיק אויפן שוטהס קער אָט אַהער, אָט אַהין. כ׳זאָג דער סעניאָראַ: מוראדיק געוועזן דער גרילץ פון די אָנגעשפּאַנטע טאָרמאָזן. ווי אַ געשריי פון הונדערטער דערשטיקטע העלדזער מיט אַ מאָל. ראַפּטעם, אויגנבליקלעך איז עס געשען. און ס׳געוואָרן אַ געדראַנג, די גאַסן זענען פול מיט קאָטשן, מיט סיגנאַל־ליאַרעם: „לאָזט אַדורך! העי, וואָס איז דאָרט געשען, צו אַל די רוחות!" — איך איל זיך! — שרייט איינער; יענער האָט זיך אָפּגעשמועסט אַ וויכטיקע טרעפונג, אַן אַנדערער איז סתם ווילד און פאַררײסן, ער שטויסט אַ דריטן. די גאַסן אַרום ווערן פאַרשטאָפּט מיט וועגענער. גאָט, אַזאַ אומגעריכטער שלעכטער טומל! כאָטש כ׳בין שוין געוועזן היפּש אָפּגעלאָפן פון לאַוואַזשע, האָט דער הוק פון די צונויפגעקלאַפּטע אויטאָמאָבילן מיך דערגרייכט. פון שרעק, זאָג איך דער סעניאָראַ, בין איך געוואָרן אין גאַנצן צעדונצלט. כ׳ווייס נישט צי כ׳האָט עמעצן געשאַדט. די קני האָבן ביי מיר געציטערט. סעניאָראַ, כ׳האָב דערשפּירט אַזוי ווי דונערס וואָלטן זיך אויף מיר אַראָפּגעלאָזן. יאָ, יאָ, גלייך קלעפּ וואָלטן מיך געיאָגט, מיך! באמת, — גיט זי אַ שאָקל מיטן קאָפּ — כ׳האָב זיך קונציק אַרויסגעגליטשט. געלאָפן און מורא געהאַט זיך אומצוקוקן. אַלץ געמיינט, מ׳יאָגט מיך — — בין איך שולדיק? באַשטימט, אַזוי־אָ וועל איך מער נישט אַרויסגיין. אוממעגלעך. זאָגט, סעניאָראַ סוסאַ־

** צוזאַמענשטויסן; *** גאָט מיינער.

נאָ, — איז אַרויסרופנדיק מיין פיגור? דאַכט זיך, געגוג באַשיידן אַנגעטאָן, און דאָך: אַזעלכע אויגן (קוועטשט זי צונויף אַ בינטל פינגער און טראָגט זיי אונטער דער פרוי צום פּנים) — ווי די פויסטן, שטעלן זיי אָן, די חזירים!

פרוי סוסאַנאַ הייבט אויף דעם קאָפּ:

„מאָדנע. מיט שרעק רעדט דאָס מיידל און העזה רייסט זיך פון איר. ערשט אַ קינד געוואָרפן אויף די פערמענטן פון בלוט. די יונגפרוי ציי־טיקט".

איר בליק רוט נאָך אַ ווײַלע אויף עסטעלאַן. זי זוכט דעם מיידלס בליק, דערנאָך ענטפערט זי דער קליינער, מוסרט איר מילד, מוטערלעך:

— ווי דו רעדסט, קליינעגקע: שולדיק? דערין וואָס זיי קוקן, זעגען דען די מענער שולדיק? זיי זענען שולדיק פּונקט ווי דו ביסט שולדיק, מיידעלע. וועסט עלטער ווערן, וועסטו פאַרשטיין. דערווייל ביסטו נאָך אַ ציגעלע.

פרוי סוסאַנאַ רעדט און זי שפּירט ווי פלאַמען וואַלטן זי פון ס'ביי אַרומגעכאַפּט; אין דער ברוסט הילכט איר אַ מבולבל געשריי און זי איז אין גאַנצן איינגעהערט אין זיך. אַ מינוט פאַרגעסט זי אָן עסטעלאַן.

— פאַרטראַכט זיך, — פאַרענטפערט זי זיך און דערזעט ווידער דעם מיידלס שיינע יונגקייט.

אויף אָן אמת איז זי ווייבלעך; די בריסטלעך שפּאַרן שטייף פון גראָען וואָלענעם יאַקל; יונגשאַפט קוועלט אַרויס פון דעם נעטן געוואַנט. די שפּראָצן איז ענג אין די צוימען פון קלייד. אַ יאָדערדיק לייב ביי דער קליינעגקער. מקנא צו זיין, כ'לעבן. וועמען קען דאָס נישט געפעלן? — פרעגט זי זיך אַליין. אַפילו איר, אַ פרוי. זאָפטן קוועלן דערפון. זיכער, די קליינע רייצט, כאָטש זי איז נישט שולדיק.

*

— גיי, עסטעלאַ, ס'ווערט שפּעט. גיב אַכטונג — זאָגט ענדלעך פרוי סוסאַנאַ און זי קען זיך אַלץ נישט אַרויסקריגן פונעם נעפּל פון נאָכטראַכטן. — דעם זשאַקעט פאַרגעס נישט, מיידעלע. וואַרף אים נאָר אַרויף אויף די

אַקסלען. דאָס מיידל זעט זי רעכט נישט. ווי פאַרקנאָדערט אין אַ טומאַן שפּירט זי בלויז די פיבערישע זיסקייט פון דער קליינערס רייץ.

...עסטעלאַ גיט אַ שפּאַן צו דער טיר און ס׳קווועלט פון איר מיט בליִענדיקן פרילינג. אינעם נאָכקוקן די ביוראָ־מיידלעכס האָט זיך בולט אַ שנייד געטאָן די בעלמע פון קינאה:

— וואָס משטיינס־געזאָגט זי זעט אין איר, די וואַזשנע סעניאָראַ.

— אַ געשמאַק פון אַ מענטש: אַ גראָבס און אַן אומגעשיקטס און זי קוויקט זיך דערמיט!

אויגן מיט אויגן האָבן דייטלעך אַ שמועס געטאָן צווישן זיך.

קאַפּיטל צוויי

דאָס פייגעלע וויל שוועבן

— עסטעלאַ —

געלאָסן איז איר טראָט, דער רוקן שטאַרק אויסגעגלייכט און אויפ־געהויבן דער קאָפּ. אַ ביסל פאַרריסן טראָגט דאָס מיידל איר קאָפּ, דער בליק איז אָנגעשטעלט אויף פאָרויס, גלייך ער וואָלט גערופן אין אַלע זייטן:

— איך בין יונג, יונג בין איך! זעט, זע־עעעט!

נישט קיין שיינע איז עסטעלאַ, נאָר שטאָלטנע, קרעפטיק אין געבוי. לענגלעך, פול דאָס פּנים, נישט גלאַט די טונקעלע הויט פון די באַקן, קיי־לעכיק די נישט־שוואַרצע, נישט טיפע, נאָר עפּעס וואָרעם־ברוינלעכע אויגן און ברייט צעקעמט די שוואַרצע האָר; אַ וואָלד שטורמישע האָר זענען ביי דעם מיידל. זיי זענען מאָדיש צעוואָרפן איבער אירע אַקסלען, וואָס הוידן זיך ווי די וואַגשאָלן פול אָנגעשוואַרטע מיט די סאָקן פון צייטיקייט און אַנווינקנדיקער תאווה.

אין גאַנג הייבן זיך שטייף עסטעלאָס אַקסלען, אויך שטייף זענען אירע פיס. און גייט דאָס מיידל זענען אירע שריט אָן מיידלשן שוועב, נאָר אַ ביסל האַמעטנע, אַז ס׳דאַכט זיך, עפּעס נישט קיין יונגע טריט ביי איר. פאַר דאָס רעדן דיבורים די פּלייצע, די היפטן.

נישט גאָר שיין איז דאָס מיידל עסטעלאַ, אלא חנעוודיק. אַ מין שטיל־שפּראָצנדיקע, באַוועגלעכע פלאַנץ איז זי אין איר יונגקייט.

אויסגעגלייכט — מיט דער וואָג פון אַ טיף פאַרוואָרצלטן קאַשטאַנבוים אין צוויט און אין גאווה פון שפּעטערדיקן געבוירן — אַזוי שפּאַנט זי פריש איבער דער שטאָט; אין פרויִשער שטאַרקייט דערמאָנט איר שטעל, פון צוזאָגנדיקן לייב זינגט איר יעדער טראָט.

גייט עסטעלאַ פֿאַרביי די גאַס, פֿאַלן צו מענערשע אויגן־אַפּלען צו די שויבן פֿון די געוועלב־טירן, שפּירן איר נאָך; אַנדערע פּילן אַ ציטער אין די קני:

— אַ מויד, אַאַ־אַאַאַאַ!

עסטעלאַ טראָגט זיך אויף הויכע קנאַפּל. זי וויל זיין גרעסער ווי זי איז. אָבער איר געפֿעלט אויסצוזען ווי זי זעט אויס אַצינד — יונג, רייצנדיק. ס׳גוט וואָס מ׳קוקט איר נאָך. ס׳אַ סימן פֿון ריכטיקער שיינקייט, נישט פֿון דער וואָס מ׳פֿאַרבט אויס אויף אויסנווייניק, ווי אַ פּענצטער־לייסט, אַ טיר.

וואָסערע איז איר שיינקייט? — גיט עס דעם מיידל אַ מאָל אַ גראַבל אין מוח. — דער שפּיגל איז אַ שטומע זאַך. דער שפּיגל ענטפֿערט תמיד אויף דיין ווילן. נישט אמתדיק איז ס׳אויג אין דעם גלאָז. מענטשן האָבן זיך זייער שכל, אָבער ס׳אויג איז אַזוי מטושטש! איז זי אַזאַ ווי הילדע? טאָקע אַ שיין מיידל, אָבער זי וואָלט נישט וועלן זיין ווי הילדע. אויך וואָלט זי נישט געוואָלט אויסזען ווי חנה ראָזענעס. ווי אַ הילצערנע ליאַלקע איז זי און די בעקעלעך שטענדיק פֿריש אויסגעמאַליעוועט. קיין איינע פֿון די דאָזיקע איז נישט באַטעמט. קעלבלעך! — פּסקנט זי אָפּ.

אַ זיבעצניאָריקע איז עסטעלאַ און חברן וויל זי זיך מיט עלטערע. עלטערע זענען כּלות, עלטערע זענען ווייבלעך. יענע וואָס טרעפֿן זיך מיט יינגלעך, די וואָס פֿירן זיך סתּם אַרום מיט געליבטע, זענען איר עפּעס נישט קיין גלייכן. די מאַמע האָט שטילערהייט זיך אָנדערציילט פֿון אַזעלכע, פֿאַרן טאַטן דערציילט, פֿאַר אַ שכנה — און זי האָט עס באַהאַלטענערהייט געהערט. אויף „אַזעלכע" רעדט מען שלעכטס, חרפּהדיקס. פֿון אַזוינס באַדאַרף מען זיך אויסהיטן. ס׳איז מיאוס אַז מ׳קומט אַריין אין מענטשנס מיילער, האָט זי שוין געהערט אויף כּלערליי אופֿנים. פֿאַר דעם האָט זי אויף אַן אמת מורא. אַנדערש, בכּבֿודיקער, זענען כּלות, יונגע ווייבלעך וואָס אַ סך זעען נאָך אויס ווי מיידלעך — נישט מיידלעך. כּלות און באַמאַנטע באַהאַלטן תּמיד אַ חלום אַ נישט אויסגעזאָגטן. עסטעלאַ לויערט אויף זייערע פּרווילעכע סודות. אויך עסטעלאַ געפֿעלט די דאָזיקע; און אַזאַ געשיקטקייט איז ביי איר אַז זי קען אָנשפּאַרן צום חלום פֿון איטלעכער. ווייל זיידיק איז דעם מיידלס וואָרט, זיס אירע ליפּן. זי קען זיך לאַשטשען ווי אַ קעצל.

עסטעלאַ איז באַשיידן, זי איז קלוג, לייענט ביכער און אַרבעט אין אַ

ביורא. זי איז די יינגסטע פון די פרויען אין ביורא; דער רוב פרויען, הערט זי, באדויערן זיך למאי זיי ארבעטן, זיי מוזן וועלקן. זיי גיבן עס בפירוש אנצוגעהערן אין מינוטן פון אינטימער צוגעלאזנקייט, ווען מ׳טרעפט זיך אויג אויף אויג ביים צושמירן זיך די ליפן, אונטערשטרייכן די ברעמען. פאר עלטערע פון זיך האט עסטעלא מילער דעם צויבער פון דער אייגענער יונגשאפט, וואס שטייט נאך בלויז אין די קאלטע אויגן פון שפיגל. א פרוי געדענקט תמיד איר שענסטע צייט, די אנומלט אויפגעגאנגענע יונגקייט; מיט דעם לעבט זי פארבארגענערהייט ווי מיט א לעבעדיקער, אומגעזעענער צווילינג־שוועסטער. אקעגן דער טאוול פון שפיגל טוט זי איר ביישטיין. „א, זייער רייץ איז נישט פארפלאסן. זיי קענען נאך געפעלן — —" עסטעלא פארמאגט דעם חן פון א צייטיקנדיקער בלום; זי טוליעט זיך קינדיש, זי קען זיך שיין באקלאגן, קינדעריש בעטן א נדבה פון עמעצנס פארהוילענער, פרוילעכער דערפארונג. ווייבלעך פארטרויען זיך פאר דער קלוגער עסטעלאן, פארבעטן זי צו זיך אהיים; זייערע באקאנטע ווערן אירע באקאנטע. מיידלעך נעמען עסטעלאן אויף שפאציר. די מיידלעך קלעפן צו עסטעלאן, פרויען האבן פאר איר א ליבלעך ווארט און סתם א ווייבערישן סוד.

— דערקענסט, עסטעלא? —

אויף איר שטעלן זיך אן שטארע, גלאנציקע שווארצאפלען, גראבנדיקע, פרעגנדיקע:

— ווייס, טונקעלע רייפן אונטער די אויגן פארמסרן מיך תיכף. נישט קומען אין גאס אריין צוליב דעם איז אוממעגלעך. מענער ווערן באלד מבין. און איך פארליר זיך. דו ליידסט אויך אזוי, קליינטשיקע?

— הערסט, עסטעלא, — ברענגען שוין אויף איר א פאר פרעמד־אייגענע אויגן פון א חברטע אין ביורא — א יונגן מאן באקאנט. א צאצקע א מאנצביל זאג איך דיר, — באלעקט זיך יענע. — ס׳דא אויף וועמען צו קוקן, מיט וועמען א ווארט צו רעדן! זיין טאטע האט א פאבריק פון זיידנצייג. היינט אוונט זע איך אים ווידער.

— א, וועט מע דיר באלד דארפן זאגן מזל־טוב, הילדע?

— נישט געכאפט, קליינטשיקע! מ׳באדארף א ביסל מער זיך באקענען, אפט זיך טרעפן, — גרויסט זיך יענע מיט איר ערנסטקייט צו אזעלכע זאכן.

— סיידן אזוי, — פאלט די קליינע אריין אין מיטאמאליקער אפגע־

קילטקייט. — גערעכט, הילדע, — און שוין איז זי אַוועק אין טראַכטן פון דער גורלדיקייט וואָס גייט מיט יעדן.

עסטעלאַ איז קליין. אויף די סודות פונעם אַרום וואַקסט זי אָבער אויס. דערציילט איר אַ מיידל פון אַ טרעפונג מיט אַ בחור, פלאַקערט זי צוזאַמען מיט יענער אין דער שפּאַנונג: ווי וועט עס זיין היינט אויף דער נאַכט? ער וועט אַריין מיט איר אין קאַפע „קאַבילדאָ״, זיצן אונטער מוזיק, געזאַנג, אַ געדעמפּט ליכט, אָדער...? מיט אַ מאָל ווערט איר דמיון איבערפול פון קאָלירן, פנימער און קלאַנגען; ווי אַ לויפנדיקער שטאָטישער אָמניבוס ווערט פול איר קאָפּ מיט טומל, ס׳האַרץ אָנגעלאָדן מיט אומרו און די ראיה, דאָס געהער — מיט שאַרפן אויגנבליק, דערשטיקטן חידוש.

אַהיים גייט שוין עסטעלאַ אַ צערוישטע. ביינאַכט שלאָפט זי מיט אָפּטע איבעררייסן. אַ וואַכיקייט שטייט צו צו איר. ערשט רעדט עמעץ צו איר. אָט שפּירט זי אַ צי ביים אָרעם. אַ מאָל עסט זי זיך איין מיט די ליפּן, מיט די ציין אין אַ יינגלשער האַנט. אמת, זי ברענט אויף אין הונגער נאָך צערטלעכקייט. עס קומען אויפן זינען באַקאַנטע בחורים, אויך פרעמדע וואָס זענען נאָענט איר פאַרבייגעגאַנגען. דער איז אַ שיינער, אַ קרעפּטיקער. אַוודאי, זי ווייס עס שוין קלאָר: וווקסיקע זענען איר מער צום האַרצן, דער קליינער עסטעלאַן. ער — אַ קליינער, זי אַ נידעריקע — ווי וועט עס אויסזען! ניין, זי וויל נישט. זי וועט זיך שעמען! אַ צעטומלעניש צעטראָגט עסטעלאַס ברוסט: „ווי קען זי זיך איינשמועסן? וועט זי האָבן כוח און מוט צו קלייבן אַזוי פיל און איבערקלייבן! איי, איי, איר דלפנותדיקער טאַטע״, אָבער זי מאַכט אָפּ ביי זיך: אַ מאַן באַדאַרף זיין אַ שטאַרקער, מיט ריכטיקן ווילן צו קריגן דאָס מיידל וואָס אים געפעלט.

לאַנגע שעהען פון טיפער, וואַכער נאַכט קען זי איבערקלערן געהערטס און געזעענס.

צומאָרגנס שטייט אויף עסטעלאַ אַ מאַטע. שפּעטער, אין ביוראָ, דערציילט זי עמעצן עפּעס אויפן שפּרונג. אָבער נישט אַלץ לאָזט זיך דערציילן. בלייבן סודות, סודות הויפן זיך אָן איבער איר — נישט לייכט קען זי זיי ביייקומען. אַ מאָל קען אויך אַ שטיפעריש קוויטשן פלוצלינג פאַרשלינגען עסטעלאַן.

דאָס מיידל האָט סכנות גערן די סודותפולקייט פון די פרויען. שטענדיק און אומעטום שפּאַרט זיך דער מאַן; אויפן שאַרף פון אויג, אין טוי־

טראָפּן פון געפּיל הוידעט זיך — ע ר. עסטעלאַ שווימט אין אָט־דער ספּפע־רע. עס איז אַ טייך וואָס לאָקערט מיט ליכטשופּן, בלענדט מיט זיין ווייט־קייט און ער שטויסט אויך צו דער טיף. מיט די מיידלעך איז פּריקרער. אַ חברטע דערנענטערט זיך צו איר, זי עסט זיך איין אין עסטעלאַס בליק, אין איר אָנגעשפּיצטן אויער; עסטעלאַ גיט זיך אומגעריכט אַ הייב איבער אַ ריזלענדיקן געלעכטער, ס׳זוניקט אויף איר אויג, אָבער גיך לאָזט זי זיך אַריין ווי אין אַ טומאַן. דערנאָך גייט זי איילִיק אַוועק פון אַלעמען. מיט אַ מאָל ווערט איר לעסטיק יעדנס ביַיזיין. ערשט שוועבט זי ערגעץ אַנ־דערשווּ. עסטעלאַ פאַרנעמט שוין נישט ס׳קלאַפּן פון דער אייגענער שרייב־מאַשין, זי זעט נישט די אַרומיקע, זי איז פול צעפאַכטן סוד און ער לייכט אין איר, שיכורט זי אָן.

פרוי סוסאַנאַ האָט ליב עסטעלאַן. אַ טייער קינד, זאָגט זי. אין אירע יאָרן בין איך אויך געווען אַ שטיקל עסטעלאַ: צעחושט געוואָרן נישט־ווו, נישט־ווען, אומגעריכט פריילעך און מוראדיק קלוג געוואָרן, ווען מ׳האָט מיך געצערטלט. דער צערטל איז דער גאָרטן, וווּ עס געדייעט די שענסטע רויז — די יוגנט. אָן ווּאַרעמקייט וויאַנעט מען. אַ קלאָג איז צו מיר, אויף וואָס פאַר אַ שידוך איך האָב געמוזט מסכים זיין. געמוזט, דער עלנט האָט געשטיקט, מיינע יאָרן האָבן שוין געמאָנט, נישט געלאָזן מער וואַרטן — — שיִער־שיִער אין פון איר וואָלט אויסגעבראָכן אַ געוויין. חלילה. פאַרן מיידל טאָר זי זיך נישט וויַיזן אַזאַ. „קום נאָר, עסטעלאַ — עפּעס איז ביי דיר אויפן נעזל". פלוצלינג בייגט זיך צו פרוי סוסאַנאַ צו דער קליינער, שטרענגט אָן די ראיה: „גאָרנישט, גאָאָרנישט, אַ קליינ־קייט", און ווישט אַוועק מיט איר טיכעלע אַ פליטערל אָנגעפלויגענע סאַזשע.

— גראַסיאַס, קיערידאַ* — זאָגט עסטעלאַ מיט אַ זיסן בליק און פאַלט צו אַרומהאַלדזן די פרוי.

תמיד האָט זי ליב זיך אַוועקצושטעלן ביי איר, ווען אַלע מיידלעך זע־נען זיך צעגאַנגען איבער די אַמטן, אויף פּאָסט און אין באַנקהייזער אַריין. אויג אויף אויג מיט זיך, וועקט זיך זייער צוגעבונדנקייט.

— קליינטשיקע, — לייכט אויף פרוי סוסאַנאַ און זי גלעט עסטעלאַן — ווי גייט עס דיר? ביסט כאָטש היינט צופרידן?

---

* אַ דאַנק, טייערע.

די קליינע פאַרלירט זיך אַ רגע, קען נישט ענטפערן, אָבער די ליבע פרוי הויכט זי אָן מיט פרישער וואַרעמקייט:

— ביסט אַ גוט מיידעלע. ס'עט זיין ווויל, וועסט זען. ביסט עס ווערט, — זאָגט זי.

און גייט עסטעלאַ אַוועק אָונטצייט פון ביוראָ, שטעלט זי אונטער דאָס פנים דער פרוי סוסאַנאַ:

— אַ קוש!

פרוי סוסאַנאַ רירט אָן מיט די ליפן עסטעלאַס בעקל, און דערוויי־טערט זיך די קליינע, באַלעקט זי זיך ערשט:

—אַ באַטעמט מיידעלע!

מער ווי איין מאָל, ווען עסטעלאַ איז אַוועק, האָט ביי פרוי סוסאַנאַ זיך געפערלט אַ טרער אין אויג:

„שיין איז דאָס יונגזיין און ווי מיאוס דער גורל, וואָס לייגט זיך אויף די פרוי׳שע יאָרן!”

ווידער האָט זיך איר דערמאָנט דער פאַרשפעטיקטער שידוך, וואָס זי גופא האָט געטאָן אויפן שיידוועג פון אייגענעם וויאַנען און ביטערן זוכן אַ ליעבנסבאַגלייטער: „אויב נישט באַשערט, קענסטו נאָר פלאַצן!”

און איז קיינער נישט געווען אין דער נאָענט, האָט פרוי סוסאַנאַ געשמאַק זיך צעכליפעט.

קאַפּיטל דריי

טאַטע-מאַמע

— נישט קיין שאַנקייט, מיין עסטעלאַ? נאָר איר חן ציט צו. מ׳באַדאַרף האָבן דעם ריכטיקן געשמאַק פאַר עפּעס גוטס.

דער טאַטע איז פאַרקאָכט אין דער טאָכטער: „מיין סטעלע״, טשמאָקעט ער; ער האָט אַ פול מויל מיט זאַפט פון אַרויסברענגען דעם נאָמען. זיין סטעלע איז אַ נישט־געזעענע שיינקייט, זאָגט ער, אַ מיידל מיט אַ באַזונדערן טעם. און זי איז געראָטן. זי איז, אמת, נישט געגאַנגען אין פאַקולטעט (פאַרענדיקט די שול, האָט זי איילִיק גענומען זוכן אַ שטעלע: „איך וויל פאַרדינען פאַר־זיך״, האָט זי זיך פאַרעקשנט פאַר די „אַלטע״), פון דעסטוועגן קען זי מער ווי אַנדערע. יעדער מוז עס מודה זיין, חזרט איבער דאָן לעאָנאַרדאָ ביי יעדער געלעגנהייט. פאַר דאָס איז עסטעלאַ אַזאַ גוטע ביוראָליסטקע, מ׳האָט זי שטאַרק גערן ביי דער אַרבעט. ער האָט אַ טאָכטער אַ גאָלד! — האָט מען אים געזאָגט אין ביוראָ, ווען ער איז אַהין אַריינגעגאַנגען. אַוודאי, מ׳באַדאַרף זיך קאָנען אויף עסטעלאַן און ס׳ביסעלע הצלחה דאַרף צושפּילן. הלוואי וואָלט ער נאָר געקענט דעם קינד מער נאָכקומען. זי וואָלט אַרויסגעלויכטן ווי אַ בריליאַנט — —

כאָטש זיינע קרעפּטיקסטע יאָרן זענען שוין פאַרפלאָסן, זיי האָבן צעטראָטן די הויט פון זיין פּנים, שיטער געמאַכט די האָר פון קאָפּ און זיין טאָכטער איז שוין זיבעצן יאָר אַלט, אַ פריילן ממש, דאָך זעט ער עס נאָך נישט, דער טאַטע, אַפילו ווען ס׳ווייב וויל אים אַרויסרייסן פון זיין פאַרגאַפטקייט: „לעאָן, לעאָן, ביסט נאָך אַזוי פאַרנאַרט!״ זי שאָקלט זיך מיט באַדויערן איבערן מאַן, אָבער אים אַרט עס קנאַפּ.

„זאָל זיין, לעאָן מילער איז פאַרנאַרט. אַנטקעגן דעם איינציקן שטיקל טאָכטער, ווי ער פלעגט עס זאָגן, וויל ער אַפילו זיין פאַרנאַרט, אַבי זי שעמט זיך נישט מיטן טאַטן, ווי ס׳טרעפט ביי היינטיקע קינדער. איך בין צופרידן —- זאָגט ער שוין אַריין זיין בערטען — אַז כ׳האָב אַ ווייב אַ קלוגע״ — און די אויגן לייכטן אים גלייביק.

ווייל געדאַנקלעך האָט לעאָן מילער זשעדנע זיך אָפגעטראָגן פון דער האַרבער וואָכעדיקייט אַלע מאָל, ווען מ׳האָט אים דערמאָנט אָן זיין סטעלאַ, ווען מ׳האָט צומאָל אָנגערופן איר נאָמען. פאַרן טאַטן איז סטעלאַ אַלץ נישט געווען אַ מיידל וואָס וואַקסט, ווערט צייטיקער, עלטער, מ׳דאַרף געדענקען אין תכלית פאַר אירעטוועגן. פאַר דאָן לעאָנאַרדאָ איז עסטעלאַ געבליבן דאָס קליינע מיידעלע, דאָס אומפאַרענדערלעכע קינד אין בלי. איר שימער אַנטציקט דעם טאַטן; אירע הענטלעך, אירע אייגעלעך, די ריחות וואָס זי טראָגט פונאַנדער, ברענגען אָן פרישקייטן. פאַר לעאָנאַרדאָ מילער איז סטעלאַ געווען די שיינקייט וואָס ליכטיקט אָן די נשמה. איר חן איז אַזאַ מעסטל וואָס שעפּט זיך קיין מאָל נישט אויס, עס פאַרשפּאָרט די טרחא צו גיין זוכן אַוועלכן חשבון, דערלאָזט נישט קיין חשבון.

דעם מענטש זענען איטלעך מאָל איבערגעגאַנגען די אויגן פון בלענד, ווען ער האָט דערזען די טאָכטער; ער איז געוואָרן איבערפול מיט ליבן אומרו ווען ער האָט געטראַכט פון עסטעלאַן: „ווו איז איצט ס׳קינד?״, „וואָס טוט איצט סטעלע?״ תמיד האָט זי אים געפעלט, קיין מאָל האָט ער זי נישט געהאַט גענוג אַרום זיך.

— ווען קומסטו אַהיים? — האָט ער געפרעגט נאָך איידער זי איז אַוועק. ער וואָלט גערן געהאַט זי איינצוצאַמען אין שטוב תמיד ווען עסטעלאַ האָט זיך ערגעצוווּ אַרויסגעקליבן.

— ווּעסט באַווייזן אַן אַנדערש מאָל, סטעלעשי, — איז געווען זיין אופן איינצוהאַלטן ס׳מיידל. אַבי ער איז דאָ אין דער היים, באַדאַרף זי אייכעט זיין אין דער היים. אַנדערש האָט ער נישט געקענט קלערן, דער הייסער טאַטע. חברטאָרנס? פאַרברענגען צווישן אירס גלייכן? ער האָט נישט געקענט טראַכטן דערפון. מיט דער טאָכטער איז אים אַזוי היימלעך. זי גופא איז סאַמע היימלעכקייט.

— ווּעסט אסור גאָר נישט פאַרשפּעטיקן, קינד. איך נעם זיך אונטער דיך צו פאַרענטפערן, הע־העעע, — האָט ער געשמייכלט צו איר מיט אַן

אונטערטעניקער בעטעניש, — זיי ליבערשט מיט די אַלטע לייט, — און זיינע אויגן האָבן גענומען שטראַלן ווען ס׳מיידל האָט אָנגעהויבן זיך קווענקלען אונטער דעם פּאָטערס צושטיין:

— מיידעלע, האָרך דעם טאַטן. זיי וועלן זיך באַמיִען דיך צו פאַרווילן, די אַלטע. אמת, מאַמע? — ער האָט געזוכט אַן אָנשפּאַר אויך ביי בערטען, אויף וועמען אים איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ רחמנות: „אַזאַ שיינע און ווי די צרות זאַטליקען!" — פּרוביר, טאָכטערשי, וועסטו זען אַז טאַטע־מאַמע זענען נאָך עפּעס ווערט.

אָבער בערטען גייט עס נישט איבערן לב. זי שפּירט זיך שולדיק אַנטקעגן דער טאָכטער.

— לעאָן, ס׳מיידל דאַרף געניטיק אַוועקגיין, ווילסטו שטערן, גוטער מאַטע?

די מוטער האָט דערפון געפילט אַ קלעמעניש, זי האָט זיך אָבער געמוזט אַריינמישן, כאָטש אויך זי האָט געוואָלט האָבן עסטעלען נעבן זיך.

—איך — שטערן? גאָט זאָל דעם אייבערשטן אויסהיטן, — גלאַנצט אויף לעאָנס פּנים — כ׳מיין, ס׳איז איר נישט אַזוי פילנע — אמת, סטעלעשי?

דאָ האָט די מאַמע שוין נישט דערלאָזט, אַז די טאָכטער זאָל דאַרפן זוכן אַ תירוץ אין איר פאַרלעגנהייט.

— גיי, גיי, קינד — און ממש אויף ס׳כוח באַפרייט סטעלען פון דעם מאַטנס צודרינגלעכקייט.

עפּטערס האָבן פּאָטער און מוטער געמוזט אין גוטן זיך צעווערטלען אין גערעאַנגל פאַר דער טאָכטער. דער פּאָטער האָט דווקא געוואָלט זי זאָל בלייבן אין שטוב. פון קינדווייז אָן איז סטעלאַ געוועזן געוווינט צו גיין באַנאַנד מיטן טאַטן, מיט דער מאַמען, שטענדיק מיט זיי. דערפאַר האָבן זיך צו איר געקלעפּט ווינציק חברטאָרנס. זי האָט זיי עפּעס נישט שטאַרק באַדאַרפט האָבן. איצט, סטעלע איז קאַנעהאָרע — אַזוי פלוצלינג! — אונטערגעוואָקסן, טאַטע־מאַמע האָבן דערווישט אין זין אַ טונקעלע שפּירונג אַז זיי גופא ווערן עלטער און ס׳איינציקע קינד רייסט זיך אַרויס פון זייערע צערטלעכקייט־צוימען, — האָבן די „אַלטע" מטושטש באַגערט צו פאַרשאַפן דער טאָכטער מערערע פאַרגעניגנס. אַליין זענען זיי עלנט, ס׳הויז ווערט מוראדיק פּוסט און דער דרויסן איז אַזוי פרעמד — איז ווי

דערפרייט מע ס׳מיידל, וואָס באַדאַרף מער הימלעכקייט ווי זי האָט עס ביי זיי? באַזונדער האָט אינעם פאָטער זיך שוין דערוועקט דער דאָזיקער געפיל. צומאָל איז ער געבליבן שטום אַנטקעגן דער אייגענער אַנטבלויזמער אומבאַהאָלפנקייט: ער קען דאָך נישט דעם קינד געבן די תענוגים ווי עס קומט איר, ווי ער וואָלט עס געוואָלט. מחמת דעם האָט ער אָפּט אַ־אָפּגעשלונגען אַ שטיקנדיקע טרער. ס׳איז פאַרנאַרישט דער מענטש. און ער האָט באַגערט אַז זיין סטעלע זאָל צו להכעיס זיין אומגעלומפּערטן גורל דאָך זיך בעסער געפינען, אַליין זיך אָפּגעפינען אַ בעסערן ערגעץ; אָבער אַז ס׳איז געקומען דערצו אַז זי זאָל איינע אַרויסגיין אין אַ שבת־נאָכמיטיק צי אַ זונטיק, האָט דער טאַטע נאָך אַלץ נישט געקענט זיך אַרויסרייסן פון זיין פאַרקאָכטקייט: „סטעלע, סטעלעשי, טאָכטער". ס׳האַרץ האָט זיך צעפלאַקערט אין אים, געשעמט זיך אַרויסווייזן די גאָרע צוגעקניפּטקייט צו איר, דער סעניאָריטאַ, און לסוף נישט געקענט זיך גובר זיין.

— איי, וואָלטסט זיך אַ מאָל אויסגעשמועסט מיטן טאַטן, עפּעס דערציילט דער מאַמען! שוין האָסטו גאָרנישט צו זאָגן די זקנים דיינע? — אין די רייד האָט ער געזוכט אַ תירוץ פאַר זיין לעקישעוואַטקייט, וואָס אָפּגעשפּירט כדבעי אַנטקעגן דער פריילן, וואָס פאַרנעמט די שטוב מיט איר שאָנקייט אָנעהאָרע.

— הייבסט שוין אָן, לעאָן? — שטערט אים ס׳ווייב, ווייל זיינע רייד ברענגען זי צו פּלוצלינגע טרערן: „משטיינס־געזאָגט, צו וואָס דער מענטש לעבט אויף דער וועלט?" — גיט איר אַ שטיק אַ ספּאַזם. בערטע גיט זיך אַ שטעל אויף פון איר זיץ און הייסט דעם מיידל גיין ווו זי באַדאַרף.

— כ׳בעט דיך, קינד, האָרך זיך נישט צו וואָס דיין טאַטע באַלעבעטשעט.

און גייט סטעלע אַרויס, בלייבט דאָן לעאָנאַרדאָ אַן אויסגעהוילטער, אָן ווילן זיך צו באַוועגן, צו רעדן. אַלץ ווערט אים איבעריק. אין אַזעלכע פאַלן זעצט ער זיך פאַרן פּוסטן פענצטער, קוקט סתם אויף דער שויבנבלינדקייט, קוקט ביז ס׳פאַלט צו די טונקל־שעה. ווען די שרעק פאַרן הינטערשטאָטישן פינצטערן דרויסן גיט אים שוין אַ שטויס: פאַרמאַך די לאָדנס, פאַרמאַך די טיר! דעמאָלט נעמט ער זיך דרייען איבער די צימערן, אַרויסרופן פון פאַרשטיינערטקייט די בלעכענע לאָמפּ. ער צינדט זי אָן מיט

אַ מאָדנע פּרעמדקייט אין די אויגן, דערמאָנט זיך פון ס׳ניי זיין ווייטיק: ס ט ע ל ע. ס׳מיידל פֿאַרלאָזט דאָס הויז. ווי וואָסער צערינט זיך דאָס לעבן.

די מאַמע האָט, אמת, נישט ווינציקער ליב די טאָכטער, נאָר גאָר אַנדערש ליב. עפּעס איז זי ניכטערער דערין. אַ מיידל טאָר מע נישט האַלטן צוגעבונדן צו זיך, איז איר שכל. אַזאַ ווי סטעלע איז שוין אַ מענטש מיט אַן אייגענעם געדאַנק, מע מוז זיך פֿאַרלאָזן אויף איר. זי באַדאַרף האָבן פֿריינדינעס, קומען צווישן יונגוואַרג, — האָט עס אַרויסגערעדט פון איר מיט מוסר פֿאַרן מאַן, עס געטענהט אויך צו זיך און זי האָט באַזיפצט עסטעלאַן:

— ווי דער מאַמען! אַנדערע מיידלעך אין אירע יאָרן האָבן גרעסערע וויגאָדעס. זי ווערט פֿאַרשוואַרצט טאָגטעגלעך אין אַ ביוראָ, אין אָמניבוס, אויף אַ דאַר שטיקל ברויט. יענע לערנען אין פֿאַקולטעטן, גרייטן זיך צו דאָקטאָריע, ווערן דענטיסטקעס, פּראָפֿעסאָרשעס; מ׳האָט אַ פּיאַנאָ אין שטוב, מ׳האָט פֿאַר אַ קינד בעסערע פֿאַרגעניגנס ווי אויסקאָווען די פּעזע פֿאַר זיך. מיין קינד האָט נעבעך אויך אַ קאַריערע: צו פֿאַרשרייבן ס׳געלט פֿאַר יענעמס שמאַטעס! צו אַנדערע מיידלעך שאַרן זיך יונגע לייט פון גוטע היימען, מיין קינד האָט לאָ עלינו נישט קיין מזל. פון טאַטנס ליבשאַפט און פון דער מאַמעס געטריישאַפט קען מע נישט אויסשניידן קיין רענדלעך אויף אַ נדן ווי ס׳פֿאָדערן דאָס חתנים היינט, ווי חתנים האָבנ׳ס געוואָלט אַמאָל.

אין דער אָנרינענדיקער טונקלקייט פון הויז נעמט מען מיט טאַטע־מאַמעשער שטומקייט אויסקוקן דעם צוריקקער פון דער טאָכטער.

קאַפּיטל פיר

דאָן לעאָנאַרדאָס עשירות

אין איר יונגשאַפט איז זי אַ פריילעכע, די קליינע עסטעלאַ. מעשה־קאַפּריז באַפאַלט איר אַ מאָל אַן אומעט: אין נישט ריכטיקע הענט איז זי אַריינגעקומען! זי איז שיין, יונג, אָבער איר איז נישט גוט. קאַלעמוטנע ביי זיי אין הויז. די נעבעכדיקייט פון דעם טאַטנס פרנסה דריקט. וואָס זאָל זי טאָן? אַנטלויפן פון דער היים איז נישט איידל. עסטעלאַ איז גענוג קלוג צו פאַרשטיין, ווו זי האָט זיך. די וועלט האָט אָפענע אויגן. מ'מוז זיך האַלטן, כאָטש אינעווייניק אין איר איז אויפגעשטאַנען אַ העפטיקער ווידערווילן צו דער אָרעמקייט, וועלכע עס ווילט זיך נישט נעמען אין ירושה; אַזאַ ווי עס איז דער טאַטע, וואַקסט דאָס קינד — דאָס ווייסט זי, עסטעלאַ. פאַר דעם שרעקט איר האַרץ. אַ קבצן געבוירט אַ קבצן, און דאָס גרוילט איר, מחמת... זי ווייסט עס נישט גענוי, אָבער פילן פילט זי מער. קלאָר — עס איז בעסער זיך נישט אַזוי צו קווען ווי מע קוועלט זיך ביי זיי. אַלץ קומט אָן מיטן קרעכץ, מיט דער גרינער מראה אויפן פּנים. „און ס'קינד מוז זיין אָנשטענדיק אָנגעטאָן", רעדט זיך אַ מאָל אויס די מאַמע פאַר דער נאָענטער קרובה, וואָס האָט זיך אָפּגעזוכט אין אַ געסל פון בעלגראַנאָ־געגנט אין בוענאָס־איירעס. אַלץ געשעט ביי זיי מיט אַ קנייפּ אין באַק. ניין, זי איז דערויף נישט מסכים, עסטעלאַ! אַ שטוב צו מיין קאָפּ אין דאָרפישן מאַטאַדעראָס, זאָגט זי, און אַ שטעלע אין בוענאָס־איירעס. אַ צעהאַלבירט לעבן: זי איז סיי אַ פּראָווינצערן, סיי אַ גרויס־שטאָטישע. פאַראַן מיידלעך גליקלעכערע. זייערע טאַטעס האָבן קעפּ אויף די פּלייצעס, טרייבן אייגענע קאָטשן, שטייען אין צענטער־שטאָט מיט גרויסע געשעפטן, האָבן פאַבריקן און ערגעץ אויף די ווייטע וועגן פון דעם ריזיקן לאַנד, צווישן בערג און

טייכן, וואַרט תמיד אויף זיי אַן אָפּגעשלאָסענע שיינע ווילע; עס בעטן זיך צו זיי אָפּטע ימים־טובים, מ׳ברענגט מתנות, מ׳גייט אויך אין געסט. אין די וואָכן פון יולי, פון אויגוסט, ס׳איז פריקרע דער פייכטער בוענאָס איירע־סער ווינטער, פאָרט מען אַרויס אין דער אַנדערער רייכער היים, וועלכע קוקט אויס אויף אָפּפרישנדיקער היימלעכקייט. אין די בערג פון קאָרדאָבאַ שטייט יענע היים אַ שלעפעריקע און קומט מען צו איר, נעמט זי אַריין ווי אין אַן אמתן חלום. טייל קוויקן זיך דאָרט מיט דער זון ווען דאָ רעגנט, אַנדערע פרייען זיך מיטן שניי אַרום די וויינפעלדער פון מענדאָסאַ. אויך די וועלדער, די בערג און זילבער־ליכטיקע שנייען פון ווייטן באַרילאָטשע זענען נישט פרעמד פאַר די דאָזיקע. נאָר זי האָט אַרויסגעצויגן אַ בייז קוויטל, כמורעט זיך ס׳טעכטערל פון לעאָנאַרדאָ מילער. רייכע מאַמעס, ברוגזט זי זיך אויף אַ קול איבער דער מאַמע, פאָרן אַרויס מיט די טעכ־טער אַפילו אום ווינטער. לוקסוס־האָטעלן באַוווּינען זיי. מחיהדיק, צאַרט, זאָגט מען, איז שניי. זי, די אומגליקלעכע, האָט נאָך נישט געזען קיין שניי, כאָטש זי איז שוין אַ דערוואַקסענע: זיבעצן יאָר אַלט, כלה־גרויס און גאָר נישט, גאָאָאָר נישט געזעען! ראָמאַנטיש די אָוונטן איבערן שניי, די ווייסע קאַלטקייט גליט און זי שיינט ווי די לבנה איבערן וואַסער, דערציילט דער פעטער מאַנועל. נישט קיין ליגנער, דער פעטער. נישט לאַנג ווי ער איז געקומען פון איראָפּע. יאָרן, גאַנצענע יאָרן איז ער געווען אין פאַרשיי־דענע לענדער. געווען צווישן אָפּגעראַטעוועטע, וואָס האָבן געליטן אין טרויעריקע לאַגערן ווו מ׳האָט מענטשן פאַרסמט מיט גאַזן, געמוטשעט זיי מיט הונגער און רוצחישע קלעפּ און שרעקלעכער אַרבעט. געפאַנגען גע־ווען פון דייטש. ערשט דערנאָך, זיי זענען געווען אויסגעמוטשעט פון פּיין, האָט מען זיי פאַרברענט אין אימהדיקע אויוונס. דערוואַקסענע און אויך קליינע קינדער האָט מע געוואָרפן אין די פייערן אַריין. אוי־אוווו, אַ פחד צו הערן!

— — — פון פוילן, זאָגט פעטער מאַנועל, האָט דער בייזער היט־לער געוואָלט אָנהייבן פאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט. אַ סך וועלט האָט ער שוין געהאַט איינגענומען, דער שלעכטער. מיט גיכן מאַרש איז ער אַרויס פון דייטשן־לאַנד, האָט צעבראָכן שטעט, דערהרגעט אַ סך, אַ סך מענטשן, זיי געהאָנגען אויף די מערק, דערשאָסן בלויז דערפאַר וואָס זיי זענען ייִדן. גאָר נישט איז אים געווען אַ שאָד, אויף קיינעם נישט געהאַט קיין רחמנות —

— כאָטש גוט, וואָס דעם ווילדן געלויף פון היטלערס זעלנער האָבן אָפּגע־שטעלט די שטאַרקערע. אַ מערכה, וואָס די דייטשן האָבן אַ סך פיינד. גע־וועז גרויליק די מלחמה. אַ פחד איז אַ מלחמה. אַזוי פיל טויט גייט אַרום צווישן די מענטשן! ס'אַ גליק וואָס אויף היטלערן איז געקומען אַ מפּלה. דערצערנטע האָבן אים דערשטיקט מיט פייער, געצונדן אים אין זיין דייטשן־לאַנד און טייל מענטשן זענען רייך געוואָרן פון באַוול־סחורות, פון צעבליטן הונגער; אַמעריקאַנער מענטשן האָבן זיך דערכאַפּט. ס'איז זיי אַוועק גוט. אויך די מילערס זענען אין אַמעריקע, איר טאַטע, איר מאַמע און זי, אָבער צו זיי איז אַ ווײ. יאָ, יאָ, אַרגענטינע איז אַמעריקע און זי איז אויכעט גע־וואַקסן אויף די אַמעריקאַנער הייוון. מ'זאָגט: קלמן אַלטשול האָט זיך גאָר שטאַרק אויפגעהויבן, כאַקאַבאַ פּעסלער, לויס קרוינזילבער האָבן זיך אַרויפּ־געאַרבעט. אַ סך פון די וואָס זיי קאָנען. איר, עסטעלאַן, האָט דער גורל אַן עוולה געטאָן: געבליבן שטעקן אין קבצנות דער טאַטע, פאַרקרענקט איז די מאַמע. שטענדיק איז זי דערשלאָגן. זי איז צו אײדל צו מאָנען ביים פּאַ־פּאַ, ער זאָל זיך דאָך אויסטויגן. „איך האָב אַלץ גענוג, לעאָן. פאַר דיין קינד דאגה זיך נאָר. אַ מיידל וואַקסט און מיר זיצן זיך רויק, לעאָנאַרדאָ, — האָט עסטעלאַ אַ מאָל פאַרנומען דער מאַמעס אַ שטיקל רוגז. — הלוואי זאָל מען עס נישט דאַרפן באַדויערן שפּעטער!”

רעד היינט, רעד מאָרגן — דאָן לעאָנאַרדאָ האָט זיך געטאָן זיין טועכץ, אַבי ער האָט אַריינגעבראַכט אין שטוב אויף ברויט און אַנדערע קליי־ניקייטן. פון גרויסע זאַכן האָט דאָס באַשיידענע ווייב נישט דערוועגט אַפילו צו חלומען. מילא, נישט באַשערט קיין עשירות. ס'געזונט זאָל נאָר נישט געפעלט זיין. איי, ס'מיידל? גאָט וואָס גיט לעבן, וועט געבן אויך אַן עוקץ מזל פאַר זייער קינד. זי איז דאָך אַזאַ טייערס, און חן האָט זי אין מענטשנס אויגן. מ'דאַרף האָבן בטחון. מיטן קאָפּ בטחון שטופּט מען דורך די יאָרן. און וואָס ווייטער, אַלץ ווינציקער האָט זי טענות צום מאַן, הלמאַי ער איז אַזאַ. זי 'עט אים דען איבערמאַכן? זי קען אים אויסלערנען באַדויערן, הלמאַי ער האָט נישט געטאָן ווי אַ סך פון זיינע באַקאַנטע?

דאָן לעאָנאַרדאָ באַנעמט נישט: וואָס הייסט — ער האָט צו באַדויערן? וואָס, באַשווינדלען אַ וועלט וועט ער, צי גאָר שטעלן זיך אויפן קאָפּ? אַ ייִדענע רעדט!

אָבער עסטעלאַ באַדויערט שוין. ווייל זוער ס'איז רייך, מיינט מען,

ר׳איז קלוג. אוודאי, ס׳איז ווינציק באַקוועם צו ראַנגלען זיך מיט קבצנות. פון דעסטוועגן זעט עסטעלאַ אַז ס׳איז אויך אַ גראָבער טעות. רייכקייט איז נאָך נישט אַלץ. קנאַפּ נאַראָנים צווישן די געלטזעק? און דאָך קוקט מען אויף איר טאָטן ווי אויפן לעצטן שלימזל. איר באַליידיקט עס שטאַרק. דיר, וויל זי זיך טרייסטן אין טרערן, איז שוין בעסער צו זיין אָרעם, איי־דער צו האָבן דעם שכל ווי, ווי... — און צעלאַכט זיך פלוצלינג: כאַ־כאַאַאַ־כאַ! זי וויל זיך נאָר נישט אַרויסכאַפּן מיט פּראָסטע רייד וועגן יענע. אַ צאָל רייכע טיפּשים דערמאָנט זיך איר אַקוראַט, און פון עסטעלאַן הערט נישט אויף צו רייסן זיך פענכערס געלעכטער. ווי אַן אומגעריכטע ים־כוואַליע אין זון־שיין צעשפּריצט זיך דעם מיידלס ביטערע פריילעכקייט, ווען איר קומט אויפן זינען די אומגעלומפּערטע גראָבקייטן פון אויפגעקו־מענע. און זי וויל בשעת־מעשה אַ ביסל אויפהייבן דעם לא יוצלחדיקן טאָטן:

— דערמאָנסט זיך, פּאַפּאַ, ווי „ער" איז דעמאָלט אַרויס מיט זיין שווע־רער צונג, דער...? איי־איי! זיי וויסן נעבעך נישט ווי אַזוי צו טראָגן די קרוין!

— ווער ווייסט עס דען נישט, קינד? פייגל אויפן דאָך זינגען דערפון. אַפילו צווישן סוחרים, ווו ער באַווייזט זיך שטענדיק, שושקעט מע זיך פון זיינע גרויסע „אויפטוען". אים אַליין גיט מען אַנצוהערענישן אַז ער איז אויסגעריסן קלוג. מ׳לאַכט פון אים און טייל מאָל לאַכט ער מיט, דאָס שטיק פערד. אַוודאי, די ניי־געבאַקענע זעגען משטיינס־געזאָגט אויך מענטשן.

— צוריקגעשמועסט אָבער, איז דלפּנות נאָך ערגער, — לאָזט נישט די טאָכטער דעם טאָטן באַקומען זיין נציח. — דאָך בלייבט קבצן אַ קבצן און אַזעלכער רייט אַריין אין מאַרק מיט פּאַרריסנקייט, — גיט כּוּן איר אַ שניט די סאַמע ניכטערקייט.

— ס׳פּאַסט זיי ווי דעם חזיר אַ שטריימל! — זעט זי ווי דער פאָטער טריומפירט דאָך. מיט אַ העוויה איז ער מבטל די נייע גבירים און עסטעלאַ האָט שוין פּאַראיבל אויפן פאָטער: — און וואָס וואָלט דיך געאַרט אַז דיין טאָכטער זאָל אויך וווינען אין אַ טשאַלעט,* פאָרן אין אַן אייגענער קאַטש? אַ סך טעכטער האָט עס דאָן לעאָנאַרדאָ? — טענהט זי צו דער מוטער. —

* ווילע.

און דיר אַליין וואָלט עס נישט געפּאַסט, פּאַפּאַ? — גיט זי אַ שפּרונג צו צו ל׳עאָנען.

אַלע זענען רייך געוואָרן, געדענקט עסטעלאַ אין איר עגמת־נפש, נאָר איר טאַטע האָט אָפּגעהיטן ס׳בענקל ביי סעניאָר אַרטוראָ אין ווערקשטעל. סעניאָר אַרטוראָ איז געווען אַ פּעלצמאַכער ווי איר פּאַפּאַ; אָבער אַרטוראָ פּישביין איז פּיפּיק. איר טאַטע דאָן לעאָנאַרדאָ צאַצקעט זיך נאָך מיט זיין אַרבעט, גרויסט זיך מיט דעם וואָס ער קען בעסער שטעלן אַ פּעלעכל, רימט זיך ווי מיט עפּעס אַן אייגנס מיט די בכבודיקע דאַמען, אויף וועלכע ער האָט שוין געמאָסטן טייערע פוטער־מאַנטלען. אַרטוראָ פּישביין וויל נישט האָדעווען דעם דלות. ער האָט נישט קיין צייט פאַר אַרבעט; סעניאָר אַרטוראָ פאָרט, קויפט, פאַרקויפט און רייך איז געוואָרן זיין הויז. דאָן לעאָנאַרדאָ איז אויך רייך — קלאָגט אינעם מיידל דער פאַרדראָס. די ראַנטשע* אין מאַטאַדעראָס היט ער, קעכלט די קבצנסקע בודע מיטן פּיצל גערטל, קיצלט דעם איינציקן פייגנבוים אַז ר׳זאָל נישט דאַרן, די ווערעם זאָלן אים נישט צעפרעסן און ער גיט אַכטונג אויפן וויב, שפּילט זיך מיט דער טאָכטער.

— איך האָב זיי ווו!... — לאָזט ער תמיד אויס דעם כעס אויף די פאָר באַקאַנטע וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט און זיי ווערן אָפּט דערמאָנט אין שטוב. מיר איז בעסער פון אַלע גבירים. אַלץ איז ביי מיר אָפּגעציטערט. איינציק, דערפאַר טייער, — זאָגט ער נצחונדיק. — גרויסע, לויטערע בריליאַנטן אָן פּגימות זענען אויך זעלטן. אַ קרענק אויף זייערע קעפּ, זיי זאָל זיין אַזוי ווויל ווי לעאָנאַרדאָ מילערן.

און אַליין גיט ער זיך נישט אָפּ קיין חשבון, הלמאי ביי אים קאָכט אַזאַ כעס אויף זיי.

„זיי", מיינט דאָן לעאָנאַרדאָ די רייך־געוואָרענע. צופיל פאַרטומלט זענען זייערע מוחות פון מסחר, פון די גראָבע געלטער וואָס זיי קענען צו מאָל נישט אָפּציילן. זיי קענען ביינאַכט נישט שלאָפן פון עול, מ׳זאָל זיי נישט באַגנבענען און בייטאָג האָבן זיי נישט קיין רו אויפן האַרץ, אַז מ׳זאָל זיי נישט איבערפאַלן, באַרויבן; אָט יאָגט מע זיך נאָך זיי, אָט טשאַטעוועט מען פון אַ ווינקל. א וואַזשנע גדולה מיט אַ ז אַ רייכקייט, — חוזקט שוין

* אָרעמע הייזקע פון די אַרגענטינער סטעפּ־איינוווינערס.

לעָאַנאַרדאָ מילער פון די וואָס האָבן נישט קיין געלעגנהייט צו פירן זיך גבי־ריש. וואָס פאַר אַ טעם שפּירן זיי אין אַלעם, וואָס וויסן זיי? אַלץ איז ביי זיי צופיל, און וואָס אַ סך האָט נישט קיין טעם, גיט נישט קיין ריח. אַפילו ס׳ווייב איז אָן טעם. ביי זיי איז ס׳ווייב אויך נישט איינאיינציק און די קינדער זענען עפּעס אָן זאַלץ. וואָסערדיקע קעפּ וואַרפן זיך דורך צווישן די קינדער פון די וואָס ווייסן נישט ווי אַזוי צו פירן זיך רייך; שווילטאָג איז אַ גרויסער חסרון; גאַווערדיקע מיילער זעט מען ביי די וואָס זענען געקומען פון צענטרענצלטע טאַטעס, אויך אומגעכאַכלטע פּיס ביי זיי. פאַר־שטייסט, — זאָגט ער זיך — ס׳נישט קיין סחורה וואָס פאַרקויפט זיך מיט ריווח. אויף קינדער לוינט זיך נישט אַרומצוקוקן, ס׳נישטאָ קאַ׳ צייט. דורות? שוין גייען זיי פּ אַ ר ז אַ ר ג ן ד י װ ע ל ט ! אים, פאַרקערט, איז עסטעלאַ ס׳אויג פון קאָפּ. ער האָט זי ליב; ער האָט געפונען אַ טעם אַפילו אין דער אָרעמקייט, אין זיין שטיקל ווייב. יאָ, יאָ, ער איז זיך מודה: ר׳איז אייפערזיכטיק אויף איטלעכן וואָס רעדט מיט עסטעלאַן. אויך ער וויל הערן איר שמועס, וויל אַריינשטעלן זיין וואָרט ווען זי רעדט מיט עמעצן, אַריינאָטעמען איר בליק. ער שפּירט בפירוש: ס׳דאָזיקע קליינע באַחנטע טעכטערל איז די פאַרגעלטונג פאַר אַלע זיינע פּלאָנטערנישן אויף דער וועלט. אַ באַצאָלונג פאַר אַלע קוועלענישן. איז ער איר נאָר אַ טאַטע? — פרעגט ער זיך פלוצלינג. ער איז אין גאַנצן מטושטש אַנטקעגן דעם זיסן מיידעלע, ער איז קליין אין אַנבליק פון איר בלענדנדיקער שיינקייט. איז עסטעלאַ שיין? זי איז מער ווי שיין, זי איז וווּנדערלעך ווי דער נס פון גליק וואָס דער מענטש איז נישט אין שטאַנד אָפּצוּוועגן און אויסצומעסטן, ווען עס דערגרייכט אים און צערוישט זיין גאַנצן מהות. ער איז פול מיט עס־טעלאַן. זי איז ס׳בלוט וואָס ברויזט אין זיינע אָדערן; אים איז נישט אויס־צוקומען אָן איר. זי לעבט אין זיין געדאַנק, אין זיין פילן —

זעלטן אַז דער טאַטע גיט אַ טראַכט דערפון ווי ער פילט און ווי ער פירט זיך כלפּי זיין טאָכטער. דאָס מיידעלע באַהערשט זיין גאַנצן מוח. אַז עסטעלאַ גייט אַוועק און ער בלייבט אַ מאָל אָן איר, זיצט ער אין שטוב אַן אַנגעדראָדלטער, קען זיך צו גאָר נישט נעמען. דאַן לעאָנאַרדאָ פאַרמאַכט די אויגן און זעט אין בוענאָס־איירעסער גאַסן שפּאַנען די סעניאָריטאַ עס־טעלאַ אַ שאַנקעדיקע, אַ גראַציעזע. קערט זי זיך נישט אום באַלד צוריק אַהיים, לייגט ער זיך אַוועק אויף דער קושעטקע, בינדט זיך צו דעם קאָפּ

מיט אַ האַנטעך און קרעכצט. ער עקט זיך, ר׳קען נישט אַנטשלאָפן ווערן, כאַטש זיין גוף ציט דער שלאָף. אַ דרימל וואָלט אים גערעטעוועט. אָבער עס ראַטעוועט אים נאָר עסטעלאַ. אַז זי קומט אַריבער דער שוועל, לעבט ער באַלד אויף, דער אויסגעסוכניעטער טאַטע, פאַרגעסט זיינע ווייטיקן און די אויגן — ברייט צעעפנטע — עסן זיך אָן מיט דער טאָכטער, זיין מויל הערט נישט אויף צו רעדן, פרעגן: ווו ביסטו געווען? ווען וועמען געטראָפן? וואָס האָט מע דיר געזאָגט?

כולו פאָטער וואַרפט זיך לעאָנאַרדאָ מילער פאַרן קינד, וואָס איז דאָס לייב פון זיין לעבן. אַל דאָס אייגנס, וואָס ער האָט אַ מאָל אָנגעקניפּט אָנעם ברעקל קיום, אַלץ איז ערשט אויס פאַר אים. ער איז דאָס ווינציקסטע. זי איז ז יי ן תוך. עסטעלאַ איז סך־הכל, זיין גאַנצער אָנהאַלט. ער קוקט אויף עסטעלאַן, זעט ער זיך; זי — זיין שפּיגל, און דער שפּיגל ווייזט אים דורך און דורך. ניין, ער וויל נישט זיין אַלט, ר׳וויל זיין יונג מיט דער יונג־שאַפט פונעם מיידל, וואָס איז אים אַ טאָכטער — נישט טאָכטער; זי איז נייע מאָנונג צו אים.

ער גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון אויך פון דעם, וואָס נאָר פאַר איר פלייסט ער זיך אויסצופוצן אין זיין בעסטן אַנצוג, פאַר איר גאָלט ער זיין געשרומפּן פּנים. אַנטקעגן עסטעלאַן שפּירט ער זיך שולדיק, וואָס זיין געשטאַלט איז נישט גענוג מענלעך גרויס, זיינע הענט נישט גענוג שטאַרק. פאַר עסטעלאַן שעמט ער זיך. לגבי עסטעלאַן פאַרלירט זיך אָפּט דאָן לעאָ־נאַרדאָ דער טאַטע.

דאָס ערגסטע פאַר דאָן לעאָנאַרדאָ איז, ווען ער מוז אַ מאָל אין מיטן וואָך בלייבן אין דער היים. אַ פאַרקילונג בינדט אים צו צום בעט אָדער די שטאַרקע היצן פון יאַנואַר און פעברואַר פאַרטרייבן אים פון דער פוטער־ווערקשטעל. אונטער דורכזעעוודיקן זייד זענען אַנטבלויזט די ווייבערישע פלייצקעס אין די שטאָטישע גאַסן און הויל־גאַקעט, אונטער אַ צנועהדיקן פייגנבלעטל, וואַנדלען אַרום זיינע חשובע מאַנטל־דאַמען איבער אַלע ברייטן און הייכן פון דער צעזוניקטער אַרגענטינע. מ׳באַדאַרף נישט קיין פוטערס דעמאָלט און ס׳זענען איבעריק דאָן לעאָנאַרדאָס געניטע הענט. איז עס־טעלאַ גראָד נישט אין שטוב אין יענע טעג, צעטראָגט עס דעם טאַטן. ער קען נישט איינליגן, נישט איינזיצן. ראַפּטעם כאַפּט ער זיך אויף, קריכט אַריין אין יום־טובדיקן אַנצוג און גנבעט זיך אַרויס קיין בוענאָס־איירעס.

ווייטלעך איז די שטאָט, זון־אָנגעגליט די גאַכן. ער דרייט זיך פאַר דער ביוראָ, ווו די טאָכטער אַרבעט, געפינט נישט קיין תירוץ אַריינצוגיין צו איר און סוף־סוף טראָגט ער זיך אָפּ ווי אַן אָפּגעשמיסענער. עס מאַכט זיך אין אַזוינע פאַלן אַז דער שגעון פון בענקשאַפט צערודערט אים אַזוי שטאַרק, אַז ער פאַרגעסט ווו ער איז; דאָן לעאָנאַרדאָ פלאָנטערט זיך אײַנעם טומל און קומט אַהיים שפּעטער פון עסטעלאַן. דעמאָלט איז ער מער „קראַנק״ ווי געווען. ער פאַלט אַוועק מיד און ר׳איז בייז אויף זיך; צומאָל איז אים נישט ניחא אַ וואָרט, וואָס ווערט אַרויסגעזו׳עדט אין שטוב.

— ווו בלאָנקעסטו אַרום, לעאָן, ווען דו דאַרפסט זיין אין דער היים? מיר איז שוין באַשערט, כ׳זאָל זיך אויסשוואַכן דעם מוח, — טענהט צו אים ס׳ווייב.

— וואָס האָסטו זיך אָנגעהאָנגען אָן מיר! — שרייט ער כמעט, און דרייט אַוועק די אויגן.

— דו האָסט גאָר צו מיר אַ טענה? — פרעסט איר ס׳האַרץ פון עגמת־נפש. טרערן הערן זיך אין דעם פרעג. אים ווערט אַזש אַ שאָד ס׳ווייב און ער קערט אויס ס׳פּנים צו איר:

— כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן עפּעס בײַטיקס, — פאַרענטפערט ער זיך שוין מעשה יינגל.

— תירוצים, שטענדיק תירוצים, — מורמלט זי און פאַרבייסט אַ ליפּ.

ער זאָגט נישט, דער טאַטע, אַז עסטעלאַ איז די סיבה פון זיין אומרו. ס׳ווייב קאָן אים שוין. אַ מאָל דערלויבט זי זיך אים נאָך אויסצומוסרן:

— לעאָן, וואָס וועל איך טאָן מיט דיר? אומגליקלעך ביסטו און אומגליקלעך מאַכסטו ס׳קינד! ס׳אַ מיידל. זי באַדאַרף האָבן חברטעס, יונגוואַרג און דו בינדסט זי צו צו דער שטוב, מאַכסט זי ווילד. און מיך, מיך מ׳אַכסטו משוגע!

אַנומלט האָט אַן אומגעריכטקייט פון געדאַנק זיך אַ צינד געטאָן אין דעם ווייב:

„רוצח, בינדסט זי צו צו זיך! טוט אַזוי אַ טאַטע? — — ס׳אַ קינד, וואָס ווייסט אַ קינד!״

דאָך האָט זי עס אים נישט געזאָגט. אין די נעכט איז זי נישט געשלאָפן איבער דעם, ס׳האַרץ זיך אויפגעגעסן. זי וועט זיך נישט קריגן. ס׳געטע־

נהעכץ שטיקט איר שטענדיק און דעם מאַנס צערויסדרייען זיך, פאַלט איר אויפן געמיט ווי אַ שטיק פייער.

פון דאָן לעאָנאַרדאָס וויב הייבט פלוצלינג אַרויס דעם קאָפּ די געלי־כענע פרוי און זי ווערט בפירוש בייז אויפן מאַן.

— אַ קליפה אַריין אין דעם מענטשן! צעדולט געוואָרן. פאַרגעסן די גרענעץ. ווייזט אויס, אויף דער עלטער רופט זיך אָפּ די יוגנט... אַ קלוג ווערטל האָט די וועלט אויסגעטראַכט אויף דעם, אָבער — — ס׳דאָך אַן אייגן קינד! מעג אַ טאַטע פאַרגעסן?

שוין דאָס טראַכטן טוט וויי.

קאַפּיטל פינף

פאַרבאָרגענע שטאַרקייט

...שפּעטער האָט פון דער פּרוי שוין אַרויסגערעדט די אָנגעזאַמלטע ביטערניש:

— באַרעכן זיך, לעאָן. שפּילסט זיך מיט פייער. אַ קינד איז עגאָיסטיש. עסטעלאַ קלערט נישט, דו מוזסט קלערן פאַר איר. טאַטע! וואָס קריכט זי צו דיר?... אַ קינד פילט. דו צינדסט זי, געדענק! ס'שוין אַ שפּאַר מיידל, כאָטש ביי דיר איז זי נאָך אַ קינד.

— וואָס דו רעדסט!

און זיך אַרויסגעמאַכט פון דעם ווייבס גערעדעכץ. מער ענטפערט ער נישט און אירע תרעומות העלפן סיי ווי נישט. ער מוז האָבן די טאָכטער אין שטוב. אַזוי זיך צוגעוווינט, און ער וועט זיך נישט איבערמאַכן! פאַרענ־דיקט די אַרבעט, לויפט ער גלייך צום אויטאָבוס. אַהיים! אַהיים! אין בוע־נאָס־איירעס האָט ער גאָר נישט וואָס צו טאָן, דאַרף זיך נישט טרעפן מיט קיינעם, קיין מאָל האָט ער נישט וואָס צו באַזאָרגן. קומט ער אין שטוב אַריין, זוכן באַלד זיינע אויגן: „עסטעלאַ!" ער דערשמעקט שוין אין דער לופט צי זי איז דאָ. זי באַדאַרף שוין זיין אין דער היים. און געפינט ער עס־טעלאַן אין שטוב, האָט דאָן לעאָנאַרדאָ צו גאָר נישט קיין צייט און צו גאָר נישט קיין געדולד. לפּנים זעצט ער זיך אַוועק אַריינקוקן אין אַ בלאַט, אָבער ער האַלט נישט אויס:

— עסטעלאַ לעבן, ביסט דאָ? כ'האָב געמיינט, ביסט נאָך אין שטאָט, — רופט ער זי, לאָקט זי צו זיך.

אַ פּיעשטשענדיקס איז זיין קול, אַן אויסגעצויגנס און נישטערנדיקס.

אין אַזאַ שטיל הויז ווי זייערס, דערגייט עס אין אַלע ווינקעלעך. אינעם ווייב הילכט עס אָפּ מיט פּאַראיבל:

— אַן אַלטער נאַר!

עסטעלאַן אַרט עס גראָד וואָס דער טאַטע שטערט איר און אײנצייטיק טוט עס איר הנאה. זי ווייסט שוין: ער'ט איר שוין עפּעס פּרעגן, האָט וואָס צו דערציילן.

— וואַרט צו, פּאַפּאַ, — ענטפערט זי אים פון אַ נאָענטן צימער — נישט איצט, פּאַ־פּאַאַ. כ'באַדאַרף עפּעס טאָן!

— אַ ביסל שטילער, עסטעלאַ, — שרייט שוין אַריין די מאַמע אין עסטעלאַס רייד.

און גייט זי באַלד נישט צו צום פאָטער, מוז ער זען וואָס עסטעלאַ טוט. זי פּרעסט אַ בלוזע, גרייט אירע זאָקן, זי לייענט. „זי איז אַ מענטש, זי טאָר נישט זיין פאַרגרעבט", — גיט זי זיך אַ מאָל אַ וואָרף מיט אומווילן. דער פּאַפּאַ איז נישט ברוגז, למאי זי עקשנט זיך, ווײל נישט האָרכן. חבר־טעס... זי וויל נישט בלייבן הינטערשטעליק, זי וויל אויסזען שענער פון אַנדערע, טאָר נישט פאַרשעמט ווערן. מילא, — גיט ער זיך אונטער — ער זעצט זיך און קען נישט איינזיצן. עסטעלאַ בויערט זיין מוח, רופט דאָס האַרץ. דאָן לעאָנאַרדאָ שלעפּט זיך פון איין צימער אין אַנדערן, זוכט מיט עפּעס זיך צו פאַרנעמען און געפינט זיך לסוף איבעריק אין הויז. ער וואַרפט זיך אויף דער קושעטקע און בלייבט ליגן אין דער פינצטער ביז מ'הייבט אים אָן זוכן אויף צו „מאַכן נאַכט". און איז גראָד ביי עסטעלאַן ס'געמיט צו הערן דעם טאַטן, וואַרט זי נישט ביז ער וועט זי רופן; זי פאַרוואַרפט אירע הענט אויף זיין האַלדז און זעצט זיך אויפן טאַטנס שויס. זי אַ געפּאַקטע, אַ פּולבענקע אין פּנים, קיילעכיק אין די היפּטן, דער טאַטע — אויסגע־טרינקט, קנאָכיקע באַקן, שאַרפע שאַטנס אונטער די אויגן. אַוודאי, ס'קינד עסטעלאַ איז שוין גרעסער פונעם טאַטן. זי — פריש, מיט שוואַרצגלאַנ־ציקן קאָפּ און הייסן פּרוּוישן מוח, דער טאַטע — גראָ אין די שלייפן, אויס־געקראָכן דער שאַרבן. עסטעלאַ איז פון דעסטוועגן נישט צו שווער דעם טאַטן. אדרבא, די מיידלשע לאַסט טראָגט אים אַוועק אין די טאַטעשע הימלען. דאָן לעאָנאַרדאָן פון מאַטאַדעראָס דערמאָנען זיך זיינע יונגע יאָרן. שיין זענען געווען די וואַרשעווער צייטן, שיין לעאָן מילערס אַרומפּאַרען זיך מיט סודות. געווען טרוימען, נאָך וועלכע ער האָט זיך אַרומגעיאָגט

איבער כלערליי שטעט און שטעטלעך. געוואָלט כאַפּן אַ גן־עדן־פייגעלע; זיך געיאָגט נאָך דעם מיט אַ האַסטיקייט, אָפּט פאַרגעסן אָפּצועסן, נישט געדאגהט זיך וואָס ער האָט נישט ווו אויסצורוען דעם גוף אין דער פרעמד וויהין ער איז געקומען אייגנוויליק אָפּגעבן זיין יוגנט־קרבן. אַלץ געמיינט, געגלייבט דערין וואָס ס׳האָט זיך געטראַכט אין היץ פון האַרץ. אָט־אָט, האָט זיך געדאַכט, איז עס שוין ביי אים אין האַנט, דאָס פייגעלע, כאָטש ס׳האָט באַלד אויסגעזעען נאַריש און — ס׳איז דאָך געווען ווויל.

ווי צו אַ קאָליריק מעשהלע האָבן לעאָנען געצויגן די דערמאָנונגען און ר׳האָט זיי גערן צוגעטראָגן דעם ליבן קינד.

— אַמאָל האָבן געלאָקט נייעסן. אַמאָל, טעכטערל מיינס, איז געווען אַנדערש. ער אַליין איז געווען גאָר אַן אַנדערער, עסטעלאַט טאַטע. פול מיט בענקשאַפטן געווען, נישט באַגנוגנט זיך מיטן טאָג, קנאַפּ איז געווען די נאַכט; אַרומגעפירט זיך מיט חברים זיינס גלייכן. חלילה, קיינער איז נישט געווען פון די פלאַטערקעפּ. אַלע זענען געווען פאַרכאַפּט פון חלום וועגן דער קומענדיקער וועלט. דער היינט האָט געברענט, געמיניעט האָט אָבער נאָר דער מ אָ ר ג ן. פון דעסטוועגן זעט עס אויס היינט אַנדערש, מאָדנע. נישט אַלע האָבן זיך געלאָזן פאַרשלינגען פון דער אָנגעטומלטער בענקשאַפט. מיד געוואָרן. איי איז זי אַ זשעדנע, די קלאָמפּערשטע וועלט וואָס מ׳האָט געוואָלט אויסחלומען! — זי ציט און געניאַרט אַריין! ס׳אמת, נישט אַלעמענס נשמות זענען געווען וואָרהאַפטיק הייס אַזוי ווי זיי האָבן געפלאַמט אין וואָרט וואָס זיי אַליין האָבן צעשאָטן אַרום זיך. די בלוטן האָבן נאָר יינגליש אַ ברי געטאָן, אָבער גיך אויסגעקילט זיך. ביי מענטשן איז פאַרשיידן. ער, דער בלאָנדער לעאָן פון וואַרשעווער לעש, האָט דווקא געוואָלט אָפּוואַשן ס׳פּנים פון דער מענטשהייט, וואָס איז פאַרקויטיקט פון חזירישע גלוסטע־נישן; געפיבערט מיט שטרייקן, מיט קרבן פון אייגענעם נפש, אָבער די מיטחברים האָבן געציטערט רק פאַר דער אייגענער פעל. געדענק, קינד, מענטשן זענען נישט גלייך. נאָך אומגלייכער, שוואַכער זענען זיי אין געדאַנק. פאַרקערט, טראַכטן זענען זיי צום ווינציקסטן מסוגל. ביי אַ ליאַדע ווינטל קרימט זיך אויס זייער געדאַנק און ער צעציטערט ס׳האַרץ. פונקט ווי די נאָז, איז ביי יעדן אַנדערש די נשמה. די נשמה איז אייגנטלעך דער גאַנצער באַלעבאָס איבערן מענטשן, אַ מאָל איז זי ד׳ער טיראַן איבער זיין ווילן. מיינע חברים האָט דערנאָך געצויגן די ווייט, ס׳אומבאַוווסטע, ווייל אויפן

אָרט זענען זיי געשלאָגן געוואָרן פון מוראס, אָבער זיי זענען סיי ווי אין ערגעץ־ווו נישט דערגאַנגען. ווייס, נישט שטענדיק גרייכט טרוים צו דער האָר. דאָס איז זעלטן־זעלטן. צו הויך זענען די שפּיצן צו וועלכע עס פאַרווייסט זיך דער צעהיצטער קאָפּ. איז מע יונג, ברענט און פלאַטערט דער מוח. און דער עיקר — מגושמדיק איז דער מאָגן צו וועלכן דער מענטש מוז זיך צוהערן. דער רוב איז צו אים אונטערטעניק און מ׳ווערט טאַקע פאַרלוירן. יענע, סטעלעשי, וואָס זענען געווען מיינע נאָענטע חברים, האָבן זיך נישט דערוועגט אַפילו ערגעץ אַרויסצופאָרן, צו מאָל פּרוון עפּעס צו ענדערן ביי זיך. מ׳זאָגט: דער וואָרעם קריכט אַריין אין כריין, מיינט ער אַז ס׳איז זיס דאָס ביטערע. זיי האָבן מורא געהאַט דעם בויך זיך איינצוקנייטשן, דעם שטערן צו דערשוויצן. ער, לעאָן מילער, האָט געוואַגט. אים האָבן גענומען לאָקן אָקעאַנען, לענדער, פעלקער, אַנדערע פירעכצער. יעדן פירט זיין אַפּעטיט. און פרעמדע וועגן, זאָלסטו וויסן, זענען ווי שכרות פון וויין, נאָר ס׳איז איידעלער. ווי לאַנג מ׳טרינקט זיך אָן מיט אומבאַקאַנטע ריחות, מיינט מען אַז דאָס איז אַלץ מיטאַנאַנד. קומט די אויסניכטערונג, דערזעט מען די גאָרע אָנפאַרביקייט, מ׳ווערט מיד. היינט, טאָכטערל, וואָלט איך עס שוין נישט געטאָן. פון זאַטקייט ווערט אומהיימלעך. קראַנטער איז דאָס פולע גליק ווען מ׳פאַרשטייט עס ריכטיק, מ׳קען עס נעמען אין די אייגענע הענט אַריין. היינט, ווען כ׳שפּיר אַזוי־אָ, פאַרשטיי איך אַז כ׳בין רייך, באמת גליקלעך. איך האָב אַ היים, אַן עשירות; כאָטש ס׳אַזאַ קנאַפּע רייכקייט, ווי מענטשן שאַצן עס, גלוסט זיך אייביק לעבן. אָפּגעיאָגט, אָפּגעשוימט די נאַיִווע יאָרן, שפּירט זיך אַז מ׳איז געקומען צום שכל — —

דאָן לעאָנאַרדאָ קוקט פאַרנעפּלט גרין אין זיין אינטימסטער ווייט און זיינע הענט גליטשן זיך איבער עסטעלאַס פולבלעכע אָרעמס:

— קינדלעבן, ס׳אי׳ ניש׳ קא׳ אויסגעקלערטע זאַך. אַ שאָד נאָר וואָס דער שכל איז אַ קריכער.

ער האָט סכנות ליב צו דערציילן פון זיך — צי דערגייט דאָס צו איר? פון מאָל צו מאָל האָט אַזאַ צווייפל אים אַ שטאָך געטאָן. „אַ נאַר דער טאַטע", קלערט זי זיך און אים איז אַ וויילע געוואָרן אומעטיק. אַן אייגן קינד און דאָך מוזסטו עס פאַרלירן. די אומגערעכטיקייטן פון גורל האָבן אים כסדר געוואָרנט (אוי, וואָס ס׳קען זיך אַלץ מאַכן, לעאָן!) און דאָס האָט אומרחמנותדיק אַ דושע געטאָן דעם מענטש. און האָט ער זיך אַרויסגעמאַכט פון

די דראָענדיקע געדאַנקען, ר׳האָט צעעפֿנט די אויגן, איז דעם טאַטן געוואָרן שניידיק קלאָר:

עסטעלאַן איז טאַקע ענג אין אָט־דעם שטח. נישט אינטערעסאַנט פֿאַר איר דעם טאַטנס יוגנט און — קענטיק — נישט אין גאַנצן פֿאַרשטענדלעך איז איר דער ענין: די וועלט. וואָס גייט אים אָן די וועלט? זע נאָר, ר׳האָט געוואָלט גליקלעך מאַכן די מענטשן און זיינע פֿריינד האָבן נישט געוואָלט מיטגיין, מיטהעלפֿן אים אין דעם. אין וואָס פֿאַר אַ שטותים דאָס „אַלט־וואַרג״ איז געווען אַריינגעטאָן! זיי האָבן אים איבערגעלאָזן אַליין. „שווער צו גיין איינער אין אַ פֿאַרלאָזענעם וועג. יאָ, יעדער פֿרעמדער וועג איז שווער. דעם מענטש איז פֿריקרע זיך צוצוגעוווינען צו לאַנגע אָנשטרענגונגען. אַצינד איז שוין גוט. אַזוי, אַזוי, מיידעלע״.

ס׳זאָגט זיך נאָר אַזוי. אין דער אמתן ראַנגלט ער זיך מיט זיינע געפֿילן. סטעלע האָט עס דערשפּירט און זיך אַ טוליע געטאָן צו אים מיט אָנגעשפּיצטקייט:

— היינט איז בעסער. ס׳וואָר, טאַטעשי?

שטאָטס אַן ענטפֿער האָט ער איר אַ קוש געגעבן מיט דאַנקשאַפֿט פֿאַר דער רו וואָס ער האָט אין איר שעה. דערנאָך האָט ער גליקלעך געקוקט צום טעכטערל, גליקלעך געשוויגן און גענעענט צו איר מיטן מידן קאָפּ. דער באַגער צו רעדן צו עסטעלאַס געהער האָט אים דאָך געשטויסן.

— פֿון דעסטוועגן — האָט לעאַן זיך אַרויסגעכאַפּט מיט נייעם זאָג — איז עס ווערט געווען, טאָכטערשי. ס׳איז אַזוינס וואָס לאָזט זיך קיין מאָל נישט קויפֿן. פֿאַרשטייט זיך, היינט וואָלט איך שוין אַנדערש געטאָן, אויב ס׳וואָלטן אונטערגעקומען אַזעלכע גלוסטונגען. וואָס רעד איך? אפֿשר וואָלט זיך גאָר נישט געגלוסט צו אַזוינס. אַז מ׳איז ווילד, קען אַנשמעקן אַזוינס. אָקערשט בין איך רייך מיט דער גאַנצענער וועלט.— און ער פֿאַלט צו צו עסטעלאַן מיטן פֿולן אָטעם:

— יאָ, יאָ, טעכטערל! — און ער טוט איר אַ קוש ווי אַ צעשטיפֿט קינד פֿון וועלכן מ׳וויל הערן אַ הילכיק געלעכטער. עסטעלאַ גיט אָבער אַ בלאָז אויפֿן טאַטן מיט אַ קאַלטן שפּריץ פֿון שפּיציקער נייגעריקייט:

— רייך ביסטו, פּאַפּאַ? — ציטערן מיט שמייכל אירע נאָזפֿליגל.

— וואָ׳דען, כ׳בין נישט רייך? — און ער גלעט איר איבער די האָר. די מיידלשע אַקסלען צוקן אויף.

— האָסט אַ ראַנטשע איז זי צו ראַנטשעס נישט גלייך, ס'וואַר, פּאַפּאַ?
— לאַכן שוין פּאַרשייט עסטעלאַס קיילעכיקע אויגן.
— אַוודאי, טאָכטער, — און דער פּאָטער פּאַלט צו מיט אַ קוש איר אין נאַקן אַריין. אים אַרט נישט וואָס דעם ווייבס ביטערניש יערט שוין אַרויס פון עסטעלאַס רייד.
— און אַן עשירות האָסטו אַ חוץ דעם — אמת, פּאַפּאַ?
— וואָס פאַר אַ פראַגע? דיך איז דען צו באַצאָלן מיט די אוצרות פון דער וועלט?
— באַשטימט, נישט אַנדערש, — שאַטנט זיך באַלד אַ להכעיס און קינדערישער פּאַראיבל אין דעם מיידלס רייד. אָבער איינציייטיק שפּירט זי אַ זיסע דאַנקבאַרקייט צום פּאָטער, וועלכער דריקט זי צו זיין ברוסט.
עסטעלאַן איז אומגעוויינטלעך ליב די שפּיל מיטן טאַטן; פון זיינע צערטלעכקייטן גיסט זי זיך אָן מיט פאַרבאַר'גענער שטאַרקייט; זי דער־שפּירט זיך יונגפרוי. עס מאַכט זי איבערפול מיט חלום פון מיידל, וואָס טראָגט זי איבער דער לייטער פון ליבע, פון חתן, פון חתונה און פון דעם רעדט מען דאָך אָפט אין איר בייזיין — כלומרשט אין געלעכטערל, אויף צו רייצן זיך מיט איר און זי, עסטעלאַ, בעט זיך, שרייט: „הערט אויף, שוין אַלץ אויסגעדאגהט?" אין דער אמתן טראַכט זי פון דעם מטושטש, כאָטש בילדער מישן זיך אין איר, עס צעפּויקן זיך קלאַנגען וואָס זי האָט פאַר־נומען שטיל־שטיל; אימפּעטיק יאָגט ס'בלוט צו אירע שלייפן. פון טאָג צו טאָג שווילן אָן אין דעם מיידל טראַכטענישן וועגן דעם; זי אַמפּערט זיך מיטן טאַטן, באַליידיקט זיך אויף דער מאַמען, ווען זיי דערמאַנען אַז זי זעט אויס כלהדיק, בעת זי שטעלט זיך אויף אירע דינע הויכע קנאַפּל. אין דער אמתן איז האַרצלעך צו פאַרנעמען ליבן קאַטאַוועס, וואָס גיסט זיך צונויף מיטן אייגענעם פילן. אַזוי־נאָך בינדט זיך צו עסטעלאַ צו דער היים, כאָטש זי איז אָרעם. אין געשלאָגנקייט פּילט זיך דאָס מיידל אַ וואַרצל פון דעם שטאַם וואָס נערט זיך מיט אַליקע זאַפטן, טריפנדיקע איר טיף אין דער נשמה אַריין.

קאַפּיטל זעקס

פעטער מאַנועל

עסטעלאַ בליט, עס כמורעט זיך דער הימל איבער איר מיידלשאַפט, אָבער זי שטאַרקט זיך ביים פעטער מאַנועל. דער פעטער האָט זיך צוגעבינדן צו איר, זיין צוגעלאָזנקייט גיט עסטעלאַן כוח, זיינע מתּנות ברענגען אַריין ליכט אין דעם נאָגנדיקן אומעט וואָס באַפאַלט איר. מאַנועל זיגל איז דער מאַמעס שוואָגער. דער מאַמעס שוועסטער גוסטאַוואַ איז אומגעקומען ביים דייטש, די מומע גוסטאַוואַ האָט מוראדיק געליטן. איינע אַליין איז זי געבליבן מיט אַ קינד; ביידע, סיי די מוטער, סיי דאָס קינד האָבן נישט געהאַט צו עסן, אין טרויער זענען ביידע קראַנק געוואָרן. פון גרויסער נויט זענען מענטשן געשטאָרבן אין געטאָ. אין דעם ווייטן וואַרשע האָט מען אַ סך גאַסן אַרומגעצוימט מיט שטעכלדראָט און מענטשן זענען הינטער זיי געפייניקט געוואָרן אויף טויט! עס איז אַ פּחד צו שטאַרבן, צו שטאַרבן יונגערהייט, אויסצוגיין איינזאַם. עסטעלאַ האָט שוין געהערט פון די דאָזיקע ליידן, אויך שוין געלייענט דערפון. און ס'ווערט אַ מאָל שרעקלעך צו קוקן אויף אַזאַ וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דאָרט. ער ווייס צופיל פון טויט. פעטער מאַנועל איז אַנטלאָפן פון דייטש, ער האָט געוואָלט דערנאָך אַרויסציִען פון ד אָ ר ט אויך די מומע גוסטאַוואַ מיטן קינד — די געטאָ איז שוין געווען פאַרשפּאַרט. די מערדערס האָבן געהיטן דעם טויט אַז ער זאָל נישט אַנטקומען, ער זאָל וואָס מער בייסן און רייסן שטיקער פון די געטאָניקעס. די דייטשן האָבן זיך געשפּילט מיטן טויט און די ייִדן האָבן זיך געמוזט צוקוקן דערצו. אַ מוראדיק געוויין איז געווען איינגעצאַמט הינטער די ווענט פון געטאָ — זאָגט פעטער מאַנועל. אָפּגעשניטן די מענטשן פון דער וועלט! כאָטש צעשלאָג זיך דעם קאָפּ אָן די שטעכעדיקע דראָטן.

„מערדעריש איז דער גורל" — — אוי, אוי, בייז איז דער גורל! פעטער מאַנועל האָט עס אַ סך מאָל איבערגעחזרט, ווען ער האָט געוואָלט דער מאַמען דערציילן פון איר שוועסטער גוסטאַוואַ. די מאַמע פאַרגיסט טרערן אַלע מאָל ווען זי דערזעט פון פענצטער דאָס אָנקומען פון דעם גרעאַטעוועטן שוואָגער. ווי, וויפל מענטשן ס'זענען אויסגעשטאָרבן אין געטאָ — און ווי אַזוי? דאַכט זיך, פאַמעלעך האָט עס זיך אָנגעהויבן, נאָר גרויליק גיך האָט געגומען שורעווען ס'יידישע בלוט. דערנאָך זענען די מענטשן שוין געפאַלן ווי אונטערגעשניטענע. מ'האָט זיך קנאַפּ אומגעקוקט ווען די מענטשן זענען געבליבן ליגן אין מיטן גאַס, זאָגט ער. אַ גרויסע שטאָט איז איינגעקאָר־טשעט געוואָרן ווי אַ טונקל צאַרניקע פויסט און די מענטשן, אַלע יידן אַרייַנ־געקוועטשט אין דער פויסט! לוויות האָבן זיך געצויגן פון פרי ביז בייַנאַכט. און צומאַרגנס פון ס'ניי לוויות. לוויות אָן באַגלייטערס, אָן געקלאָג פון היימישע, אָן דעם שווערן באַדויער פון די לעבנס וואָס זענען אַזוי טרויעריק איבערגעשניטן געוואָרן. ערגער ווי אין אַ היגטישער סטייע איז געוואָרן די וועלט פון געטאָ, די וועלט פון די דייטשן און פון אַלע גויים. הינט וואָיען, אַז זיי שפּירן דעם טויט אין דער נאָענט. פון געטאָ זענען נעלם געוואָרן אַפילו די הינט. הפנים, זיי האָבן נישט געקענט ליידן אַזוי פיל פון דער פּיין וואָס מ'האָט געבראַכט אויף מענטשן. ביי יידן איז געווען אויסגעריסן ס'גאַנצע האָרץ, און אפשר איז עס פאַרשטיינט געוואָרן פון אומגעהייערן ווייטיק? פון באַמבעס, פון פייער זענען צעשטערט געוואָרן אַ סך שטעט, אָבער דער רוב לענדער האָט געהאַט פאַרשטאָפּט די אויערן און פאַר־שטאָכן די אויגן פון שינאה און לעבעדיקע מענטשן האָט מען אָן אַ פאַר וואָס געטריבן צום שטאַרבן. אין מחנות האָט מען אונדז געטריבן צו די טויטן־גריבער, געזונטע, לעבעדיקע, אלאַ צעפּייניקטע — — פחדימדיק איז דעם פעטער מאַנועלס געשיכטע. איינער אַליין איז ער אַנטלאָפן פון סכנה. ס'האָט אים געיאָגט ווייט־ווייט, איבער ים, איבער צעשראָקענע פרעמדקייטן. ערשט איז ער אין גאַנצן אָפּגעריסן פון ד אָ ר ט. וואָרשע איז מער נישטאָ, ווי עס איז נישט געוואָרן די מומע גוסטאַוואַ, וועלכע איז פונקט ווי די מאַמע געווען טונקל־בלאָנד, מיט דער מאַמען איין הייך און די אויגן בלאָ, ווי די פענצטער פון הימל, — זאָגט דער פעטער מאַנועל. „אין אַש האָט מען זי פאַרוואַנדלט, דיין גאָלדענע מומע גוסטאַוואַ און דאָס אַש האָט אַוועקגע־טראָגן דער ווינט".

אומעט האָט זיך געשטעלט אין שטוב, כאָטש מ׳האָט זיך געפרייט מיטן פעטער וואָס וויס אַלץ פון דאָרט, איידער אַלץ איז איינגעזונקען געוואָרן אין קבר־פינצטערניש, וואָס ייִדן אַליין האָבן געמוזט עפענען פאַר זיך.

אוי־אוווי־ווי, ס׳אַרע אומגליק, אַז מ׳מוז זיך צוקוקן צו אַזוינס! אַז די שיינע שטאָט וואַרשע סטראַשעט מיט בית־הקברות, אומאָפּמעקלעכע חור־בות! —

טריבקייט האָט זיך געשטעלט אין די מאַטאַדעראָסער צימערלעך פון דעם־אָ רעדן און טראַכטן. אין די ביינער האָט אויפגעשווידערט אַ קעלט, גלייך דעיערדיקער רעגן וואָלט זיך צעפויקט הינטער דער וואַנט. דער בליק האָט געוויכט פון די פענצטער.

די מאַמע קלאָגט, די מאַמע קען נישט פאַרגעסן ס׳געשעענע און זי לאָזט נישט אַוועק דעם פעטער מאַנועל, ווען ער וויל אַוועקגיין; זעט זי אים, ווײנט זי און האַלט אים אָן: „מענדל, וואָס איילסטו זיך? מענדל, טו מיר אָן ס׳פאַרגעניגן. מענדל, אַפילו דו וועסט וועלן, וועסטו נישט קענען מיך פאַרלייקענען: כ׳בין דאָך דיין שוועגערן!״ — און צעכליפּעט זיך און די שטילקייט וואָס האָט זיך איינגעקוקט אין איר, האָט מיטגעהעשעט.

— איינער אַליין, גאָר אַליין איז פעטער מאַנועל איצט אויף דער וועלט!

— האָט וויינענדיק געקוקט אויף אים די גאַנצעטשקע שטוב, די טונקל־גלאַנציקע שענק, די ווייסגעדעקטע טישעלעך מיט די וואַזאָנעס, די פאַר־בליפטע פאָרהאַנגען. די געקאַלעכטע ווענט האָבן זיך איינגעהאָרכט אין זיי־נע רייד און זיך געשושקעט: „דער פעטער איז אויף אַן אמת עלנט. אַ גרויס רחמנות אויף אים״.

— ווי בלאַס ער איז, מאַנועל! — דערזעען אַלע מיט אַ מאָל.

אין הויז איז אַלעמען געוואָרן אַ רחמנות אויף דעם שטילן מענטשן. קוים ער לעבט. ער האַנדלט צוביסלעך. אַ סך באַדאַרף ער נישט, טענהט ער צו דער מאַמען. אַ סך וויל ער נישט. מע־סטנס הרגעט ער אַוועק די ליידיקע צייט אין קאַפעהויז. אַ קאַווע־טעפּעלע גליוועדט פאַר אים. רק עס בלאַנדזשען אַרום זיינע גראָע אויגן און ער איז שווער אויפן וואָרט. עס זעט אויס: אַלץ וואָס ער ווייסט, לאָזט ער פאַר עטעלאַס מאַמען; שוין אַ סך איר געזאָגט, און ער האָט נאָך צו דערציילן, אָבער עס שטיקט אים, גלייך ער וואָלט נישט געווען מסוגל אויף אַ מאָל אויסצושעפּן אַלץ פון זיין

געדעכעניש. שבת פאַרנאַכט, ווען לעאָן איז אין דער היים נאָך דער פאַר־
ענדיקטער אַרבעט־וואָך, קומט מענדל אַריבער קיין מאַטעדעראָס. ער
עסט צוזאַמען מיט דעם משפּחהלע און אויך זונטיק ביז ער זיין מיט זיי.
באַשיימפּערלעך, רעדן איז אים דערווידער. אַ גלייכער געדאַנק ציט אים נאָך
ערגעץ־ווו. באַגעגנט ער זיך נאָך דער מאָלצייט מיט דער שוועגערן — און
איר האַרץ זוכט אים כדי אַראָפּצורעדן זיך פון אירע שטומע פלאַטער־
נישן — אָ, דעמאָלט צעבינדט זיך ערשט זיין צונג. ביז ד אָ ר ט איז זיין
רעדן. לעאָן ליגט גראָד אויסגעצויגן אויף רו, די „קליינע” האָט זיך אויך
אַוועקגעשאַרט אין אַ ווינקל אַריין. און ווייטיקלעכן שמועס מיט דער שווע־
גערן לייזט זיך אויף מענדלס גליווערנדיקע מחשבה: בע, צו וואָס אייגנטלעך
באַדאַרפט זיך אָנקניפּן אין דעם־אָ פּאָדעם? באמת האָט שוין גאָרנישט קיין
ווערט נאָך דעם מאוימדיקן געשעען. האָט דען דער יחיד אַ באַטייט פאַרן
אַרום, ווען ער קען זיך נישט באַווייזן ווי אַ וו י כ ט י ק ע ר, בעת ער איז
בלויז אַן איינגעטרוקנטע קאָרע, אָן זאַפטן פון וואָרצלען? טאַקע נאָר אַן אי־
בעריקער איז ער סיי פאַר זיך, סיי פאַר יענעמען. בערטע, דערפאַר נישט
געקלערט זיך צו פאַרנעמען אויף אַ נייעם דרך — חתונה האָבן, ווי עס פּירט
זיך אַז אַ מאַן בלייבט יונג פאַראַלמנט. אויב זיין ערלעך, מוז ער איר זאָגן:
מ׳האָט אים שוין געשדכנט — אי אונטערוועגס, אין די פּליטים־לאַגערן
ווו ער האָט זיך געוואַלגערט, אי דאָ, אין די נייע מקומות, וווהין ער איז
געקומען עסן ברויט. ר׳האָט באַלד איינגעזען: נישט כדאי געווען אַלצדינג,
— האָט ער ביטער אויסגעשמייכלט. ס׳אַ לעבן ווי אין אַ ליימגרוב; וועסט
זיך פון צער שוין קיין מאָל נישט אַרויסדראַפּען — —

עפּעס אייגנס האָט ער פון דעסטוועגן דערפילט אינעם הויז פון מאַ־
טאַדעראָס. די מענטשן האָבן אים בפירוש געוואַרעמט. משפּחהדיקס געפּו־
נען? ער ווייסט מער נישט דעם נאָמען פון אַזאַ געפיל. און אפשר שוין אָפּ־
געווינט זיך דערפון. יאָ, ס׳איז גוט ווען אין דער פינצטערקייט פינקלט
אויף ערגעץ אַ ליכטל. אין זיין איינזאַמקייט ציט ער צו לעאָנאַרדאָ מילערס
הייזקע אין דער הינטערשטאָטישער געגנט. עסטעלאַס מאַמע איז אים אַ
ווייטיקלעכע דערמאָנונג נאָך דעם פאַרפלייצעניש וואָס האָט אים אַרויס־
געוואָרפן אויף אַ פרעמדן ברעג. אַוודאי, בערטע איז אים צום נאָענטסטן,
כאָטש זי רירט זיך צו אָפט צו זיין בלוטנדיקער וווּנד. אויך די קליינטשיקע
איז אים אַן אָנלען פאַר זיין לעכצנדיקן טרויער.

„אַ הערעוודיק האַרץ גיב פאַר מיין ווײ, אַ האַנט צו פירן די נאַכט וואָס לעבט אין מיר!"

*

אַ מאַנספּאַרשוין אַ ברייטבייניקער, אַ הויכער, שפּירט ער ווי דער אָנגעבאַקענער ווייטיק טייעט אויף אין אים איטלעך מאָל ווען ער טראַכט פון זיין קינד — קוקנדיק אויף דער־אָ. ווי זי, עסטעלאַ, — איר צו לענגערע יאָרן! — וואָלט זיין שיינדעלע איצט געווען אַ דערוואַקסן מיידל, אַ חנעוו־דיקע מיט שעמעוודיקע ווייעס איבער די קלוגע, רעדעוודיקע אויגן. זיין גאַנצע פּאַטערישע ליבשאַפט הענגט ער אָן אין עסטעלאַן, דעם קינד פון זיינע נאָענטסטע. קויפט ער אַ מתנה פאַר דעם מיידעלע, טראָגט ער עס איר צו ווי ר'וואָלט עס געגעבן זיין שיינדעלען, דעם שיין אונטערגעוואקסענעם מיידעלע, וואָס לייכט אויף אָקערשט אין אים, צעיומטובט זיין גאַנצן מהות.

— ס'געפעלט דיר? נעמ'ס, און צערייס עס געזונטערהייט.

אַ שטראָם וואַרעמקייט דערגייט צו עסטעלאַן פון דעם פעטערס בליק און זי בינדט זיך מער צו צו אים.

אַ לענגער שטיקל צייט געווען אַזוי —

דער פעטער קומט, דער פעטער גייט. זיין צערטלעכקייט איז אַ דויע־רעוודיקע און עסטעלאַ שפּירט: צום מאַנצביל ציט עס איר שטאַרקער, טיפער; אויך מער צום טאַטן ווי צו דער מאַמען, צום פעטער מאַנועל מער ווי צום טאַטן.

אין אַן אַנדער ליכט האָט זיך איצט געשטעלט עסטעלאָס טאָג, אַנ־דערש איז אָנגעטראָטן די נאַכט: אינטענסיווער, מער העל.

מיט אַ מאָל האָט זיך אַלץ איבערגעאַנדערשט.

מאַדנע: אויך פרוי סוסאַנאַ איז איר נישט די זעלביקע וואָס פריִער. ווי תמיד אַן אָנגענעמע, אָבער נישט די וואָס געווען. צו מאָל האָט עס־טעלאַן אויסגעוויזן ווי גראָד פאַר איר האָבן אײסגעבליאַקירט אַ סך שיינע אוצרות.

נישט זעלטן פאַרטראַכט זיך דאָס מיידל. זיך אַליין זוכט זי, זי ווי זי געדענקט דאָס דירעוודיקע מיידעלע פון מאַטאַדעראָס. אָפט מאָל וווּנדערט זי זיך, וואָס זי דערזעט די זעלביקע עסטעלאַ אַן אומגעדולדיקע. אָ, זי איז

דאָך שוין פרוי! — כאַפּט זי זיך מיט אַ פאַרהוילענער אַנטציקונג. די דאָזיקע שפּירונג גייט־אויף אין איר מיט שטאָלץ און — מיט אַ שאָטן פון באַזאָרגטקייט: „וועמען וועט זי זיך פאַרטרויען? דער מאַמען? זי שעמט זיך! אַ חברטע? זי׳ט זי אויסלאַכן" — — אין שוויגן האָט זי ליבערשט פאַרביסן סיי דעם נייעם געפיל, סיי דאָס ברויזיקע טראַכטן.

*

יאָ, פּנים־אל־פּנים מיטן פעטער מאַנועל אַנטדעקט זי אין זיך דאָס פאַרצאַפּלטע האַרץ. איר איז אַ רחמנות אויף אים, זאָגט זי זיך. אַזאַ גרויסער, צוויי מאָל אַזוי הויך און ברייט ווי דער פּאַפּאַ און ער איז אַזוי אַליין! פאַרקלערטערהייט קען ער שעהען־לאַנג אָפּזיצן איבער אַן אָפּגעקילט טעפּעלע קאַווע. אין אַזאַ גרויסער שטאָט וואַלגערט ער זיך אַן איינזאַמער אין אַ קליין צימערל, מיטיקט איינער אַליין אין אַ רעסטאָראַן, אַליין מוז ער זאָרגן פאַר זיינע טאָג־טעגלעכע זאַכן. לאָקט עסטעלאַן דערפאַר דעם פעטערס קומען צו זיי. אין זיין אויסזען וויל זי קאָנטראָלירן דעם אמת פון אירע אויסדאַכטענישן. אוממאַנצביליש איז אַזאַ לעבן! און ס׳איז שטענדיק טריב אויף דער נשמה. מ׳זעט עס אין זיינע אויגן. קומט ער קיין מאַטאַדעראָס, ווערט אים גוט. ריכטיק. און אָפּט ווייזן זיך זיינע מתנות. מיט יעדן בלוזקעלע, מיט יעדע פּאָר זאָקן, וואָס פעטער מאַנועל ברענגט אין שטוב אַריין (מערסטנס נאָר פאַר איר: „נאַ, כ׳האָב געכאַפּט אַ מציאה! געזען אַזוינס, וואָס ט׳מיר שטאַרק געפעלן, האָב איך נישט געקענט אַוועקגיין דערפון". „ס׳שייך, אמת? און ס׳עט זיין פונקט אויף דיין מאָס"...), וועקט ער אין מיידל אַן אויסטערלישע ליכטיקייט. ס׳איז אַזאַ אומבאַגרייפלעכע שפּירונג וואָס גיט אַ ליבן ברי. ווייכט ער אַ מאָל די קליינע, כדי צו ווייזן ליבשאַפט אויך איר מאַמען — „דיין געבוירנטאָג היינט, בערטע, איך געדענק", זאָגט מאַנועל זיגל — צאַפּלט שוין די ברוסט ביים פרוישן קינד עסטעלאַ. זי ווייסט נישט דעם נאָמען דערפון, אָבער אין לשון פון די דערוואַקסענע האָט דאָס־אָ אַ שאַרפע קאָליר: אייפערזוכט. עסטעלאַ ווערט בייז אויף דער מאַמען, זי האַסט שוין דעם פעטער און זי באַהאַלט זיך אויס מיט איר נאָענטן געוויין. „זי זעט שוין: אַלץ איז זיי ווינציק, די גרויסע". לסוף פאַרטראַכט זי זיך וועגן דעם פעטער: אַ ריטער האָט זיך אויפגעהויבן

פון די וויטסטע רוינעס, ליידן האָבן אויסגעאיידלט זיין האַרץ און דאָס דאָזיקע האַרץ לייכט נאָר פאַר איר, דער טאַטער פון דער פאַרלוירענער היים — און זי, די מאַמע? אויף רגעס האָט איר יוגנט ווידער אַ מאָל אויפ־געשטראַלט. בערטען פלעגן פייכטלען די אויגן. טרויעריק און אויך פריילעך איז איר געווען, ווען דער שוואָגער מאַנועל האָט פאַר איר אויפגעהויבן די געזונקענע טעג, זיי צוריקגעקערט לעבן; ער ברענגט אַזוי פיל דערמאָ־נונגען! עס ווילט זיך ווײנען פאַר דער גוטסקייט דעם אַמאָלס און עס ווילט זיך רייסן פון זיך דאָס האַרץ, הלמאי עס איז געשען אַזוינס, אַזוינס!

— ששאַ, שאַ, נישט נאָר אונדזער אייגנס איז די בראָך. ס׳האָט נאָך עמעץ רשות צו רייסן פון זיך די הויט, הלמאי עס איז אָן אים געשען דאָס געשעענע — איז כאַפּ נישט, ליבענקע. און דער יום־טוב היינט איז אויך אונדזערער — פאַרשטער־זשע אים נישט, מאַדאַם! מ׳קען דאָך נישט איי־ביק אַרומגיין מיט געוויין, ווען מ׳וויל אַז ס׳אייגענע קינד זאָל זיך קענען אַ מאָל אויסשמייכלען.

דאָן לעאָנאַרדאָ האָט עס אַזוי געטרייסט דאָס ווייב אין איר געבוירנ־טאָג, וואָס דער שוואָגער האָט אומגעריכט דערמאָנט. אין אומעט האָט מען באַנאַנד זיך געמאַכט פריילעך ביי אַ גלעזל וויין — פאַר בערטעס לאַנגן לעבן, פאַר מענדלס אויפריכטונג, פאַר, פאַר...

אין מיטן לעאָנס ווינטשן האָט עס מענדלען אַ שנייד־געטאָן אין די אויגן. ער האָט זיך אויפגעהויבן אַ צעקלעמטער. עסטעלאַן האָט ער עפּעס נישט געזען ביים טיש.

— ווו איז די קליינטשיקע? — האָט דער פעטער פלוצלינג אַ פרעג־גע־טאָן. אַן אויסבאַהאַלטענע געפינט ער עסטעלאַן, ער בעט זי איבער מיט אַ גלעט:

— כ׳האָב נישט פאַרגעסן אויך אָן דיר, מיידעלע!

— ס׳גאָרנישט, — שעמט זי זיך — זי פאַרשטייט. — און ווישט די אויגן. טאַטע־מאַמע טאָרן עס נישט באַמערקן.

דערנאָך מוסרט זי זיך שוין אַליין:

זי איז יונג, ער איז עלטער, — עס מאַכט נישט אויס — און אונטער אומגעריכט פראַלנדיקער פריילעכקייט וויל זי זיך פאַרשרייען: דער פעטער איז געקומען, וועט זי נישט זיין אומעטיק. ס׳איז פריקרע אַזאַ טראַכטן — — עסטעלאַ ווערט ערנסטער, מעשה־פריילן. מיטן פעטער מאַנועל שפילט

זי זיך שוין נישט אַזוי ווי מיטן טאַטן. אויפֿן פּעטערס שויס זעצט זי זיך אויך נישט.

אַנדערש, ציטערדיקער, שפּירט זי ווען דער פּעטער מאַנועל רירט זי אָן ביים אַקסל, ווען ער פּירט די האַנט איבער איר קאָפּ.

פֿון פּעטער מאַנועל חלומט זי אַ מאָל אין אירע יונג-מיידלשע נעכט. מיטן פּעטער גייט זי אויך שפּאַצירן אין שטאָט, עסטעלאַ, און דער פּעטער פּירט זי אָפּ אַהיים, ווי אַ קאַבאַזשעראָ* פּירט אָפּ זיין דאַמע.

נעבן דעם פּעטער מאַנועל איז ביסלעכווייז אויסגערונען עסטעלאַס קאַפּריזנער אומעט, באַשר דער טאַטע איז נישט רייך; נעבן פּעטער מאַנועל, וואָס האָט איר אויך שוין געלאָזט נייען קליידלעך, געקויפֿט שיך (מתנות, מתנות!), איז ס׳מיידל אַרומגעגאַנגען אין שלייערן פֿון נאַגנדיקע בענקענישן און זי האָט זעלטענער אויסגעשאָסן מיט איר פריילעכן געלעכטער.

---

* קאַוואַליר

קאַפּיטל זיבן

סעניאָריטאַ עסטעלאַ

ווי מיט די טריט פון אַ בלינדן, האָט מאַנועל זיגל פון זיין יאָרן־לאַנגן עלנט פּאַמעלעך זיך דערקליבן צו דער קליינער עסטעלאַ. מיט אַ נישטערן, מיט אומזיכערקייט זיך דערקליבן און נאָך אַלץ געהאַט ס׳געפיל ווי ער וואָלט אָנגעקומען צו דער נישט ריכטיקער סטאַנציע: „זאָל ער פאָרן פון דאַנען, צי...?" ס׳האַרץ זאָגט, עס טומלט. ווידער וועט ער מיזן וואָגלען. אויסטערליש, פּרעמדלעך האָט אין אים אָפּגעברומט דער נאָמען: „פּעטער מאַנועל".

ער? עפּעס נישט מעשה־פּעטער זעט ער זיך פּנים אל פּנים מיט דעם מיידל־קינד, וואָס האָט אים געגומען לאָקן. ער האָט נישט קיין רעכט אויף דעם — האָט אין אים געשריגן דער בר־דעת, — און עס איז אָן שום אָנשפּאַר פאַר אים; נישט קיין קרובהשס האָט ער אויסגעהאָדעוועט ביי איר (אַזוי ווינציק איז ער אין לאַנד!) און ער גופא פילט נישט דאָ קיין היימישס, וואָס וואָרעמט טיף, ווייט זענען אויך די הימלען, וואָס טיילן זיי פונאַנ־דער. בלב ונפש זיצט ער נאָך אין פּוילן, יענע שטעט און פעלדער מיט זייער שטילן געבברום זענען אין אים אַריינגעוואַקסן — כאָטש די מקומות די דאָרטיקע שרעקן אים אַצינד. זי — אַ שפּראַץ אַן אַרגענטינער און די צונג, דאָס לשון אירס איז נישט דאָס אייגענע וואָס זיינס. אַ מויער הייבט זיך צווישן זיי. זי שאָטנט אים אָן אַ קילקייט. מענדלען ווייזט זיך אויס: ער וועט אָנציִען אַפילו נאָך אַ לעבן אַ גאַנצס און דעם מיידעלעס לשון וועט זיך נישט לייגן אויף זיין צונג. שבתדיקייט באַגלייט אים צו מאָל אין טרויער. דעם טאַטנס שבת פירט דאָס וואָרט פון זיין קעל, בעת פון עסטעלאַס רעדן הערט זיך אַ פעלדישקייט, עס טריפט ווי פון אבר מן החי. זי איז עס נישט שולדיק. ער זעט דאָך ווי דאָ גייט עס צו. און אירע רייד קומען פון אָט־די

קוואַלן. מדברדיקס איז אָנגעווייעט אויף דעם היגן שטייגער. פלאַמיק איז ס'הי־געבוירענע. אַ ווייל מיידעלע, נאָר ער האָט מורא, אַפילו ווען ר'זאָל וועלן זיין אַ טאַטע צו איר, נאָר אַ טאַטע, נישט קיין מאַן — — מענדל, נענדל, אַנטלויף, גיסט ער אַליין זיך אָפּ מיט אַ צעבער קאַלטס. — גאַנצע פּאַסן בלוט־רינענדיק פלייש וואַרפט מען דאָ אויפן טעלער, לעבעדיקער־הייט בראָט מען עס אויפן פלאַקערנדיקן פייער אונטערן פרייען הימל; עס דערקוויקט דעם זשעדנעם גומען און אַליין ברענט מען אויך אין דער נאַקעטער זון. אַזאַ איז דאָס פירעכץ! שווער צו גלייבן אַז ער זאָל אויף אַן אמת האָבן דאָ געפונען אַ היים. לפחות איז זיין נשמה שוין פאַרמשפט צו נעוונדקייט.

אומעטיק איז דאָס טראַכטן, ווייטיקלעך דאָס אַליין־שמייסן זיך, ס'אַרויס־טרייבן זיך פון דער מאַטאַדעראָסער שטוב — אָבער עסטעלאַ הייטערט אים דאָך אויף. שטענדיק, ווען זי קומט אים אויפן זינען, לייטערט זיך זיין געמיט, און ער פאַרלירט זיך. אין סך־הכל בלייבט ער צעחושט: וואָס טוסטו, מענדל שוטה! איז דאָס דיין וועג, דער וועג צו עסטעלאַן? מיט אַ מאָל האָט ער זיך גענומען מאַטערן מיט פראַגעס, מיט טענות־נאָכקלערענישן: ווי קומט ער צו א י ר ? מסתמא אַן אויסדאַכטעניש איז דאָס וואָס טליעט אויף אין זיין ברוסט. און שוין מערערע מאָל האָט ער געפּרוּווט זיך דערווייטערן פונעם הויז אין מאַטאַדעראָס. ער באַדאַרף עס נישט, ר'טאָר נישט קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אַריין. און צוריק גערעדט: דעם מיידל איז ער אַפילו נישט קיין פעטער. ס'אַ ליגנעריש געפיל, אַ משוגעת. אַ פעטער איז ער איר? מענטשן האָבן זיך צו אים צוגעקלעפּט. נאָך מער — איז ער אַליין צו זיי צוגעשטאַנען. סתם פלאָנטערט ער זיך. גענוג! אַ שמע־קולנו אים איינגעפאַלן. היימישקייט געפונען? ווידער זי, עסטעלאַ, איז בלויז אַ תירוץ פאַר אַן אומזיסט דולעניש. ביי איר קינד־זיין נישט בייגעוועז און איר דערוואַקסנקייט ברענגט אים נאָר יגון־ואנחה. אים שרעקט עס. יאָ, דאָס באַהאַלטן זיך מיטן האַרצקלאַפּעניש צו איר, איז דער פּלאַם פון דער־אָ שרעק. ער איז נאָר בלינד דערויף. דאָס איז דאָס וואָר־האַפטיקע וואָס יאָגט זיך נאָך אים. אגב, ער טאָר נישט גרייכן צום מיידעלע. זי איז צו יונג פאַר זיין אָנגעשוואָלענעם ערנסט. צו שיין איז זי און...

אַוודאי, דו ווילסט זיך צו נאַר מאַכן? דו — אַ פערציק־יאָריקער, זי — אַ זיבעצניאָריקע!

דאָס גאַנצע איבערקלערן העלפט אָבער נישט. און נישט גיין קיין מאַטאַדעראָס איז אוממעגלעך. לעאָן באַליידיקט זיך, אויב ער ווייזט זיך נישט, בערטע קלאָגט: פֿאַלש איז אַפילו דער נאָענטסטער! אַן אייגענער שוואָגער וויל נישט שטילן אירע יסורים; קומט ער, הערט זי אין זיין שטים די לעבעדיקע היים, עס פֿאַרשווינדט דער תּהום פֿון דער פֿאַרציקנדיקער וואָר. דער געוועזן ווערט דויער, דער נעכטן איז איצט. קענטיק, די מענטשן ליידן אויף אַן אמת, צוגעבונדן זיך צו אים. פֿאַרקערט איז מיט איר, דער קליינער עסטעלאַ. זי איז בייז אויף אים און זי לאַשטשעט זיך. קאַפּריז זענען די איין־איינציקע, די דאָזיקע וואָס האָבן נישט אָפּגעשפּירט דעם נסיון פֿון גרוילן. זי שווייגט להכעיסדיק, ווען ער באַגערט צו הערן איר מילדן מורמל; אַז ער קומט, פּאַכעט כעסדיק איר שטומקייט גלייך אים אין פּנים אַריין, זי בעט זיך און שרייט אינאיינעם: „שלעכטער, ביסט אַ שלעכטער! ווילסט נישט באַנעמען ס׳ציִעניש פֿון מיין האַרץ. אַ קינד, מיינסטו, בין איך, מיך באַדאַרף מע נישט זעען?” גיי, ווייס ווי אַזוי צו זיין צו איר, אַז זאָלסט זיין אַן אייגענער אויך צו איר טאַטע־מאַמע! יעדעס מאָל האָט פעטער מאַנועל אַ שווער לייענען מיט עסטעלאַן. זי מיידט אים אויס, זיצט אַן אַ זייט, ברוגזט זיך. דערנענטערט ער זיך צו איר: „קינדעלע” — האָבן טענה אירע אויגן, דער בליק שטראָפֿט, די שטומקייט — זי שלאָגט אים, צי זי בעט זיך? ער ווערט צעטומלט, מענדל זיגל און זיין האַנט ציט זיך צו גלעטן דאָס קעפּל, וואָס טראָגט אויס אַ שטורעם פֿון רייצנדיקע רעיונות פֿון ליבשאַפֿט און אומווילן. קען ער עס וויסן? אַ צעמישטער גייט ער אַוועק פֿון עסטעלאַן צו די עלטערן, ברענגט אַרויס אַ מטושטעשן שמייכל וועגן איר קינדישקייט. און פֿאַרט ער צוריק אין זיין קליין צימערל אַריין, שלאָגט אים אַנטקעגן אַ האַרבערע פּוסטקייט, ווי פֿריִער.

נישטאָ קיין עצה. ער מוז קומען קיין מאַטאַדעראָס. עסטעלאַ פֿירט אים, עסטעלאַ רייסט פֿון אים שטיקער. זי רעדט נישט. איר האַנט גייט איבער זיין אָרעם, אירע אויגן גייען אים נאָך מבולבלע:

— פעטער מאַנועל...

— וואָס, קליינטשיקע?

ער וויל נעמען איר פּנימל אין זיין האַנט אַריין, זי קערט אָפּ דעם בליק. פֿון אַ זייט קומט איר פֿרעג אין ציטער:

— ביסט אַ גוטער?

— ניין, אַ שלעכטער, — ענטפערט שפּילעוודיק זיין להכעיס.

— אַוודאי, אַ שלעכטער! — ציט זי אויס אַ שנעבעלע און די אויגן ווערן פול, פול. זייער גלאַנץ רירט אים, דעם מאַנצביל.

— דו ביסט שולדיק, — זאָגט ער שוין און זיין מינע קרימט אויס ביי איר אַן ערב־געוויין. לסוף שטאַרקט ער זיך: — מאַך, איך זאָל זיין בעסער. דו קענסט עס.

בפירוש: זיין ברוסט לעכצט אונטער אַ משא.

— גיי, גיי! — כאַפּט זי זיך דעמאָלט אַרויס מיט כמורנע, שעמעוודיקע ר׳ייד — ווידער וועסטו לאָזן לאַנג וואַרטן אויף זיך?

אַ סך קען ער נישט זאָגן. שטום איז דער ים, כאָטש ר׳ליגט האַרט אַנט־קעגן ברעג; שטום ווערט די מענטשישע צונג פאַר אַלץ, וואָס לייגט זיך איפן האַרץ.

— ביסט אַ טייער מיידעלע, — זאָגט ער און זיין בליק דריקט אים.

טאַטע־מאַמען איז אַוודאי גוט וואָס מאַנועל קניפּט זיך מער צו צו זייער שטוב. כאָטש העכער צוויי צענדלינג יאָרן דאָ, שפּירן זיי ווייטיקלעך אַז זיי זענען נאָך אַלץ אָפּגעריסענע פון דעם אַמאָליקן וואָס איז אין זיי איינ־געבאַקן. זיי האָבן זיך נאָך נישט געפונען. עלנט גייט־נאָך פוסטריט די אָרעמע. דער שוואָגער איז זיי אַ דערפרייונג פאַרן האַרץ, הגם ער איז אַ סכנה־שאָטן פון די אימהדיקע שריפות וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט ד אָ ר ט און זיי טליען אַן אויפהער, די שריפות און די טויטן, אין די ספּאַזמען פון געדעכעניש, זיי וועקן זיך אין בערטען און לעאַנען מיט הויט־רינצלענדיקן געפּאַך. לפנים דערשטיקן זיי עס אין זיך, כאָטש דאָס טויכט אויף אַלע מאָל און ס׳רופט. דערפאַר די אויסטערלישע צוגעבונדנקייט זייערע צו מענד־לען: ער וועט זיך נאָך עפּעס דערמאָנען, ער׳ט אין אונדז עפּעס אָפּפרישן — — אין אויסקוק אויף מענדלס קומען, לאַכן פון דעסטוועגן טאַטע־מאַמע פון דער „קליינער״:

— דער פעטער, זאָגסטו? בחינם ס׳וואַרטן. היינטיקע וואָך וועט מאַ־גזעל נישט קומען. ר׳איז שטאַרק פאַרנומען, דייך פעטער — האָבן זיי בכיוון צוגעטראַכט אַ ליגן — ער האָט צו דערליידיקן געשעפטן. און אפשר נישט דאָס. ס׳בלויז אַ תירוץ. ביסט אַ מיאוס מיידל, האָט ער אַנומלט געזאָגט,

אָבער דיר האָט ער עס נישט געהייסן זאָגן — דו דערגייסט די יאָרן, נאָר ר׳ווילן דיך נישט באַליידיקן, פאַרשטייסט?

—ר׳עט זיכער נישט קומען, דער פעטער, האָט עסטעלאַ שוין באמת זיך געשראָקן — אָבער נישט מחמת זיין פאַרנומענקייט. אין דעם זענט איר שולדיק, וויעכאָס!* אַז שטענדיק דערציילן זיי אים מאַנסעס. גוט אַזוי, — האָט זי זיך גערייצט מיט טאַטע־מאַמע. איר וועט שוין זיצן אַליין. איכ׳ל גיין צו אַ חברטע. — אַזוי זענען איינע אויף די אַנדערע געוואָרן אָנגע־דראָדלט מחמת מענדלס נישט ווייזן זיך פון שטאָט.

— ר׳האָט עס געגנוג! — איז ס׳מיידל אַ מאָל אַרויס אויך מיט באָסט. שטענדיק קריכט איר אַרויס מיט אייער נודאָטע. — עסטעלאַן האָט זיך טאַקע געוואָלט אָנשרעקן די שטוב. זיי ווידער האָבן זייטיק געקוקט אויף דער טאָכטערס פלוצלינגער אָנגעכמורעטקייט און נאָכגעשפּעט די העוויות פון איר צעפּיעשטשעטקייט.

דער אמת איז אָבער, — האָבן זיי אַלע זיך ערשט אַרומגעזען — אַז מיט מענדלס קומען, ווערט רעכט היימלעכער אין הויז יואָס שטייט אין פאַר־וואָרפנקייט, אָן אַ זייט פון בוענאָס איירעס, וועלכע מיניעט און פרייכט פון שטאָטישער איבערגעוואָקסנקייט. נישט ווילנדיק ווייזט זיך אויס די מי־לערס אַז די שטאָט מיט די הויכע מויערן, מיט די אייליקע משאות וואָס קריכן אויף הייזער־גרויסע אויטאָס איבערן גאַסן־געפּלאָנטער חוזקט פון זייער שלעפּעריקייט. ווי אַ פאַרשפּעטיקטע שעמט זיך מאַטאַדעראָס אויפ־צוהייבן דעם בליק אַקעגן איר, דער יחסנטע. אַזוי אויך זייער כאַטע. און באַווייזט זיך מענדל, קומט מיט אים דער אומעט וואָס די שטאָט גראָבט איין אין אים נאָך מער. דעמאָלט ווערן זיך קעגן דעם די דאָרפישע קרובים מיט אַ שמייכל וואָס זיי שפּיליען־צו צו זייערע ליפּן:

— האָ, יונגער מאַן, מ׳פאַרדרייט זיך אין שטאָט. אַז מ׳ווערט רייך, וויל מע שוין נישט אָהערשמעקן צו די וואָס אין קליינעם אָרט!

— שוין איין מאָל פאַרדרייט זיך און גאָר אַ גביר געוואָרן, — צווינגט מענדל אויך שוין אַרויף אַ היימלעכע גרימאַסע אויף זיין טרויעריקלעכן פנים. ער שפּירט זיך נישט באַקוועם אַקעגן זיי. און דעקט זיך אָפּ אינעם

* אַלטע לייט.

געפונענעם שוואָגער זיין אייגנטלעכע אָנוואָרצלדיקייט, טרייסט אים די שוועגערן:

— וועסט גאָר נישט אויפטאָן, מאַנועל. פאַרפאַלן. דעם ביטערן ביסן מוז מען אַראָפּשלינגען. אַ היים איז מער ווי אַ שטוב. כ׳גלייב דיר, געפינסט זיך נישט קיין אָרט. פון „איר" אָנדענק וועגן מוזן מיר דאָס, מאַנועל טייערער. אַזוי, אַזוי, — נעמט זי שוין טרערן. — אָן אונדז וואָלט ביים צוקאָפּנס פון דעם ערגעצדיקן קבר אין גאַנצן פאַרלאָשן געוואָרן איר פלעמל. אין אונדז לייכט זי נאָך, מיט אונדז וועט זי לעבן. און בערטע שטיקט זיך מיטן געוויין, וואָס זי צווינגט זיך אויסצובאַהאַלטן. זי טוט עס צוליבן שוואָגער.

„אַ קראַנקן מוז מען קרעפטיקן מיט צוזאָגן אויף געזונט ווערן, כאָטש ער צאַנקט אויס", — וויינט זי אַריין אין לעאָנען, ווען מענדל גייט אַוועק.

— מאַנועל איז מער ווי קראַנק, אַ ליגנט! — זאָגט ער אין צעבראָכנקייט.

און זיצט מענדל ווידער מיט זיי, צערודערט לעאָן דעם באַרג זכרונות פון אַמאָליקן וואַרשע. יענע גאַסן גייען שטענדיק אַריין צו זיי, און מ׳לאַכט, און מ׳רייסט אַרויס פון געדעכעניש אַ בינטל ליכט וואָס דערפרייט אויף אַן אמת. ערלעכע מענטשן געווען, כאָטש לרוב אָרעמע, נישט געהאַט מיט וואָס דעם טאָג אָפּצוגעניאַרן.

— — באַנאַנד מישן זיי די בלעטער פון נעכטן. דאָס אייזערנע טויער, די קראָכמאַלנע, די סמאָטשע, די קליינע מילע לייגן אָקערשט אויס זייערע דעכער אין מאַטאַדעראָסער פענצטער, ברענגען דאָ אַריין דעם ליבן געפילדער; עס שטעלן זיך אַוועק ווי הענער, אַרויפצושפּרינגען אויף זיך, משה יאַבצאָק אַנטקעגן רבקה די קו און צווישן זיי — אַנשל די נקבה, וואָס רייסט זיך אויפן גרגרת: „זאָל שוין זיין שלום!"... אַלע, וואָס ווערן אומגעריכט אַרויסגערופן, שטייען אין דער מאַטאַדעראָסער אויפגערודערטער שטילקייט, טענהן זיך אויס, קוויטשן אויף כלערליי אופנים, בורטשען. לעאָן דערמאָנט זיך נאָך, נאָך. זיי אַלע שפּריצן אַרויס פון אים מיט געלעכטערס, מיט טרעריקייט מחמת ווידערגעקערטער נאָענטשאַפט; מענדל געדענקט די אַלע פון זיין שפּעטער. ער דערמאָנט זיך די לעצטע וואַרשע, דערציילט מיט אַן אָנגעדראָלן קול און אין קאָפּ ביי אים באָלבעט עס ווי פּראָסטיקע רעגן־טראָפּנס. פּלוצלינג אַריינגעפאַלן אַהער, פּלאַצן אויף נייע פענכערס געלעכטער. זיי קייקלען זיך איבערן הויז מיט אַ מין דונערן, אַזש עסטעלאַן אַרט עס: אַזאַ

פרעמדער געלעכטער! זי שאָקלט זיך אָפּ דערפון. עסטעלאַ האָט נישט ליב אַזוינס. ס'גרילצט. זי האָט דעם פעטער געוואָרפן בליקן, גערופן צו אומ־באַשטימטקייט. ווי אַ קינד, וואָס שטעלט זיך אויף הויכע אָפּצאַסן האָט זי געצופּט מאַנועל זיגעלן:

— פעטער, פעטער מאַנועל, ווילסט זיין אַ גוטער?

אַוודאי האָט ער געוואָלט זיין אַ גוטער.

— הער אויף מיט דעם! שטענדיק דערציילסטו אַזוינס — —

— גיי, גיי, — און ווידער אַ מאָל זיך געשפּירט שולדיק.

ווייל דאָס מיידל איז מיט צאַפּל צוגעפאַלן צו אים, גערופן אין זיין בלוט.

*

דעם פעטער מאַנועל איז געגנוג אומעטיק; זי — פאַרקערט — איז להוט זיין היימלעכקייט, און ער האָט זיך באַמיט פאַר דעם. בגוואַלד געוואָרן הייטער — אַנטקעגן דעם מיידעלע. וואָס ווייטער האָט עסטעלאַ אַלץ מער גע־זוכט דעם פעטער. ער האָט עפּטערס געבראַכט מתנות און בעל־כרחו גע־נומען זיך אין זינען אַריין, אַז דאָס גיט ער זיין קינד, וואָס האָט נישט דער־לעבט צו געניסן די וואַרעמקייט פון לייבלעכן טאַטנס ליבשאַפט. מענדל האָט געקושט עסטעלאַן ווי אַ טאַטע קושט זיין קינד. דאָס מיידל האָט זיך געלאַשטשעט, צוגעזאָטן געוואָרן צו אים אָן צו באַדענקען זיך און אָן צו געדענקען וואָס ס'טוט זיך מיט איר.

אומבאַמערקט פאַר זיך האָט מאַנועל זיך זיך דערקליבן נאָענט צו דער קליינער עסטעלאַ.

קאַפּיטל אַכט

שווערע טעג, פּיינלעכע נעכט

שווער געוואָרן דעם פעטער מאַנועל זיך צו באַגיין אָן עסטעלאַן.

ס׳האָבן זיך געעפנט מאָדנע לאָקנדיקע, עפּעס שרעקיקע, אומגעריכטע וועגן פון אים צו איר און פון איר צו אים. אָן אומרו האָט זיך אַריינגעביסן אין די געבליטן סיי פון דעם שטילן, צוריקגעצויגענעם מאַנועל, סיי אין דער שעמעוודיק־אָנגעשפּיצטער עסטעלאַ.

ווי זי אים, האָט אויך ער גענומען זוכן מער זיך צו באַגעגענען מיט דעם מיידעלע. אַ פעטער מעג קומען אין ביוראָ אַריין עפּעס פרעגן, איבער־געבן אַ זאַך אויף אַהיים צונעמען פאַר דער מאַמען. דער פאַרבאָרגענער הינ־טער־שכל ביי מענדלען איז געוואָרן אַ גרויסער זוכער און ר׳האָט טאָקע אַלע מאָל אויסגעפונען עפּעס געבייטיקס פאַר עסטעלאַן. געלעגנהייטן זע־נען שוין אונטערגעקומען. און ס׳איז נישט קיין סכנות מיט אַ פעטער צו גיין אויף אַ טיי אין אַ קאַפעהויז, צו פאַרקלייבן זיך אין קינאָ אַריין. מיטן פעטער איז אָנגענעם צו לאָזן זיך אויף שפּאַציר, בפרט אַז ער איז אַן על־טערער. ווער קען חושד זיין? — האָט איר איינגעסודעט אַן אומקלאָר געפיל און ס׳האָט אין איר געטשאַטעוועט די נאָגעניש פון אומבאַגרייפלעכן נייגיר.

סיי ווי האָבן זיך געמערט אומשולדיקע טרעפעניש און עס האָט זיך געמערט דער אומרו בייביידן.

טיף אין זיך האָט עסטעלאַ דערשפּירט אַ צאַפּל, ווען זי האָט אַ טאָג נישט געזען דעם פעטער מאַנועל. און פאַרקערט, נעבן אים האָט זי אין שוויגן אָפּוואַרטנדיק געלויערט אויף די אומגעריכטקייטן פון אַ שטורעם וואָס ברויזט און פאַרטייבט. אויך אירע אויגן האָבן בלישטשיק אויסגעקוקט אומגעריכטס. אים, דעם ליבן פעטער, האָבן די אויגן זיך גענעפלט און דאָס

וואָרט אין זיין מויל איז געווען מבולבל. „סטעלעשי״, האָט ער אָפּט אי־בערגעחזרט און געזוכט איר אַ גלעט צו טאָן. אין ענטפער אויף זיין גוטס־קייט האָט זי שטום, זשעדנע געקוקט אויף אים, געדריקט זיך צו זיין אָרעם און מיט אַ מאָל אַראָפּגעלאָזן די וויעס.

עס האָבן געטראָפן טעג ווען מענדל איז בכיוון נישט געגאַנגען זען די קליינטשיקע, ווי ער האָט איר צערטלעך אַ נאָמען געגעבן אין מענטשנס אויגן. דאָס האָט ער זיך אַליין אויסגעפּרוווט, געוואָלט זיך בייקומען. ער האָט זיך געשפּירט אַ געפאַנגענער פונעם אָנפאַל פון דעם „משוגעת״, ווען עס זענען געקומען אויף אים מינוטן פון שניידיקער ניכטערקייט. דערזען אַ פּיצל מיידעלע און זיך צוגעקלעפּט צו איר! עך, זיין ווילדער קאָפּ! אין איר, ווידער, אין עסטעלאַן, איז אין דער זעלביקער צייט געוואַקסן דאָס צאַפּלעניש דערפון, וואָס זי האָט נישט געהאַט וועמענען צו אַנטפּלעקן איר טראַכטן. מאָדנע בריט עס און ס׳ציט.

ווי רופט מען דאָס?

נישט זי, נישט דער פעטער מאַנועל האָבן געפונען אַ נאָמען צי אַ תירוץ פאַר דעם, וואָס האָט געטאָטשעט אין דער נשמה. נישט מער — זי זעט עס ממש, גלייך ווי אין האַרץ וואָלט אויסגעוואַקסן אַן אומזעעוודיקע לאַמטערנע וואָס ציטערט מיט אַ פאַרכאַפּנדיק ליכט; די לאַמטערנע פירט און זי שפּאַרט אויף אַ נישט־באַקאַנטן וועג — פאַר איר.

ס׳מיידל שטוינט און זי שרעקט זיך פאַר זיך גופא:

איז עס זי, די אייגענע עסטעלאַ?!

עס זענען אַנגעשטאַנען שווערע טעג, פיינלעכע נעכט. ס׳מיידל איז אַראָפּ פון פּנים. עס איז געלעגן דערוואָרגן דאָס געלעכטער וואָס פלעגט אויסברעכן פון עסטעלאַן ווי אַ זומערדיק דונערשאַלן ערגעץ אין אַ טאָל. דער פאָטער האָט זיך דערשראָקן, געפירט זיין האַנט איבער איר שטערן: „דער קאָפּ, סטעלעשי? אפשר גיין צו אַ דאָקטער?״ עסטעלאַן איז געווען ווידערווויליק יעדעס וואָרט. פון אַלץ האָט זי זיך אַרויסגעמאַכט:

— נאַדאַ, פּאַפּאַ.*

די מוטער האָט זיך אַליין געטרייסט:

— ס׳דאָך אַ מיידל. די יאָרן! ווייסט דען נישט, מאַנספּאַרשוין? —

* גאָרנישט, טאַטע.

האָט זי נאָך אָנגעוווּנקען דעם מאַן — ס׳אַ זוניקער הימל וואָס נעמט זיך כמורען. ס׳גייט נישט אַנדערש, טאַטע! עס וועט אַריבערגיין.

אָבער עס איז נישט גיך אַריבער.

— אַ כּישוף אָפּגעטאָן דעם קינד, — האָט דערנאָך געפּינצטערט דער מאַמעס פּנים.

— ווי אַ פייגעלע האָט עס געזונגען אין שטוב, אַ טייבעלע האָט זיך געשפּילט, ס׳האַרץ דערפרייט, — האָט געזיפצט דאָן לעאָנאַרדאָ.

— זי וואָלט כאָטש עפּעס געזאָגט, — האָט די מאַמע נישט געקענט אָפּטאָן פון זיך די זאָרג פאַרן מיידל וואָס האָט אַזוי אומגעריכט זיך געענדערט.

— איין גאָט ווייסט, וואָס עס גייט אויף אונדז. ס׳מזל קריכט ווי אַ בלינד פערד.

דער פאָטער איז געוואָרן גאָר דערשלאָגן, די גראָקייט האָט שוין אין גאַנצן פאַרטרונקען זיין שמאָל, דאַר פּנימל.

...ווי אַ פאַרבלענדטער איז מאַנועל ערשט געקומען און אַזאַ איז ער אַוועק פונעם הויז אין מאַטאַדעראָס. עסטעלאַ האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר אים, און אָנגעשפּיצטע געוואָרט אַז ער זאָל זי אויסגעפינען. אָבער צו־להכעיס האָט אַ שרעקיק אָנען געפּענטעט אים דעם שריט, כאָטש ער איז שוין געווען געגנוג דרייסט אין דער־אַ שטוב; און עס איז אָפּגעטעמפּט געוואָרן זיין צונג. פון יוצא וועגן — דער שכל האָט עס געמאָנט פון אים — האָט ער פאַרן מיידלס טאַטע־מאַמע געלאָזט פאַלן אַ שטאַמלדיקן רעיון:

— אָ, אָ, דער מענטש ווייסט דען, וווהין עס פירט אים זיין מזל? איך וואָלט דען דערלעבט אייך צו זען, אויב איך וואָלט ד ע מ אָ ל ט נישט געזוכט דעם וועג פון די בלינדע, וואָס נאָר ס׳פייער איז מסוגל זיי צו טרייבן פון הים־אָרט? עפּעס נישט געווני האָב איך געדענקט דעם נאָמען „אָרגענ־טינע“, דאָך האָב איך אָנגעהויבן קלאַפּן, רופן און געשפּאַרט זיך אַהער: „אפשר דאָך?“ — האָט עס אין מיר געשריגן. ס׳לעבן האָט אַ בייזן כּוח.

— ס׳איז מזל? — האָט געטונקלט לעאָנס שעפּטשנדיקער פרעג — מזל? און דער קלאַנג דערפון האָט זיך געלאָשן ווי וואַסער אויף אַ גלישטיין. — ווער ווייס!

— מזל! — האָט דער פרעג צודרינגלעך זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן הויז אַ באָרדיקער, אַ קאָלטענעוואַטער און פאַרגלייזט זיך מיט שטעכעדיקע

בעלמעס. — ער, לעאָן, גלייבט נישט אין אַזוינס. ס׳איז שאַלאָמויזן אַלט־פרענקישע.

— וואָ׳דען? — רעדט שוין מענדל נישט דאָ׳ק — דעם מענטשנס מזל איז פאַרשלייערט אין סודות. מ׳איז דען ביי זיך אין די הענט?

און ערגעץ וואַקסט עסטעלאָס וואַרטנדיקע שווייגן. דער פעטער האָט עס דערפילט און בעת־מעשה אָנגעשטרענגט געהערט דאָס ווידערקול פון אייגענעם וואָרט, וואָס איז דאָ אַדורך ווי אויף שטאָלצן. מיט אַ מאָל דער־שפירט זיך אומאייגן און פריער ווי תמיד איז ער אַוועק אַהיים.

*

געהייסן האָט עס, ער איז נישט מיט אַלעמען, דער צעבראָכענער מאָ־נועל. ער וועט באַצייטנס זיך לייגן אין בעט אַריין.

—אַ מענטש לעבט, אין זינד גערעדט, ווי אַ הונט אין אַ קאָנורע, — האָט די שוועגערן געווײנט נאָך זיין אַוועקגיין. ווער קוקט זיך אום אויף אַזוינעם? ווער גלייבט אַז אַזאַ מענטש האָט אַמאָל אויך געהאַט אַ שיינע היים, אַן אייגענע פרנסה און אַ ליבע פאַמיליע? אוי, אַ מענטש איינער אַליין אין אַ צימער ביי יענעמען! פאַרוואָרפן ווי אַ שטיין, ווי אַ דאָרן אין פוסטן פעלד. מ׳שטיינס־געזאָגט, אַצינד איז שוין גוט — און דאָך צווישן פרעמדע ווענט. וויי, מ׳קען חלילה אויסגיין.

שוין מערערע מאָל אַזוי, ווי מענדל האָט זיך אויפגעכאַפּט ביי די מאָ־טאָדעראָסער און אַ מטושטשער זיך געלאָזן אין אָוונט אַריין.

— אַ גוטע נאַכט, מיינע ליבע. האָט נישט פאַראיבל. וואָ׳דען, כ׳על קו־מען, כ׳על — האָט ער געזאָגט אי אין פאַרענטפערונג, אי אין פאַרלוירנקייט, הלמאי ער האָט זי נישט אויפגעהייטערט מיט נייסן, מיט האָפענונגען, וואָס מ׳דערוואַרט דאָ מיט שטומער זשעדנעקייט. — צ׳זעט דאָך, — האָט עס אויך געקענט הייסן פון זיין מאַטער מינע — איך בין נישט מיט אַלעמען.

— גיי געזונטערהייט, מענדל. גיב אַכטיק אויף זיך, האָרכסט? — האָבן זיי אים אָנגעזאָגט.

און איז ער אַרויס אין די טונקלקייטן, איז אין דער פאַרוואָרפענער שטוב געבליבן אַ צוקנדיקער טרויער און אַ שווער שווייגן. איינס צו ס׳אַנ־דערע האָט נישט געהאַט נישט קיין כוח און נישט קיין ווילן עפּעס צו זאָגן.

...די וועגן פון די־אַ געליטענע זענען ווייל באַוווּסט, כאָטש אויסטערליש פאַרפּלאָנטערט. נישט ווייניק אַזעלכע זענען פאַראַן אין אונדזערע מדינות. די שטראָמען פון נויט און בענקשאַפט האָבן זיי צעוואָרפן איבער אַלע עקן וועלט. אין ערגעץ איז זיי נישט גוט. מ׳האָט אַפילו שוין געהערט פון טרויעריקע טראַפן: אַוועקגעלייגט זיך אַזעלכער אין זיין ווינקל, נישט אַרויסגעגאַנגען איין טאָג, אַ צווייטן און אַ דריטן; קיינעם האָט ער נישט געפעלט, קיינער האָט נישט נאָכגעפרעגט אויף אים. ערשט אַז מ׳האָט גענומען שפּירן אַן אומריח וואָס דרינגט אַרויס פון די טיר־שפּאַרעס, האָט מען אָנגעהויבן זוכן פון וואַנען עס נעמט זיך. קודם האָט מע געמיינט, אַ קאַץ האָט דאָ זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט איר מאָלצייט און איבערגעלאָזן רעשטן פון די מייז וואָס ה ע ר ן ז י ך אַ ז ו י. נישט געפונען וואָס געקלערט, האָט מען זיך משער געווען עפּעס אַנדערש. אַזש עטלעכע שכנים זענען אַרויס מיט בריִעדיקן אומרו: „ווער ווייס, האָבן זיי געוואָרפן מיט די ליפּן און געפלאַמט מיט די אויגן, וואָס ס׳אי׳ געשען? ס׳זאָל נאָר נישט זיין אַזוינס וואָס קען אָנשטעקן ס׳גאַנצע הויז. אַ קלייניקייט אין אַזאַ קלימאַט!״ אַ שכן האָט זיין שכן חושד געווען אין עפּעס פאַרבאָרגנס און דאָס שטעקט שוין אַרויס ס׳פּרצוף אויף אַ מיגלדיקן אופן. לייט האָבן זיך געשאַרט אין די טונקעלע ווינקלען פון די קאָרידאָרן, געניושטערט מיט די פּיס און מיט דער נאָז. „ווער ווייס וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן? רופן פּאָליציי, קען מען זיך נאָך אַריינבאָדן. דער אומשולדיקער קען ליידן פאַרן שולדיקן. לאָ׳מען נישט שטיין גלייכגילטיק, סעניאָרעס. ס׳איז אונדזער זאַך. צו אונדזער קאָפּ קען עס אויסגיין!״ רייד האָבן געצונדן אומגעבעטענע געדאַנקען, געריסן די נערוון. צום סאַמע סוף האָט מען אויסגעפונען: ס׳איז פון דעם משונהדיקן, דעם וואָס וויכט פון אַלעמען אין הויז. אָט־אָ־די — טייטלט מע שוין צאַרניק מיט די פינגער צו אַ טיר, ס׳שפּיזן בליקן. מערערע שטימעס האָבן זיך אויפגעהויבן.

— אַ חוצפּה!

— שוין לאַנגע מעת־לעתן פאַרשפּאַרט זיך דער דאָזיקער. זיצט אינעווייניק און פאַבריצירט אַ געסרחה וואָס פאַרסמט אַ וועלט. ווער קען וויסן וואָס אַזוינע טוען?

אַן אַנדערער האָט אַרויסגעקראָגן פון זיך אַ גרימאַסע פון באַדויער:

— מנע, נישט קליין איז ס׳אומגליק וואָס גייט־נאָך די מענטשן, בפרט די וואָס האָבן אָנגעוווירן אַלץ.

פנימער האָבן געצוקט, ליפּן האָבן געביסן ליפּן —

„וואָס, מישטיינס־געזאָגט, איז ס׳גאַנצע לעבן ווערט? דעם מענטשנס איינרעדעניש איז גרעסער ווי זיין כּוח" — און אויגן זענען געבליבן הענ־גען טרויעריק פאַרטראַכט.

סוף־כּל־סוף איז מיט מאַנועלן קיין שלעכטס נישט געשען. אַוועק אַ פּאָר טעג און ער האָט זיך ווידער געיאָוועט. ער איז געווען לגמרי אַראָפּ־געשלאָגן פון מוט, געשאַרט זיך ווי אַ שאָטן. מיט אַ מאָל אָפּגעשניטן געוואָרן די הייטערקייט וואָס פלעגט פון אים אויפשיינען פאַר די מאַטאַדעראָסער. אַז מאַנועל האָט זיך אריינגעשטעלט צו זיי, זענען מיטגעקומען מיט אים מתנות. נישט שייך אַז מענדל זאָל זיך באַווייזן אָן פּעקלעך און בייטעלעך. און האָט דער פעטער זיך געוויזן ווי אַ נעבעכטיקער, האָט עסטעלאַ זיך אָנ־געהויבן זייטלען, ווייל ס׳לייכט נישט פון אים די ליבלעכקייט אויף וואָס זי האָט אַרויסגעקוקט:

— נאָר פון זיך טראַכט ער. זי זעט ער נישט. אים אַרט גאָר נישט. אַנישט וואָלט ער געזען אַז זי....

די ברוסט איז איר פול געוואָרן מיט פּישטשעניש.

דאָס מיידל האָט געפיבערט אין נעפלהאַפטיקער אומבאַשטימטקייט, זיך געשטיקט מיט אַ שפּיציקן קוויטש וואָס האָט אָט־אָ אַרויסגעשטאַרצט פון איר צוקנדיקן פּנים, פונעם בליק. עסטעלאַ האָט זיך רק באַוועגט אין די ד׳ל׳ד אמות פון נערוועזן נאָכשפּירן זיך אַליין, פון אינטענסיוון אַריינקוקן אין זיך. כּאָטש אַזוי יונג, איז זי אין אַזעלכע מינוטן פון צוריקגעצויגענעם שווייגן געווען פאַרקראַמפּט ווי אַ באַזעסענע פון אַ פרעמדער קראַפט, וועלכער זי האָט זיך לייכט אונטערגעגעבן. אַזוי ביי טאַטע־מאַמע אין הויז, אַזוי אויך אין ביוראָ. פרוי סוסאַנאַ האָט געשטוינט אויף דער דאָזיקער ענדערונג און זי האָט מיט די בליקן און מיטן הארץ זיך געשטרעקט צו איר מיט בעטנדיקן געפרעג: „וואָס איז געשען, מיידעלע? אפשר קען איך דיר העלפן?" אינצווישן האָט די פרוי זיך באַמיט אַרויסצורופן ביי עסטע־לאַן אַ שמייכעלע, אַרויסציִען פון איר אַ וואָרט פון אויסקלאַרונג, מחמת זי האָט געפילט, אַז די „קליינע" טריפט אָקערשט און ווייטיקט פון אַן ערש־טיקער ליבע־אויפטרייסלונג. ווי־זשע אַנדערש אַזאַ אומגעריכטע צערודע־

רונג? די היים איז דאָך צו איר אַזוי גוט, באַקאַנטע האָבן זי אַזוי גערן! אַ ז ו י נ ס גיט טיף אַ שניט ווי אַ פּלוצלינגע אבלות — נישט געשען זאָל עס. ס׳טרעפט, מיט אַ מאָל ברענגט עמעץ אַהיים אַ ווייסטע בשורה פון אַ היימישער בראָך און שוין ביסטו מוראדיק פאַרעלנט. אַ פּלוצלינגדיק גליק קען פונקט אַזוי צעטרייסלען. ס׳איז אַזאַ פריקרער ווינט איבער דער קרוין פון אַ צעבליטן בוים אין פריַען פרילינג. אויך אַ יונג קינד קען געפּרוווט ווערן אַזוי. און ס׳טוט וויי. און נאָך מער ווייטיקט עס. ווייל עס לאָזט זיך נישט אויסדערציילן דערפון. ווער ווייס, צי טאַטע־מאַמע פאַרשטייען איר צו העלפן אין אַזאַ דריקעניש, צי זיי כאַפּן זיך צומאָל דערויף — —״

עסטעלאַ האָט זיך ערשט געכמורעט אין איר יונגשאַפט און די פרוי האָט איר מיטגעפילט. אָבער די היים, די היים?!

גאָר פאַרקערט: אין דער מאַטאַדעראָסער שטוב האָט זיך געשטעלט אַן אומגעריכטע שווערקייט פון האַמעטנעם נאָכשפּירן. די מאַמע האָט אונטנ־אַרומעט נאָכגעקוקט דעם מיידל און עפּעס געוואָרט; דער טאַטע האָט גע־וואָרפן בייזע אויגן אויף דער מאַמען און צוגעשוויגן אויפן אייגענעם טומאַ־נעם טראַכטן וועגן דער טאָכטער, וואָס האָט ראַפּטעם זיך אַראָפּגעריסן פון זיין שויס. אַן אומדערקלערלעכע נייס איז געקומען אויפן הויז און זי שלאָגט איבערן קאָפּ. ווער — ווען עמען איז דאָ שולדיק אַן ענטפער, וואָס איז גע־פרעגט געוואָרן סיי מיט געבעט סיי מיט רציחה; ווער וועט אַרויסשרייען דאָס ווערגעניש וואָס איז דאָ באַפאַלן אַלעמען, אַלעמען? עסטעלאַ שפּיצט זיך אָן אויף דער הילכנדיקער טויבקייט פון פאַרביסענעם שוויגן. אַוודאי, מ׳מיינט זי. די־אַ אומקלאָרקייט האָט עסטעלאַן לסוף אָנגעכאַפּט ווי דער אָנשטראָם פון אַ טשאַד וואָס דרינגט פון פאַרהוילעניש אַזוי לאַנג ביז מע דערווישט די נעסט פון דער שריפה. יאָ, עסטעלאַ האָט געהאַט ס׳געפיל, אַז אָקערשט איז זי געשטעלט געוואָרן אין מיטן אַ שריפה אַריין.

אַז די טאָכטער איז געווען אין דער היים זענען ביי טאַטע־מאַמען פאַרשלאָסן געוואָרן די מיילער און אַ תרעומותדיק געשריי האָט זיך כוואַליק געריסן פון זייער שטומקייט. עסטעלאַ האָט עס דערשפּירט אויף דער גענ־דזענער הויט וואָס האָט אַלץ מער געפּרירט אויף איר; זי האָט עס דערהערט אינעם אומרו וואָס האָט אין איר אָנגעצונדן די אויפגעצוווגענקייט פון אָט דעם שוויגעניש. זי זעט דען נישט די שינאה צו איר? אָט־אָ האָט ע ר אויפן ווונק געריכטעט צו א י ר, אָקערשט ענטפערט ז י מיטן בליק. אַלץ

וועגן איר. שוין רוקט זיך אַוועק „דער אַלטער״, עקסטרע, צו ווייזן איר זיין פיינטשאַפט; עסטעלאַ „הערט״ ווי זיין מוח האָט זיך געגעבן אַ קנייטש אין טראַכטן, ר׳האָט שוין געטאָן אַ צענעם די ליפּן: ער וועט זי שעלטן, זידלען — — דאָך, ער האָט זיך מיישב געווען און האָסטיק זיך אָפּגעקערט אין אייגענעם שאָטן אַריין. בפירוש: ס׳קאָסט אים כוח, דאָס נישט אַרייג־פאַלן אינעם פאַרשווערערישן אַליאַרעם פון פּאַראַיבל:

„גוואַלד, וואָס טוט זיך דאָ?! ווער׳ט דאָך אַריינגעוואָרפן דעם שטיין!״ און זי, עסטעלאַ, ווערט דערשטיקט פון דעם נישט אַרויסגעשריגענעם אַליאַרעם.

*

ער האָט זיך געמאַכט אַזאַ איינפיר און דערצו געוואָלט צוגעוווינען זיי, די מאַטאַדעראָסער:

מענדל האָט גענומען זיך ווייזן זעלטענער. אין מאַטאַדעראָס האָט מען אָנגעהויבן זיך משער זיין: „אפשר מאַכט זיך מענדלען עפּעס אָן אַ זייט?... דאָך אַ יונגער מענטש. עס וואָלט כ׳לעבן נישט געווען קיין עוולה. ווי לאַנג קען אַ מענטש אַזוי אָפּפינצטערן?״ מאַן און ווייב האָבן עס אַרויסגעבראַכט צווישן זיך, געטראַכט מיט גינציקייט און נישט דערוועגט זיך צו פרעגן דעם שוואָגער: — וואָס אי׳ די מעשה, מענדל, וואָס דו לאָזסט עפּטערס וואַרטן אויף זיך? טאָקע אַזוי שטאַרק פאַרנומען, מאַנועל?

חס ושלום. ער קען זיך פילן געטראָפן!

— מ׳עט זיך צוקוקן ס׳גרייטע, — האָט לעאָן געפּרוווט זיך באַרויקן.

— האָסט דען אַן אַנדער עצה, לעאָן? אַז ער אַליין זאָגט נישט, וועט נישט פועלן דיין פרעגן. זאָל ער טאָן ווי ער פאַרשטייט, אַבי ס׳זאָל גוט זיין.

— אַוודאי. אַ בלאָטער מוז אָנרייסן איידער מ׳נעמט אים היילן.

— ר׳מוז פלאַצן, העי?

סיי אומעט, סיי פאַרהוילענע ביטערניש האָבן אַרויסגעקוקט פון די שמועסן וועגן דעם שוואָגער, וואָס האָט דערבלאָנדזשעט צו זיי פון די פאַר־טונקלטע היימישע ווייטן.

מיט דער צייט האָט מע גענומען זיך אָנשטויסן עפּעס אַנדערש: עסטעלאַ! ס׳טאָקע קשה צו טראַכטן דערפון, אָבער ס׳איז דאָך נישט גלאַט מיטן מיידל. וואָרן ס׳גאַר נישט ווי פריער. אַז דער פעטער קומט,

ווערט עסטעלאַ שווייגנדיק. עס האָט ביי איר אויפגעהערט די גדולה וואָס זי פלעגט האָבן מיטן פעטער מאַנועל; אויך זיינע מתנות האָבן אויפגעהערט אַריינקומען אין הויז — — מילא, זי איז צעפּיעשטשעט, זי איז קאַפּריזנע. זי אַליין, טאַטע־מאַמע, זענען שולדיק אין דעם, אָבער ע ר ? וואָס איז מיט מענדלען? מאַנועל איז אויך נישט דער אייגענער, ווען ער דערשפּירט זי אין שטוב. ב ר ו ג ז ? פאַר וואָס ברוגז! צעקריגן צעקריגט מע זיך מיט זיינס גלייכן; צעקריגן צעקריגט מען זיך ווען מ'איז זיך נאָענט. כ'בעט דיך — האָט לעאָן פלוצלינג אָנגעשטעלט אַ פּאָר ביסטרע אויגן אויפן וויב — פ א ר װ א ָ ס ג י י ס ט ו ז י ך נ י ש ט צ ע ק ר י ג ן מ י ט ד י י ן ש כ ן אַ נ כ ע ל ? אדרבא, ביסט גאָר צופרידן וואָס דער שלעפּער קריכט נישט צו דיר מיט זיינע בלאַטיקע קאַפּיטעס. מאַנועל מיט עסטעלאַן זענען דאָך ווייט פון די אַלע זיבן זאַכן, ס'וואָר? זי — אַ קינד, ער — איר פעטער; זי רעספּעקטירט אים, האָט דרך־ארץ פאַר זיינע יאָרן, דאַנקט אים פאַר דער געטריישאַפט. און ער ווי ער — אַ דערוואַקסענער אַקעגן אַ מיידעלע. ס'אַ ריכטיקער חשבון, בערטע? — אַ ווײַלע האָט לעאָן זיך אָפּגעשטעלט, ווי נאָכגעטראַכט און מוסיף געווען:

— אַוודאי. אַזוי באַדאַרף זיין דער חשבון.

ס'וויב האָט אים אָנגעקוקט מיט מוטנע, מבולבלע אויגן. זי האָט שווער געשוויגן און ער האָט ביטער אַראָפּגעשלונגען ס'אייגענע טראַכטן.

— אין סודות איז פאַרשלייערט ס'מזל, זאָגט מענדל — האָט בערטע ענדלעך אַרויסגעקרעכצט.

— מממאַ! — דאָ האָט לעאָן באַשיימפּערלעך זיך שוין געשטיקט מיטן ווייטערדיקן נישט אַרויסגעבראַכטן קלערן.

...צוערשט האָט מען דערפון געטראַכט אַהין־אַהער, דערנאָך — זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ וואָרט וואָס איז געמייַשט מיט אומרו און קרענק־לעכער טרייסט.

ווייל מיט שווערער אָנונג האָט זיך אָנגעטרונקען דאָס טאַטע־מאַמעשע האַרץ, וואָס האָט געזען נאָר איינס: זייער קינד איז אין סכנה.

מיט יעדן טאָג האָט דער אומרו זיך געשטאַרקט, ביי יעדער נאַכט געראַבט דעם שלאָף.

— ווי מיינסטו, לעאָן? דאַכט זיך, אַ פאַרדרייעניש געקומען אויף עס־טעלאַן, אָדער ס'איז סתם אַן אַמביטנעקייט פון אַ סמאַרק וואָס פאַרשטייט

נאָך ווינציק! און אפשר האָט זי זיך שוין פאַרקוקט אויף עמעצן? גייט אַרום אַ צעקאָלעוועטע און טוט אונדז אָן צרות.

— ס'מוז זיך אויסשטיין, בערטע, — האָט ער ליב צו דעקן עגמת־נפשן מיט אַ ווערטל. — וועסט שוין געוואָר ווערן. אַ חוץ דעם איז איר גאָר נישט. זי עסט, אָן עין־הרע. געפלויגן מסתמא עפּעס איבער דער נאָז. קוק איר נישט אין די אויגן אַריין. זי וועט זיך אויסניכטערן.

— ס'אי' דאָך אַ קינד, — האָט ס'וויב שוין פאַראיבל — האָסט אַ סך עסטעלאָס?

— באַדאַרפסט מער? האָסטו געזאָלט זיך מיישב זיין אַ ביסעלע פריער.

— רעדסט שוין נאַרישקייטן, לעאָן?

— דו רעדסט דיר איין אַ נאַרישקייט, בערטע!

ס'איז שוין נישט געווען רוּיק אין שטוב. דעם מיידל האָט מע נישט געפרעגט וואָס ס'איז דער מער מיט איר, אָבער אין מוח האָט עס געעקבערט. מ'האָט זיך צוגעקוקט צו עסטעלאָן און צוגעקוקט זיך צום פעטער מאַנועל אַלע מאָל ווען ער איז געקומען. אַז ס'איז אויסגעוועפּט געוואָרן די ליבשאַפט צווישן ז יי — האָט מע געזען באַשיימפּערלעך. ווי מ'וואָלטביידן אָפּגעזאָגט דעם זכות אויף דעם. דאָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן סיי דער מאַמען, סיי דעם טאַטן — מיט פלוצלינגקייט:

פאַר וואָס? ווען איז'ס געשען?

דו האָסט עפּעס באַמערקט?

איך אויך נישט!

עסטעלאַ האָט זיך טאַקע געברוגזט מיט מאַנועלן — דאָס איז געוואָרן האַרבער פאַקט.

אַז ער איז געקומען, האָבן מאַן און ווייב זיך שטום איבערגעקוקט:

— וואָס טענהסטו אַצינד?

בערטע האָט געפּעלבלט איר שטערן, באַגעזו"ט דעם מאַנס קלאָרן ענטפער.

— וואָס זאָל איך טענהן? אפשר זיך באַליידיקט פון מענדלען. ווייסט נישט, אַ וואָרט, אַ נאַרישקייט? זי איז הייס געבאָדן, אונדזער עסטעלאַ.

— פאַר אַ מיידל שאַדט נישט, זי האָט האָנער.

— שאַדטן שאַדט נישט, נאָר וויסן דאַרף מען וואָס עס איז שכלדיק און וואָס נאַריש.

ביינאַכט איז טאַטע־מאַמען זיך נישט געשלאָפן, מחמת דעם איבערקער אין הויז:

— עסטעלאַ, עסטעלאַ, וואָס מיט דעם מיידל איז געוואָרן!

— רו זיך בעסער אויס דעם קאָפּ, לעאָנשי. ווינציק דיר אַ גאַנצער גייענדיקער טאָג?

און די פינצטערניש שיפּעט צו: „געגוג, גע־גו־ו־ווג".

ששש.

און פון ס'ביי האָט איינס זיך געקערט צום צווייטן, אַריבער דער אויפ־האָרכנדיקער פינצטערניש. אַצינד האָט זיך שוין אַ ל יי ן גערעדט.

אַ שושקעניש האָט געסיקעט, געשפּרייזט אַרום די געלעגערס, אַרויס־געפּויזעט פון דער נאַכט:

— אפשר איז דאָך עפּעס געשען?... — האָט די מאַמע זיך אַרויסגע־כאַפּט אויפן קול און דערשפּירט ווי אַנגסטן באַפּאַלן איר.

— מענדל איז איר אַ פּעטער. מענדל איז אַ מאַנספּערשוין אין די יאָרן, ווען „אַזעלכע זאַכן" ליגן נישט אין זינען. און ער איז אויף געבראָטענע לייד אין בוינע־זיירע, — קייעט לעאָן איבער דעם ספק וואָס ס'ווייב האָט אַרויסגעבראַכט.

— צוריקגעשמועסט איז נאַריש אַזוי צו קלערן, — זאָגט זי ווידער.

— וואָ'דען?

פאַרשטייט זיך: מיט מענדלען וועלן זיי פון דעם נישט רעדן. מ'טאָר נישט אַ מענטש אַזוי ווײ־טאָן. וואָלט געוועזן עפּעס ערנסטס, וואָלט ער זיך נישט געשעמט צו קומען איבעררעדן — איז געבליבן ביי מאַן און ווייב. דערווייל איז זיך די מכה געוואַקסן. אין די טעג ווען די משפחה איז געווען צוזאַמען, האָט זיך די אָנגעכמורעטקייט מער אָנגעזעצן. און מענדל האָט נישט אויפגעהערט קומען. ער האָט זיך טאַקע זעלטענער געוויזן און מיט דעם נאָך מער אונטערגעשטראָכן: אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ טוט ווײ; אָפּבלאָזן לאָזט זיך נאָך אַ פּעדערל, אַ פּלעווע.

*

אומגעריכט האָט געקראָגן אַ טרייסל די מנוחה, וואָס איז אין לויף פון יאָרן געוואָרן איינגעשלעפּערט אין דעם פּלאַטשיקן מויערל מיט די מאַטע

פענצטער; אומגעריכט האָט׳ס זיך אַנטפּלעקט און אַנגעהאַלטן. טאַטע־מאַמע האָבן נישט אויפגעהערט זיך אויסצושוואַכן די קעפּ אויף דעם וואָס עס געשעט זיי. אָבער אין דער זעלביקער צייט איז עסטעלאַ געשטעלט געוואָרן אונטערן האַסטיקן שפּריי פון אייגענעם צעפּיבערטן געפיל: גלי־יקן; ס׳גיסט אָן מיט הייסן פליין; בעת־מעשה קלאַפּן אין מוח אויף קילע טראָפּנס, תענוגדיק ברייטערט זיך דער שטראָם וואָס טראָגט דיך. זי איז שוין אין הויכן שוים, עסטעלאַ, זי פאַרכליניעט זיך אין שטומט, כאָטש איר מויל איז שטאַרק להוט צום וואָרט, וואָס עס געבערט יעדע רגע, ס׳זידט מיט ר׳ויש אין איר אינגעווייד. און עסטעלאַס אויג דאָרשט, ס׳בלוט ברענט — — זי גייט אַריין אין גליק. זי וועט עס רייסן ווי בלומען. מיט אַלע אירע שפּרונגען וועט זי זיך אַריינוואַרפן אין דעם־אַ שפּרענגעדיקן קוואַל, וועט זיך פול אָנטרינקען. ניין, ניין. אַנדערש פילט זי עס. מלאכים־פליגל לאָזן זיך אַראָפּ אויף איר. אומערדיש איז דער הויך פון גליק וואָס זי אָנט, זאַפטיק־קרעפטיק איז זיין אָטעם, אין וויכן שאָטן שפּרייט עס זיין געלעגער.

אַ ליגן! אַלץ איז נישט אמתדיק. עס בלענדט בלויז אין די געהירן פון נאַראָנים; זי וויל נישט אַזוי, גאָר נישט וויל זי. אַנדערש וועט זי אַוועקשטעלן איר לעבן. נישט טאָן אַזוי ווי איר מאַמע האָט געטאָן, ווי ס׳רוב פרויען. זי וועט וויכן די... וואָס האָט זי צו מענער? זי איז נישט גערעכט מיט אַזאַ געדאַנק. נאַוווּ — רעדט איר אויס פרוי סוסאַנאַ. אַוודאי, זי האָט זיך געמוזט פאַר עמעצן אויסרעדן, געבן אַגצוהערעניש אויף דעם וואָס מאַטערט זי. „נישט גלאַט מוז עס צוגיין, מיידעלע, האָט געזאָגט פרוי סוסאַנאַ. דערפאַר איז ווויל־געלוסטיק שפּעטער. וועסט שוין זען, עסטעלאַ. גלייב, גלייב: אַ מאָל איז עס ביטערלעך, דאָס גליק אין נסיון, דערנאָך טראָגט עס דיך אַוועק אין לויטערן ליכט אַריין, עס היילט אַלע ווונדן. די טיפסטע זענען די ליבע־ווונדן. זיי לייטערן דאָס גאַנצע לעבן, פאַרשיינען עס מיט אַ וואַרעם ליכט. צו געטער זענען גלייך די, וואָס ליבן און ווערן געליבט, מיידעלע".

זי איז אַ חכמה, די פרוי סוסאַנאַ. עסטעלאַ וועט מער גאָר נישט פרעגן. זי וועט שוין וויסן וואָס צו טאָן. זי וועט גיין אויפזוכן דעם פעטער מאַנועל, זי וועט אים זאָגן אַלץ, אַלץ. זאָל ער וויסן אַז זי ווערט דערשטיקט אין זיך. מער קען זי נישט!

קאַפּיטל נײַן

ס׳האַרץ איז ווי אַ בוים

דער קלײנטשיקער איז נישט גרינג אָנגעקומען צו פֿאַרנעמען זיך אויף אַ ווידוי פֿאַרן פּעטער. ס׳גאַנצע האַרץ מוז זי אים אַנטפּלעקן, — האָט עס פֿון איר אַרויסגעסקאַמליעט — כאָטש עס איז פֿאַרוווּנדיקט. דעם נעפּל וואָס האָט פֿאַרוואָקסן זײַן מוח, מוז זי פֿאַרטרײַבן פֿון אים און זי אַליין מוז זיך אַרויסהייבן פֿונעם נעפּל.

שוין דאָס קומען אויף דעם־אַ געדאַנק איז איר געווען אַ גוואַלדאָוו־נער אָנשטרענג, אָבער די אינעווייניקדיקע נויט, וואָס האָט זיך צעפּלאַקערט אין דעם מיידעלע, האָט אַרויסגעטריבן אויף דעם פֿרעמדן שטעגל. זי מוז, — האָט עס זיך געריסן פֿון איר און ממש געשריגן. „אַ מענטש איז נישט פֿון אײַזן”, האָט זי גערעדט צו זיך אומצייליקע מאָל און זיך געשטאַרקט אין דעם: „כ׳מוז! דאָס בלויזע טראַכטן דערפֿון איז ערגער”. האָט אין איר אויפֿ־געלויכטן אַ פּלוצלינגע נײַע קלוגשאַפֿט: „זאָל ער זי זען אין פּולן. זי קען זיך נישט פֿאַרשטעלן מיט קליינמיידלשקייט. וואָס, אַ קינד איז זי? זאָל ער וויסן, אַז איר ברוסט פּלאַטערט אַלע מאָל ווען זי דערזעט אים, די אויגן ווערן איר איבערגעלאָפֿן — ווען זי דערוואַרט זײַן קומען. יאָ, יאָ, עסטעלאַ בענקט אַז ער זאָל זי האַלדזן, ר׳זאָל זי באמת ליב האָבן, שטאַרקער ווי דער פּאַפּאַ, ווי די מאַמע. עסטעלאַ וויל זײַן מיט אים עפּעטערס, לאַנג וויל זי מיט אים פֿאַרברענגען; זײַן נעבן אים איז איר באַגער, שטענדיק קוקן אויף אים. ער מעג עס וויסן. זי וויל מער נישט וויינען אין די נעכט, ווען ער זעט עס נישט. אויב וויינען, זאָל עמעץ טרינקען אירע טרערן. ס׳גוט, אַז ס׳איז דאָ ווער עס זאָל דיך הערן אין געוויין. ס׳אַ געשמאַק געוויין. עס איז פֿריקרע, וואָס זי מוז אַצינד איינע אַליין זיך ווערגן מיט אירע טרערן און

כ׳איז פּאַסקודנע וואָס די מאַמע זעט זיי נישט. אַ מאַמע דאַרף קענען זעען אַזוינס! איר מאַמע איז יוצא נאָר מיטן זאָגן יעדעס מאָל ווען ער קלייבט זיך אַוועקצוגיין: „מענדל, לאָז זיך נישט אַזוי פיל בעטן. און קומסטו, בלייב לענגער ביי אונדז. ס׳ווערט גרינגער אויף דער נשמה. דו ווייסט נישט ווי מיר פרייען זיך וואָס מ׳האָט דערלעבט דיך אַהערצוקריגן״.

ס׳ווערט גרינגער אויף דער נשמה. שטענדיק זאָגט אים אַזוי די אַלטע. וואָס קען זי, זי, עסטעלאַ, אים זאָגן, מאַנועלן, אַז קומען קומט ער נאָר צו זיי. זיי טראַכטן נאָר פון זיך. יעדער — פאַר זיך. נאָר פון זיך טראַכט די הייסגעליבטע מאַמע, — פרעפּלט די קליינע. עסטעלאַ איז איר קלאַמפּערשט נאָך אַ קינד. אויף איר באַדאַרף מע זיך נישט אומקוקן. אַזאַ קינד מעג אומקומען פון ליבשאַפט. „סטעלעשי, סטעלע מיין טאָכטער״, — בעבעט זי, און „דער אַלטער״ איז נישט בעסער: נאָר אין זיך אַליין געדענקט מען. אַלע זענען בלינד פון גרויס ליבע צו דער טאָכטער! און ער? אויך מענדל זעט גאָר נישט!

עסטעלאַ בייזערט זיך שוין אויפן פעטער, אין דמיון לאָזט זי אויס אויף אים דעם כעס וואָס צעטומלט אירע בלוטן. ער אַליין האָט באַדאַרפט אַלץ זען — בייזערט זי זיך הייס, גלייך זי וואָלט אים אָט־אָ אַהערגעקריגן פאַר צערעכענונג. ער דאַרף פילן פונקט ווי זי; ער באַדאַרף זוכן אַ גע־לעגנהייט מיט איר צו רעדן דערפון. ער ווייכט שוין פון וואָס. ער דער־קענט דען נישט אין איר? פאַר אַ מיידל פּאַסט עס גיכער נישט. אוי דער־קענט מען. מ׳באַדאַרף נאָר ווען קוקן. די אויגן זאָגן אַלץ. טייל מאָל באַ־גראָבט זי זיך פון חרפה, למאי זי קען נישט פאַרהוילן דאָס פייער וואָס ברענט אין איר. עס מאַכט פון איר אַ תל. ע ר , נ אָ ר ע ר ! נישטאָ זיך וואָס צו שעמען. געגוג דאָס אויסצובאַהאַלטן. ווערליק איר באַדאַרף ער צו־גיין צו איר און זאָגן: עסטעלאַ, איך האָב דיך ליב. דו מיך אויך? יאָ, איך זע עס, קינד. וואָס איז דען אַ פעטער? אַ נאָענטער פרעמדער! און אַז אַ פעטער מיט אַן אייגענער? פאַראַן אַזעלכע פּאַרפּעלקער — אַן עלטערער מיט אַ יונ־גער. איר געפעלט עס אַפילו. און ס׳איז שיין. ס׳זעט אויס ווי אַ פאָטער מיט אַ טעכטערל. ער פּיעשטשעט זי, ער פירט זי אומעטום מיט זיך, ווייל ער איז חשוב צווישן מענטשן, און ער ווייס אַ סך. מאַנועל טראַכט דען נישט אַזוי? זי פילט אַז אויך ער בענקט צו איר; נאָר ער א׳ז בכוח איבערצוהאַלטן דאָס בענקען. זי קען נישט מער — ער דאַרף עס ד׳ערקענען אין איר. „קום,

איך וועל דיך אויסקושן. און אַצינד זאָג מיר, האַרצעניו: זאָל איך רעדן מיט טאַטע־מאַמען? מ'מוז זיך אָנגעמען מיט דרייסטקייט, סטעלעשי — —" אַזוי באַדאַרף ער טאָן, אויב ער וויל דערזען אירע ליידן.

ער, מאַנועל, דער פּעטער — נישט דער פּעטער, דער טייערער, איז פול אין איר — ר'פילט דען נישט זי — אין זיך?!

און קומט ער, ווערט עסטעלאַ רויט און עפּעס פאַרטייבט פון אַ האַס־טיק פילן, אַזש זי זעט ווינציק. אין די געהירן טומלט איר רק מאַנועלס קול. און, ווידער הייבט ער אָן ס'אייגענע, רייסט זיך פאַראיבל פון איר ברוסט: „וואָס הערט זיך? וואָס מאַכט עץ?" פון איר קלערן און ווייטיקלעכן שווייגן מאַכט ער זיך נישט קיין צימעס, דער פּעטער. אַ מיידעלע, באַדאַרף מע זיך נישט אויף איר אומקוקן, טראַכט ער זיך, בעת אין איר בושעוועט דאָס טראַכטן און בענקען צו אים. ווייזט אויס, אים פאַלט גאָר נישט איין אַ מאָל צו רעדן דערפון. אור־אור־ווו! אפשר געבן אים אָנצוהערעניש? ע־ע, ס'פּאַסט נישט. פאַר אים פּאַסט גיכער אָנצוהייבן רעדן פון דעם. ער איז עלטער, ר'איז אַ מאַן. איר לייגט זיך נישט די צונג פאַר אַזוינס. זי איז טאַקע אַ מיידל, אַ יונגע, אָבער זי פאַרשטייט און ליידן ליידט זי נאָך מער. יאָרן האָבן נישט צו זאָגן, ווען מ'פילט שטאַרק. ס'האַרץ איז ווי אַ בוים וואָס צייטיקט אויס דעם מענטש. זי פאַרשטייט אַ סך, עסטעלאַ. און זי ווייסט מער ווי אים דאַכט זיך. זאָל ער נישט קוקן אויף איר ווי אויף אַ קינד. געענ־דיקט זיך יענע צייט. ער טאָר זי מער נישט נעמען אַזאַ. עסטעלאַ מילער איז אַ דערוואַקסענער מענטש, עסטעלאַ איז אַ פרוי. אַ קוש צי אַ מתנה איז פאַר איר אַ פיין. נישט מער. זאָל ער זיך נישט וווּנדערן. זי באַשולדיקט אים נישט. פון איר רעדט דער אמת פונעם אמת: ער אַליין האָט איר דער־מאָנט ווער זי איז. איצט פילט זי אַ באַדערפעניש צו קושן, אים צו קושן, אַנדערש — נישט דעם פּעטער מאַנועל; איר ווילט זיך אַריינבייסן אין די קנויטן וואָס פלאַקערן אַקעגן איר פּנים, לעשן דאָס וואָס פאַרציקט זי. זי וויל זופן די סאָקן וואָס זי הערט ריזלען אין אים. אָ, זי הערט, זי הערט! — — ער זעט דען נישט וואָס ס'איז געוואָרן פון איר, גאָר נישט האָט ער דערפילט ביז איצט? אַ שאַנדע! איר איז עס אַ ווייטיק.

זי שרייט אויף מיט אַ יסורימדיקן געשריי און פאַרגייט זיך אין טיפן געכליפּ איטלעך מאָל, ווען זי שטעלט זיך פאַר דעם פּעטער מאַנועל וואָס דערהערט נישט איר אומענדלעכע טענה.

און די טענות צו אים וואַקסן כסדר. אַז זי דערמאָנט זיך, דער פּעטער זעט נישט איר אומרו, עסט איר אויף דער כעס, עס שטיקט איר אַ נישט אַרויסגעוויינט געוויין. זי האָט אים אמתדיק ליב און ער וואַרט, זי זאָל עס אים זאָגן. ער זעט דען נישט? הלוואי וואָלט זי געהאַט כוח, וואָלט זי עס געטאָן אַ סך פריִער. קענטיק, ליבע מאַכט שטום און זי מאַכט אַלזעעוודיק, אָבער זי צעווייטיקט אויך.

אָפט „שמועסט זי זיך אויס" מיטן פּעטער מאַנועל — בלויז דער דמיון דערנענטערט זי צו אים. זי מאָלט זיך אים אויס, פאַלט צו צו אים, רעדט, וויינט. אין די נעכט איז זי נענטער צו אים, די פינצטערניש און די האַרט־קייט פון געלעגער ציִען צו אים. ס'שלאָפן איז איר אַ גרעסערע פּיין, איטלעך מאָל פאַלט זי אַרויס פון שלאָף מיט אַ געוויין; דער טאַטע גייט צו צו איר, וועקט:

— טאָכטער, וואָס חלומט זיך דיר?

אַן איבערגעוועקטע זוכט זי אים מיט די פינגער, דערווישט אים ענד־לעך אַן אָפּגעניכטערטע און שטויסט אים אָפּ:

— גיי, לייג זיך, טאַטע.

עסטעלאַ שלאָפט שוין נישט. ווידער דער פּעטער. זי איז בייז, הלמאי ער באַמערקט נישט, וואָס עס שרייבט זיך אין איר געמיט. זיינע לאַסקעס זענען איר אָנגענעם אין די אויגן פון זייטיקע: „אַ גוטער פּעטער". ווייטער קען זי נישט אַזוי. אַ קנופּ פון פילונגען האָט ער צעעפנט אין איר, זי זינקט אין זיי און דערהייבט זיך אויף זיי ווי אויף אַן אָנגעצויגענער שטריק. אויפן משקולת הענגט עסטעלאַ מילער און זי שפּירט זיך מערסטנטייל ווי זי וואָלט געווען אַ צערייזלטער ברונעם; ביזן האַלדז זיצט זי אין וואַסער, איר פאַרפעלט אָטעם, מחמת דעם קרייזלען פון דער טיפקייט־בלענדעניש.

— ...זאָל ער פאַרגעסן, מאַנועל, אַז ער איז ער, זי איז זי. עסטעלאַ מילער באַשטייט אויף אים. ווי פרעמדע קערן זיי זיך אָן. ער איז איר נישט קיין פּעטער, זי איז נישט בערטעס טאָכטער; ניין, — עסטעלאַ מילער איז זי פון מאַטאַדעראָס, אַ ווילד־פרעמדע, וואָס איז אים נאָענט געוואָרן, אים, מאַנועל זיגל פון געשטאָרבענעם וואַרשע. דאָ האָבן זיי זיך באַקאָנט און די באַקאַנטשאַפט איז זיי ליב. גלייכער אַזאַ פרעמדקייט. זי פאַרשטאַרקט די נאָענטשאַפט, וואָס קומט אויף פון אמתדיקן געפיל. אַזוי איז עס ביי איר שוין פון לאַנג. זי וועט זיך נישט שעמען מודה צו זיין. געוויס, געפילן לאָזן

זיך נישט פאַרגראָבן. זאָל אויך ער זיך אָננעמען מיט דרייסטקייט. זאָל ער זאָגן, מאַנועל זיגל. יאָ פעטער, נישט פעטער. אַלצאיינס. זי האָט געזאָגט אַלץ, ווייל, ווייל... אמת, זי קען מער נישט אויסהאַלטן. זי איז גרייט אַוועקצוגיין פון דער היים — מיט אים.

מער ווייסט זי נישט. מיט וואָס נאָך צו פאַרענטפערן דעם דורכבראָך אַצינד? פאַרן ציטעניש אין דער נשמה האָט די „קליינע" נאָך נישט געפונען די ריכטיקע ליכטיקייט פון וואָרט, וואָס זי דאַרף אַרויסברענגען. רעכט, קיינער האָט איר נישט געצוווּנגען צו דעם וואָס זי האָט געזאָגט: דער אמת איז אַזעלכער, פעטער מאַנועל — —

ראַפּטעם, מיט אַן אינערלעכער היץ, האָט עס אַרויסגעפּראַלט פון איר און אויגנבליקלעך געכאַפּט זיך אַז ווידער איז זי געבליבן אַנטקעגן אַ וואַנט פון אַליינִיקער געלימטקייט.

*

עסטעלאַן פאַרטונקלט זיך פלוצלינג דער געקייטל פון שטראָמיקן געדאַנק. דאָס מיידל האָט זיך אַלץ נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון פון דעם וואָס עס האָט איר געטריבן צו גיין צו מאַנועל זיגל. ס'געפּיל פלאַקערט אין איר און האַסטיק, ווי פון אַן אָקערשט אויפגעפלאַצטן קוואַל, רוישט איר גאַנץ טראַכטן. נאָר אַז עס איז געקומען צו ממשותדיקס — זי האָט זיך ענדלעך דערזעען פּנים־אל־פּנים מיטן פעטער — איז זי ווידער געוועזן עסטעלאַ: אַ קינד אַנטקעגן אַ דערוואַקסענעם. הפּנים, נאָר ער איז מסוגל זי צו פאַרהיטן פון אַלעם שלעכטן. דערפאַר ציט עס איר, — בעבעט איר געדאַנק און ס'מויל בלייבט שטום.

זי האָט בשום אופן זיך נישט געקענט דערשלאָגן צו דעם אַז זי זאָל ראַפּטעם צעעפענען דאָס האַרץ, ער זאָל עס בלעטערן, לייענען וואָס עס טוט זיך אין דעם.

און דווקא האָט אויך פעטער מאַנועל געזוכט עסטעלאַן. כסדר האָט ער זיך געניייטיקט אין איר, געמוזט זי כאָטש זען. ער האָט אַלע מאָל געפונען תירוצים זי אויסצוגעפינען: אָט עפּעס צו פרעגן, אַן אַנדערש מאָל מיטצושיקן אַ זאַך פאַר דער מאַמען. „ביסט נאָך דאָ, מיידעלע? גוט וואָס כ'האָב דיך געטראָפן".

ער האָט זיך געוויזן, כאָטש פֿיינלעכער איז געוואָרן די אויפגעצוווּנגענע אָפּגעפרעמדטקייט וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן שפּילן אומאָפּגערעדטערהייט — מחמת די זייטיקע אויגן וואָס האָבן דאַכט זיך געהויערט אויף זייער גיין און שטיין.

אַ מאָל האָט שוין אַפילו פון זיי אַרויסגעשטאַמלט די שעמעוודיקייט, וואָס האָט גענומען שאַרף קוועלן: „וואָס וועלן מענטשן זאָגן?"

— געקומען דער פּעטער, — האָט עסטעלאַ פֿאַרלעגן אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו פֿרוי סוסאַנאַ — טאָקע שוין אַזוי שפּעט?

לרוב האָט ער זיך געוויזן פֿאַרנאַכטלעך, כלומרשט כדי נישט צו שטערן אין מיטן דער אַרבעט.

— איר ווערט אַנטשולדיקן, — האָט מאַנועל זיך געווענדט מיט ליבלעכן פֿאַרענטפער צו דער פֿאַרוואַלטערן — אויף אַ מינוט בלויז. כ'וויל עפּעס אַהיים באַפעלן מיט סטעלאַן, — און ער שפּירט זיך אומבאַקוועם, מחמת אויך די „קליינע" פֿילט זיך אומאייגן פון דעם פּעטערס אַריינקומען צו איר. ער „זעט עס, ער פֿאַרשטייט עס", אָבער ער קען זיך נישט העלפֿן. ד'מוז, שטאַרקט ער זיך און גייט צו צו עסטעלאַן מיט אַן אָנגעהילציקטן שמייכל.

— באמת שוין שפּעט? — פֿרעגט אים דאָס מיידל אין אַ טאָן ווי זיין באַווייזן זיך וואָלט גראָד איצט איר געווען נישט ניחא.

— דאַכט זיך, און פֿון ס'ניי זיך פֿאַרלירן, געוויזן דער פֿרוי סוסאַנאַ דעם זייגער אויף זיין האַנט: — באַלד שוין זיבן. עס פֿעלן נאָך מינוטן.

ער וועט עסטעלאַן באַגלייטן. זי דאַרף אָפּנעמען אַ פּעקל פֿאַר דער מוטער, — פֿאַרענטפֿערט ער זיך נאָך פֿאַר דער פֿרוי, כאָטש פֿאַרענטפֿערן זיך איז אים נישט ליב. עס איז חשוד. פֿרוי סוסאַנאַ גייט עס כלומרשט פֿאַרביי: נישט וויכטיק, הייסט עס. מאַלע וואָס אַ מענטש באַדאַרף דערליידיקן? אגב פֿרייט זי זיך אויך מיט דעם היפּש־צעוואַקסענעם פּעטער מיטן מילדן פּנים, מחמת זי האָט געגרן דאָס מיידעלע. „אַ קלוגע די עסטעלאַ, און אַ געראָטענע. איר הערט? — זאָגט זי אים זייטיק אַז די קליינע זאָל נישט הערן — אַ שאַרפֿער שכל! געגוג פֿאַר איר אַ צוק מיטן אַקסל, אַ קוועטש מיט די ליפּן".

פּעטער מאַנועל איז דאַנקבאַר דער פֿרוי סוסאַנאַ. אָבער וואָס לויבט זי אויס עסטעלאַן פֿאַר אים? עס וואָלט געפּאַסט, זי זאָל אַזוי רעדן פֿאַרן פֿאַ־

טער. ס׳דאַך זיין נחת! קענטיק, מ׳מיינט שוין עפּעס. אויב מ׳פּאַרדעכטיקט איז שלעכט. אַוודאי, ער גופא איז דאָך נישט אין גאַנצן פּאַרטיק מיט זיך — ווי זשע קענען מענטשן אַזוי טראַכטן? ס׳האַלט שמאָל מיט אים. מ׳באַדאַרף זעלטענער אַריינקומען אַהער! דאָס איז קודם־כל. — — מאָדנע, שטענדיק פּילט ער זיך שולדיק לגבי דער פרוי פאַר די לויבן, וואָס זי האָט פאַר עסטעלאַן.

— אַ טייער קינד, — זאָגט זי אויך איצט, אין מורמל, האַרט פאַר זייער אַוועקגיין. — פּעטער, גיט אַכטונג אויף איר, — שטראַלט פרוי סו־סאַנאַ און קוקט זיי נאָך.

— אַ טייערס, — דרייט ער זיך אויס צו דער ווילער פרוי — ווייל זי איז אַריין אין פּעטערס משפּחה — לאַכן אין אים שוין די אויגן וואָס שפּיגלען זיך אין די קאָלירן פון פאַרנאַכטיקן הימל, אין גראָ און בלאָ, וואָס שפּאַרן דאָ פון די שויבן אין דער אַריינגאַנגטיר און פון איינציקן פענצטער.

— מן־הסתם דערפאַר, — גייט די פרוי זיי נאָך מיט איר גינציקן קול.

— געוויס, געוויס, — וויגט מאַנועל מיטן קאָפּ.

פרוי סוסאַנאַס בליק באַגלייט זיי נאָך. עסטעלאַן פרייט עס און זי טור־ליעט זיך צום פּעטער, ציט אים אַריין אין רויש פון די גאַסן. עס וועלן אַנטקעגן גיין מענטשן, ס׳וועלן אָנמיניען נייעסן, וועט זי זיך ערשט אָנזאַפּן מיט אינעווייניקדיקער רו. גוט אַזוי. דעמאָלט וועט זי אים שוין זאָגן. זי מוז זיך דערדרייסטן. זי׳ט דאָך קראַנק ווערן.

..נישט זי גייט, די קליינע, עס טראָגט זי. ס׳טראַכטן צעטראָגט זי.

*

זי האַלט זיך אין איין באַשליסן, די קליינע עסטעלאַ, אין אָנבליק פון דעם גוטן פּעטער וואָס קומט און קומט און ער רירט איר האַרץ. אָקערשט שפּאַנט זי ביי זיין אָרעם און טראַכט ווי אַזוי צו עפענען דאָס מויל. אָט, זי הייבט אָן, ניין, נאָך אַ רגעלע. זיי וועלן נאָר אַריינגיין, — באַשליסט זי.

דער פּעטער האָט עסטעלאַן צוליב געטאָן. זי האָט אים אַריינגעצויגן אין קינאָ. ער איז אין איר מאַכט. קלאָר, אויף אים דרינגט איר כישוף, אָבער זיין מוח ווידערשפּעניקט: ס׳אַ קינד, זאָגט ער זיך פאַר אַליין־באַרו־

קונג. קינאָ איז איר וויכטיקער אַפילו פון עסן. דער שכל לויפט, דער ווילן ברענט — — ער בייגט זיך אָן צו איר אײדער די ווערן פאַרשלונגען פון דער ריזלענדיקער טונקלקייט אין זאַל:

— מיידעלע, און עפּעס אין מויל אַריין? ביסט דאָך הונגעריק. ס'נאָך צייט. מירן אַרויס אויף אַ פּאָר מינוט.

— אַ דאַנק. איך בין נאָר מיד. איך וויל קוקן. גאָר נישט מער, — און זי זוכט זיין האַנט.

אָבער רו איז נישט געקומען אויפן אָרט פון דעם שטורעם, וואָס האָט פאַרכאַפּט אירע געבליטן. עסטעלאַ איז דאָס מאָל שווער געזעסן און פאַר־נומען די טיפע שטויסן, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ איבערן רויטן בין־השמשות וואָס גליט אויפן משופּעדיקן דאַך פון איר בולטן חלום — — ערשט שפּע־טער האָט עסטעלאַ געפילט דעם פּעטער נעבן זיך. ער איז שטאַרק, ער איז איר אויף אַן אמת אַן אַנלען. אלא זי איז זייער־זייער שוואַך. ווי זאָגן אַזוינס? דערווייל קען זי נישט באַוועלטיקן דאָס געשריי וואָס דריגעט אין איר מיט די פויסטן.

אמת, אמת, די גאַרע וואָר איז אַ משוגענע אויסטראַכטעניש. זי האָט זיך אַרויסגעדריוולט אַריבער אַלע שטעכעדיקע פּאַרקאַנעס. ס'איז ליבער אַזוי, איידער — —

און איז געוואָרן אין גאַנצן פינצטער, דער עקראַן איז געפלאָסן, האָט עסטעלאַ אַלצדינג ווינציקער באַנומען ווי געזעען. דער מוח האָט נישט באַ־וויזן נאָכצואיילן ס'געזעענע. אויפן האַרצן האָט דער שטורעם זיך געלייגט ביסלעכווייז, ווי שטייניקע פלאַסטן.

תיכף דערנאָך האָט זי שוין נישט געדענקט דאָס לאַנגע בילד. עסטע־לאַ האָט זיך אונטערגעגעבן דעם געווימל פון געפילן, וואָס האָבן זיך אי־בער איר געהויבן, זי פאַרשלונגען. און איז ליכטיק געוואָרן אין זאַל, האָט דער פּעטער מאַנועל געמוזט זיך אָנבייגן צו איר:

— וויין נישט, עסטעלאַ, סאַי' נישט שיין.

און אינסטינקטיוו צוגעטראָגן זיין טיכעלע צו איר האַנטפלאַך:

— גענוג, מיידעלע. מענטשן מוזן זעען?

קאַפּיטל צען

זיסער אומעט

לאַנגע טעג האָט עס נאָך גענומען ביז זי האָט אַ מאָל,ביים גיין אין אָוונט צום אָמניבוס, באַוויזן אַרויסצוברענגען פאַר ן פעטער מאַנועל דאָס דריקעניש וואָס זי האָט באין אופן נישט געקענט בייקומען.

— אוממעגלעך געוואָרן אין דער היים, — האָט זי אָנגעהויבן. — פּייניקן, קריכן מיר נאָך ווי כ׳וואָלט געווען אַ פּיצל קינד. זיי האַלטן אין איין פרעגן, ווילן אַלץ וויסן: ווו, ווער! וואָס קען איך זיי זאָגן? זיי מיינען, כ׳בין עסטולולאַ פון יאָרן צוריק!

און פריי געלאָזן אירע פאַרבאַרגענע טרערן.

— גיי, גיי! אַ מאַמע איז אַ מאַמע. זי וויל קיין מאָל נישט פאַרלירן איר קינד. שטענדיק ביסטו איר ס׳בעסטע, ס׳שענסטע. יאָ, יאָ. וווּנדער זיך נישט, שאַנקעדיקס. און דער טאַטע האָט דיך ליב ס׳לעבן. דו ווייסט עס דען נישט?

גערעדט און געגאַנגען, און ער האָט זיך אויך צוגעהערט צו די אייגענע רייד, גלייך ער וואָלט געוואָלט ווידער אַ מאָל זיך אויספּרוּוון אין אויסהאַלטעוודיקייט — אַנטקעגן אָט־אָ־דער. זי, זי האָט עס אים צענומען פון אויסטערלישע שפּירונגען, וואָס זענען לחלוטין ווייט פון זיין פּשוטער שכלדיקייט. מאַנועל רעדט און שטעלט זיך אָפּ פאַר ן מיידעלע, וויל עפּעס צוגעבן; ער באַגערט אַז זי זאָל אים פאַרשטיין, אים, מענדלען וואָס פּלאָנטערט זיך אין אַן אומפאַרשטענדלעכער ליידיקייט; ס׳מויל באַוועגט זיך אים, אָבער אין האַלדז קוועלט. אַ סך מער רעדן זיינע איבערגעלאָפענע אויגן.

— ביסט אויך שוין אַזוי ווי   ז יי ?

אומגעריכט האָט זי זיך געשטאַרקט. עסטעלאַ האָט שוין אַרויפגעקוקט צו אים מיט קלוגן פאָרוווּרף.

— איך? איך בין איך, — האָט מאַנועל זיגל גענומען שטאַמלען. ער, דער גרויסער, דער פעטער ביי וועמען דאָס האַרץ צעיערט זיך ווען ר׳פילט נאָענט פון זיך דאָס קליינע מיידעלע, וואָס ברוגזט זיך אַזוי שיין. אויך אים ווערן פול די אויגן, זעט זי.

— ביסט ערגער פון זיי! מיך פאַרשטייסטו גאָ־אָאָאָרנישט! — און אָפּגעלאָפן פון אים אַ שריט צוויי כדי באַלד צוריק צוגיין.

— שרייסט אויף מיר? — האָט ער אַ גלי געטאָן מיט די אויגן און ס׳קול האָט זיך צעפלאַטערט — און דו ביסט מיר שטאַרק... שטאַרק נאָענט.

מאַנועל זיגל האָט מורא געהאַט אַז די גאַס זאָל אים נישט דערהערן, נישט געוואָלט אַז עמעץ זאָל אים זען אין דער רגע פון וואַקלען זיך איבערן תהום פון זיין אייגנטלעכער פאַרלוירנקייט. אָבער מיטן גאַנצן האַרץ האָט ער באַגערט טיף אַריינרעדן אין איר: „שטאַרק האָב איך דיך ליב!״ ס׳געפיל האָט — אמת — מכריע געווען, אָבער דאָס וואָרט איז געבליבן גליווערן אין זיינע בלוטן. נעפּל־בעלמעס האָט די דאָזיקע שפּירונג אים אָנגעטאָן אויפן בליק און ס׳ליכט, וואָס גייט דאָ אַרום אויף נאַכטישע שטייגער, טומלט, גראַבלט אויף די ווייעס.

ווען עסטעלאַ, אַ שטיק פאַרטייעט געוויין, האָט פּלוצלינג זיך אַ ריס געטאָן פון אים און אַריין אין אָמניבוס, האָט ער, פעטער מאַנועל, רעכט דערשפּירט זיין אוממאַכטיקייט אַנטקעגן דעם כּוח וואָס האָט אים גענומען פירן. דעם געברויז אין זיך האָט ער נישט געטאָרט זיך אונטערגעבן און ער האָט בשום אופן נישט געקענט צו אים דערלאַנגען. ער האָט געוואָלט איינשטילן דעם ליאַרעם וואָס האָט אָט־אָ זיך צעהילכט אין זיינע שלייפן. מענדל האָט געשפּירט: ר׳איז געבליבן הענגען אין אַן ערגעץ — ס׳הוידעט זיך זיין גאַנצע וועלט. טשוועקעס האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין זיין מוח: „איך אין די פערציקער, זי... ווי וועט עס זיין, אויב איך וועל אַ שפּרונג טאָן — איך מענדל דער גרינער, דער פּליט פון די אימהדיקע בראַנדן. דער אָפּגרונט לאָקט אויף דיר; פול שרפה־ליכט איז ער, עס צעטראָגט דיין קרוכע וועלט.

ער, פעטער מאַנועל״.

אַצינד האָט ער עס בפירוש באַנומען: דער ווי גראָבט זיך אַריין אין אים, זשאַווערט אַן זיין געביין און די חרפה, זײַן חרפה, פּאַטשט אים.

ווי זי, עסטעלאַ, האָט אויך פּעטער מאַנועל נישט געקענט זיך ביי־קומען.

דער געראַנגל איז אָנגעגאַנגען.

*

עסטעלאַ האָט אָנגעהויבן זיך צו פּאַרשפּעט־קן מ׳טן אַהיים קומען קיין מאַטאַדעראָס, די מאַמע האָט זיך געחידושט, דער טאַטע איז אַרומגעגאַנ־גען אַ צעררודערטער, כסדר געקוקט אויפן זייגער: אַזוי לאַנג ווי ער איז שוין אין דער היים! זי ענדיקט דאָך אום זיבן.

— הער שוין אויף, — האָט ס׳וויב אים אָנגעשריגן — ווילסט דווקא מ׳יך משוגע מאַכן, לעאָן? כ׳האָב גענוג פּאַר ס׳מייניקע, — און אין גאַנצן זיך געצונדן פון אינעווייניקדיקן פרייכן מחמת שרעק פאַר דעם וואָס ס׳קען חלילה טרעפן מיט עסטעלאַן.

— ווייסט דען נישט, — איז בערטעס קול געוואָרן אָנגעדראָלן — אַז פּאַרנאַכט איז שווער זיך אַרויפצוקריגן אויף אַ קאָלעקטיוואָ *, געפּאַקט זע־נען די אָמניבוסן?

די פרוי האָט געזוכט זיך אַליין צו באַרויקן. זי האָט אָבער נישט אויפ־געהערט מורא צו האָבן פאַר דער פּינצטערני׳ש וואָס אָוונטיק שפּרייט זי זיך איבער דער געגנט אַ באַרוועסע, אַ פּויערישע, און זי האָט זיך געשראָקן פאַרן שטאָטישן רעש וואָס פּאַרשלינגט אַלעמען. די בייזע שטאָט האָט צו־גענומען ביי איר ס׳קינד. נישט־דאָ׳יק האָט די מאַמע אַריינגערעדט אין דער שיטערער שטוביקער טונקלקייט:

— ווי דער ים איז דאָס בוענאָס־איירעס. די שטאָט גייט־איבער פון מענטשן. באַהיט זאָל מע ווערן — ס׳אַ פּאַרפּלייצונג: מיליאָנען, מיליאָנען. אַזוי פיל און אַ סך ווינען ווייט פון צענטער. ווען מירן דאָ אַהערגעקומען מיט יאָרן צוריק, האָט מע געמיינט אַז מאַטאַדעראָס איז דער רוקנביין, אויף וועלכן די שטאָט וועט זיך שטעלן. ווייל אַ שעכטהויז, ווייל קלייטלעך האָבן

---

* מיקראָ־אָמניבוס.

זיך געוויזן, הייזקעס. אומעטום איז געווען ס׳זעלביקע זאַמד און וויסטקייט, די זעלביקע צרות. הײַנט? — ס׳שוין אַ מורא צו טראַכטן. די הענט פאַלן אַראָפּ. געלאָזן אונדז אָן אַ זייט, ווייט אָפּגעוואָרפן ווי מ׳וואַרפט אַ שטיין, אין די טויזנטער אָוועקגעסמאַגניעט די מענטשן. איטלעכן פאַרנאַכט זעט מען עס ערשט. פון דאָרט פאַרט מען, רייט מען — אַהיים, אַבי זיך אַוועקצורייסן, נאָר נישט צו בלייבן אַ צעקוועטשטער פון דער ריזעדיקער שטאָט. יעדן ציט אַהיים, מ׳אַנטלויפט פון דער מידיקייט, פון די געשוואָלענע פיס. צו פיל צעשפּרייט זיך די שטאָט, צו ווייט אַנטרינט ס׳שטיקל ברויט פונעם אָרעמאַן. דער קאָפּ ווערט צעשפּרונגען! „די ווײַטקייט אַרט מיך שוין נישט, די סכנה פון פאָרן צאַפּט מיר אויס דאָס בלוט. גוואַלד וועל איך שרייען, וואָס זיצסטו, טאַטע! — רייסט זי שוין די פּינצטעריניש — ווער ווייס וואָס כ׳איז געשען מיטן קינד?״ אומגעריכט זויערט זיך אָן בערטעס שטים וואָס ווערט כריפּקע — „מ׳הערט דען נישט יעדן טאָג פון אַקצידענטן? מענטשן פאַלן אונטער די רעדער פון דער באַן, ווערן צעריבן אונטער אָמניבוסן, וויי־וויי! אַן אומגליק געקומען אויף מיר: צו וואָס האָב איך זי אַוועקגעלאָזן, צו וואָאָאָאָס! געלט פאַרדינען? איך באַדאַרף נישט מער, איך האָב געענוג. זי וועט סיי ווי גאָר נישט האָבן דערפון. נאָך אַ שמאַטקע? מען קומט אויס מיט ווינציקער שמאַטעס, אַבי ס׳ביסל מזל איז דאָ. אָך איז מיר. מענטשן האָבן נישט קיין צייט. נאָר זיי אײַלן זיך. מ׳שטופּט זיך, מ׳שטויסט איינער דעם אַנדערן. מ׳ווערט לא עלינו צעריבן אויף שטויב פון די ווילדע וועגענער. מ׳ווייס דען וואָס עס גייט אויפן מענטשן?״

אויך לעאָנאַרדאָן כאַפּט אַרום אַ פּחד פאַר דעם שוידער וואָס ס׳ווייב האָט פּלוצלינג אַרײַנגעבראַכט אין שטוב. ער ווערט גאָר צערודערט. אים איז מער נישט אײַנצוהאַלטן. ער לויפט אַרויס, אַ סך מאָל „גייט ער אַנטקעגן״ דעם מיידל און זי קומט אַלץ נישט. ער שאַרט מיט די פּיס הינטער דער טיר, צינדט שוועבעלעך, וואַרפט פונקען אין פירהויז, אין פינצטערן הייפל, גייט אַרום און ברומט:

— דערוואַרט זיך! או־או, באַדאַרפט נאָך מער ווי דאָס איינע, די נאָרישע יידענע!

ענדלעך באַווייזט זיך עסטעלאַ. ס׳איז שפּעטע אָוונט־שעה. אַן אָפּגעיאָכמעטע געקומען, אָבער זי האָט גאָר נאָך אַ טענה צו טאַטע־מאַמען:

— וואָס בינדט איר מיך? ס׳אַרע סכנה, אויב כ׳קום נישט צו דער

רגע? זיצן און וואַרטן! איר פאַרגעסט, כ׳אַרבעט צוזאַמען מיט מענטשן, כ׳האָב חברטעס, כ׳מוז זיך טרעפן מיט עמעצן.

— דו ווייסט דען נישט, מ׳קלערט איבער? — שטאַרקט זיך דער פאָטער נישט אַרויסצוגיין פון געדולד, אָדער — אָן אַנדערש מאָל — נישט צו פיל זיך צו בייגן פאַרן מיידל. — אַ קאָפּ האָסטו, צי וואָס! אַזאַ פינצטערניש ביינאַכט, — פּלאָנטערן זיך זיינע רייד. — און אָפּן לאָזן די טיר איז פאַר דיינעטוועגן אַ קלייניקייט, אמת? הפקר! — שפּאַנען זיך אָן זיינע ברעמען אונטערן צעטומלטן בליק וואָס זוכט נאָר די טאָכטער, כאָטש ער וויל זי אויסמיידן.

— שוין? און מירביידע זענען גאָר נישט, ריכטיק? דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען אויפן מיסט אַרויסצוואַרפן, הע, טאָכטער! — שטעלט זיך אַרויס די מאַמע מיט איר געקרענקטקייט.

— שאַ, שאַ! די שיף איז נאָך נישט אונטערגעגאַנגען, — רופט אויס עסטעלאַ, ווען די מוטער שטעלט זיך פּלוצלינג אַוועק העשען אין דעם אַוונט־שויבער אַריין, וואָס שטייט ערשט אין פענצטער — כ׳וועל נישט פאַרלוירן גיין. מ׳זיצט רויִק און געזונט! נישטאָ וואָס איבערצוקלערן.

אין שטוב ווערט מען סוף כל סוף מיד פון בעטן זיך און פון מוסרן. דער פאָטער ווערט בלאַסער ווי בלאַס, ווען די טאָכטער „נעמט זיי די לעבער"; אַ צוריקהאַלטעוודיקע האַלט שוין די מאַמע די האַנט אויפן האַרץ (אפשר וועט אַזוי מער העלפן?):

— מיין ליבס, וואָס רעדסטו? איבערקלערן איז ערגער ווי דער טויט. און שוין ווייכער, מיט פאַרטריקנטע טרערן:

— טו אונדז צוליב. וויז זיך אַהיים צו דער צייט, עסטעלאַ. ׳עסט וועלן אויף דער נאַכט אַרויסגיין אין שטאָט אַריין, וועל איך דיך באַגלייטן, דער טאַטע וועט מיטפאָרן. זעסט דען נישט, ווי מענטשן פירן זיך? אַ מיידל גייט נישט אַליין!

— וואָ׳דען, דער קאָפּ זאָל צעזעצט ווערן? — כאַפּט זיך אויף דאָן לעאָנאַרדאָ ווי פון שלאָף.

קיין מוסר האָט זי נישט געוואָלט הערן, עסטעלאַ; תחנונים זענען אויך נישט דערגאַנגען צו איר. געלאָזן שטיין טאַטע־מאַמען אין מיטן רעדן, איז אַוועק אין איר ווינקל אַריין און זיך אויסגעצויגן אויף דער קושעטקע;

— דולן אַ מוח! אַ דערוואַקסענעם מענטש נעמען זיי בינדן.

דערנאָך האָט זי שוין פּאָר איר שפּעטן אהיים קומען איטלעך מאָל אויסגעפונען קונציקע תּירוצים:

— געווען אין סינע * מיט פרוי סוסאַנאַ.

— געגאַנגען אַ ביסל שפּאַצירן. אַ גאַנצע זואָן זע איך נישט די שטאָט פאַר זיך. לויף אַדורך בלויז אַ פּאָר גאַסן. — פּעטער מאַנועל האָט מיך צו־געפירט ביז אַהיים, שוין נישט געקענט אַריינקומען. ש׳געהאַט קיין צייט.

און אַן אַנדערש מאָל:

— מאַמע, ס׳געפעלט דיר? — פּאַרכליניעט זי זיך מיטן וואָרט און די מוטער זוכט צו זען וואָס ס׳באַדאַרף איר געפעלן (עפּעס אַ שמאַכטע?), אָבער עסטעלאַ דערציילט באַלד וואָס איר איז גראָד איינגעפאַלן: — פראַנצויזיש איז אַ שיינע שפּראַך. כ׳האָב זיך פאַרשריבן אויף אַ קורס פראַנצויזיש. כ׳על גייך, כ׳על קענען פראַנצויזיש, זאָגט מע מיר צו אַ גוטע שטעלע.

דער פּאָטער האָט זיך ממש צעריסן: ס׳מיידל טוט אַלץ, אַבי אויסצו־ריגען פון שטוב. עסטעלאַ מאַכט זיך אַרויס פון זייערע הענט. מיט אַ מאָל הרטה געקראָגן וואָס ער האָט זיך אַוועקגעקליבן אַזוי ווייט פון בוענאָס־איירעס. באמת, אַ צו גרויסער מהלך פון שטאָט. דאָך אַ פאַרוואָרפן אָרט דאָס מאַטאַדעראָס, אויב מ׳האָט עסקים אין שטאָט. היג יונגוואַרג וואַקסט נישט אַריין אין אַזאַ אָפּגעלעגן מקום. ס׳איז נישט די דאָרפישע חברה פון כאַמסקע פוילן וואָס בלייבט מערסטנס אין בהמה־שטאַל, צירט זיך אין אַ פּאָר שטייפע שטיוול. די היגע לאָקט עס אין שטאָט אַריין ווי פליגן צום ליכט. און צוריקגעשמועסט: אפשר איז׳ס גלייכער אַזוי? אין שטאָט זענען פאַראַן יידן, אַ סך יידן. דאָ איז מער גוייש. מיט וועמען ׳עט זיך דאָ טרעפן זיין עסטעלאַ? דאָך נישטאָ מיט וועמענען. ס׳קומט די צייט צייט צו הברלעכקייט צווישן יונגוואַרג. ער געדענקט דען נישט זיך אַליין, כאָטש איבער אים האָט די היים נישט אַזוי געציטערט? געווען ביי זיי אַ פולע שטוב מיט פּיקערס און טומלערס.

פּאַמעלעך האָט זיך אָפּגעקילט דעם טאַטע לעאָנס קאָפּ, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געברענט פון בענקעניש צו האָבן נאָענט פון זיך דאָס איינציקע קינד; די מאַמע האָט שטילערהייט געשלונגען טרערן. דערוואַרט זיך, — האָט

---

* קינאָ.

זי אַ מאָל אָפּגעזיפּצט פאַרן מאַן. — שוין ני״שט אונדזערע עסטעלאַ. אַרײַ־בערגעוואַקסן אונדזערע כוחות. אַצינד פירט זי טאַטע־מאַמען.

אויך דאַן לעאָנאַרדאָ האָט שלום געמאַכט מיטן געשעענעם:

— אַ פייגעלע ווערט אַ פויגל. עס הייבט אָן אַליין פליִען. וואָס מיר הײם, ווו מיר די נעסט?

ביסלעכווייז איז די שטוב משטיינס־געזאָגט געוואָרן היימיש מיטן נייעם שווערן אײַנפיר צו זיין אָפּגעריסן פון דער טאַכטער, וואָס האָט ביי זיי גע־לאָזן אַ לאָך אין ברוסט; מ׳האָט זיך צוגעוויינט אָפּצועסן ס׳נאַכטמאָל איי־דער עסטעלאַ קומט אַהיים, ווייל קיין מאָל איז מע נישט זיכער ווען זי וועט קומען. מ׳איז געווען טרויעריק, מיטן טרויער איז מען אַנטדרימלט געוואָרן. די שרעק פאַר אַן אומגליק וואָס טשאַטעוועט, איז קלאָמפּערשט שוין נישט געשטאַנען פאַר טאַטע־מאַמען מיט אָנגעצונדענעם בליק. שפּעט אין אָוונט פלעגט זיך אַריינשאַרן די טאָכטער. איינע אַליין, ווי פאַר־זיך, אָפּגעגעסן, אין דער זשוזשנדיקער טונקלעניש זיך צוגעקליבן צו איר בעט און אויך אַזוי ווינקלדיק זיך אָנגעצונדן אַן עלעקטריש פּלעמל. זי האָט עס נאָך פאַר־שטעלט מיט אַ דיקן פּאַפּיר כדי דאָס ליכט זאָל נישט שטערן „זיי״, די אַלטע. דעמאָלט איז עסטעלאַ אַוועק אין דער נאַכט אַריין אויפן באַזאַכטן פערדל פון אַ מעשה פון די ביכער, וואָס זי ברענגט אַריין אין הויז. אָ, ווי אינטע־רע־סאַאַאַנט! — האָט זי זיך פון צייט צו צייט אויסגעטשוכעט און איר איז געווען ליב די פאַרלאָקונג אינעם טשיקאַוון אַנדערשוו.

מער היימלעך איז געוואָרן עסטעלאַן מיט די מענטשן פון די ביכער. פון זיי האָט זי אַ סך געקלערט, מיט זיי צייטנווייז געלעבט ווי מיט פאַר־טרוילעכע פריינד, חברטאָרנס.

*

אין דער היים איז אַרום עסטעלאַן אָנגעוואַקסן אַ צויטיקער אומעט און דאָס האָט זי פאַרטריבן פון די היימישע, אָפּגעשטויסן זי.

מיט אַ מאָל — ווידער אַ נייס ביי עסטעלאַן:

געקומען פון שטאָט, עפּעס אָפּגעכאַפּט („ס׳עסן, האָט זי אַ מאָל גע־זאָגט, איז נישט קיין עיקר״) און מיט אַ האַסטיקייט זיך צוגעזעצט צום בוך, כאָטש לייענען האָט זיך איר נישט געוואָלט. ליבערשט וואָלט זי געהערט

מַעשׂות פון דער מאַמעס שכנטעס, ענדער האָלט זי זיך געשפּילט מיטן טאַטן. די אַלטע לייט, די „וויעכאָס״, האָבן אָבער געקוקט רעזיגנירטע, געוואָרן ווינציקער צוגעלאָזן. עפּעס איז זי ווייטיקלעך געוואַקסן — האָט עסטעלאַן אַ צוק געטאָן אַ געדאַנק — און די הײם איז מאָדנע אַוועקגעוואַקסן פון איר. אַנדערש. נישט צו דערקענען. גאָר נישט איז דאָ היינט פאַר איר מאָס. די היים, דאַכט זיך איר, וויל נישט וויסן פון איר, און עסטעלאַן האָט דווקא זיך פאַרבענקט נאָך די לאַסקעס, צו וועלכע מ׳האָט זי אַמאָל צוגעוווינט. אָבער איצט האָט די מאַמע נישט געפרעגט: „וואָס ווילסטו זאָגן, כּאַכטערשי?״ דער טאַטע איז איר נישט אַנטקעגן געלאָפן אַ פאַרצאַפּלטער: „נו, טייערס?״ פאַרשעריש, פאַרדעכטיק איז דאָס האַרטע נאָכקוקן איר איטלעכן טריט; יעדער בליק טאַטע־מאַמעס טריפט אומעט און ער איז פול פאַרוואָרף.

„געוועזן אַ קינד — האָט גערעדט זייער שווייגן — און עס איז געוואָרן אונדז אַ שונא״.

לאַנג האָט עסטעלאַ דאָס נישט אויסגעהאַלטן. מיט אַ מאָל איז זי אַרויס מיט אַ טומלדיקן געוויין:

— שלאָגט מיך, הרגעט, נאָר פּייניקט נישט!

אָבער די „וויעכאָס״ האָבן ווי פאַרשטייניקטע זיך אָפּגערופן מיט אַ וואָרט, אַרויסגעבראַכט די האַמעטנע אָנגעלאָדנקייט פון האַרץ, געבעטן זיך, זי זאָל אויף זיי האָבן רחמנות:

„קראַנקע זענען זיי געוואָרן פון איר, צעבראָכן. ערשט איז זי צו זיי ערגער ווי אַ פרעמדע״.

— וואָס קומט אונדז אַרויס: זי קומט אַהיים און זי איז נישט אין דער היים! — האָבן מאַן און ווייב דערנאָך איבערגערעדט אין מיטן לעסטיקן שווייגן.

טרערן זענען געפאַלן, ביי עסטעלאַן האָט עס קנאַפּ געפּועלט. עסטעלאַ בלייבט עסטעלאַ. „לא עלינו פאַרדרייט״. און טאַטע־מאַמע האָבן זיך דאָך נישט געקענט אָפּזאָגן פון זייער קינד. וואָס זענען זיי אָן איר? — האָט סיי ער, סיי זי זיך אַ וואַקל־געטאָן אין נאָכקלערן. מ׳האָט פאַרביסן אַ ליפּ, געהיטן זיך מער נישט צו פאַרביטערן די טעג איינס דאָס אַנדערע. אַזאַ איז דער גורל, נישט שייך אים זיך אַנטקעגנצושטעלן. ס׳פּאַרפּאַלק פלעגט זיך באַגעגענען מיט שטילשווייגן, על פּי רוב גערעדט צווישן זיך מיט די בליקן.

יאָ, עסטעלאָ איז דער נאָמען פון זייער גורל. צו מאָל האָט עמעץ פון זיי זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט פון אַליינטרייסט. פּשוט — כדי איבער־צוהאַקן דעם קאָן, ווייל נאָר קרענקעניש איז געשטאַנען „אין באַנק״. אַנו־מלט האָט בערטע זיך אַליין איבערגעשריגן אין איר אייגענעם לאַנגאָניקן טראַכטן:

— ווו אַ בלום איז פּאַרזייט, וועט נישט אויסוואַקסן קיין בולבע. אַזוי, מיין טייערער!

דאָס האָט די מאַמע געוואָלט אומגעריכט פּאַרלייכטערן ס׳געמיט אי זיך, אי דעם פּאָטער, וועלכער האָט געמאַכט זיך פּאַר אַ טבע אָוועקצוזעצן מיט אַ בלאַט־צייטונג אין האַנט און לאַנג אַריבערקוקן איבער איר, אַנטומלען מיטן געשאַרך, אַבי זיך נישט צו לאָזן הערן.

— לעאָן, איך רוף דיך און דו ביסט אין באַגעריזע — לעאָן, האָרכסטו?

— מיינסט עפּעס?

— אַוודאי מיין איך, — האָט די פרוי גענומען זיך פּאַרענטפערן, הלמאי זי איז פּלוצטאָלבן אַרויסגעשפּרונגען פון איר טראַכטעניש — דו קענסט נישקשה דערגיין די יאָרן. כ׳מיין עס אַנטקעגן אונדזער טאָכטער. עסטעלאָ. זאָג איך דיר, איז אַ קלוג מיידל. וועסט זען, זי׳ט אַהיים קומען מיט נחת פּאַר טאַטע־מאַמע. ס׳האַרץ אַנט מיר דערפון. אין מיידל האָט ערשט אויפ־געבליט אַ שיינקייט, וואָס מאַכט זי אומעטיק — מחמת דער פּלוצלינגקייט פונעם אויפבלי — פּאַרשטייסט, טאַטע? איך שווער דיר: טאַטע־מאַמען האָט זי ליב, אָבער נישט אַלץ קען מע זיי דערציילן. און זיי קענען עס אַלע מאָל פּאַרשטיין? יאָ, יאָ, לעאָנשי. אַלטע לייט פּאַרגעסן וואָס זיי גופא האָבן געטאָן אין זייער יוגנט. מ׳באַדאַרף האָבן מער געדולד, לעאָנשי. דאָס איז דער ריכטיקער אמת.

*

דער טאַטע האָט געטראַכט, די מאַמע האָט געריעדט און זי האָט שוין געוווסט אירס, די קליינע: פּעטער מאַנועל האָט זי גליקזעך צעמישט. זי ווייסט עס אויף געוויס. איר האָט אומאויפהערלעך געצויגן צו אים. געזעסן אונ־טער טאַטע־מאַמעס נישטערנדיקן שווייגן, האָט זי אויך געטראַכט פון פּע־טער, נאָכגעקלערט זיינע רייד.

אויף אַן אמת איז עסטעלאָ אַרויסגעוואַקסן פון טאַטע־מאַמעס גדר.

אומעטום האָט מען אין איר שוין געזען אַ פּריילן. סעניאָריטאַ עסטעלאַ האָט זיך געפּילט וויכטיק, געוואָלט זיך האַלטן אַזאַ און נישט תמיד האָט זי עס געקענט. אין איר האָט געפּישטשעט דאָס קינד, וואָס האָט ליב אַז מ׳זאָל עס זעען, צערטלען. פּעטער מאַנועל האָט דערהערט דאָס דאַזיקע לעכצן עסטעלאַס. זי האָט עס גיך אָפּגעפּילט און זיך געשטרעקט צו אים, געזוכט אים צו זען, געלאָפן אים זוכן. עסטעלאַ האָט נישט געדענקט אַז טאַטע־מאַמע וועלן איבערקלערן; זי איז זיך פאַרזעסןביים פּעטער מאַנועל אין צימער — געמאַכט היימלעך ביי זיין טיש. דאָס ערשטע מאָל זינט ער האָט זיך אַריינגעקליבן אַהער, האָבן מענדלס וועגנט געהערט שושקנדיקע רייד, פאַרנומען אַ ליבן שמייכל. עס איז אים געזוען גוט. ער האָט נישט געוווסט ווי עס אָנצורופן, אָט־אָ־דאָס אַרומפירן זיך מיט דעם מיידעלע — אויך ער איז אַריינגעוואַקסן אין דעם נייעם פּירעכץ. צוגעווינט זיך צו דער „קליינער״ און אים איז שוין געוואָרן שווער אויסצוקומען אָן עסטעלאַן: עסטעלאַ היינט, עסטעלאַ נעכטן און עסטעלאַ מאָרגן. אייגנטלעך האָט מענדל שוין נישט געטראַכט דערפון. זי איז געוואָרן אַ טייל פון זיין איך. מענדל האָט שוין געפילט איר פילן, געקוקט מיט אירע אויגן. עסטעלאַן דאַרף עס געפעלן (ווען ער האָט זיך געשטעלט אין אַן אויסשטעל־פענצטער אַריין עפּעס אָנקוקן), עסטעלאַן וועט עס קלײדן, עסטעלאַן וועט עס שמעקן. עסטע־לאַ, עסטעלאַ. אַזאַ מין לידל, וואָס זינגט זיך אַליין און עס בענקט זיך צו דעם. אָפט האָבן זיי אין די אָוונטן געשפּאַצירט באַנאַנד, געגאַנגען און גע־שמועסט — נישט געפילט דעם אונטערשייד וואָס ליגט צווישן זיי. אדרבא,ביידן איז געווען גוט אין דער צוזאַמענדיקייט.

דער פּעטער מאַנועל האָט אָנגעליכטיקט עסטעלאַס געמיט, געפירט זי ביי דער האַנט ווי מ׳פירט אַ קינד וואָס לערנט זיך ערשט גיין. עסטעלאַן איז עס געפעלן. דער פּעטער האָט זי אָפּגעוואָרט, דער פּעטער האָט איר געבראַכט היימלעכקייט. „קינדעלע, וואָס מאַכסטו?״ — „מיידעלע, ביסט שוין הונגעריק״, און אין סאַמע פרעגן זי צוגעפירט צו אַ טישל, אויף וועלכן מען האָט צוגעגרייט מטעמים וואָס זענען זיס פאַר איר גומען. „זאָג וואָס דיר שמעקט״ — האָט פּעטער מאַנועל זיך געבעטן ביי איר. מיטן בליק האָט ער ליבלעך באַגלייט איר עסן. ער האָט צוגעהיטן, זי זאָל זיך נישט צוקילן מיט אַ האַסטיקן טרונק, אַכטונג געגעבן אַז אַ פּלוצלינגער בוענאָס־איירעסער ווינט זאָל נישט קיל אַרומכאַפּן איר צעוואַרעמט לייב. אַ משו־

גענער קלימאַט דאָ, חזרט ער איבער צום ווילפלטן מאָל. אין גרעסטער היץ קענסטו זיך ריכטן אויף אַ קעלט — און לאַכט ברעקלדיק מיט אַ נישט יונג געלעכטער. מיט דער גענישקייט פון אַ טאַטע האָט ער שטענדיק געטראָגן מיט זיך אַ וואָלן סוועטערל פאַר אירעטוועגן, אַ לייכטן שאַל. די לונגען מוז מע געדענקען, האָט ער געמורמלט אַז זי זאָל הערן און תמיד געהיט אַ קליינעם מיידלשן באַגאַזש אין זיין לעדערנער האַנט־טאַש.

...מיטן פעטער איז עסטעלאַן בעסער. אָבער קלאָר צו טראַכטן דערפון איז זי נישט געווען מסוגל. רק די ברוסט האָט אין איר געצאַפּלט אַלע מאָל, ווען זי האָט אַ קלער געטאָן דערפון. אַ צעטומלטע איז זי אַרומגעגאַנגען פינעם רויש וואָס פעטער מאַנועל האָט אַריינגעהילכט אין אירע געבליטן. עסטעלאַ האָט שוין עפּטערס געוויכט פון דער היים, זיך געעקשנט פאַרן פעטער: „כ'באַדאַרף נישט צו זיין דאָרט". זי האָט אויסגעמיטן צופיל זיך צו פאַרטרויען פאַר פרוי סוסאַנאַ, געוויכט פון די מיידלעך, וואָס פלעגן טייל מאָל זי אָוועקפירן אָן אַ זייט, עפּעס צו דערציילן און פריילעך, סודותדיק דערנאָך שוין מיט איר פלוידערן אין גאַס. זי האָט זיך צוגעקניפּט צום פעטער. דווקא דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן זעלטענער קומען זי זען אין ביוראָ; זיי האָבן שוין געהאַט אָפּגעשמועסטע טרעף־ערטער.

— וועסט קומען, קליינטשיקס?

יעדעס מאָל האָט ער אַזוי געפרעגט, כאָטש תמיד געשפּירט דעם כוח פון דער געוועלטנדיקער אומדרייסטקייט וואָס דריקט אויף אים: „ביסט אַ פעטער, ביסט אַ געפלאָגטער, זי איז אַ קינד!"

(דער קאַלטער שכל האָט זייטיק אַ שמיץ געטאָן: „אַ ווייב זוך דיר, אַ...", אָבער פון ס'ניי האָט געשטראַלט פאַר אים עסטעלאַ די שאַנקעדיקע).

— זאָל איך קומען?

אויך איר איז באַפאַלן אַ קרעמפּירנדיקע נישט־דרייסטקייט, אַזש זי איז נישט געווען בכוח אַרויסצוצי:ען איר ווייך העגטל פון זיין האַרטער, גרויסער האַנטפּלאַך.

— קום, קום, מיידעלע, — און „ר'איז נישט געווען דערביי", ווען ער האָט אַ גלעט געטאָן איר פולכענקן אָרעם.

בלייך האָט אָפּגעקלונגען זיין קול און די ברוסט האָט זיך צעלעכצט; עס האָט אויף אים אָנגעשפּרייעט אַ שטעכיקייט ווי ס'וואָלטן אויף אים געפאַלן פלוצלינגע קאַלטע טראָפּנס רעגן.

— קומען ?

איר האָט זיך עפּעס נישט געגלייבט, אַז עס וויגט זיך אויס פאַר איר דעם־אָ גרויסן מאַנצבילס הסכמה צו פרייען זיך מיט איר פרייד, און זי האָט אומיסטן איבערגעפרעגט. ערשט פאַרן אָפּרייסן זיך פון אים, האָט זי קינדיש אַ טוליע געטאָן איר אַקסל אָן זיין ברייטער ברוסט.

„ביסט אַ גוטער", האָט דאָס טוליעניש ניך אויסגעצייטערט.

— מיין שעפעלע, — האָט ער, אַ פולער זיך צוגויפגעקאַרטשעט און כיף אין זיך פאַרנומען דעם אייגענעם מורמל. ביי עסטעלאַן האָט אין טרערן אייפגעלויכטן דער בליק. אין איר אויגנפלאַטער האָט זי דערשפירט אים אין גאַנצן, דערשפירט מיט דער דערהויבנקייט פון עדשטמאַליקן אויפשפּראָץ פון די אומגעריכט־פריִע ליבע־קנאָספּן, די וואָס גיסן אָן ס׳לייב און פאַר־כליניען די נשמה מיט שטראָמען זיס־נאַגנדיקע, פאַרנעפּלט־שרעקיקע כוואַ־ליעס. ברויזיק איז געווען עסטעלאַס דעמאָלטדיק שוויגן און דאָס איינס־טינקטיווע אויסוואַרטן אַז ע ר זאָל זיך ווידער אָפּרופן. דאָס דאַזיקע לאַ־קנדיקע קלעמעניש האָט אויסגעציטערט איר גאַנצער געביין. פאַר א י ם, פאַרקערט, האָט די גאַרע וועלט זיך געטוקט, געוואַקלט זיך אין ווייטיקן. ביידע, עסטעלאַ מיט מאַנועלן, זענען אין יענע מינוטן געווען אויסטערליש פאַרטאָן אין די טונקלענישן פון געפיל און דאָס האָט זיי געפירט ווי אַ בלינדן פירט דער שטעקן אין דער טאַפּנדיקער האַנט. דערנאָך האָט ער ווידער דערווישט עסטעלאַן נעבן זיך. זי האָט נישט געקענט אַוועקגיין פון אים. מענדל האָט צערטלעך איר אַ קוש געטאָן אין בעקל און דערשפירט ווי אין האַלדז שווימט אָן אַ דריקונג.

— גיי, גיי, — האָט ער קוים אַרויסגעבראַכט.

יעדן אָוונט איז אַזוי אויסגעקומען און פעטער מאַנועל האָט ביי עס־טעלאַן אַ גנבע געטאָן דעם קוש. שטענדיק איז עס געשען אויף אַן אָרט, ווו עס איז געווען געענוג טונקל. זי האָט אַ שאַר געגעבן דאָס בעקל אָן זיין באָרד, געשפּירט אַ הייסן, ליבן שטאָך אין ברוסט און איז אַנטלאָפן, ראַפּ־טעם אַנטלאָפן. פון דער פונאַנדערגעשפּרייטער אומהיימלעכער פינצטערניש האָט זי צו אים אַרויסגעלויכטן אַ לענגערע ווייל. דערנאָך האָט ער אַן אויסגעהוילטער, מיט ציטעריקע קני, געוואַרט אויפן בלינצנדיק באַלויכ־טענעם אָמניבוס וואָס זאָל אים אָפּפירן צוריק צו דער מאָדנע ניכטערנער, פרעמדער שטאָט.

קאַפּיטל עלף

אויף אַ שמאָלער סטעזשקע

זי האָט געליטן און פון דעסטוועגן צוגעווינט זיך, די שטוב פון מאַ־טאַדעראָס: ש ו י ן!

עסטעלאַ איז אַ דערוואַקסענער מענטש. מיט אַ מאָל איז עס געוואָרן און קיין צוריקשפּיל איז נישטאָ. אויס קינד. מאָדנע פריקרע, אָבער אַזוי איז די וועלט. אָקערשט־וואָס האָבן אַריינגעבראַכט פריידיקייט אירע קאַ־פּריזן, איר פּיעשטשען זיך, אַצינד פאַרוועבט דער אומעט דאָס גאַנצע הויז אין זיין נעץ.

מ׳האָט זיך געכאַפּט דערויף אין איבערשרעק, גלייך עס וואָלט געשען מיט אַ מאָל — ווי עס ברעכט זיך אויס אַ צאָן אין מויל און איבערן גאַנצן גוף גיסט זיך פונאַנדער אַ צ׳ענדיקער, הוילער ווייטיק.

ס׳איז מער נישט געבליבן קיין וואַרטן און קיין שום דערוואַרטן פאַר דער דאָזיקער שטוב, סיידן די זיקנה אויף אַן אמת און איר פולער טרויער. כולה נאָכט איז אַנגעטראָטן. נישטאָ שוין דאָס צוקנדיקע געפּיל וואָס עס האָט אַנומלט אַריינגעבראַכט דאָס קינד: עסטעלאַ קומט, עסטעלאַ זאָגט, עסטעלאַ לאַכט. שוין — דער „אַלטער", די „אַלטע". אויף אַן אמת אַלטע.

נישט ווילנדיק מאַכן מענטשן שלום מיט געשעעענישן וואָס לאָזן זיך נישט ענדערן. מיט עסטעלאַן האָבן טאַטע־מאַמע „נישט געוואָלט אַנהייבן". אַן איינציק אויג אין קאָפּ, זאָל איר גוט זיין. אַז סיי ווי וועט נישט העלפן קיין שרייען און קיין וויינען.

— אַ קלוגע איז זי אַן עין־הרע. מע מעג זיך פאַרלאָזן אויף אונדזער עסטעלאַ, — האָט בערטע געטרייסט דעם מאַן, כדי זיך אַליין צו שטאַרקן אין דער נויט וואָס איז געקומען צו זייער שוועל.

— גאָט וועט העלפֿן, זי וועט קריגן „אַ שטיקל יינגל״, וועט זי זיך ענדערן — האָט לעאָן זיך געענטפֿערט אויף זיינע אייגענע סומנע טראַכ־טעניש. —־ ס׳גייט דערצו.

בלית ברירה געזוכט זיך אַליין צו טרייסטן, באַרויקן.

זיך צו פֿאַרגעסן, זיך צו פֿאַרווײלן, האָבן דעם מענטש זיך דערמאָנט די וואַרשעווער צייטן — כמעט פֿאַרן אייגענעם געהער עס דערציילט, כאָטש אין בליק האָט ער געהאַט זי, ס׳וויב: שוין אַזאַ געזעץ אויף דער וועלט. קינדער האָבן קיין מאָל נישט געוואָלט האָרכן טאַטע־מאַמען. אָט ערשט אַרויס פֿון די קורצע מייטקעס און שוין זענען זיי שטאָך־ברוגז מיט דער היים. מ׳ווייס נישט ווי דאָס האָט זיך אַזוי אויסגעלערנט, אָבער זיי קענען עס. בלוט האָט עס געקאָסט אַלע מאָל, יאָרן מיט טרערן זענען אָפּגערונען און ס׳דאָך אַדורך. פֿאַמעלעך, מ׳האָט זיך אָנגעהויבן חתנען, כלהנען און געענדערטע, שטילעטשקע און גוטע צוריק אַהיים געקומען. טאַטע־מאַמע האָבן פֿון דאָס ניי געעפֿנט זייערע אָרעמס. ווידער געווען ווויל און ליב. נישקשה, ס׳פֿייגעלע בלאָנדזשעט און קומט צוריק אין דער נעסט. געדענקסט, בערטע, די געשיכטע מיט משה צלאָפּ און דער הויכער רוזשע? — האָט לעאָן מיט אַ מאָל אויפֿגעמישט אַן אַלט בלעטל פֿון זיין אַמאָל.

— אַ נפֿקא־מינה צי כ׳געדענק! וואָס איז דאָ צו דערציילן? אַ מאַמעס האַרץ איז פֿון אייזן, — האָט בערטע געוויטיקט אין איר ענטפֿער. אַ טרויע־ריק אָנצוהערעניש! איר מינע פֿינצטערט אַן ממש דעם גאַנצן חלל פֿון שטוב און ער, אַנטקעגן, גריזשעט זיך באַשיימפּערלעך. אַז מ׳איז נישט גע־נוג שטאַרק, מוז מען זיך עס אויסלערנען, — האָט די פֿרוי שוין צוגעני־גונט אויף דער לערנונג וואָס אָקערשט געלערנט אויף דער אייגענער הויט.

דאָך האָבן טאַטע־מאַמע אַן ברירה פֿאַר ליב־גענומען דעם טרייסטנ־דיקן בטחון אין אַ נס וואָס דאַרף זיי צוריקברענגען די טאָכטער.

עסטעלאָס מאַמע האָט אַפֿילו אין צער אַ חלום געטאָן פֿון אַ שידוך פֿאַרן מיידל. „עס וואָלט נישט געשאַדט. וואָס יינגער מ׳האָט חתונה, אַלץ געזינטער און שענער״ — האָט זי געשמועסט מיט זיך מתוך דער טרערדי־קייט, וואָס האָט געטריפֿט פֿון איר קוקן און טראַכטן. נאָר רעדן דערפֿון האָט זי נישט געוואָלט. חלילה, זי וועט׳ס נישט ברענגען איבערן מויל. כ׳מיידל קען נאָך הערן און זיך צעשרייען. זי וועט זיך שעמען.

— ווי מיינסטו, לעאָן, — האָט זי אַ מאָל געפרעגט דעם מאַן — עס וואָלט מיר געפּאַסט צו ווערן אַ שוויגער?

— דאַרפסט נאָך אַ ביסל אונטערוואַקסן, בערטע, — האָבן זיינע קליינע אויגן טרויעריק געלאַכט און לאַכנדיק זי אַרומגעהאַלדזט: — באַבעטשי טייערע, מיין ליכטיקע באַבעטשי — און געלאָזן איר אויפן שטערן אַ וואַרעמען קוש.

— דיינע הלצות, לעאָן.

זי האָט אָפּגעהאַקט און שטילערהייט, ווי שטיל ס'איז די געגנט אין איר פאַרשטויסנקייט, מיט אייפער גענומען גרייטן זאַכן פאַר דער טאָכטער. לעאָן האָט אַריינגעבראַכט אין שטוב דאָס צוגעציילטע חודש־געלט, האָט זי, די מאַמע, בגוואַלד דערפון אָפּגעשפּאָרט, באַהאַלטן אַ פּעזע און בשתיקה, מיט ציטעריקער פרייד געגאַנגען עפּעס איינקויפן „פאַרן מיידל, פאַר אַ תכלית, מ'זאָל עס דערלעבן". אַן אויסשטייער וועט זי דאַרפן באַקומען פון שטוב, עסטעלאַ, אַז מ'עט זוכה זיין דערצו. מילא, אַ נדן, נדן איז ביי גאָט. אָבער צו מענטשן מוז מע קומען מיט שיינע קליידער און מיט חן.

ביי דעם דאָזיקן קלערן און ביים וועקן דעם טרויער איז עסטעלאַ נישט געווען. אין הויז האָט זיך נאָר געשפּירט די פּוסטקייט וואָס ס'מיידל האָט געלאָזן נאָך זיך; אייגנטלעך נאָר צו איר איז אַלץ גערעדט געוואָרן אין דער היים, אָבער זי האָט עס געהערט פונקט אַזוי ווי דער ווינט אין פעלד פאַרנעמט די קלאָג־רייד פון די וואָגלענדיקע. אדרבא, דער ווינט טראָגט צו זעלטן זייער קלאָג צו די אויערן פון גוטהאַרציקע. עסטעלאַ און די היים האָבן פּאַוואָליע זיך דערווייטערט פון איינאַנדער. דאָס נישט־ניחאדיקע מורמלען פון טאַטע־מאַמען און ס'געשריי פון דעם אייגענעם צערייצטן געמיט האָבן עסטעלאַן טאָג־טעגלעך אָפּגעריסן פון מאַטאַדעראָס. אַבי ווייטער פון „זיי", האָט עס געטומלט פון דעם מיידל. פּראָסט־פּשוט געוואָרן זיך דערווידער. די היים און די טאָכטער האָבן זיך גענומען גיין זייערע באַזונדערע וועגן. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דער אַרבעט אין ביוראָ פון כואַן באַלעזגי, האָט עסטעלאַן געפּעלט נאָר דער פּעטער. ערשט איז עסטעלאַ מילער דאָס אָפּגעציטערטע קינד פון מאַנועל זיגאַל. זי איז געקומען צו אים און ער האָט זי צוגענומען ווי אַן אייגנס צו וואָס מ'איז צוגעווינט פונעם באַגינען פון לייבלעכן באַוווסטזיין. אמת, קוועלנדיקס איז דאָ בייגעשטאַנען

אויף שריט און טריט: „ששאַ, מיידעלע״, — האָט ער צוגעפּירט אַ פינגער צו די ליפּן, ווען עסטעלאַ האָט זיך דערלויבט אַ הויכן רעד צו טאָן. „דער שכן איבער דער וואַנט קען זיך צוהערן״. און אָפּט איז זי, די קליינע עס־נועלאַ, צוגעשפּרונגען צו דער טיר אויף די שפּיצפינגער, געפּרוווט דעם שליסל, צי ער איז פאַרדרייט. עסטעלאַ האָט פאַרחידושט, פריידיק אויס־געשטעלט אירע ליכטיקע אויגן; ער האָט אָפּן, ליבלעך געשמייכלט, גלוס־טיק זי אַראָפּגעזעצט אויפן ראַנד פון בעטל. דאָ איז בעסער, — האָט ער איר אַריינגעשעפּטשעט אין אויער — ס׳בענקל איז האַרט, קינדעלע, און ווידער אַ גלעט. ס׳נישט גאָר ניחאדיק אַזאַ פּירעכץ, האָבן זיי מסכים גע־זוען מיט אויגנפינקל, אָבער ביידע ווי צדדים האָבן געפּלאָמט אַרום דעם אָנצייטיקנדיקן סוד, וואָס זיי האָבן זיך מיט אים אויסבאַהאַלטן. אוודאי, מיט געהיטנקייט האָבן זיי עס אויסבאַהאַלטן פאַר איר טאַטע־מאַמען און פאַר פרעמדע אויגן. נאָר אויף איבערהאַרן די לאַנגע שעהען, ווען זי האָט באַדאַרפט פאָרן צו דער אַרבעט און ביזן זעען זיך מיטן פעטער איז די שטוב פון מאַטאַדעראָס פאַר עסטעלאַן געווען אַ האַרבעדיק. אָפּגעפרעמדט. זעל־טענער האָט זי געדוט אין דער היים; מיט די „אַלטע״ געהאַט ווינציק וואָס צו רעדן. איר קומען אין שטוב אַריין האָט טאַטע־מאַמען פאַרצאָגט. געווען אַ ליבס, געוואָרן אַ שונא, — האָט בערטע איבערגעחזרט.

— וואָס הערט מען, מאַמע?

— האַלאַ, פּאַפּאַ, וואָס מאַכסטו?

נאָר ווי אַ גאַסט, וואָס פריינדלט זיך מיטן הויז. אַ מאָל האָט בערטע שוין נישט אויסגעהאַלטן און אַרויסגעפּלאַצט מיט איר פאַרדראָס:

— וואָס גייט עס דיר אָן, טאָכטער? מ׳הערט וואָס מ׳וויל הערן! די מאַמע ווערט איבעריק ווען מ׳איז שוין אַרויס פון די מאָזלען. ס׳איז דיר בעסער אַז דו האָסט אויסגעפונען אַ פרעמד אויער וואָס וויל דיך הערן? ס׳דאַכט דיר, אַז דו פאַרשטייסט שוין אַלץ! ווײַ דיין טאַטן, וואָס קען צו מאָל נישט אַרויסברענגען זיינע יסורים. ער גייט אַרום און שווייגט. אַ יידענע, רייסט זיך פון מיר אַרויס אַ וואָרט. דער טאַטע — קוק, ווי ער זעט אויס. נחת דערלעבט!

די פרוי האָט זיך געראַנגלט מיט זיך, געווען פאַרביטערט, נאָר אַרויס־צוברעכן מיטן טאַטשנדיקן טרויער.

— פאַרבלאָנדזשעט די היימישע טויב: אויסגעבאָוועט, זי גרויס גע־

מאַכט — ערשט פליט זי אַרום אַ צעדולטע, — האָבן אָפּגעפּסקנט „די אַלטע”.

פאַרענטפערן זיך איז נישט אין עסטעלאַס נאַטור. אמת, איר לייב איז נאָך שלאַבעריק, אָבער פאַרביסן איז דער װילן. נאָר דער רוף פון בלוט שטאַרקט זי, גיסט אָן מיט אימפּעט: זי װעט נישט נאָכקריכן טאַטע־מאַמען! זייער שׂכל איז נישט אָנגעמאָסטן אויף איר, אויך נישט זייערע װעלעכצן. און זי איז גאָר נישט שולדיק. נאָר שולדיקע דאַרפן זיך פאַרענטפערן — זאָגט איר אַן אונטערגעהאַרכטער געדאַנק. װאָס איז דען געשען? זי האָט געפונען פריינד אויסער דער היים, איז עס אַן עולה? יעדער מוז טרעפן צו זיך און צו ס׳זייניקע. די מאַמע האָט דען נישט געפונען דעם פּאַפּאַ, מיט צװאַנציק צי דרייסיק יאָר צוריק? װוּ דען איז דער װעג פון אַלע מענטשן? פריינדשאַפט האַלט זיי, פריינדשאַפט ציט איינעם צום אַנדערן. זאָלן זיי זיך אַרויסלאָזן פון די פאַרצייטיקע איינרעדענישן: ס׳איז נישט װי פריִער, זי קען זיך נישט נאָכשלעפּן דער היים.

מיט גאַרנישט האָט זי זיך פאַרזינדיקט — שוין צייט זי זאָל מעגן גיין אויף די אייגענע פיס, — איז עסטעלאַ אָנומלט אַרויסגעשפּרונגען מיט רוגזה קעגן דער מאַמען און איז אַרויס פון שטוב מיט אַ געפּילדער.

— מוחל די גוטסן! מער ׳עט איר מיך נישט זען, אויב איר׳ט עס װעלן.

פאַרן פעטער מאַנועל האָט זי צום איבעריקן זיך אויסגעשריגן:

— נישט אויסצוהאַלטן. נאָר זיי פּייניקן!

תמיד דאָס אייגענע: די היים. אין דער היים איז נישט גוט — און זי טוליעט זיך צום פעטער װי נעכטן, װי אייערנעכטן. װילד װערן זיי, אויב מ׳גיט זיי נישט נאָך. זיי — די אַ ל ט ע. שוין נמאס. הלוואי קען זי אין גאַנצן אַרויס פון דער היים. נאָר מיט אַ בריװל פון װייטנס זיך לאָזן הערן פאַר זיי. דער זונטיק, װען זי מוז זיין אין שטוב, איז ביי עסטעלאַן אַן אָפּ־קומעניש. װוּהין זאָל זי גיין איינע אַליין? און צו אים, מאַנועל זיגאַל, װעט זי דאָך נישט לויפן אַז זיי זאָלן זיך משער זיין און אים פיינט קריגן. גוט װאָס ער װייזט זיך צו זיי ערשט זונטיק פאַרנאַכט, זעצט זיך אַװעק מיט די „װיעכאָס” שמועסן, רופט זי דערנאָך, כאָטש ער פילט אַז זי װאַרט אויף אים; מיט צװאַנגען האַלט זי זיך איין נישט צו לויפן אים זוכן און אויסװיינען זיך: ס׳איז איר ביטער, „זיי” פאַרשטייען זי נישט. — —

*

אין שטאַרקן צווייט איז אָנגעקליידט עסטעלאַס יונגפרוילעכקייט. זי קען זיך נישט באַפרייען פון דער סודותדיקייט וואָס אימאַגינירט פון פּעטער. פון זיין רייץ קען זי נישט אַנטרינען. זי קוקט אויף מאַנועלן און זי מיינט, אַז ער ווייסט איר דורכויסיק קלערן, איר פילן. עסטעלאַ איז אין גאַנצן צענומען ווען זי קוקט אויף אים. צום סוף בעט זי ליבשאַפט ביי אים, בעט מיט די אומדרייסטע אויגן, מיטן האַסטיקן אָפּשווייגן; זי טאָרעט איר קאָפּ אָן זיין ברוסט און עס אַרט איר נישט (קענטיק) וואָס די האָר צעשויבערן זיך, די באַקן פלאַמען. עסטעלאַ פאַרמאַכט די אויגן, העשעט. בלינד, כאַפּעדיק, צעהיצט זוכט זי זיינע הענט, לייגט זיי אַרויף אויף אירע היפּטן, פירט זיינע גרויסע שטאַרקע דלאָניעס איבער אירע קליינע בריסטלעך, שפּאַרנדיקע מיט אומרו פון קליידל אַרויס. ווי שלעפעריקע פייגל טוליען זיי זיך דערנאָך צו מענדלען; יעדער ריר זייערער צעצאַפּלט זיך שטורמיש, הייס איבער אַלע זיינע גלידער. אין גאַנצן שטייט מענדל אין פלוצלינגן פלאַקער פון אָנגעגלוסטיקטן לייב, זיין רעיון טשאַדעט און ער שפּירט נישט ווי ער זינקט אויף די קני, ר'זעצט זיך אַראָפּ און זי — אַ קנוידער ליידנשאַפטן — וואַלגערט זיך אַריין אין זיין שויס.

— קינדעלע, טייער קינד, — שעפּטשעט ער אַן אוממאַכטיקער.

ביי איר בעלמען זיך די אויגן, דאָס מויל סלינעט און זי ברעכט אַרויס מיט אַ קאָנוואולסיוון געזיפץ.

— סטעלעשי, גיי אַהיים, — בעט ער זיך שוין, וואָרן צו אים שפּאַרט זיך ענדלעך אַריין אַ ביסל שיין פון באַזינונג. גלייך אַ רויך פילט ער איבער זיך דעם חלל, דער קאָפּ וויגט זיך צווישן צעטומלטע ווענט. און אין אַן אויגנבליק ווערט ער מוראדיק גליקלעך, מחמת ער דערזעט זיך פלוצלינג אין דער אַליינקייט פון איינגעטונקלטן צימער'ל. ס'זענען זיינע דלד אמות. נישטאָ דאָ קיין פרעמד אויג. אָ, זיסער קאָפּ! — נעמט ער רופן עסטעלאַן און ר'שפּירט זיין שמאַך. מיט קושן וועקט ער דאָס מיידל וואָס איז מיט איר גאַנצן גוף און מיט אָנגעשאַרפטע חושים אַריינגעזונקען אין אַ צעשווומענער פאַרגעסנקייט — — דערנאָך האָט זי פּול טרערן אויפגעהויבן צו אים די צעפּראַלטע, ברענענדיקע אויגן: „ווועסט מיך מער נישט טרייבן פון זיך?״ — אַזוי האָט געוועדט איר אומרו־אַנגעטרונקענער בליק.

אָבער ער האָט גאָר נישט געהערט, גאָר נישט באַנומען. אין אים האָט געטונקלט דער פלאַם, וואָס'ט אָקערשט זיך געהאַט געריסן פון זיין געביין,

געבערענט זיין הויט. מאַנועל זיגל האָט שוין געראָפּן צוהילף דעם מיושבו מאַן:

— עסטעלאַ, קליינטשיק טייבעלע, זיי נישט בייז אויף מיר. דער פּעטער איז אַ גוטער. האָרך דעם פּעטער.

טרוקן ווי אַ ברעט, וואָס איז אָנגעבונדן אין עק פון מידן שטורעם, קלאַפּט וויטלעך זיין קילער רעיון. אין די מבולבלע רייד פלאָנטערט זיך אים בערטע, די שווערן און ער וויל קלערן וואָס צו זאָגן דער „קליינער".

— די מאַמע, מיידעלע, — שטאַמלט ער לעפּיש — נחת וויל האָבן פון דיר די מאַמע.

די צונג איז נישט געווען זיין צונג; ער האָט נישט געקענט דערזאָגן וואָס געוואָלט:

„פון פעטער אַנטלויף, סטעלעשי. מיד איז דער פעטער, סטעלאַ, צו האָדעווען אַזאַ שיינענקע, אַ קינד וואָס דאַרף צו אַ פרוי אים גרייכן".

עסטעלאַ איז געשטאַנען אין נעפּל פון באַרוישנדיקע שפּירונגען. שווער געווען דאָס דערוואַכן פון פיבער, וואָס האָט זי דורכגעשווידערט אין שמאַך. ווי וואַסער־קלעפּ האָבן אין איר געהער אָנגעשלאָגן די אייגענע רייד:

— נחת, און מיך פייניקן? כסדר פייניקן! איך וויל גאָר נישט פון ז יי. מיך זאָלן זיי אַרויסלאָזן.

עסטעלאַ רעדט און עס קלעמט איר ס'געפיל, אַז די מאַמע שטייט איבער איר. ברוגז און שרעק נעמען ברומען פון דעם מיידל.

— זאָל די מאַמע האָבן נחת פון זיך, פון טאַטן, — און צעשלוכצט זיך פּלוצלינג ספּאַזמאַטיש; אָן אויפהער האָט זי געוואָרפן טרערן און רייד, גלייך ווי מיט דעם וואָלט זי וועלן קינדעריש אויספּועין גנאָדיקע איינזעעניש.

— איך וויל גאָאָר נישט. איך וויל אַרויס פון זיי, — האָט זי כריפּלע אַריינגערעדט אין דער דערשטוינטקייט פונעם צימער.

נישט געוווינט צו אַזוינס, וואָס אים איז דאָ צוהאַנדן געקומען, האָט מאַנועל זיך איבערגענומען מיטן געוויין פונעם קינד וואָס שטייגט אויף צו אים מיטן באַוועלטיקנדיקן כוח פון ווייב, וואָס גרייפט אָן מיט די צאַרטקייט־רייצן פון איר מין. וואָס טוט ער? נישט באַוויזן זיך אויסצוהיטן פאַר דעם, פון וואָס דער שכל האָט אים שטענדיק געוואָרנט! געקוקט אויף דער קליינער עסטעלאַ — אַ פאַרוויינטע וואַלגערט זי זיך ביי די פיס פון אַ צע־

טראָטענעם מענטש; דער גורל שטיקט אים און עס שטיקן די יאָרן וואָס זענען אים געגעבן געוואָרן אויף קללה און טעמפּער פאַרגעסעניש. אמת, דאָס־אָ קינד קען אים אַרויסציִען פונעם עלנט, אים לאָזט אָבער נישט פריי דער יאָך פון דעם נעכטן... ער וועט שוין פון דעם נישט אַנטלויפן. און אָרנטלעכקייט איז נישט קיין צוטשעפּעניש וואָס מ׳קען אָפּוואַרפן פון זיך, אויב מ׳וויל. אַוודאי, ער וואָלט שוין באַשטאַנען אָפּצוטאָן אַזאַ חזירײַ, אויב עס קען אַזוי הייסן. וועט ער עס באַווייזן? וועט ער נישט דערוואָרגן ווערן שוין ביים ערשטן שריט צו אַזוינס? ער וועט׳ס נישט קענען. ליבערשט וועט ער אומקומען. מענדל, ביי דיין טאַטע־מאַמע איז דאָס געווען ייִדישע הייליקייט. אים איז דאָס אַ קללה, און ראַפּטעם אַוועקגיין דערפון איז נישט קיין אופן. אויסדרייען זיך דעם דאַשעק און טאָן וואָס ס׳האַרץ גלוסט דיר? ס׳אַ פרעמד לאַנד, נישטאָ דאָ די אָפּגעהיטקייט אין די זאַכן — מ׳קען אָפּקומען מיטן געשריי און עס וועט אַראָפּ גלאַט; אמת, אמת. אָבער דאָס איז נישט קיין גאַנג פאַר מענדלען, דעם מאָדנעם קאַליקע וואָס טוט שטענדיק צו להכעיס זיך אַליין, קעגן דעם ביסל מנוחה וואָס אַ מענטש מוז האָבן. ר׳איז אַזאַ בעל־מום על פּי נוסח פון זיידע ר׳ שואלקע, וועלכער האָט אין אָנהייב פון זיין ירידה זיך געבעטן ביי די מענטשן, ווען ער איז שולדיק געבליבן געלט: „קומט, ייִדן, נעמט!” ער האָט צעעפנט די שענק, אַלע ציִרונג־שקעטעלעך; ער איז געווען צופרידן אַז זיי קלייבן אַרויס דאָס טייערסטע. „דאָס איז אייערס, פאַר זיך וויל איך באַהאַלטן נאָר דאָס ריינע האַרץ”. מענדל וועט אויכעט נישט באַגזלען קיינעמען, מכל־שכן אייגענע. עסטעלאַ איז אַ קינד און ס׳איז דער משפּחהדיקער באַנד, וואָס האַלט אים צוגעבונדן צו דער פאַרשניטענער פון זיין געפאַלן הויז, צו יוכבדן. בערטע איז איר אַ שוועסטער, אייגן בלוט און פלייש. דאָס צו וואָס ס׳איז אַצינד געקומען, איז אויף אים אַ נייע שטראָף. פריִער האָט ער געליטן פאַר זיין ייִד־זיין, ערשט ליידט ער פאַר לייכטזיניקייט. אַוודאי. ס׳נישט בלויז לייכטזין. פריִער האָט אים געטריבן אַ שווערע בענקשאַפט נאָך רו, אַצינד איז עס גאַרונג נאָך אַ ברעקל לעבן, וואָס האָט נישט מער קיין האַפט.

מענדל זיגל איז געווען צעטראָטן. פאַרלוירן די רו. וועלכע ער האָט קאָמפּערשט שוין געהאַט צוריקגעפונען.

ווי אַזוי ווידער אָנהייבן: מיט עסטעלאַן צי אָן איר? נישט אַזוי מעג ער און נישט ער קען טאָן ס׳פאַרקערטע. ס׳איז אַ הייליק פייער, אויף וואָס ער

האָט נישט קיין רשות. און עס איז אַ רחמנות אויף דעם מיידעלע וואָס באַ־לעבט אים מיט אַ צוקנדיקער פרייד; צו מאָל איז אַ תענוג צו קוקן אויף איר, אָבער דער גרויל פון דער וואָר צעשפּאָלט זיין שאַרבן. וואָס טוט ער! שטום האָט אויף אים געגלאָצט די הילצערנע ראָם פון בלינצלדיקן פענצ־טער. אומזיכער האָבן זיך געלייגט די רייד פון זיין מויל:

— סטעלעשי, בעט זיך ליבערשט איבער מיט טאַטע־מאַמע — — ב׳זע, גרויס איז דיין ברוגז אויף זיי. האָב נישט פּאַראיבל אויף געליטענע, ווי זיי זענען. זיי וועלן זיך פרייען אַז דו וועסט זיי שענקען אַ וואַרעם וואָרט. גיי, זיי האָבן דיך שטאַרק ליב.

גליווערנדיקע טרעריקייט קוקט אויף אים פון איר העשנדיקן שווייגן.

— מיידעלע, קליין מיידעלע, הערסט?

ער האָט גערעדט און זי איז געזעסן אַ פאַרטראַגענע אין זיך. ביטער־ניש האָט פאַרוואָלקנט איר פּנים. עס האָט אויסגעזען: זי באַנעמט נישט וואָס ער רעדט און ער הערט נישט אויף אין איר אַריינצורעדן — איינ־דרינגלעך, געלאַסן.

— און וועסטו זיך ברוגזן, וועט די מאַמע חלילה קראַנק ווערן. דאָס וועט דיר אַוודאי נישט קיין הנאה טאָן. ס׳וועט זיין ערגער. גאָט באַהיט. און דער טאַטע איז דיר אַזוי געטריי.

אַ טומאַן וויגט זיך אַרום און זי איז פאַרטרונקען אין אים.

— עסטעלאַ, מיידעלע, זיי נישט איינגעשפּאַרט. בייזער זיך נישט אויף די היימישע. זיי האָבן דיך ליב ס׳לעבן.

אינדעם האָט זי זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף:

— איך וויל זיי נישט קענען. כ׳וויל נישט אַהיימגיין.

פאַרטריקנטע טרערן האָבן זיך געהערט אין אירע רייד. דער פעטער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר:

— עסטעלאַ, וווהין וועסטו גיין, אויב ווילסט נישט זיין אין דער היים? ביסט אַ קינד!

ער האָט געגלעט אירע אַקסלען, געגאַנגען מיט דער האַנט איבער איר קאָפּ, וואָס איז אין פּלוצלינגער אויסגעליידיקטקייט געהאָנגען אין אַ דריב־נעם ציטער.

— — — אין וויטער, לאָקנדיקער וואַרעמקייט זענען צו איר דער־

גאַנגען די רייד פון דעם, אויף וועמען זי האָט שטאַרק געהאָפט. אָ, אין אַ שלייער האָט זיך איצט צעבאָמבלט איר פיבער־חלום.

— ביסט אַ שלעכטער! — און זיך אַ ריס געטאָן פון זיינע הענט.

— שווייג שוין, שווייג, — האָט מאַנועל זיגל ווידער זיך דערנעענטערט צו עסטעלאַן, זי געגלעט, געקושט.

צעשלוכצט זיך און זי איז געבליבן זיצן צוגעשפאַרט אויף זיין בעטל; איר לייב האָט דין געציטערט אין אַ ליימענדיקן שמאַך, די אויגן — געשלאָסן. ווי באַלד ער האָט זיך צוגערירט צו איר, גערעדט, האָט זיך געעפנט איר ברוסט, ס׳צעשפּילטע בלוט אין איר האָט זיך טיף איינגעהאַרכט און זי האָט זיך צעווײנט מיט אַ ניי אָפּגעהאַקט, לעכצנדיק העשן. אין אים, דעם מאַן, האָט דאָס איינגעהאַלטענע געוויין העפטיק זיך צעשריגן, ממש געטופּעט, געמוסרט:

— שוטה דו, צעקראַכענער! דערווייטער זיך פון דעם ליכט וואָס נישט פאַר דיר איז עס אָנגעצונדן געוואָרן.

אַצינד האָט אים געבייטשט דאָס אָפּוואַרטנדיקע שווייגן פון דער אַוועקגעפאַלענער; שוין געווען רגעס אַזעלכע אַז ער האָט נישט געוווסט, צי זי איז אַנטדרימלט געוואָרן, עסטעלאַ, צי זי ליגט אַ מידע אויפן בעט, זיין פאַרוואָרלאָזט בעטל — און וואַרט אין לויער אויף אים, אויף זיין שטאַרקייט.

„מענדל, ווו ביסטו, מענדל, וואָס טוסטו!״ — האָט עס געטומלט אין אים. ער האָט געקוקט אין זיך אַריין מיט גלעזערנע אויגן און זיך אַליין געצויגן ביי די אויערן: — „געדענק!״

*

פעטער מאַנועל איז געווען שוואַך אַנטקעגן דעם טעכטערל פון לעאָן און בערטע מילער; מאַנועל זיגל איז אַ צעשלאָגענער געלעגן פנים־אל־פנים מיט דער אויפגייענדיקער פרוי. ער — אַ פערציקער, האָט ער אָן אויפהער זיך דערמאָנט, אַ פערציק־יאָריקער, אַ פערציקער פון אונדזערע צעחרובטע יאָרן און זי — אַ זיבעצניאָריקע. עסטעלאַ, עסטעלאַ, וואָס האָסטו מיר געטאָן אין מיין פאַרשאָלטנקייט — איז ער זיך צעגאַנגען אין זיין מענטשלעכער שפלות. עסטעלאַ האָט נישט געהערט דאָס געקלאָג פון דעם מענטש

מאַנועל זיגל וואָס פון דער ווייטער וואַרשע. אַ געניזוקטער פויגל אין פלי, האָט עסטעלאַ געפילט נאָר איר יונגשאַפט־ווייטיק. איר איז געווען שווער זיך צו צעשיידן מיטן אייגענעם בילד פון דער פרוי וועלכע איז זיך גופא נאָענט מיט דער וויברירונג פונעם בלוט וואָס רינט אין אירע אָדערן און עס פירט מיט איר.

אַריינגעקומען צום פעטער אין צימערל, האָט זי פון אים נישט גע־קענט אָוועק. זי האָט זיך געלאַשטשעט צו אים, געוויינט און ליבערשט גע־וואָלט אָנהאַלטן דעם ברוגז מיט דער היים וואָס האָט זי אויסגעהאָדעוועט צו צוגעבונדנקייט. אַצינד איז די היים פאַר איר געוואָרן אויס. שפעט אין אָוונט האָט מאַנועל געמוזט עסטעלאַן אַרויספירן פון זיין צימער.

— ס׳איז נישט שיין, סטעלעשי. וואָס וועלן מענטשן זאָגן?

— מיידעלע, די מאַמע קלערט איבער, דער טאַטע גייט דיך זוכן צום אָמניבוס.

— מיידעלע, גענוג אויף היינט! — איז ער שוין געוואָרן ענערגישער. ער האָט זיך ביי איר צודרינגלעך געבעטן.

פאַר דער לעצטער צייט האָט עסטעלאַס טראָט געפירט רק צו מאַנועל זיגלס איינזאַמען צימער. און ווי אויף צו להכעיס האָט ער זיך צוגעוווינט (הגם ער האָט עס נישט געוואָלט) נאָך זיבן פאַרנאַכט צו זיצן ביי זיך אין דער היים. ער איז געווען מיד פון אַרומוואַנדערווען די לאַנגע טעג איבער די שטאָטישע גאַסן; ער האָט באַגערט אַ ביסל אָפּרו און ער האָט איינצייטיק מורא געקראָגן פאַר עסטעלאַס קומען. סיי דאָס ציִעניש צו מנוחה, סיי די מורא פאַרן מיידלס קומען האָבן צעוואָקלט זיין פעסטקייט און ער האָט זיך גענומען אונטעראיילן: „גיי אַהיים, וועסט זיך מוזן שטאַרקן. ס׳מיידעלע וועט דאָך דיך פאַרשטיין״ — — אים איז פון ס׳ניי געווען אַ שאָד די קליינענקע; עסטעלאַ וועט דיך נישט טרעפן וואַרטן פאַר דער ביורא, וועט זי שוין קומען. זיך צוגעוווינט, קען זי איבערקלערן: „ווער ווייס וואָס ס׳אי׳ געשען מיטן פעטער?״ זי האָט אַ גוט האַרץ, פילט אים מ״ט, עסטעלאַ פאַרשטייט אַ סך. זיכער, זי וועט לויפן זוכן, זי וועט דיך אויסקוקן. פריקרע איז דאָס וואַרטן. און ס׳איז פאַרדעכטיק. מענטשן קוקן. אַוודאי, ער איז שולדיק: איין מאָל זי אַהיימגעפירט צו זיך — קומט זי שוין.

— ווילסט מסתמא זען מיין סאַלאָן, סטעלעשי? — האָט ער דעמאָלט איר געפרעגט און זי האָט זיך שוין צוגעקלעפּט. די סודותדיקייט, וואָס ער

האָט אָנגעהאַלטן, האָט פאַרכישופט די קליינטשיקע. אַצינד מוז ער אַלצ־דינג אויפפלאָנטערן, אַפילו ס׳זאָל בלייבן אַ ביטערניש ווי נאָך אַ שריפה־רויך.

עס איז אים געוואָרן פיינלעך זינט יענעם אָוונט: ר׳האָט זיך דערוועגט אַריבערצושפּרייזן אַ שטרענג פאַרווערטע שוועל. זי איז אים לייבלעך נאָענט, קוקט אויף אים מיט צוטרוי, מיט גלויבן — אָבער דאָס קעפּל פליט, דאָס האַרץ צאַפּלט. צוזאַמען מיט איר איז ער איצט אין דער מאַכט פון צעשפּילטן בלוט. ס׳איז אַ ביטערער פרווו. די דאַמבע איז שטאַרק ווי לאַנג מ׳דערלאָזט נישט אַריבער איבער איר דעם ערשטן משוגענעם שטראָם. ס׳איז אַנטשלאָפן בלוט אין אָנבליק פון רעדנדיקן בלוט, עסטעלאַס מאָנענדיקע בלוט. אויך ער איז נאָך נישט קיין בר־מינן. יאָ, ער איז אויפגעוועקט. גענוג אַ פתחון־פה פאַר דעם. ער שפּירט עס: ס׳איז אויפגעגאַנגען אַ פייער, אַ טראַגישע שריפה. דאָ און דאָרט. ווי מעג ער זיך ווייטער אַ באַוועג־טאָן? שוין שטייט ער אין פאַרפאַלנקייט. אַזאַ שוידערלעכן חורבן איבערגעלעבט, ערשט גיט ער זיך איבער דער ברענענדיקסטער סכנה — בידיים. וווהין וועט ער זיך ראַטעווען אַצינד, ווען ס׳איז נישטאָ מער קיין ווּ ו ה י ן — אין זיינע יאָרן, אין זיין מעמד?

קאַטאַסטראָפע!

שאַרף אָטעמדיק, אָנגעטשאַדעט זענען געוואָרן די טעג פון מענדל זיגל. ער האָט נישט געקענט טאָן אין זיין פרנסה, ס׳איז אים נישט אַראָפּ־געגאַנגען אין האַלדז אַריין ס׳עסן וואָס ער האָט באַקומען אין אַ זייטיק הויז וואָס גיט אַרויס היימישע מיטיקן. אין קאָנוווּלסיע האָבן אים געוואָרפן די נעכט פון באַזינונג.

פון טאָג צו טאָג איז אים ענגער געוואָרן אין די גאַסן פון דער גרויסער שטאָט. ווו ער איז נאָר געקומען, האָט עס אים באַלד געטראָגן צום פאַר־טייעטן פאַרנאַכט וואָס זיצט שוין — כאָטש ס׳איז נאָך געווען גאָר פרי — צוגעשפּאַרט אין זיין צימערל אויף דער עספּינאָזאַ־גאַס מיט די פאַרחי־דושטע, מאַט־גרינע בלעטער־צווייגן פון די עקאַליפּטן.

אין די שפּעטע אויפדערנאַכטן, ווען מענדל האָט געמוזט עסטעלאַן אַרויספירן פון זיין צימער, פלעגט עמעץ גיך דורכלויפן די שוואַך־באַלויכ־טענע גאַס. געפירט עסטעלאַן ביים אָרעם, האָבן די געדיכטע ביימער־קעפּ זיך צונויפגעטוליעט און בפירוש זיך געסודעט וועגן זיי, דעם פעטער מאַ־

נ׳על מיטן יונגן משפחה־מיידל. מענטשן זענען אַרויס פֿאַר די שוועלן ווי אויף אַ בייז ווונדער (אַזוי האָט זיך עס מענדלען דייטלעך אויסגעוויזן), אַריבערגעבויגן זיך צו איינאַנדער, נאָכגעטייטלט:

„נאָ, אָט האָסטו. דאָס זענען זיי!״

און בפירוש געהערט מענטשנס שושקערייען:

— זע, וואָס עס הייסט ליבע. זי ווייסט נישט קיין גרענעצן. אַלט? יונג? נישטאָ קיין חשבונות פֿאַר די סודותדיקע עניִנים פֿון האַרץ.

— זי אַזאַ יונג בלוט, ער — אַן אַלטער בייך! ווער וואָלטס געגלייבט?

שטענדיק האָט זיך מאַנועלן עפּעס אויסגעדאַכט. און דאָס געשעפּטש האָט ער בפירוש פֿאַרנומען. עס איז אים נאָכגעגאַנגען, אונטערגעשמיסן.

אין פֿאַרשלאָסענעם צימער איז דאָס נאַקעטע לעמפּל געבליבן אַראָפּ־מרוזשען פֿון דער סטעליע ווי אַ געשאָכטן הינעריש קעפּל, וואָס שלאָבערט זיך גסיסהדיק אויפֿן אויסגעצויגענעם העלדזל. די גאַנצע צייט פֿון עסטע־לאָס זיין ביי אים האָט דאָס רויטלעכע קאַרליק־פּנים פֿון לעמפּל זיך צו־געקוקט ווי אַזוי ער, דער גרויסער מאַנצביל האָט אַליין געקאָכט טיי, אָנ־געקאָרמעט דאָס מיידלשע קינד, צוגעהיטן זי זאָל עסן. נאָר אַ פֿאַראַלמנטער טאַטע קאָרמעט אַזוי זיין יתומה. אויפֿגעוויקלט זעמל פֿון פּאַפּירלעך, וווּרשט פֿון פּאַפּירן, קיכלעך און אויבס פֿון פּאַפּירן און כסדר זיך געבעטן ביי איר:

— נאָך דעם איינעם ביסן, סטעלעשי.

— צו געזונט, מיידעלע!

ער האָט זיך געפֿרייט, אַז זי האָט אָפּגעגעסן.

און זי? זי איז געבליבן עסטעלאַ, ווי געווען.

— נע, — האָט זי געצויגן מיט די אַקסלען, אויסגעשנאַבלט די ליפּן, באַגערט אַז ער זאָל זי זען, ער זאָל זיך אָפּגעבן אין גאַנצן מיט איר, די גאַנצע צייט נאָר פֿאַר איר, ער זאָל איבערלאָזן דאָס טשייניקל מיטן טיי, לאָזן ליגן די פּעקלעך עסנוואַרג; ער זאָל קוקן נאָר אויף איר, זאָגן — זי איז אַ שיינע, עסטעלאַ, ער האָט זי ליב, שטאַרק ליב, ער וועט מיט איר גיין, ער וועט בלייבן מיט איר שטענדיק, אומעטום. ווען מאַנועל איז צו־געגאַנגען צו איר, אַ גלעט געטאָן, האָט זי אָנגעכאַפּט זיין האַנט, געהאַלטן אים ביים דיך, שטומערהייט, אויף ס׳כוח אים אַוועקגעזעצט נעבן זיך און זי איז אַרויף אויף זיין שויס. מאַנועלס דיך האָט דין אויפֿגעציטערט אונטער דער ליבער לאַסט און ווי שויבן אונטערן ווינט האָט זיך לייכט צעדרינזשעט

זיין שאַרבן. ער האָט זיך געפילט עלעקטריזירט און זיינע אויערן האָבן געגליט. ר׳איז נאָכגעלאָפן דעם אינעווייניקדיקן שטעכיקן שטראָם וואָס איז אויפגעגאַנגען פון א י ר, אַזש די אויגן זענען אַרויס פון זייערע אָרביטעס. לאַנגע מינוטן האָט אָנגעהאַלטן די פּאַרהילציקטקייט פון זיינע מוסקולן; פּאַ־מעלעכדיק, גאָר פּאַמעלעך האָט מענדל זיך צוריקגעפונען. ער איז ווידער געוואָרן ער: מאַנועל זיגל האָט אַרומגעהאַלדזט די קליינענקע. ווי אַ טויבער וואָס וויל אויף גיך אַלץ הערן, האָט ער פאַרנומען דאָס וויברירן פון עס־טעלאַס אָטעם, אָבער אין דעם איז ער פון ס׳ניי פאַרטאַמלט געוואָרן אונ־טערן אויפציטער פון דער פרוי, וועלכע האָט געדריקט אויף אים; זיינע האַנט־געלענקען האָבן דעמאָלט ענג איינגעשלאָסן דעם שטייפן מיידלשן קערפּער: „ביסט אַ טייערע!” און האָט עסטעלאַ זיך איבערגעוועקט פון איר אָפּטן שמאַך, די אויגן זענען געווען ווייט איבערגעלאָפן, האָט פאַר איר זיך געוויזן דער פּ ע ט ע ר מ אַ נ ו ע ל, ר ק מ אַ נ ו ע ל — — אָקערשט זיך דערמאָנט אין אַלץ, און ער האָט פּלוצלינג דערפילט אין זיין דלאָניע־באַריר דעם צעצאַפּלטן מיידלשן בוזעם און אומגעריכט זיך חיהש צעהע־שעט. דער מאַן אין אים האָט געוויינט און זי, אַ צוריקגערופענע פון טיפער פאַרלוירנקייט, האָט אים אַנטקעגנגעוויינט. זיך גופא האָט מענדל איצט ווינ־ציקער געהערט אין דעם געיאָמער פון לייב און נשמה; די טרערן פונעם מיידל זענען צו אים דערגאַנגען נעענטער און זיי האָבן געריסן זיינע געהירן. ערשט דערנאָך איז ער אויפגעקומען ווי פון אַ חלשות.

— שאַ, ששאַ, עסטעלע. מענטשן קענען דערהערן.

זי דערזעען דורך אַ טרערן־וואָלקן, דערמאָנט זיך עפּעס שרעקיקס און געריעדט איר אין אויער אַריין:

— סטעלעשי, שוין, שוין סטעלעשי.

ער האָט זיך געבעטן מיט געשעפּטש, מיט אַ מעכאַניש גלעטן: „עס־טעלאַ, ששש!”

אירע אַקסלען האָבן געצוקט. פון גלי, וואָס האָט פאַרכאַפּט איר יונגן קערפּער איז ס׳מיידל אַריינגעפאַלן אין אַ מין פאַרגעסנקייט: די אויגן פאַר־מאַכט, דאָס מויל האַלב אָפן און די ברוסט האָט זיך געוויגט קוים־קוים. אַזוי איז זי אַנטדרימלט געוואָרן שטיל, שטיל. מאַנועלן האָט עס גענומען שרעקן מיט טרויעריקע אומגעריכטקייטן: ווער ווייס, וואָס עס איז מיט

דער קלײנעקער? ס׳קען חלילה עפּעס געשען! און דווקא דאָ! אָ, צו וואָס פּאַר אַ אומגליק ער האָט דערפירט!

מיט די פינגער געגומען פאַמעלעך עפענען אירע וויעס, און ס׳אויער צוגעלייגט צו איר בוזעם: שלאָפט זי, צי...? אויף שמאַך פון אַזאַ פאַרשטייט ער זיך, דער מאַנצביל. אַ מינוט צוויי געדויערט עס; די מיטאַמאָליקע שוואַכקייט רינט אויס און די אויגן קענען מער נישט זיין געשלאָסן. דאָס מאָל האָט עסטעלאַ צו שטאַרק זיך אויפגערעגט. ווי האָט ער געמעגט אַזוי פיל?

מאַנועלס מוח האָט אָנגעהויבן אינטענסיוו האַרעווען:

— צופיל זיך אַריינגעלאָזט. וואָלט עס כאָטש געווען אַ פּרוי מיט גע־ניטשאָפט. מיט אַזעלכער קען אַלץ טרעפן און זי פאַלט נישט איבער די הענט. אַזאַ צאַפּט נישט דעם מאַרך פון די ביינער מיט שרעקן. סוף־סוף אַ קינד די־אָ, אַ ליב קינד מיט דער נייגיריקייט פון בלוט. פון די נערוון. ס׳אי׳ גרינגראַז, זאַפטיקס, אויפקומענדיקס. אין בעסטן פאַל איז עס אַ טייבל, ס׳הייבט אָן פליען, נאָך צו שוואַך, קען זיך נישט אויפהייבן הויך, ס׳קען זיך דער קאָפּ פאַרדרייען. שלעכט — פּרויען וויסן ווי צו פירן זיך.

אַ העפטיקן געראַנגל געהאַט אויסצושטיין: ס׳מיידעלע האָט זיך פאַר־וועבט אין זיין ערלעכן געפיל, זיך אַריינגעקניפּט אין זיין לייב. לפי זיינע כּוחות איז זי אים אַ צו גרויסע משא; דער באַרג יאָרן, וואָס האָט באַשיימ־פערלעך דאָ זיך אַרויסגעהויבן, דער אָנגעווייטיקטער באַרג האָט פאַרטונקלט מאַנועלס געמיט, געטאָן אים אָן דין:

— מענדל, מענדל!

מענדל זיגל איז צעריסן געוואָרן פון אינעווייניק. זי, מיט וועלכער ער האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן, וועלכע האָט זיך פאַרגנבעט צו אים, עס־טעלאַ האָט אים תמיד דערמאָנט יוכבדן, דאָס ווייב וואָס איז געבליבן הינ־טערן פלויט פון זיין חורבן; עסטעלאַ האָט דערמאָנט די שיינקייט פונעם ווייב, וועלכע בלאָנדזשעט ערגעץ צווישן רוינעס אין זוכעניש פון זיין בענקשאַפט. די געטרייע יוכבד, די מאַמע פון דעם ליבן טעכטערל — — אַ טאָכטער ווי די־אָ האָט ער פאַרלוירן, מיט שלאַנקע פיסלעך, וויגנדיקע היפטן און אַ יונגן בוזעם. דערמאָנונגען־בילדער האָבן זיך געמישט אין אים, געדריקט זיין האַרץ. אומבאַמערקט האָט געבליכט דער אָנומלטיקער רייץ פון דער קליינער עסטעלאַ וואָס פאַרשלעפּט אים אין צרות אַריין. אויך

זיך מאַכט זי אומגליקלעך. ער גיט זיך אַפּ חשבון: דאָס ערשטע בלײַעכץ טאָר נישט האָבן אַ צו ברײַעדיקע זון. און מענדל זיגל איז נישט קיין מענטש פאַר אַוואַנטורעס. נישט אַנדערש — ער שפּילט זיך מיט פייער. ס'איז אַ נאַרישער פּלאַם. ער ווייסט נישט ווי אַזוי זיך צו צעשפּרייטן; ער פאַלט צו צו אַ פייכטן צווייג, צו אַ פוילן שטרוי־דאַך, האָט ווינציק קראַפט אַ ברען צו טאָן און פאַרציקן. אין אמתן, נאָך נישט קיין ווייבספאַרשוין, די קליינע. אָנהייבן זיך מיט אַזאַ נעמט דער מאַנצבילשער געלוסט — בלינד־דערהייט.

ער ניכטערט זיך, מענדל זיגל. אייגנטלעך ביסטו אַ שוטה, זידלט ער זיך שוין. לפנים צינדט אַזאַ דיינע בלוטן. אין דער נעוואָרעט איז דאָס גרין. אויף אַן אמת נישט באַדאַרפט, נישט געטאָרט עס ד'ערלאָזן אַזוי ווייט. ער איז בערטען נישט קיין שונא, לעאָן האָט זיך נישט פאַרדינט ביי אים קיין עגמת נפש און — די קליינע? זי איז טאַקע אַ קינד, אַ וווּנדערלעך מיידעלע אַז מ'זאָל קענען זי נישט דערזען! דער קליינענקער האָט ער פּשוט נישט געטאָרט אַזוי פיל נאָכגעבן. ער איז אַ חזיר.

מער ווי איין מאָל זיך אויסגעזידלט, אָבער אַז עסטעלאַ האָט פון ס'ביי זיך געוויזן צו אים, האָט ער אויפגעלויכטן. מענדל האָט לייכט פאַרגעסן וואָס ער איז ערשט נעכטן זיך אויסגעשטאַנען פון איר — געהאַט חרטה אויף אַלץ, זיך אויפגעגעסן למאי זי דערגייט די יאָרן: די מאַמע, דער טאַטע. ס'איז איר נמאס; זי האָט פיינט די היים. זי וויל נישט קענען דאָס פאַרדריפּעטע מאַטאַדעראָס. ער האָט ממש געקליאַנטשעט פאַר איר, זיך געבעטן, זי זאָל אויפהערן, מ'הערט זיך צו אויף יענער זייט וואַנט. „עס־טעלאַ, סטעלעשי, ביסט דאָך נישט קיין פּיצעלע, פאַרשטייי!" און קוים זיך דערבעטן ביי איר שפּעט אויפדערנאַכט, זי זאָל זיך אַהיימקלייבן.

— מ'קלערט איבער אין דער היים ,עסטעלאַ. די מאַמע זעט דיך נישט, אַנטפאַלט איר דאָס האַרץ. דער טאַטע האָט פאַרדראָס. ס'נישט קאָ' קליי־ניקייט, עסטעלאַ.

— שאַדט נישט, — זאָגט זי. — כ'גיי אויף אַ לעקציע פראַנצויזיש, ווייסן זיי.

אַן אַנדערש מאָל פּרוּווט ער זיך ביי איר:

— עסטעלאַ, קינד, האָסט ליב דעם פעטער מאַנועל?

— כ'ווייס שוין וואָס דו ווילסט! ווילסט מיינע פּטור ווערן. נאָר אַהיים

שיקן דאַרפסטו מיך, ווילסט מע זאָל מיך אָפּוואַרטן ביים אָמניבוס. סטראַשעסט מיך מיט פינצטערקייטן אין דרויסן, מיטן טאַטנס שרעק סטראַשעסטו מיך. ביסט אַ שלעכטער, — האָט זי זיך געעקשנט. — ווילסט מיך פאַרטרייבן, כ׳זאָל מער נישט קומען אַהער.

— ווילסט גאָר ווערן ברוגז?? — האָט ער געפרעגט שוין מיט אַ קלעם־שמייכל. — איך וויל נישט קיין ברוגז, — און אַ פיר־געטאָן די האַנט איבער איר פולכנער באַק.

— ביסט אַ שלעכטער. שטענדיק מאַכסטו אַזוי.

טענה איז געווען אין איר רעדן, אין איר קוק. דערנאָך האָט זי אַרויסגעבראַכט וואָס עס האָט געדריקט איר ברוסט:

— כ׳קען נישט זיין אין דער היים. ביי דיר איז בעסער, — און אַ שעמעוודיקע, אַ פאַרכליניעטע פאַלט זי צו צו זיינע הענט, מיט די דאַרשטיקע ליפּן זוכט זי באַענטקייט איבער זיין האַלדז, איבער אַן אויער. לסוף בלייבט זי ליגן אויף זיין שויס אין שטומען לעכצן.

*

אָוונט ביי אָוונט איז עסטעלאַ גאָר שפּעט אַהיים געקומען אין דער וואַרטנדיקער שטוב אַריין. מאַטאַדראָס איז געלעגן אין שטעטלשע פינצטערנישן; דאָ און דאָרט האָט געבלינצט אַ גאַסיקער לאָמפּן־פלאַם, אין מידקייט האָט געשטאַרט איעדע שוועל און די פענצטער האָבן געדיכט געטונקלט אין שווערן שלאָף. אויך עסטעלאַס היימישע זענען געווען פאַרבאָרגן אין די קאַלעמוטנע פינצטערקייטן פון די נידעריקע ווענט. אָבער זיי האָבן אומרויק זיך געפּלאָנטערט אין בעטגעוואַנט, מיט וואַכע אויגן געניסטערט אין דער באַלאָדענער שטילקייט. אַ באַנאַכטיקער קלאַפּ מיט אַ טיר האָט זיי מער וואַכעדיק געמאַכט, ביז באַניינען שוין צערודערט זייערע מוחות: „וואָס וועט זיין, וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?" די טאַכטער האָט נישט אויפגעהערט צו צעגריבלען זייער אומרו, אָנגעשאָטן מיט זיקנה־אַש די האָר, צעקאַרבט די פּנימער — — אין די שטוביקע טונקלענישן האָט עסטעלאַ מיטנאַכטיש שטיל זיך צוגעקראָגן צו איר געלעגער, אויפן נאַכטטישל אָנגעצונדן די לאָמפּ און זיך אַראָפּגעלאָזן איבער די שיפּועים פון ביכלדיקע אומפאַרגעסלעכקייטן. עסטעלאַ איז פון ס׳ניי אַריינגעטאָן אין

אַנומלטיקע טראַכטעניש‏ן, זי קוקט זיך איין אין אויפטויכנדיקע פּנימער; אין מיטן דערינען נעמט זי לויפן איבער הייכן און טאָלן, הערט נישט ווי די מאַמע באַפרייט אַרויס פון איר ברוסט אַ זיפץ און דער טאַטע רופט מיט אַ פּרעפּל די רו, וואָס געגעגנט נישט גערן צו די וואָס פאַרנעמען די טריט פון דער ווידערשפעניקער עלטער:

— ע, זאָל ענדלעך שוין זיין נאַכט און פריד (ווי די שרעק שוואַרצט די דראָענדיקע נאַכט)!

אין די ווייטע נאַכט-שעהען האָט די יונגע עסטעלאַ זיך אויסגעשטורעמט אויף די פּליינען פון אַ בוך. און זי באַגערט נאָך מער אַריינצוזעטעמען אין זיך די אומבאַגרייפלעכע זיסקייטן, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט צו איר. אין זיי און אַריבער זיי שטייט דער פּעטער מאַנועל. בלויז דער פּעטער איז אומאָפּטרעטלעך בייגעוועז אַלע דמיונות און האָרט נעבן איר זיך געשאָטנט. פון אַלע עסטעלעשע זעונגען האָט ער אַרויסגעשטאַרצט, דער וואָס האָט זי געפירט מיט זיך, זי — די צעיאַכמערטע פונעם אומרו וואָס איז אַן אויגן און אָן מוח.

„עסטעלאַ, סטעלעשי, ווו ביסטו?!‟ — האָט זיין רוף אָן אויפהער געהילכט אין איר און, אַ צעטומלטע, האָט זי נישט אויפגעהערט אים צו זוכן אין פאַרהוילענער, שעמעוודיקער טרויעריקייט.

קאַפּיטל צוועלף

פאַרשאָלטענע אַליינקייט

עס זענען געגאַנגען טעג, געקומען טעג. דער הייסער, פּייכטער זומער האָט פאַרביטן דעם טריב־רעגנדיקן, אָנשנייִקן, טאָליקן ווינטער. די שטוב פון מאַטאַדעראָס האָט נאָך ווייטער זיך אָפּגערוקט פון דער גרויסער טומל־דיקער בוענאָס־איירעס. איבער די אויערן אַריבער איז די פויעריש־בידע־ריקע הייזקע פון די מילערס געזעסן אין קוויל פון זאָרגן — שווערערע ווי אַמאָל, ווען מ׳האָט געלעבט רק מיט דער דאגה אַז דאָס קינד זאָל זיין גוט און בעסער. ערשט האָט געדריקט די צרה, הלמאַי עסטעלאַ איז פאַר־לוירן פאַר טאַטע־מאַמען, הלמאַי עסטעלאַ איז „פאַרדרייט געוואָרן". און עסטעלאַ האָט געהאַלטן אין איין אָנשרייען דער מאַמען, דעם טאַטן:

— לאָזט מיך אָפּ! אָנגעזעצט זיך! — און ס׳פּנים האָט איר געפלאַמט, די אויגן האָבן זיך אָנגעקרימט אויף געוויין.

„עך, ס׳אַרע צרה באַשערט זיי: איין ברעקל קינד און ס׳זאָל ליידן?"

טאַטע־מאַמען איז געווען אַ ווייטיק וואָס דאָס טעכטערל געפינט נישט קיין מילד וואָרט פאַר אַן ענטפער אויף איר געענגערטקייט, אַזאַ וואָרט וואָס זאָל איינשטילן זייער מורא צו בלייבן אַליין, אכזריותדיק צו זיין אַוועק־געוואָרפן פון אייגענעם קינד, וואָס זיי האָבן געהאָדעוועט אין ציטעריקער ליבשאַפט.

און איז געקומען דער שוואָגער, איז נישט געוואָרן בעסער. פריִער פלעגט ער אַריינברענגען הייטערקייט: די קליינע האָט זיך מיט אים געשפּילט, געלעכטערס האָבן זיך דורכגעקייקלט איבער דער שטוב — עסטעלאַ האָט זיך געפרייט מיטן פעטער מאַנועלס ווויל אָנגעסטראָיעטע קאַטאָוועסלעך

און בערטע מיט לעאָנען האָבן זיך מיטגעפרייט. דאָך אַ נחת — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. אפשר, גאָט וועט העלפן, וועט אויך אמתע פרייד אַ מאָל אַריין צו זיי אין הויז. ס׳קינד וואַקסט, וואַקסט מיט דאָס מזל וואָס איז באַשערט פון הימל. וואָס מיר ביטערע יאָרן, וואָס אָנגעגעסן זיך מיט זיי אין דער־אָ מדינה, ווער מיר די עלטער וואָס רוקט אָן — ממש יום־טוב האָט זיך צעקלונגען ביי זיי. און אַז יום־טוב, פאַרשווינדט דער וואָרעם וואָס גריזשעט שטענדיק, לאָזט קיין מאָל נישט אָפּ. אַצינד האָט ס׳מיידל פאַר דער צייט זיי דערפירט צו זיקנה. אויט! איבערגעקערט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ.

...אַז ביי דער יונגענקער טאָכטער „בויעט זיך עפּעס, ס׳מאַכט זיך שוין עפּעס״ און זי שעמט זיך עס צו זאָגן טאַטע־מאַמען — האָבן זיי געקענט זיך נאָר משער זיין. אָבער נישט זיכער געווען. נאָך אַזוי יונג. דאָס גייט נישט מיט קיינעם, קומט נישט אין ערגעץ — ווי געשיקט זיך עס? דאָך האָט אַ געדאַנקל אַ צופּ־געטאָן: „ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך״. און זיי האָבן זיך געטרייסט: זי איז קלוג, זייער סטעלאַ, הגם צו ווינציק קלוג אויף צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן דעם טאַטן מיט דער מאַמען — האָבן די אַלטע איבערגערעדט. און איבערגעקלערט דערפון. אָבער דעם מענדלען האָבן זיי אויך אָנגעהויבן נישט צו פאַרשטיין: פאַרוואָס איז ער אַזעלכער? אַ מענטש וואָס האָט אין ערגעץ נישט קיין אָנהאַלט, זאָל זיך נישט וועלן שטעלן אויף די פיס? חתונה האָבן וואָלט געווען ס׳גלייכסטע פאַר אים. אַ מענטש מוז דאָך האָבן זיין אייגן ווינקל.

— שידוכים פאַר דיין ס׳גאַל וואָלטן זיך געמאַכט, אוי־אוי! — האָט לעאָן אים אַ מאָל צוגעוואָרפן ווי נישט אומיסטן און באַמיט זיך אים אָנצוטאָן חשק צו פּטרן זיין עלנטקייט. פאַראַן געגנוג וווילע עלטערע פריילנס, וואָס דאָבן אַ ביסעלע פאַרשפּעטיקט און מ׳קען זיך מיט זיי ווייזן צווישן מענטשן, און אַ ברויט מיט אַ מעסער האָבן גרייט זייערע גבירישע טאַטעס; ס׳דאָ שיינע אלמנות וואָס די מענער האָבן באַצייטנס זיי אַ טובה געטאָן און אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר בילכערע פון זיי. די הערצעלעך פּישטשען ביי די אַלע. יאָ, די וועלט שטייט נישט אויף אָן אָרט, און זי וויל נישט דרימלען. מענדל, אין לעבן טרעפט אַלץ, אָבער פאַרזיצן אייבּיק וויל קיינער נישט, זיי — אַוודאי נישט, די אַלע ווייבלעך און מיידלעך. און ס׳איז אַ זינדיקע עברה אויכעט. אין דער אמתן: ביסטו אַ מענטש, בלייב־זשע אַ מענטש און נישט אַ קאַלעק אַליין!

מעשה גוטער־ברודער האָט דער שוואָגער איין אים אַריינגערעדט, געוואָלט מענדלען רירן. אויך זי, בערטע, האָט זיך געבעטן ביי אים:

— פאַרפאַלן, מאַנועל. וואָס געווען וועט שוין נישט זיין. לעבן איז באַשערט, מוז מע לעבן און נישט איינגיין ווי דו טוסט. מוזסט מאַכן אַ שניט צו דעם טרויעריקן. נישטאָ קיין ברירה, און זאָל זיין אַ ביסל היימלעכער, מענדל, — און אַליין ווידער פאַרגאָסן אַ הייסע טרער.

מענדל זיגל האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון. ער האָט אַפילו נ י ש ט געענטפערט. אין די אויגן פון זיינע גאַסטגעבערס האָט זיין האַרט שווייגן אויסגעזען ווי ער וואָלט גאָר געווען בייז און זיי האָבן דווקא געוואָלט זיך פרייען מיט אים, וואַרעמען די פריינדשאַפט מיט אים. אַרויסגעקומען איז דערפון נאָר אַ שווערקייט אויפן געמיט. יעדעס מאָל האָט דער שוואָגער מיט דער שוועגערן אומדרייסט געקרעכצט איבער אים און לסוף פון ס׳ניי איינגעטענהט: „זאָל ער מאַכן אַן ענדע. ס׳נישט קיין גרויסער שכל צו בלייבן אַזוי — —״

— לאָז זיך איבעררעדן, מענדל! ערשט האָסטו אַ געלעגנהייט, — האָט דער שוואָגער אים אַ ווונק געטאָן. — פאַראַן אַ זאַכעלע וואָס קען גע־פעלן ווערן, — און מאַנצבילש עפּעס אים איינגערוימט. — ס׳איז צו באַדויערן, נאָר אַזוי איז עס שוין. ס׳גיבט אַ צייט ווען מ׳מוז לאָכן, כאָטש עס ווילט זיך דווקא וויינען. ס׳מעמד בייטשט אונטער. אָבער מ׳טאָר נישט בלייבן שטיין אויף איין אָרט. דער שענסטער געדאַנק דערעסט, אויב מ׳חזרט אים איבער תמיד, — דאָס האָט לעאָן שוין גערעדט אויף אַ קול אַז אויך ס׳ווייב זאָל אים ווערן אַ שותפטע צו זיין מי אַ ריר צו טאָן „דעם שטיין״, ווי ער האָט געזאָגט אויף מאַנועלן.

און אַז מאַנועל האָט זיך נישט „אויסגעדרייט״ צו דער מציאה, ווי ער האָט אָנגערופן די אַלע שידוכים, האָט לעאָן זיך שוין אָנגעזעצט אויף אים, מעשה גוטער פריינד:

— מאַנועל, אייביק קען מע דאָך נישט אַזוי. דיין שבעה ביסטו שוין אויסגעזעסן. און ווערסט נישט יינגער. דו, הערסט? מיינסט, מ׳עט זיך לאַנג נאָכיאָגן נאָך דיר?

— זאָלן שוין זיין שמחות! — האָט די שוועגערן צוגעהאָלפן דעם מאַן — געגונג זיך צו רייסן די נשמה — און זי טרערט: — מעגסט אונדז פאַרגינען, מענדל. מילא, אונדזער עסטעלאַ האָט נאָך צייט, זי איז יונג, אָבער

דו — ווי לאַנג האָסטו בדעה זיך צו מאַטערן? מיר ווילן אין דיר זען אַ ביסל פֿרייד. פֿאַרפֿאַלן, מ׳מוז!

— — שוין יאָרן — דאַכט זיך דאָ אין שטוב — ווי די שיף האָט צו זיי געבראַכט מענדלען און ער האָט גאָר נישט בדעה זיך אויסצוטאָן פֿון די בלוטנדיקע ווייטן. ווי געוואָן מתחילת איז ער נאָך היינט. אַ מענטש האָט זיך גענומען אין קאָפּ אַריין אָפּצושוואַרצן אַלע יאָרן, — הייסט עס ביי זיי. אַלץ איינס, אין דער מישפּחה איז ער, אין דער מישפּחה וועט ער שוין פֿאַרבלייבן. זיי וועלן אים נישט אַרויסלאָזן. זיי וועלן אים פֿאַרשדכענען, נישט געקוקט אויף יסורים פֿון געשעענעם ד אָ ר ט, אין די פֿייערן פֿון פּלאַקערנדיקן קאַלכאַויוון; די דאָזיקע יסורים וועלן זיי קיין מאָל נישט אָפּ־לאָזן. גוסטאַוואָ קוקט אויף זיי פֿון טויט־בלייכקייט אַרויס אַלע מאָל ווען זיי דערזעען אים. אין אים האָבן זיי ליב די וואָס אומגעקומען אין גרוילן. דער־פֿאַר זייער צאַפּלען פֿאַר דער אָנהאַלטנדיקער גאָענטקייט מיט אים, זיי ווילן בשום אופֿן נישט אים פֿאַרלירן. וועט צוקומען אַ ווייבל, וועט ווערן וואַרע־מער אויף דער נשמה, מאַנועל. אָבער מאַנועל איילט זיך נישט. צו־פֿריש דער ריס — זאָגט ער מיט האַלבע רייד, און צו־פֿריש — טענהט ער — איז אים נאָך ס׳לאַנד דאָ. נאָך נישט פֿאַרדייעט די מענטשן הי, ס׳פֿירעכץ. ער׳ט זיך נאָך אַרומקוקן.

— כאַפּט׳ס נישט איבער, בעט ער זיך, — און האַקט אָפּ. דעם חשבון האַלט ער, מענדל זיגל. נישט מער ווי צוויי יאָר איז ער דאָ, ער וועט נאָך דאָנזשען. סך־הכל נאָך אַ גרינער, ווען עס איז גאָר נישט לייכט זיך אויסצוגרינען.

— שווער מיט דעם מענטש, — האָבן דער שוואָגער מיט דער שווע־גערן סוף־כל־סוף אָפּגעהאַקט די טענות מיט מענדלען. — זאָל ער טאָן, ווי ער פֿאַרשטייט, — האָט פֿאַראיבל געווירן קעגן אים. קוקנדיק אויף אים, האָט זיך ווי אַ שפּין אין זיי אַריינגעגעסן דער אַלטער אומעט, וואָס איז מיטגעקומען מיט אים.

מענדל, מענדל! — קלאָגן זיי שוין אין זיך — געניג, מענדל, מיט אַלעמדינג, וואָס איז סיי ווי שוין אונטערגעגאַנגען אויף אייביק. ווי לאַנג, אומשטיינס־געזאָגט, גייט אַרום אַ מענטש אויף דער וועלט? — אים האָבן זיי עס נישט געזאָגט, נאָר אַנטקעגן געטראָגן אים פּנימער פֿול צער. אויף כלערליי אופֿנים האָבן די מאַטאַדעראָסער אים געוויזן זייער האַרצ־

ווייטיק צוליב דעם, אַפילו מיט פאַרביסענעם פאַרשווייגן דאָס דריקעניש, וואָס זיי האָבן פון עסטעלאַן. אויף צו־להכעיס זיך אַליין האָבן זיי אים אַנטקעגן געטראָגן אַ פלוצלינגן שמייכל, ווי אייגער זאָגט: „זעסט, אַזאַ איז די אונטערשטע שורה. נישטאָ זיך מיט וואָס איבערצונעמען!" נאָר מענדל וויל נישט „איבערשלאָגן דעם קאָן". הפנים, מ׳קומט אַריין אין רגילות מיטן אומגליק, ווערט עס אַ היימישע זאַך.

מאַן און ווייב האָבן געשלונגען עגמת־נפשן פון מאַנועלן יעדעס מאָל, ווען מ׳איז געקומען זיי געבן אָנצוהערענישן אַז ס׳מאַכט זיך אַ גליק־שידוך פאַרן יונגן מאַן, וואָס „קער זיך אָן מיט אייך אַ שוואָגער פון נעכטן". אַ געלערנטער שדכן האָט זיך געיאָגט ביי מאַנועל זיגל צו מאַכן אַ ביסל פרנסה, וואָרן ער איז „אַ מאַן ווי אַ בוים, וואָס ס׳איז אַ שאָד ער זאָל איינדאַרן אָן אַ צערטלעכער פרויען־האַנט" — — שוין נמאס געוואָרן דעם שדכן צו קריכן צו דעם קירזשנער־געזעלן פון הינטערשטאָטישן העק, נאָר אָפּשטיין טאָר ער נישט. אפשר ׳עט זיך דאָך לאָזן צאַפּן וואַסער פון אָט־דעם שטיין.

...און זיי, לעאָן מיט בערטען, מיינען, אויב ער וואָלט געמאַכט פריילעך, וואָלט זיך שוין אָנגעהויבן אַ ביסל נחת אין דעם מישפּחהלע. קודם וואָלט מע געקענט דערוואַרטן אַ ברית, אַ בריתניצע, דערנאָך אַ געבוירנטאָג, און צווייטנס — ווי ווייט איז עס נאָך ביז מ׳וועט דאַרפן חתונה מאַכן עסטעלאַן? אַ סך אַזעלכע געראָטענע מיידלעך וואַלגערן זיך אין בוענאָס־איירעס!! די צייט שטייט נישט און אין מידקייט וויל אַ מענטש נישט פאַרגליווערט ווערן. אָפּגעטאַנצט אַ חתונה, ברענגט שוין איין שימחה אַ צווייטע: פון דער סעודה הייבט זי זיך אָן און מיטן יאָרטאָג פון דער חתונה ענדיקט זי זיך נישט. געקומען די צייט פון אָנהייבן יום־טובן, אַנישט איז מ ע ע , גיי אַרום מיט אַן אַרויסגעלייגטן לעקעך.

נישט קיין געהויבענער תכלית, — טראַכט לעאָן נישט אויף קאַטאָוועס און בערטע גיט אים געדעכט. מאַנועל טוט אָבער אַנדערש.

קאַפּיטל דרייצן

טאָג איין, טאָג אויס

מענדל זיגל דער וואַרשעווער איז שוין אַריין אין רגילות פון אַליינ־זיין אין דעם פּרעמדלעכן בוענאָס־איירעס. ער האָט אַ ריין צימערל אין אַ פאַמיליע־שטוב, ר׳האָט אַ טישל אין אַ רווישיקער קאַפעטעריע און אַ ביי־טעלע מיט אַ ביסל פּעזעס, איז עס פאַר אים איבערגענוג. אויף וואָס נאָך זיך יאָגן! אמת, אין ברוסט גיט אַ מאָל אַ צופּ, אויף די געהירן שווימט אַן אַ טומאַן וואָס פאַרגיסט די אויגן, צעגליט דעם מוח. אָבער צו דעם מוז מע שוין זיין צוגעוווינט. ער טראַכט טאַקע אַז אַזוי דאַרף עס זיין. אגב — גיט אַ בליץ אויף אַן אומהיימלעכקייט — איז עס, מעגלעך, שוין אַן אָנזאָג פון דער עלטער. די ביטערע יאָרן האָבן זי אונטערגעאַיילט. מ׳מוז עס פאַר ליב נעמען און לאָזן אַלץ גיין ווי ס׳גייט. אַ שטייגער ווי ס׳פערד אין די לעדערנע „ברילן”. נישט כדאי זיך צו פיל אַרומקוקן. ביסט איינגעשפּאַנט? — שלעפּ, אַנישט קענסטו כאַפּן אַ שמיר מיט דער בייטש. פאַר דעם־אָ פּירעכץ האָט מענדל אַפילו זיך שוין געשאַפן אַן אייגענעם קל וחומר: „כ׳על ווי־עס־איז צושלעפּן ס׳שטיקל צייט. איבערטינקעווען לווינט זיך נאָר אַ גאַנצע שטוב. אַ חורבה העלפן נישט קיין לאַטעס. נאָך אַ מאָל חתונה־האָבן, ווי גוטע פריינד עצהנען? ס׳נישט פאַר מיר געדאַכט. ווער וועמען וועט זוכן! און חשק צו דעם? אַוודאי, אָן חשק לעבט מע נישט מיט אַ ווייב, וואָס קומט צו דיר נאָך אייגענער באַנייונג. זאָל איך וויינען דערויף, וואָס די צעבראָ־כענע יאָרן האָבן מיר אָפּגעטאָן? פאַרפאַלן, ס׳עט סיי ווי נישט העלפן!”

אַן אַנדערש מאָל האָט מענדל אונטערגעצייגן אַזאַ מין חשבון:

— מעגסט עס הערן, שוואָגער מיינער, ווייל פאַר בערטען קען איך נישט אַזוי פיל רעדן. ביסט דאָך אַ מאַן. בנוגע אַזאַ שניט ווי ס׳איז צוהאַנדן

געקומען מיינס ס׳גאַל, איז נישט שיין צו רעדן פון גבורות. צו מאָל איז עס נישט ניחא. צעברענט זיך אַ מגפה, שניידט זי אונטער נישט בלויז דעם מענטשנס גוף. ס׳געווייַן פון מאַמעס, פון ווייבער, איז דעמאָלט נישט נאָר אַ געוויין נאָך זייערע קינדער און מאַנען. נשמות ווערן מער אָנגעגריפן, צעקאַליעטשעט. די אבלים שפּירן עס אין אַזאַ צייַט מיט אַ גוואַלטיקן כוח. געלייכגילט פאַרשטאַרט דאָס בלוט, יעדער געלוסט טונקלט. און צוריק געשמועסט: וועמען וועט ער נעמען פאַר אַ ווייב, וו ע ר וועט וועלן א י ם? וועט קומען אַזעלכע, וועט זי זיין מיט אַ פּגימה. אַ פאַרהוילענע ווונד, וואָס וועט היינט-מאָרגן נעמען אייטערן. „עפּעס רעכטס״ וועט דאָך נישט וועלן קוקן אויף מיר; ווידער לאָזן זיך „אַראָפּצוצו״ וועט עס מיר נישט געפעלן, אויב ס׳זאָל שוין האַלטן ביי געפעלן. דער מי ההולכים איז דאָך נישט קיין קלייניקייט, בפרט אין אַזעלכע יאָרן. איך? איך רעד מיר נישט איין, אַז כ׳בין נישט קיין שברי-כלי, כאָטש די פיס טראָגן נאָך, ס׳פּנים איז יאַקאָש ענלעך צו אַ מענלעך פּנים. אַבער אין אמתן? דאָס פיל איך, לעאָן. נאָר אַ ביסל מנוחה וויל איך, כאָטש כ׳גלייב נישט אַז אַזוינס וועט מיר נאָך באַשערט זיין. זעסט? דאָ איגעווייניק פינצטערט דער אומרו, ער שטויסט, קנייפּט. און אַ זי? וואָס פאַר אַ קען זיין אַזעלכע נאָך אַזאַ געוויטער? איז זי פון מיינס סגאַל, ווי קען אַזעלכע?... און צו וואָס קאַפּווייטיק צוטשעפּען אויף האַרצקלאַפּונג! איז זי אַ היגע, קען זי ליידן פון דער קרענק וואָס רופט זיך איבערזאַטקייט. אַ יונגע, אַן אומגעשעדיקטע, וועט דאָך צו מיר נישט גיין. אַן עלטערע, ווידער, אַזאַ וואָס האָט שוין פאַרבראַכט מיט אַ מאַן, האָט דערוואַקסענע קינדער, אַפילו ווען זי האָט אייגנס אַ קלייט, בין איך נישט להוט. ס׳זענען „קאַלטע לאָקשן״, — האָט ער אַן איבלדיק וואָרט אויף די אַלע ישועות, מיט וועלכע מ׳וויל אים מזכה זיין דאָ און דאָרט, ווו ער וויזט זיך. עס הייסט: גיי פאַרגראָב דעם קאָפּ אין מושב. ווער קען זיך דערשלאָגן צו אַזאַ מסירת-נפש פאַרן ענין חתונה האָבן, כדי קלאָמפּערשט נישט צו בלייבן אַליין? אָך, אַזאַ אַ נ ד ע ר ע אַליינקייט איז ערגער. צו וואָס, אַז אַזאַ וועט ער נישט ליב האָבן מיט אַ מענטשלעכער פריינדשאַפט און א י ר ע ק י נ ד ע ר וועלן אים נישט סובל זיין! ווי אַ געפאַנגענער וואָלף וואָלט ער משוגענערווייז שפּאַנען הינטער שווערע קראַטן פון — שינאה. וועט ער קענען, אין גילדענעם גוטן, אַזוי זיצן, אַרויסקוקן צו דער דרויסנדיקער ווילער וועלט? זי וועט גאָר נישט שיין זיין, די וועלט פון געפאַנגע־

נעם פונעם גרויסן גליק. זי וועט אויסטרערן זיינע אויגן, ס׳וועט אים זיין זויער אין פיסק.

— ווי דו ווילסט, — רעדט שוין צו זיך מאַנועל זיגל: — ער איז טויזנט מאָל גערעכט. מע דאַרף אַנטלויפן פון אַלע צוגעוואַרעמטע גליקן. זיין יוכבדן קען ער נישט פאַרגעסן. צי וועט ער זי כלל פאַרגעסן? זיכער נישט. און וועט אַ וועלכע־ס׳איז אויסגעצירטע פורעניה אונטערקומען מיט גילדענע בערג, וועט זיין אייביק ווייב זיך שטעלן אין וועג אַריין: „אויף אַזעלכענער גייסטו מיך פאַרבייטן, מאָניעק?״ מאָניעק האָט אים גערופן זיין יוכבד. זי האָט אים ליב געהאַט מיט אַלע מאַמעשע צערטלעכקייטן. זי האָט׳ן געפּיעשטשעט מער ווי די אייגענע מאַמע, וואָס האָט רק געפאָדערט פון אים, ער זאָל פאַר איר האָבן דרך־ארץ. „מענדל, אַ מאַמע שאַנעוועט מען, מענדל, אַ מאַמע קריגט מע נישט קיין צווייטע״, האָט זי גערעדט מוסרדיק, אָבער אויף ליבשאַפט נישט געווען מסוגל. גוסטאַוואַ האָט עס אים צוגעטיילט אין פולער מאָס; זיין ווייב וואָלט אים נישט פאַרביטן אויף אַן אַנדערן. פון געטריישאַפט צו אים איז זי אומגעקומען. וואָרן אַזאַ שיינע, אַזאַ קלאָר פנים, קען זיך אומעטום דורכקריגן, אַפילו ביי די געמיינע דייטשן. אַזעלכע האָט נאָר באַדאַרפט וועלן. ר׳קען שווערן, זיין גוסטאַוואַ האָט מוראדיק געליטן מחמת געטריישאַפט צו אים: זי איז געגאַנגען צום טויט אַ געלייטערטע. נאָר ער, דער אוממענטש, האָט זיך אייסגעהיטן דעם קאָפּ. אָ, אַצינד וועט ער׳ס נישט טאָן. ער מוז בלייבן מיט גוסטאַוואַן, דער אומגעקומענער, וואָס ווערט אים הייליק. ער שפּירט עס ערשט אַצינד. זי היט אים אָפּ פון יעדן שריט, וואָס טשאַטעוועט אויף זיין חשק, וואָס ווערט יעדעס מאָל אונטערגעזענקט פונעם שוואַכן שכל, פון דעם אויגן־פאַרבלענדעניש. אַוודאי, גלייכער צו בלייבן אַליין, איידער צו דאַרפן זיך גריזשען שטענדיק. ביי אַן אָפּגעמאַנטער, אַן אויסגעקינדלטער, אַפילו אַז זי האָט אַ פאַבריק אין בוענאָס־איירעס צי וויינגערטנער אין מענדאָסאַ, וועט ער נישט געפינען קיין פאַרגעלטונג פאַר יענער ליבשאַפט. טאַקע, ער איז אַ מאַן, וואַכע ליידנשאַפטן שטייען צו ווי אַ זאַקעצ׳ע, אָבער אויף מציאות האָט מען אים נישט אויסגעכאָוועט. ס׳אַ געשמאַק־זאַך. און אויף צו ענדערן זיך איז ער שוין צו אַלט. באַ, אים האַרצט נישט קיין שום שידוך. לייט זענען זיך מרחם אויף אים, ווילן טאָן טובות. מוחל! בעסער אַזוי אָפּשטופן די פאָר יאָר. אויף עסן פון יענעמס גרייטן טיש, מוז מע זיין געוווינט. ער

איז נישט קיין בעטלער. בעסער אַזוי, מענדל. וואָס ער טוט, טוט ער פאַר זיך, וואָס ער וויל — איז עס זיין ווילן, אַפילו אַז ס'איז אַ משוגעת, אויב עמעץ וויל עס אַזוי אָנרופן. עסטעלאַ? ס'אי' גלאַט אַ טייער מיידעלע. ער איז חלילה נישט אויסן איר עוולה. זי מוז מען ליב האָבן ווי אַ קינד וואָס האָט אַלע טעמ'ען. אים דאַכט זיך טייל מאָל אַז ס'איז זיין טעכטערל. ווען נישט די מערדערייען, וואָלט ער געגלעט ס'קעפּל פֿון זיין טאָכטער. זי וואָלט שוין געווען אַ סעניאָריטאַ ווי עסטעלאַ, און זיכער אַ שיינע ווי די מאַמע, ווי דער מאַמעס ברידער, וואָס האָבן געהאַט אַ שם מיט זייער גע־זונטער שלאַנקייט, זייערע געשניצטע פּנימער. אַזאַ מיידעלע וואָלט גע־שטאַרקט זיין האַרץ, ער וואָלט נישט געווען אַזוי צעוואַקלט. „פּאַפּאַ, טאַ־טעשי", — אַזאַ איז דער נישט דערגאַנגענער נאָמען זיינער. ווי שוידער־לעך. און דאָ קומט מען אים פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט ווילעכצן, וואָס חלומען זיך וועמענען וואָס געשלאָגן מיט פאַלשע אַפּעטיטן.

אַזאַ מין חשבון־הנפש האָט זיך פון מאָל צו מאָל געוועקט ביי מאַנועל זיגל. זעלטן ר'האָט זיך דערמיט אַרויסגעכאַפּט פאַר לעאָנען, ווען ר'איז צו אים צוגעשטאַנען: מענדל, וואָס איז דער מער מיט דיר? קענסט לעבן און לאַבן און דו ווילסט בלייבן אַ למד־וואָווניק! — אָבער נישט שטענדיק האָט ער געהאַט די רו פאַר באַזיניקטן טראַכטן. מ'קען דען געבן אַלץ צו פאַרשטיין, מיינסטו? — ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון מאַטאַדעראָסער וואָס האָט זיך לגבי אים געשפּירט גוט־ברידעריש. דאָך אַ שוואָגער, אָבער מענדל איז זיך געווען נישט יענער מענדל. ווען ס'איז צוגעטראָטן דאָס האַרטע געפיל אַז אים וועט סוף־כל־סוף צודריקן די אַליינקייט, האָט אין זיין מהות אויפגעלעבט אויך די מורא צו בלייבן אָן מיטלען צו קענען פירן זיך אַזוי ווי ער האָט זיך עס אויסגעלערנט די אַלע יאָרן, ווען ער האָט איינער אַליין אָנגעהויבן זיך צו ראַנגלען פאַרן ביסל חיות. אַ מענטש פאַלט, אויב ער קריגט נישט אין צייט דעם ביסן ברויט, ער קומט אום, אַז ר'באַ־קומט נישט דעם לעפל געקעכטס; אויף דר'ערד, אין בלאָטע צי אין קעלט קען ער זיך אַצינד שוין נישט וואַלגערן. שוין נישט יענע צייטן, און ר'איז מער נישט קיין יינגל. ערשט זענען אויסגעוואַקסן זיינע באַדאַרפטי־קייטן. נישט בלויז ס'כזית ברויט, דאָס גלאָז זויערמילך איז גענוג אַי־בערצוקומען דעם טאָג. אַצינד מוז מענדל האָבן מער געלט ווי ווער־עס־איז זיינס גלייכן. אַ מענטש אַליין קען אויסקומען מיט אַ בילע־וואָס, — האָט

ער זיך איינגעשמועסט נישט אָן גאווה — מאַנועל זיגל דאַרף האָבן אַ קאַפּיטשקע מער פון יעטוועדן אײנזאַמען. דער עיקר: ער טאָר נישט ווייזן זיין געפאַלנקייט. אין זיך מעג עס צו מאָל אַ פּישטשע געבן פון די געבראָקטע, געבראָטענע צרות — ביי מענדלען טאָר מען עס נישט זען. מענדל קען נישט אָנטאָן קיין טאַנדעטנעם אנצוג, ער מוז האָבן אַ גוטן קראַוואַט, ער באַדאַרף קויפן אַ מתנה. גייט ער צו גאַסט (סוף־כל־סוף האָט ער זיך איינגעשאַפן באַקאַנטע), קען ער נישט קומען מיט ליידיקע הענט. ס'אַ געוווינטשאַפט זיינע פון לאַנגע צייטן און דאָ האַלט מע שטאַרק פון ברענגען מתנות אַוווּ מ'גייט נאָר. נאָך מער: רק מ'זוכט געלעגנהייטן פאַר היימישע יום־טובים, אַבי מ'זאָל זיך קענען פרייען מ'ט מתנות פון פריינד, פון באַקאַנטע. נו, מתנות מוז מען האָבן אין זינען אָפּטער ווי מ'קען זיי קויפן. אויך פון עסן קען ער זיך שוין נישט אָפּזאָגן. אַ מיאוסע געוווינהייט, צו וועלכער ער האָט דערלאָזן זיין קאַפּריזנעם גוף. עסן מיטיק, עסן נאַכטמאָל, אויך אין מיטן טאָג דערכאַפּן זיך מיט אַ קאַוועלע און נאָך אַ קאַוועלע. שוין געוואָרן אַזאַ שטייגער מענדל זיגלס און ער קען זיך מער נישט אַנטקעגן שטעלן דעם דראַנג פון מאָגן. ער מוז גיין אין שפּאַן פון כלערליי שוואַכקייטן, מאַנועל זיגל. אפשר זיך אַוועקזעצן וויינען דערויף? עך, ווו ס'איז אַ בראָך, קען שוין נישט ווערן גאַנץ!

באַלאָדן מיטן וואַליזקעלע אין האַנט, גייט ער זוכן קויפערס פאַר די סחורות וואָס ער נעמט „אויף קאָמיסיאָן". וווי'לע מענטשן די פאַבריקאַנטן, מיט וועלכע מ'האָט אים צונויפגעפירט (פון רחמנות צי אים צי פון כיטרעקייט וועגן — ס'איז דען אַ גרויסער חילוק?). זיי געטרויען אים, גיבן קרעדיט. ער דרייט זיך אויס די פיס אין דער פונאַנדערגעוואָרפענער שטאָט, שטעלט איין די גאַנצע מערכה זיינע, ווייל וואָכן־לאַנג קומט אים אויס צו צאַפּלען אויף יענעמס ספקדיקן „ערנוואָרט": יאַנקל צאָץ וועט ראַיעל אויסצאָלן די ראַטעס, סעניאָר גאַבריעל סאַנטיאַגאָ ברילאַ זאָל נאָר נישט צעברעכן אַ פוס און דאָניאַ פלאָרעסיטאַ דע מאָרעיראַ וועט זיך נישט פאַרקייכן. איי, איי, דער קאָפּ איז אים איינגעשטעלט צווישן אומבאַקאַנטע באַקאַנטע. וואָס־זשע וועט זיין אַז אַזוינער וועט אָנזעצן? און צוריק געשמועסט, וואָס קומט אַרויס, אַז דער קונה האָט אַ גוטע כוונה, נאָר זיין קעשענע איז אַ לעכערדיקע? ער זאָל נאָר אַרויס מיט גאַנצע ביינער פון דער פרעס! — מאַנועלן קערט עס דעם מוח און ס'איז באמת אַ גליק וואָס ער פאַלט

נישט. ס׳איז, קלערט ער, דערעיקרשט אַ דאַנק זיין געלאַסנקייט, אויך זיין דרך נישט צו גענאַרן, נישט אָנצוקריגן קיינעם.

— אַ סאָלידער יונגער מאַן, דער סעניאָר זיגאַל, — זאָגט מען, און ביי דעם גוטן נאָמען וויל ער זיך האַלטן. זאָל מע נישט אָנטייטלען אַז אַ גרי־ נעם טאָר מע נישט גלייבן.

זיין אינעווייניקדיקע סאָלידקייט צעוואַקלט אָבער די קליינע עסטעלאַ. פּאַמעלעך, אַ וואָרט, אַ בליק און זי איז אים אַריין אין דיביינער. אַ ווייל קינד, אָבער — ווי קומט ער צו אַזאַ הפנים, אומקלאָר זענען נאָך די וועגן וווּ עס ווילן זיך דורכשפּאַרן די חיהשע געלוסטן פונעם מענטש, אַפילו נאָך דעם ווי ער איז אַזוי פיל געפּרוווט געוואָרן פון שווידערן וואָס נאָר דער טייוול האָט זיי געקענט צוקלערן. אין אמתן האָט ער זיך ווינציק אויפן אויג, דער מענדל. נישט געטאָרט אַזוי פיל! אַצ־ינד העלפט עס ווינציק. וויפל ער האָט זיך שוין געבעטן: נישט רעכט אַזוי, טייערס, גיי אַהיים צו דער מאַמען, דער טאַטע זוכט דיך, — און זי וויל נישט אָפּטרעטן פון אים.

— ביסט אַ שלעכטער פעטער, —כמורעט זי זיך און שלאָגט אים מיט די בליקן און מיט אירע טרערן. — אַז איך קום צו דיר, כ׳וויל דיך זעען, כ׳וויל גיין מיט דיר, זיצן מיט דיר, שיקסטו מיך אַהיים. ס׳איז מיר שלעכט אין דער היים. זיי האָבן מיך נישט ליב. און אַז איך האָב נישט קיין היים?!

— כריפּען באַלד טרערן אין איר קול, — טאַטע־מאַמע מאַכן אַ גראַטשקע אויף ליבשאַפט צו דער טאָכטער, אָבער נאָר אַ גראַטשקע, נישט מער! אויף דער נעוואָרעטע האָבן זיי ליב בלויז זיך אַליין. די מאַמע האָט מיך געבוירן, האָט געליטן ביים אויפכאָוועז מיך, — פאַר דעם וויל זי כ׳זאָל רק זי ליב האָבן. ס׳איז אפשר דער ריכטיקער פרייז, צי קען איך אים שטענדיק צאָלן אין גלייכע ראַטעס? און כ׳האָב זי דען נישט ליב? אָבער פאַרשטיין אַזוינס איז אַן אַנדערע זאַך. זי וויל מיך בינדן ווי מיט שטריק. באַלד ווערט זי שטרענג. שטענדיק זאָל איך קלעפּן צו איר? — איך פרעג דיך. זאָג דו! ניין, איך וויל נישט, און גענוג, — ווערט איר שוין נאָענט דאָס געוויין.

— אַז איך קען עס נישט, זאָל איך זיך דערהרגענען, אָפּגעבן זיך אַ קרבן פאַר אומזיניקע מאַמעשע טרערן, למאי איך האָב נישט קיין כוח שטענדיק צו זיצן נעבן איר. און דער טאַטע ליידט פון אומעט. ס׳איז אים אומהיימלעך ביי דער מאַמען, וואָס גייט שטענדיק אַרום אַ פינצטערע — קען איך אים פאַרווילן?! ניין, נישט אַלע הינט קען איך פאַרטרייבן פון שטאָט. איך קען

זיך נישט אָפּיאָגן פון מיין אייגענעם אומעט, זאָל איך העלפן ז יי, ד י אַ ל ט ע ? און אויך דו האָסט צו מיר טענות, ווילסט נישט פאַרשטיין. שלעכ־טער! ס'טוט מיר שוין באַנג וואָס כ'גיי אַהער צו דיר.

און זי צעוויינט זיך מיט אַ סך הייסע, שטראָמיקע טרערן.

מענדל קען זיך נישט העלפן. אים דאַכט זיך כסו״ר: דער שוואָגער מיט דער שוועגערן רעדן צו אים מיט פאַרוואורף פאַר דעם מיידלס צעריסנקייט („דו מאַכסט פון איר אַ תל. גיסט איר צו פיל נאָך, מאַנועל; פּיעשטשעסט זי, פאַרגעסט זי זיך, עסטעלאַ, מיינט אַז זי איז נאָך אַ קינד") און זי, די קליינע צאַפּלדיק־דערוועקטע יונגפרוי רופט צו אים, דעם מאַן, און זי וואָרנט אים, זי ציט איינצייטיק מיט צוזאָג און — לויער. סטעלע טשאַ־טעוועט אויף זיין באַשיימפּערלעכער שוואַכקייט. זי דערשמעקט עס און לויפט דערויף, די זשעדנע, די נאַשעדיקע — —

*

יעדן פאַרנאַכט, ווי גאָט גיט דעם טאָג ווען ער נייגט זיך צום פאַר־גאַנג, חזרט זיך איבער דאָס אייגענע: עסטעלאַ קומט אין דער פעטער וואַרט שוין אויף איר, כאַטש אין אים שרייט אַלץ: אַנטלויף! דערלאָז נישט צו ווייט די שפּיל מיט פייער. אָבער עסטעלאַ האָט אַזוי נישט געטראַכט. עס־טעלאַ איז געטריבן פון אַן אומקאָנטראָלירטן כוח. די גאַסן האָבן זי געפירט ווי אַ לונאַטיקערן; אַ ציטעריקע געדענקשאַפט האָט איר צוגעלויכטן אין דעם גאַנג צו מאַנועל זיגל. זי האָט זיך אויסטערליש געאיילט, הגם זי האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון אַז זי שטופּט זיך דורך צווישן מענטשן, גיט עמעצן אַ שטויס. אירע באַגערן ציִען זי אין אַן ערגעץ־ווו. אַ ביסל אַ דעריאַכמערטע, אין אַ מטושטשער שפּאַנונג האָט זי זיך באַוויזן מיט אַ שעמעוודיקער פריידיקייט אין אויבערשטן צימערל אַריין. ווי גיך, ווי קינ־דיש זי האָט פאַרגעסן דעם פעטערס מוסר, דעם פעטערס בעטעניש פון נעכטן; גאָר־גאָר האָט זיך אויסגעוועפּט איר ברוגז אויף דעם „שלעכטן". אמת, אויך ער איז היינט עפּעס אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר, האָט געזען דאָס מיי־דעלע. אין אים האָט דאָס האַרץ זיך גלוסטיק אויפגערודערט ביי יעדן באַ־וויַזן זיך דער קליינעצקערס, אָבער איינצייטיק האָט ער מיט אַן אומגע־ריכטקייט גענומען זיך שרעקן פאַר איר קומען. זיין וואָרט צו איר איז פון דעסטוועגן געבליבן אַן אויפגעהייטערטס.

— אָ, ביסט דאָ? — האָבן די אויגן אים זיך צעלויכטן און די דלאָניע האָט זיך צעפּלאַטערט פאַר אַ גלעט איבערן זיידענעם בעקל.

ער איז געווען באַלעבט פון איר אָנשוועבן אין זיין קאַלעמוטנעם חדרל אַריין, מחמת איטלעך מאָל פאַרכאַפּט זי זיין ברוסט: — אַזאַ יונגטשיקס, אַזאַ שאַנקעדיקס! — פלעגט ער שטיל מורמלען און ער איז צוגעשטאַנען צו איר מיט פראַגעס נאָך פראַגעס:

— ווי פילסטו זיך, סטעלעשי? ס׳גוט אַוועק דער טאָג? עפּעס ביסטו דאַכט זיך, בלאַס! קודם וועסטו עסן, יאָ? ס׳אַרע וואָזשנע זאַכן ס׳זענען גראָד דאָ אויפן טיש! נעם, שעם זיך נישט. ביסט נישט אין דער פרעמד.

ער לייכט אויף פון איר יעדן קוק און זי לאַשטשעט זיך צו אים מיט די בליקן, מיט אַ קורצן זאָג: — הע, און דו קומסט נישט, פעטער!? ער קוועלט אָן פון אירע טעמ׳עדיקע גרימאַסעס, שטרעקט זיך צו איר מיט אַ פולער זשמעניע צערטלעכקייטן:

— מיין מיידעלע, מיין ווילס. כ׳האָב היינט געקלערט פון דיר, ווען כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען אַ קינאָ, — און אין מיטאַמאָליקער באַזינונג, וואָס איז סתם געקראָכן אין די געהירן אַריין, וויל ער זי באַלד אַהיימשיקן. שוין, שוין!

— גיי, סטעלעשי, כ׳פיל אַז מ׳קוקט דיך שטאַרק אויס אין דער היים, — בעט ער זיך ביי איר נכנעדיק, מיט גלאַנצלעך אין די אויגן, מחמת ער האָט פלוצלינג מורא געקראָגן פאַר זיך. פראָסט־פשוט, ס׳האַרץ אַנטפאַלט אים פון שאַרפן נייגיר צו איר קערנדיקער יונגשאַפט, צום שטראַליקן שפּראָצן וואָס שפּאַרט פון דעם מיידלס יעדן קער און ווענד. טאַקע די אַנט־פּלעקטע שיינקייט אין דער פרוייִשער געשטאַלט שרעקט אים אָקערשט מיט אַן אָפּגרונטיקער שרעק פאַר אַ פּיינלעכן נסיון: „וואָס וועט זיין, אויב ער וועט"... זיין געדאַנק צינדט זיך און ער וויל אַנטרינען פון זיך אַליין: „ער טאָר נישט!"

די שפּירונג אַז זי איז אין זיין סאַמע נאָענטקייט, זי צאַפּלט פאַר אים אין אונטערטעניקייט, גיסט אים אָן מיט אַנגסט, ווי פאַר אַן אויסבראָך פון אַ פאַרהוילענער שרפה.

זי לאָזט אַראָפּ די וויִעס, ווען איר באַפאַלן זיינע בעטענישן. אָבער אים הערט נישט אויף צו בריִען ס׳אייגענע וואָרט.

— איך האָב דיך ערלעך ליב, עסטעלאַ, דו ווייסט עס — באַצווינגט זיך מענדל מיט אַלע זיינע כוחות (אַ היץ באַשלאָגט אים) — אָבער מ׳טאָר נישט אַזוי. ווערסט פאַרטיק מיט דער אַרבעט אין ביוראָ, גייט מען אַהיים. דו ביסט שוין אַ גרויסע און דאָך אַ קינדעלע. יאָ, יאָ, — פאַלט ער צו מיטן פּנים צו איר קאָפּ, צו אירע באַקן און אין קעל שטיקט אים אַ נישט־אַרויס־געבראַכטער הײסע פון אָנגעכליניעטער התפּעלות. צוגעפּאַלן און קען זיך לאַנג נישט אָפּרייסן פון איר. דערנאָך זייעט ער שוין אַרויס פון צווישן די ליפּן:

— גיי אַהיים, מיידעלע, — און די רייד שטעלן זיך אים קאַפּויער. — זיי אַ גוטע, — ציטערן זיינע קינעןן, אין די געהירן באַלבעט עס; אין גאַנצן ציט ער זיך צו איר, דער זיסער. אַ פלאַם גייט אַריבער זיין רוקן ווען ער רירט אָן עסטעלאַס האַנט, גלעט אירע האָר. ווי אין אַ נעפּל זעט ער אירע גרויסע, קיילעכיקע אויגן. און גאָר גייט אים אויס ס׳חיות ווען ער דער־פילט אומגעריכט עסטעלאַן אויף זיין שויס.

— — — שטאָט צו ענטפערן אויף זיינע פאַרהושטע רייד, הייבט זי אָן רייבן איר פּנים אין זיין ברוסט, ראַנגלט זיך מיט אַ ספּאַזם וואָס האָט אָנגעגריפן אויף איר, ווייל ווידער זיך דערמאָנט אַז ער האָט זי געוואָלט אָפּשיקן אַהיים: „ער טרייבט מיך, אַזאַ שלעכטער״, און שיער נישט אויס־געבראָכן מיט אַ כליפּ. אָבער זי האָט זיך באַהערשט און פעסטער אַרויפ־געריטן אויף זיין שויס. קינדיש, ממש אומשולדיק, קלעטערט זי אויף אים און ער דערשפּירט אַז ס׳בלוט שטעכט אים דורך. פאַרשמאַכטערהייט אַנט ער פון דער זיסקייט וואָס עס גיסט אים אָן די משא פון איר וואַרעמען קערפּער, פון אירע שטייפע מוסקולן. טויזנטער קאָנוווּלסיעס ציטערט אויס אויף אים די ליכטיקע. ער שפּירט אַזוי, גלייך אומציילעקע זשעדנע פינגער וואָלטן זיך מיטאַמאָל אַריינגעגראָבן אין זיין פלייש, דעם פעטער מאַנועל, און ער „זעט״ ווי אירע ביינער צעציינדן זיך פאַר אים, אַזש אים צענעמט די שפּירונג פון פיין און תענוג. זי פאַרשרפּעט אים, אָכצן אויף אַלע זיינע טיפענישן, ס׳פאַרציען זיך מיט היץ זיינע אויגנאַפּלען. אין זיין גאָרער רעדנדיקער שטומקייט פילט ער ווי זי, די פרוי פון זיינע גלוסטונ־גען לעבט אויף ס׳געביין פון דעם מאַן מענדל זיגל. אָבער תהומיק טיף, דראָענדיק שטעלט זיך אַנטקעגן מאַנועלן דער בלינצנדיקער געדאַנק אַז ס׳איז סכנהדיק די דערנענטערונג צו דער־אָ.

„זע, זי וועט דיך פאַרצוקן. זי איז פרוי, זי איז גאָר נישט קיין קינד, מענדל, מע־עעענדל!"

אַ ראַפּטעמדיקער טויבער קוויטש רייסט זיך אַרויס פון זיינע פאַרבאַר־גענישן און ס׳גיט אים אַ וואָרף די גאַלע דערמאָנונג וואָס איז שאַרף ווי אַ מעסער:

— מענדל, דו ביסט מענדל דער נשרף, מענדל זיגל דער אלמן, מענדל דער חושכער טאַטע פון אַ הייליקן טאָכטער־קבר אין וויסטן ערגעץ־ווו!

דאָס־אַ שפּיציקע געדענקען שטעלט זיך אים צוקאַפּנס מיט האַרט־נעקיקייט: — מעעענ־דלל! און ס׳קוקט צו אים מיט בלוטרויטע אויגן.

לאַנג הילכט עס אין זיין מהות. ער דערשפּירט זיך ווי אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן שטראָם און פּאַמעלעך שטויסט ער ס׳מיידל לייכט אַראָפּ פון זיין שויס. אַ מאָדנע צעקנאָדערטע גיט זיך עסטעלאַ אַ וואַלגער ביי זיינע קני. ער גלעט זי, בעט זי איבער און שעמט זיך פאַר איר.

— חלילה — צעטומלט עס זיך אין זיין געהער — ער טאָר נישט.

צי ער רעדט עס, ווייס נישט מענדל, נאָר ס׳קלינגט אין אים מיט רוגזה, מיט מוסר:

— זי איז שוין נישט קיין פּיצעלע. ס׳איז אַ פרוי אין צייטיקונג. ס׳אַ שריפה! ער מוז זי דערווייטערן פון זיך, ער מוז אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון זיין תאווה וואָס איז ווילד פרעסערדיק, משוגע, ווי זיין לעבן איז געוואָרן משוגע. ס׳איז אַ צערודערטע בלאָנדזשעניש; ר׳ באַדאַרף זיך צוריקקערן צום ביסל אינעווייניקסטע רו וואָס האָט אַנומלט זיך שוין באַוויזן צו זיין נעבעכדי־קייט. ער וועט פאַרשליסן די טיר. יאָ, מענדל זיגל וועט עס טאָן; ער וועט זיך פאַרשליסן פאַר א י ר . ער מוז, ער האָט נישט קיין אַנדערע ברירה!

מבולבל נאָכגעטראַכט און דערויף געבליבן פאַרביסן: נישטאָ מער פאַר איר דער מענדל, ס׳געווען פאַר אַ רגע דער פעטער מאַנועל. געווען אַ בליק, נישטאָ קיין רעגן. ס׳עט נישט רעגענען, קליינענקע!

אַזוי האָט מאַנועל זיגל אָפּגעמאַכט ביי זיך אַ סך מאָל און זיך נישט געקענט בייקומען. אוי, דער שכל איז קירצער פונעם ווילן, — האָט ער זיך צעקרעכצט, — ס׳בלוט פירט, פאַרפירט.

עסטעלאָס יאַוועו זיך האָט אים שטענדיק גובר געווען, און יעדעס מאָל האָט ער זיך דערנאָך אויסגעזידלט, אויף אַן אמת זיך געשטראָפט:

„ביסט בלינד, מענדל, ביסט פאַרנאַרט, מענדל!".

ריכטיק, עס איז געווען דער רייץ פון דעם מיידלס יונגשאַפט. און אפשר איז עס גאָר דער אינסטינקט פון דורכויסיקער עלנטקייט וואָס האָט אים יאָרן־לאַנג געשטויסן ווי אַ בלודנע שאָף און לסוף איבערגעלאָזן אויף פאַרצווייפלונג. „מער קען ער נישט" — האָט ער זיך אָפט געוועדט קעגן די שוואַכקייטן וואָס האָבן זיך געטשעפעט צו אים, צעקאַליעטשעט די נשמה. הונגער נאָך אַן אָנשפאַר איז געווען דער גוואַלד־געשריי פון זיין אויסגעדייוועדטקייט. ער איז דערין נישט אַזוי פיל שולדיק ווי די בויטן וואָס האָבן אים געבראַכט דערצו — —

ער איז אויסגעשטאַנען אַ גרויסן געראַנגל, דער פעטער מאַנועל; ער האָט געשפּירט ווי עס פאַלן אויף אים נייע ביטערע קלעפּ פון גורל. ווינציק זיך אָנגעליטן, האָט ער איינגעטענהט מיט זיך, האָב איך נאָך געדאַרפט געפּרוווט ווערן מיט אַזוינס!

„אַ קליינטשיקס, — האָט ראַפּטעמדיק אין אים נאָך אויפגעטוקט אַ ליכט־שיין מיט אַ רויכל באַנאַנד — און ס'האָט אַזאַ כוח! איך מוז... איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ שניט טאָן און, איבערשניידן".

פון דעסטוועגן איז ער יעדן פאַרנאַכט ווידער געשטאַנען אויף דער שוועל פון דערוואַרטונג אויפן מיידל פון דער איינציק־קרובהשער שטוב וואָס דאָ געפונען; געוואַרט אין טונקלעניש פון אייגענעם באַוווסטזיין און אַ מאָל אויך גערעדט צו זיך:

— אפשר וועט זי טאַקע מער נישט קומען? ענדלעך זיך באַזיגען. ר'האָט דאָך איר געזאָגט, געבעטן זיך: סטעלעשי, זיי גישט בייז. איך וועל קומען צו אייך אַהיים, דו קום נישט אַהער. איך האָב דיך גערן, איך האָב נישט קיין כוח אַזוי פיל נאָכצוקומען, ווי כ'טו עס (און ס'פּנים, האָט ער בעת־מעשה געשפּירט, ווערט אים פינצטער פון בושה); און כ'האָב ווינ־ציקער צייט ווי כ'גיב דיר אַוועק (האָט ער זיך שוין געשמיסן). דו ביסט אַ קלוגע, פאַרשטיי־זשע און זיי נישט ברוגז. איך וויל, זאָלסט זיין צופרידן ווען דו קומסט צו מיר. אַוודאי, כ'וועל דיך איינלאַדן, סטעלעשי. אַלץ וואָס דו זעסט דאָ (האָט ער זיך שוין צוזאַמענגעבראַכן) — דאָס איז די גאַנצע נעוואָרעט — קומט מיר אָן מיט טויט־אַנגסטן. כ'האָב נישט פון וואַנען צו נעמען, נישט צוגעגרייט זיך אַהער מיט געלטער, פשוט, נישט געהאַט פאַר וועמען זיך איינצושטעלן, פאַרשטייסט? נישט געלוינט פאַר אַזאַ לעבן — — כ'בין אויסגעריסן, איינזאַם, כ'וויל דאָך האָבן אַ שטיקל מישפּחה (אַלץ אין

אים האָט זיך ערשט צעשטאַמלט פון געפּאַלנקייט אַקעגן זיך). טו מיר נישט קיין שלעכטס מיט דיין גוטס — —

אַזוי וואָלט געווען בעסער, — האָט ער שפּעטער מעדיטירט וועגן דער מציאה וואָס האָט אים אַריינגעפּלאָנטערט. — אַנטשלאָסענער באַדאַרף מע זיין. און אַ הילף וואָלט עס געווען פאַר אים. איין מאָל פאַר אַלע מאָל. ער וועט פּרוּוון זיך אָפּגעוואוינען פון „זיי". זיי, דער שוואָגער מיט דער שוועגערן אין מאַטאַדעראָס. ווינציקער גיין צו זיי. וועט ער נישט זען „די קליינע" און ס'וועט זיין נאָך איין איבערלעבונג אויפן חשבון פון די טרויעריקע יאָרן, וואָס געבליבן אויפן בית־הקברות פון דעם געווען.

פאַרזונקען אין אומגליקלעכער דערוואַרטונג, נישט־דערוואַרטונג — „ר'וועט זען צי ער האָט דאָס מאָל געטראָפן" — און עסטעלאַ איז דווקא יאָ געקומען; ער האָט זיך ווידער געפרייט מיט איר מיט דער פרייד, וואָס האָט אַרויסגעצאַפּלט פון אים מיט זיסע רייד און ציטעריקע גלעטן. און קלאָר: עסטעלאַן האָט געבראַכט דער להוטער שפּראָץ פון דער פרוי וואָס זוכט אינסטינקטיוו דעם זשאַר פון הייסן ליכט און שטראָמען זאַפּט פאַר איר רייפונג. אין אַלע אירע טעג און נעכט האָט די קליינע עסטעלאַ געשפּירט אין זיך דעם שלאָג פון אַ דערוואַכטן ווייטיקלעכן אומרו. זי'ט גיין, זי האָט נישט קיין אַנדערן וווּהין פון דער פרעמדקייט אין דער היים. די קלעפּיקע רייד דער מאַמעס, דאָס נאָכקריכן דעם טאַטנס — דאָס אַלץ דערוואַרגט זי. שוין דערעסן.

זי מוז לויפן אויך פון די באַקאַנטע וואָס שטעלן אויס אויף איר בריעדיקע גלאָצערס. זי שעמט זיך שוין פאַר פרוי סוסאַנאַ. יענע שווייגט שווער, פּיינלעך, גלייך אויך איר וואָלט עסטעלאַ אַן עוולה געטאָן. ס'קוקט אויס, ווי אַלעמען וואָלט זי געווען עפּעס שולדיק. עסטעלאַ, די מויד, טוט איטלעכן שלעכטס. וואָס פאַר אַ שוידערלעכע וועלט! נאָר זיי האָבן טענות. דער טאַטע דערגייט איר די יאָרן מיט זיין קרעכצן, אויב ער זעט זי נישט אַהיים קומען צו מינוט און צו רגע; באַלד שטעלט ער זיך אַוועק וואַרטן, אויסקוקן: „שוין אַזוי שפּעט! וואָס'ט געקענט פּאַסירן? בערטאַ, אפשר זאָל איך אַהינפאָרן? מ'באַדאַרף זען. כ'האָב שוין טעלעפאָנירט, אָבער קענסט רעדן צו דער וואַנט. אום זיבן שליסט זיך די ביוראָ. איי, וואָס אַ קינד קען אָפּטאָן. ציט אַרויס די נשמה!" — ער קען נישט איינרוען, דער אַלטער. ער מוז זי זען. ער שענקט איר נישט די פרייע שיין. און וואָס דו זאָגסט, גלייבט ער

בּישט. און די מאַמע מאַטערט שטענדיק מיט איר גודנע פרעגן, מיט די
טרערן: טאָכטערשי, צאַפּ מיר נישט ס׳בלוט. לאָז נישט איבערקלערן. געּ
דענק, אַ טאַטן, אַ מאַמע געפינט מע נישט ביי אַ ליאַדע שוועל. דאָס גאַנצע
לעבן גיבן זיי אַוועק דעם קינד; וואַרפט מע זיי נישט אַרויס ווי אַ צעטאַר־
געטן וויעכעטש. אוך, — קרימט זיך דאָס רירעוודיק אומעטיקע מאַמעלע
וואָס בלייכט מער פון טאָג צו טאָג — הלוואַי זאָלסטו נישט דאַרפן באַ־
דויערן, וואָס דו האָסט זיי נישט געשאַנעוועט — — נישטאָ קיין עצה. זי׳ט
אַנטלויפן. קיינער ׳עט זי נישט פאַרשטיין, נישטאָ פאַר וועמען זיך אַראָפּ־
צורעדן. אויך דער דרויסן איז דערווידער. אַ יונג מיידל אַליין איז אַלעמען
אַ דאָרן אין אויג: מ׳קוקט אויף איר ווי אויף אַ באַשעפעניש וואָס מ׳מוז
זיך דערצו טשעפּען מחמת גוטסקייט משטיינס־געזאָגט, אָדער מ׳רודפט עס
פון געמיינקייט. אַלע זענען נאָכקוקערס און ברענען מיט אומצוטרוי צו
איר. בררר, ווי דאָס איז עקלדיק! זי וועט גיין צום פעטער מאַנועל און ביי
אים בלייבן. כאָטש ענג זיין שטיבל, וועט ער קענען מאַכן אַ געלעגער פאַר
איר. ער איז אַ פאַרשטאַנדיקער. זי וועט אַריין אין דעם שטילן צימערל
און פאַר אים אַראָפּווײנען אַלע אירע ביטערנישן און צווייפלען. אין דער
היים קען זי נישט לאָזן אַ טרער. אָדער מ׳איז דיך באַלד עפּעס חושד אָדער
קענסט רעדן צו זיי ווי צו דעם סלופּ. די מאַמע שפּירט רק די מאַמע, די
וואָס האָט זיך געגנוג שוין אויסגעליטן און דער טאַטע? „סטעלע, סטעלעשי,
קום נאָר אַהער. וואָס זאָגסטו, טעכטערל? דערצייל דעם טאַטן אַלץ״, און
ר׳איז גליקלעך אַז ר׳גיט מיר אַ גלעט, דער אַלטער שוטה. דער פעטער וועט
זי פאַרשטיין. אים וועט זי דערציילן אַלצדינג: סיי איר טראַכטן פון בייטאָג,
סיי די חלומות פון ביינאַכט. חלומות האָבן תמיד אַ באַטייט. פאַראַן אין זיי
שייכותן מיטן גורל פון מענטש. פאַר וואָס זעט זי אין שלאָף שרעקלעכע
געשלעגן צווישן טאַטע־מאַמע מיט זייערע גוטע באַקאַנטע? קנאה קריכט
אַרויס פון די בעסטע פריינד, אויך פון אַלטע לייט צו יונגע. און פאַר וואָס
בילן סטייעס הינט אין אירע נעכט אַריין! אַנומלט איז זי אין חלום נאָכ־
געגאַנגען אַ לוויה פון אַ נאָענטן, אָבער זי דערמאָנט זיך נישט ווער עס
איז געשטאָרבן. זי האָט׳ס אַזוי געגנוי געזעען, אָבער די וואָר, די צעעפנטע
אויגן אירע, האָבן עס באַלד אָפּגעווישט. דאָך האָט איר דערנאָך שטאַרק
פאַרקלעמט דאָס האַרץ פון צער אויפן פלוצלינג אַוועקגעגאַנגענעם. זי האָט
יאָמערלעך אַריינגעוואָיעט אין דערנאָכיקן שלאָף וואָס האָט אַ פאַרמאַטערטע

זי איינגעוויגט, אַזש איר איז אויסגעקומען זיך אַרויסצורייסן פון פּחדימ־דיקן דרימל. נאָך היינט אָנט איר דאָס לויפן פון יענער שאַרף־ווינטיקער נאַכט אַרויס. דערוואַכט, זענען אירע באַקן געווען נאַס פון טרערן. אַצינד וועט זי זיך נישט שעמען. זי טאָר מער נישט באַהאַלטן דעם געברויז פון אירע געדאַנקען. זיי צעציטערן איר האַרץ. זי ווערט קראַנק. וואָס, אַ ריז איז זי? פרויען געהערן צום איידעלן מין צווישן די מענטשן. אויך זי איז אַ פרוי. איך דאַרף עס אים ערשט לייגן אויפן טעלער אַרויף? מאַנועל ווייסט עס גאַנץ גוט. צו מאַנועלן מוז זי זיך ווענדן. נישטאָ קיין ברירה.

*

אָ פעטער צי אַ פרעמדער — אַלץ איינס האָט זי נישט געקענט זיך באַוועלטיקן; אומאויפהערלעך געקלערט פון אים און געחלומט סיי אויף דער וואַך, סיי אין שלאָף. מאַנועל זיגל איז אַ ווילער, אַן אָרנטלעכער — אַלע זאָגן אַזוי — און ער האָט זי ליב. ער וועט זי צונעמען צו זיך. איר איז נישט קיין חילוק וואָס אַלע וועלן טראַכטן פון איר, צי די מאַמע איז בייז אָדער דער טאַטע איז גימל. דער טאַטע וויל אַרומלויפן „משוגע", זאָל ער אַרומלויפן. דאָס זענען נישט קיין טאַטע־מאַמע. זיי האָבן אין זינען נאָר זיך. זיי פאַרשטייען דען אַ קליין מיידל, מיט וועלכער מ׳קען זיך באַגיין ווי מיט אַ זאַך וואָס קלאָמפּערט שפירט זי זיך נישט; קענען זיי פילן דעם קראַמף פון אַן עסטעלאַס ברוסט?

דעם מיידל האָט עס געטראָגן. ווי באַלד ס׳האָט גענומען טונקלען, האָט זי אָן אויפהער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום גרויסן עלעקטרישן זייגער וואָס האָט להכעיסדיק געגלאָצט צו איר, באַדאַי אין פלייצע אַריין און געשפּעט: „האַ, מוזסט זיצן!" זי האָט אַלע מאָל זיך אומגעקוקט צו די אַרומזיצנדיקע מיידלעך, געפרעגט זיי מיט אַ ברום: „געזען היינט דעם טאָג? די צייט שלעפּט זיך ווי פון סמאַלע". קוים דערוואַרט זיך די מינוט פון שליסן דאָס ביורא, איז עסטעלאַ אַוועק. גענומען און געלאָפן. פרוי סוסאַנאַ האָט ליב־לעך־־פאַרדעכטיק איר נאָכגעקוקט און נאָכגעווונטשן: „גיי געזונטערהייט, מיידעלע, גיב נאָר אַכטונג". דערויף האָט זי צו די אַנדערע מיידלעך אַ זאָג געטאָן: „מסתמא האָט זי עפּעס צו דערליידיקן פאַר דער היים. אַ גוט קינד צו טאַטע־מאַמע. פיין דערצויגן". פון יוצא וועגן געמוזט וועגן עסטע־

לאַן אויסטוישן אַ פּאָר ווערטער, אַנישט זענען די אַנדערע געבליבן אָנ־געצויגן — — יאָ, די באַדעכטיקע צוקוקערן האָט זיך אָנגעשטויסן אַז עפּעס בויט זיך אין האַרצן פון דער „קליינער״, אָבער זי האָט נישט געוואָלט איר פרעגן: וואָס, ווער, עסטעלאַ? די פרוי האָט נישט געוואָלט אָנטרעטן מיט אַ שווער וואָרט אויף אַ צעווייטיקטן פּוס פון דעם מיידלס געפילן־קאָמפּלעקס. עסטעלאַ האָט עס צייטלעך דערפילט אין פרוי סוסאַ־נאַס מיטאַמאָליקער צוריקהאַלטעוודיקייט, אין איר געלאַסענעם פרעגן וואָס זי פלעגט איר אַ מאָל פרעגן. דערפאַר האָט די קליינע געשפּירט דאַנק־שאַפט צו איר: „זי האָט גוטע, איידעלע אויגן, די פרוי סוסאַנאַ; אָפט זענען זיי רעדנדיק, אָבער איר מויל שווייגט שיין. קלאָמפּערט טאָר זי נישט וויסן, — געדענקט עסטעלאַ אירס אַ זאָג — כאָטש איר ברוסט טראַכט־נאָך סיי ווי״. ריכטיק, די פרוי האָט באַנומען אַז ס׳מיידל איז אין דער מאַכט פון אַ באַוועלטיקנדיקן כוח וואָס האָט אפשר נישט קיין נאָמען אין איר נאָך קינ־דערשן לשון. נעבעך אַ רחמנות — די קליינע ווייסט נישט געווּנג וואָס ס׳גייט אויף איר — — אין אמתן האָט אין דער „קליינער״ נישט אויפגעע־הערט צו לעכצן די ברוסט אין רופנדיקער שאָטנהאַפטיקייט: מאַנועל, פּע־טער מאַנועל! זי האָט געפּלאַטערט, געצוקט, אָבער צו עסטעלאַס וואַכן גע־הער איז דאָס קלאָרע ליכט דערפון נאָך נישט דערגאַנגען. עסטעלאַ איז געווען באַהערשט נאָר פון אַ ציִעניש אין אַ צוזאָגנדיקער, ווייט־אַנגע־ליכטיקטער אומבאַוואוסטקייט אַריין.

קאַפּיטל פערצן

אויפגעוואַכט בלוט

יעדעס מאָל פירט זי מיט זיך אַ געראַנגל, עסטעלאַ: גיין, צי נישט? דער פעטער מאַנועל לאָקט, ער רופט זי אין דער נשמה, אין די ביינער, אָבער ער שטויסט זי אָפּ איינצייטיק, כאָטש ער האָט זי גערן, גאָר גערן. קווענקלט זי זיך טייל מאָל אין מיטן גיין צום פעטער, שטעלט זיך אָפּ, גיט אַ טראַכט, האָט חרטה אויפן אָפּגעגאַנגענעם שטיקל וועג און דאָך... שטענ־דיק איז אין איר גובר דער כוח וואָס פרעגט לחלוטין נישט, וויל גאָר־גאָר נישט וויסן.

אַ מאָל גיט עסטעלאַן אויך אַ שטאָך אין מוח: „ער האָט מיך באַליי־דיקט. ער קוקט אויף מיר ווי אויף אַ באַריש מיידעלע פון זיינע היימישע. בלינד זענען זיי אַלע, אַ־אַאַאַאַלעע, סיי ער, סיי זיי!“ דערעיקרשט איז זי איצט ברוגז אויף אים. ער בלייבט אַלץ דער פעטער מאַנועל. תמיד ס׳אייגענע, — קומט זי שיִער־נישט צו טרערן. ער קען נישט פאַרשטיין אַז זי וויל נישט זיין אַזאַ און זי איז ניט אַזעלכע ווי ער מיינט. וואָס פאַר אַ צוטשעפּעניש — משפּחה! סוף כל סוף וועט זי זיך מוזן צעקריגן מיט אים, אָבער זי ווערט צעטומלט פון דעם פּרעפּלענדיקן, הייסן פלאַם וואָס כאַפּט אַרום איר גאַנץ פילן, ווען זי קלערט וועגן מאַנועלן. די סעניאָריטאַ עסטעלאַ ווערט דערצי־טערט אַלע מאָל ווען זי דערשפּירט אים מיט אַלע חושים, כאָטש ער איז גראָד ערגעץ ווייט. געננוג איר נאָר אַ טראַכט צו טאָן פון אים, אַז זי זאָל שוין פילן זיין בייזיין און ס׳צעזידט זיך אין איר דאָס בלוט: ווי זעט זי אים שוין! — צערעדט זיך איר פלוצלינגער אומרו. טראַכט ער אַצינד אויך פון איר? זיכער, זיכער! ער איז אַ גוטער, ר׳איז אַ שיינער. שיין? — פרעגט זי זיך — וואָס מיינט שיין ביי אַ מאַנספּאַרשוין? ס׳נישט שיין אַ מאַן אַ גע־צאַצקעטער. ווויל איז מיט אַ מאַן אַ — — אַוודאי, מאַנועל איז אין איר גוסט. ר׳איז שטאַרק און ער איז איידל.

ס׳איז נישט געווען קיין ברירה: זי מוז אים זען יעדן טאָג.

...אייגנטלעך שעמט זי זיך שוין צו גיין אַהין, ווו זי גייט אַצינד, עס־טעלאַ מילער; נו, זי מוז. אַ מיידל איז פאַרקנעפּלט, זי מוז זיין פאַרפּוצט, כאָטש אינעווייניק דריקט. זי אַליין שפּירט אויף דער אייגענער הויט, אַז פייער קען מע נישט דערשטיקן, אַ פייער מוז מע לעשן. אַקערשט געפינט זי אויס אַ נאָמען פאַר דעם: פּעטער מאַנועל הייסט דאָס פייער וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין איר, ניין — ס׳איז ליבע! זי פילט דעם צופּ פון ליבע, זי מוז קריגן ליבע. עס טראָגט איר, נישטאָ קיין אַנדערער וועג פאַר איר אומרו. זי וואָלט עס נישט געוואָלט, אויב זי וואָלט געקענט זיך אָנפרעגן צי מ׳מעג: אָבער עסטעלאַן שטויסט צו אים, כאָטש ער וויל זי נישט האָבן נעבן זיך.

דער פּעטער האָט זי ליב, אָבער ר׳ווייזט אויך אַ פיינדשאַפט צו איר. ב׳גיי אויס פאַר דיינע טריט, זאָגט ער, נאָר קום נישט צו מיר, סטעלעשי! אוי, ס׳גיכער אַ פיינדשאַפט!

עסטעלאַן איז עס אַ גרויסער ווייטיק, נאָר אַזאַ געדאַנק טאָר זי נישט דערלאָזן. אַנישט דאַרף זי זיך באַלד צוריקקערן צום אָן־סוף פון איר פאַר־צווייפלונג וואָס איז שטום, לאָזט זיך נישט אויפקלערן אין רייד. אין ערגעץ זעט זיך נישט קיין אויסוועג, ווארן דער אָרום איז סם און ר׳איז פאַרקניפּט מיט פינצטערניש. זאָל זי אין דער היים ווידער האַקן און בראָקן, ווי אַנומלט, ווען די מאַמע האָט זי אַרויסגעבראַכט פון געדולד מיט איר מבול רייד, מיט די באַכן טרערן: „עסטעלאַ, עסטעלאַ, געדענק, וועסט די מאַמע אַרויסקראַצן פון דר׳ערד, וועסט שוין קלאָגן אויף דיין קאָפּ, וואָס דו האָסט זי נישט געהאַרכט, נישט געוואָלט וויסן פון קיינעם!״ אָנגעזעצט זיך! ס׳איז איר אַ בושה פאַר די יסורים וואָס שרייען פון אירע טיפענישן, אָבער ס׳מויל מוז זיין פאַרמאַכט ווי אויף אַ שלאָס. מענטשן האָבן קינדער און האָבן נישט קיין שכל צו זיין טאַטע־מאַמע. און גרעסער איז ס׳אומגליק פון די וואָס ווערן געבוירן מיידלעך. צו זיין אַ מיידל איז אַ קאַטאַסטראָפע סיי פאַרן האַרץ, סיי פאַרן מוח. קיין מאָל טאָר זי נישט אַרויסברענגען אויף אַ קול דעם שאַרפן אומווילן וואָס קוועטשט אויף איר. אוי, אוי, מענטשן אַזוי פיל אָרום און מיט אַ שטורקאַץ וועסטו נישט געפינען אַ ברעקעלע מענטש־לעך געפיל פאַר אַזאַ וואָס ווערט דערשטיקט פאַר אַלעמענס אויגן. מצרישע בלינדקייט האָט זיי געשלאָגן — צו להכעיס וועט זי גיין אַהין, כאָטש נעבטן

האָט ער זיך געוואָרפֿן אין גאַנצן, ווען ר'האָט גערעדט צו איר. גאָט, ווי ביטער עס איז מיר! זי זעט שוין:

מאַנועל וויל איר זיין אַ פעטער פון דער וויטנס. אויף אַזוינס באַשטייט זי נישט. עסטעלאַ האָט פיינט דאָס לעבלעכע. זי וועט עס אים זאָגן; היינט וועט זי אים זען אפשר ס'לעצטע מאָל — אָדער ער וועט זיך ענדערן. קיין טובות באַדאַרף זי נישט פון סעניאָר זיגל. אויב ער האָט נישט קיין וואָרהאַפטיקע סימפּאַטיע צו איר, איז אָפּגעשניטן, וועט זי מער נישט קומען, אַפילו ס'זאָל איר דאַרפן קאָסטן געזונט. זי האָט'ן ליב, ער געפעלט איר ווי אַ פעטער און נאָך מער געפעלט ער איר ווי אַ פריינד. אַ מענטש קען נישט לעבן אָן אַ פריינד. וואָס איז דען, אויב ער איז אַ קאַפּעלע עלטער! ס'גאָר בעסער, ער איז געזעצטער. איז אים גלייכגילטיק איר געפיל? אַ פראַגע אָן אַן ענטפער איז אַ טיפע באַליידיקונג. זי וועט'ס נישט אַריבערטראָגן. היינט וועט זי מיט אים רעדן אַנדערש ווי אַלע מאָל. זאָל ער ענדלעך וויסן וואָס מיט איר קומט פאָר: זי האָט נישט קיין רו אויפן האַרץ בייטאָג, זי האָט נישט קיין היים אין אָוונט און איר איז גערויבט דער שלאָף ביינאַכט. אויב ער וויל וויסן דעם סאַמע תוך, מוז ער הערן — זי קען לאַנג נישט זיין אָן אים. דו האָסט מיך צעטרייסלט, הערסט, צי דו ווילסט נישט וויסן דערפון? — שרייט עס שוין אויף אין איר, אַזש זי דערשרעקט זיך פאַרן קול, וואָס זי דערקענט ענדלעך ווי אירס. אַך, וואָס ער טוט איר אָן! די טרערן דריקן איר. אויב דאָס איז ליבע, האָט זי אים טאַקע ליב. און ער מוז זיך רעכענען מיט דעם. ער האָט נישט קיין רעכט זי צו צעברעכן. סטעלאַ איז נישט אַזאַ קינד, ווי ער קלערט. און זאָל זיך אים נישט דאַכטן אַז זי גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון דערפון. זי איז אַ מענטש, זי טראַכט געווען. זי פילט אַנדערש ווי עמעצן קען זיך אויסדאַכטן: עפּעס אַ מיידעלע אַ פלאַטערקאָפּ. זי וועט זיך מער נישט קווענקלען. ס'ריכטיק, איר איז בעסער צו גיין צו עספּינאָזאַ־גאַס מיט די בנעימותדיק צעבלעטערטע ביימער, אַבי נישט אַהיימצו. מאַטאַדעראָס איז אַ העק, מאַטאַדעראָס איז איר נמאס. עס איז מער נישט ווי אַ שעכטהויז, צעטרייבערטע געדערעם האָבן זיך פונאַנדערגעלייגט איבער אַלע ברייטן און לענגן פון דער אָפּגעלעגענער געגנט. בוענאָס־איירעס איז זשעדנע אויף דער פרעס, זי טרייבט אָן טשערעדעס שעפּסן, חזירים און [illegible]

און שטינקט. פאַר לעאָנאַרדאָ מילער איז׳ס אַ ריכטיקע מדינה, דאָס מאַטאַ־דעראָס, פאַר זיין וויב איז עס אַ מקום. איר, סטעלאַן, עקלט די גאַרע טעמפּ־קייט וואָס איז פונאַנדערגעשפּרייט איבער דעם אָפּט צעקוויטשעטן העק. איר סרחעט צו די אַנגעשווימטע שטילקייט פון די שלעפּעריקע הייזקעס מיט די פאַרזשאַווערטע גערטלעך. צו מאָל די רויקייט פון זייער גאַס איז אַ נאַרכלענדיקע, גלייך מ׳וואָלט גראָד איבערגעשניטן דעם גאָרגל פון אַ בהמה. דער ריטש ליאַרעמט שטענדיק אין דער־אַ אָפּגעלעגנקייט. בלוט יושעט, עס קרעלט אין האַלדז, שטיקט אין דער נאָז — און עס פאַרפּאַלגט. דער ריח פון יאַטקע פאַרטרייבט זי פון מאַטאַדעראָס; ביים עסן קומט איר קאַפּויער דער איבל. דאָס איז די בייטש וואָס פּאַכעט איבער איר קאָפּ. און די פּיין וואָס זי האָט געירשנט (וואָס דען קען זי ירשענען פון אַזאַ טאַטע־מאַמע!), טרייבט איר לייב און לעבן. זי איז יונג, אָבער זי האָט שוין אַ וואָזשנע לערע פון „די אַלטע״, ווי אַזוי זיי האָבן געפּטרט דאָס לעבן. אַזוינס וויל זי נישט. זי קען נישט אַזוי! וווּ עס זאָל נישט זיין, וועט זי זיך אָפּ־שטעלן, אַבי נאָר נישט אין דעם הויז וואָס רופט זיך איר ה יי ם. אָך, ווי עס צעגייט איר האַרץ! פאַר אַ פרעמדן וואָלט איר געוועזן שווער דאָס אויס־צודערציילן. נאָר נישט אַ ה י נ צ ו !

ס׳מיידל ציטערט, ווען זי דערמאָנט זיך אָן דער היים. ס׳איז קלאָמ־פּערשטע ערלעכקייט — זאָגט זי — באַשמירט מיט לאַקריץ. אוי־אווו, אָן איבל! און אַזאַ ליבשאַפט איז דערווידער. אין עסטעלאַן שאַרפט זיך אויס אַ קלאָרקייט ביז ווייטיקלעכן בלענד: די היים איז איר גאָרע ענגשאַפט. דער מאַנצביל רופט צו איר גאַנצן מהות. בלויז די דערמאָנונג פון אים מאַכט אין איר ציטערן יעדעס וואָרט, דער אָנרוף פון זיין נאָמען צעגליט אירע אָדערן. ס׳איז דער סאַמע אמת וואָס קלאַפּט אָן אויפהער אין איר באַ־וווסטזיין. די קני דרינזשען איר, די אויגן ווערן פאַרנעפּלט און דער רוקנ־ביין גיסט זיך אָן מיט צוקנדיקן זשאַר, ווען זי גיט אַ טראַכט פון א י ם. עסטעלאַ האָט אים דערשפּירט מיטן אָטעם פון איר אוי־פגעוואַכטן, הערנדיקן בלוט; ער האָט זי אַריינגעצויגן אין אַן אומבאַגרייפלעכן, קאָפּ־פאַרדייענ־דיקן אימפּעט — — יאָ, ס׳דער אייגענער וואָס וויל אָקערשט אַנטרינען.

וואָס, קעגן אים שטייט נאָך אַלץ אַ לויער — ווי אַמאָל, ווי ער האָט׳ס דערציילט דער מאַמען, ווי ר׳האָט זיך פאַרטרויט פאַרן טאַטן? עס גלייבט זיך נישט. דאָ איז נישט דאָס אָרט פאַר אַזעלכע גרויזאַמקייטן. הי איז אַלץ

אַנדערש. ער זעט דאָך. און דאָ איז זי פאַראַן, זי, עסטעלאַ. ער דאַרף עס געדענקען, און ער מוז עס זען, אויב ער וויל אומיסטן נישט זיין בלינד, ווייל עס לוינט אים אַזוי.

און אפשר ?

צווייפל, אומבאַהאָלפנקייט האָט צעוואַקלט דאָס מיידל, זי געשלאָגן אין דער נשמה. זי'ט קראַנק ווערן! — האָט עס אַרויסגעאָכצט פון עסטעלאַן.

און ער? ווידער זוכט ער זיך גופא, זיך — אַנטקעגן דעם בילד עסטעלאַ. אומאויפהערלעך זוכט ער זיך: וואָס האָט זיך געטאָן מיט אים! ווי האָט ער געמעגט אַזוינס? איז מעגלעך אַז אַ מענטש זאָל זיך אַזוי איבערענדערן, אַפילו אין אַ בלענדנדיקער ליכטיקייט?

מאַנועל זיגל איז געווען שטאַרק צעטומלט. „דו ביסט אַלט, צעלאָמיעט און פאַרנאַרישט״, האָט עס אים געשמיסן. אָבער דער רייץ פון דעם קעגנזעצלעכן, האָט זיך אָנגעטשאַטעוועט אויף אים, דאָס־אָ וויל אים פאַנגען. עסטעלאַ איז עס די פאַסטקע וואָס איז מאַכטיק מיט אירע צוזאָגן פון יונגשאַפט און ער, ער וויל פאַרשווינדן איטלעך מאָל איידער זי באַווייזט זיך מיט איר פראַלנדיקן גוף. אירע רעדנדיקע אויגן פאַרפעלן נישט אים צו ציִען, איר געטאָקט פנימל לאַקט, אירע חנען רופן. און זי קומט דווקא, כאָטש דער פעטער טרייבט זי פון זיך:

— גיי אַהיים, סטעלעשי. די מאַמע ליידט. דו דאַרפסט זיין נעבן איר. טו נישט אָן קיין צרות דעם פעטער, מיידעלע.

זיינע גרויסע, ווי עמאַלירטע אַפּלען קוקן אויף איר מיט שווערער היץ, די ליפן טרייסלען זיך אויפן שליימיקן וואָרט וואָס פאַלט פון זיי. עסטעלאַ קוקט, עסטעלאַ באַנעמט גאָר נישט וואָס שייך אויסהיטן דער מאַמען פון עגמת־נפש, פאַרמיידן קלעמעניש פאַרן פעטער. עסטעלאַ איז אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין די רופן פון איר גליִיקן לייב, ס'האַרץ שלאָגט איר האַסטיק, אַזש דער בליק פאַרגיסט זיך מיט טרעריקן גלאַנץ, ס'קול ווערט מאַט, ווען זי נעמט זיך פאַרקלאָגן, בעטן חסד פאַר איר שטומקייט. ווי־זשע נעמען כוח קעגנצושטעלן זיך אַזוינס? מאַנועל זיגל איז צו שוואַך אַקעגן יעטוועדן אימפעט.

*

ממש אַ פֿאַרכישופֿטע טראָגט זיך עסטעלאַ מילער צו מאַנועל זיגל. אָבֿט מאָל שפּירט זי אַזוי ווי זי וואָלט זיך דורכגעריסן אַ פֿאַרטייבנדיקן געוויטער. אַצינד באַרעכנט זי שוין גאָר נישט. מיט דער היים איז זי צע־ריסן, איר אַרט נישט קיין געשריי, קיין געוויין פֿון טאַטן, פֿון דער מאַמען. אויך מיט אים קומט איר אויס עפּטערס זיך צו אַמפּערן. קריגן זיך מיט אים וויל זי אָבער נישט. זי טאָר נישט, זי זעט שוין. עס הימלט זיין נאָענט־קייט צו איר. מאַנועל ציטערט פֿאַר אַלץ; פֿאַר אַ פֿליג ציטערט ער, אויב זי זשומעט צו־לאַנג פֿאַר זיין פּנים. „ר׳איז אַ פּחדן!״ — שרייט עס אין איר. אָבער דער זעלביקער מאַנועל איז דאָך דער איינציקער אָנשפּאַר פֿאַר איר. אָך־אָך, וואָס עס ווערט מיט אַ מענטש, ווען ער הייבט אָן טראַכטן נאָר זיין טראַכטעכץ, ר׳גייט נאָך זיין ברעקל האַרץ! ווּהין וועט זי גיין אַצינד, אויב ד ע ר וועט אויף אַ רעכטן אמת ברוגז ווערן, ר׳וועט זיך אָנבייזערן, אויף אָן אמת אַרויסטרייבן? ס׳אַר אַ גורל! אַנדערע אירס גלייכן האָבן פֿריינדשאַפֿטן, אַנדערע פֿירן ליבעס; זי זעט שוין — צו איר טשעפּעט זיך נישט עמעץ, וואָס זאָל זי אָפּרייסן פֿון מאַנועלן. וואָרן אויב ער איז גערעכט, כ׳טו אָן צרות „דעם פּעטער״ מיטן קומען צו אים, טאָ פֿאַר וואָס קלעפּט זיך נישט צו צו מיר אָן אַנדערער? איך בין דאָך יונג! ווען דען, אויב נישט איצט! דאַכט זיך, זי וואָלט׳ס שוין וועלן, אויב עס זאָל זיין מעגלעך. באָדאַי אַ היץ פֿון אָן אַ נ ד ע ר ן זאָל איר אַ ברען טאָן, ביזן ביין אַ ברען געבן אַזוי אַז עס זאָל זי איבערברענען, פֿאַרגעסן זיך און פֿאַרגעסן דעם טייערן פּעטער, — עס וואָלט אפשר גלייכער געווען. סוף־כל־סוף דערעסט דאָס כסדרדיקע אָפּיאָגן זיך.

סמיקער צווייפֿל האָט שוין איינגעביסן איר האַרץ: וואָס פֿאַר אַ מזל! ווער ס׳ווערט געבוירן אין אַ זיידן הייבל, איר איז באַשערט אַ צע־קנאָדערטע שמאַטע צו טראָגן אויפֿן יונגן קאָפּ. זי האָט זיך איינצורעדן נאָר דאָס איינרעדעניש פֿון סעניאָר לעאָנאַרדאָ: „מיין שענסטע, מיין טייערסטע טאָכטער!״ אַ מצאָצע אַזאַ ליבשאַפֿט. פֿאַרנאַרט זענען די אַלטע שקראַבעס. ביי זיי איז איין־איינציק די שאַנקייט פֿון דער סעניאָריטאַ סטעלאַ מילער אין דער גאַנצער הויפּטשטאָט פֿון אַרגענטינע! גייטס, מאַכטס אַ וואָרע פֿאַר דער טאָכטער פֿון פֿעל־שניידער דאָן לעאָנאַרדאָ! נאַראָנים שפּילן זיך מיט אַזעלכע ווילדע האָפֿענונגען. ווערליק איר איז אַ סך בעסער זיך אַליין אָנצוקוקן ניכטער, נישט צו לאָזן זיך פֿאַרוויגן מיט מעשהלעך. קיין פּיינעם, רייכן

יונגן מאַן וועט זי נישט קריגן. ווער וועט זיך עס וועלן אָנהענגען אין אַ קבצנסקע, קליינשטעטלדיק מיידל, בעת עס זענען פאַראַן שיינע, רייכע? זי איז יונג, עסטעלאַ, זי שפּירט דעם כּוח פון איר יונגקייט, און זי האָט רעכט צו טראַכטן איר אייגן טראַכטן. אָבער נישט צו לאַנג וועט זי האָבן אַזוי רעכט. יאָ, זי וויל אַ מאַן און זי וויל אַליין אים אויסקלייבן. קיינער וועט זיך ביי איר נישט מישן אין די דאָזיקע זאַכן. כ׳וויס, מ׳רעדט: עלטער מיט יינגער. נאָך איר מיינונג איז עס שענער, אפילו פּיקאַנטער. אַ זייטי־קער קען זאָגן (אויב מ׳זעט זיי באַנאַנד) אַן עלטערער ברודער מיט אַ יינגע־רער שוועסטער. ס׳דען נישט שיין? און עס איז אינטערעסאַנט, און אפשר —

אַ שטורעם פון כעס גיט פּלוצלינג אַ פלאַם אויף פון דעם מיידל: אַזאַ שלעכטער! גיב אים לעקעך און ער שאָקלט זיך אָפּ ווי פון אַ געזאַלצענעם טרונק. איך שטיי אים נישט אָן, צי ער שעמט זיך מיט מיר? פאַלשע ריידע־לעך זיינע: „מיין טייערע"... קומט אַ געזונטער, אַ גוטער, מיט חן, וואָלט זי דעם סעניאָר מאַנועל זיגל שוין אָפּגעדריקט די גאַל: „מיך מיינט איר?" זיט׳ך לאָזן שטיין און וואַרטן, און טאָקע נישט מער קומען צו אים. עסטעלאַ איז אָבער די בלום וואָס ווערט צעטראָטן. צו גאָר נישט קיין מזל. דער טאַטע איז אַ קבצן, די מאַמע אַ צעקראָכענע יידענע, די היימישע שטוב ליגט אין האַלב־דאָרפישן מאַטאַדעראָס. קליינע הייזקעס, איינגעזונקענע פאַרקאַנדלעך, אַ טריב ביימל פאַרן פענצטער, אַן עלנטקייט. אַפילו די שטיי־נערנע שטוב איז אויף צרות. ווייל צופיל פאַרזאָרפן זענען די שטילע גאַסן, נעבעכדיק די פּרנסות און עפּעס באַליידיקט זענען די מענטשן; וויטיק גליווערט זיי אין פּנים. וואָרן ווער איז געבליבן שטעקן אין דעם העק? פאַרשפּעטיקטע, נישט־דערפאָרענע לייט פון פרעמדע וויטן; פאַרלוירענע פלאָנטערן זיי זיך אין די געסלעך, פאַרגעסענע פון דעם צעשטאָפּלטן בוענאָס־רעס. אַ נישטיק לעבן באַשערט אַלעמען אין דער דאָזיקער געגנט, זאָל אויך זי זיך לאָזן איינפינצטערן פון די יינגסטע יאָרן אָן? יאַקאָש איז זי דאָך געוווינט געוואָרן צו אַ ביסל ליבשאַפט אין דער קינדהייט, מוז זי ערשט, ווען די היים איז איינגעדאַרט, אַליין זיך נעמען דאָס קאָפּ ליבשאַפט נאָך וואָס עס לעכצט איר נשמה, זי וויינט צו איר אין פאַרווונדיקטער בענ־קעניש: נעם, אויב עס לאָזט זיך נעמען אין די אומגליקלעכע הענט אַריין דאָס קרישקעלע גליק — אויב איר איז׳ס באַשערט.

מיטן אַלצוויסנדיקן געפיל פון די געקעכלטע, שפּירט עסטעלאַ מיט

אַלע אירע בלוטן אַז זיין אויג קוקט דאָך אויף איר. מאַנועל וועט ענדלעך זי אַריינגעמען אין ליכט פון אַ היילעוודיקער וואַר'עמקייט. ער וועט זיך אַרומזען, אַז זיין גליק איז זי, די קליינטשיקע פון מאַטאַדעראָס. אַלע זיינע חשבונות וועלן אַוועקפאַלן. אין גאַנצן וועט ער זיין עסטעלאַס. עס וועט אָפּגעווישט ווערן די צאַם — דער פּעטער, ר'וועט זיין מאַנועל, מיין מאַנועל. זיין ברוסט וועט הויערן איבער איר געפּלאַטער וואָס מוז בלייבן שטום. אַ מאָל גיט עס אויך מיט אַ פייערשפּריץ אַ סיקע אין איר קינדערשן מוח: „קען אויך ער ווערן שלעכט צו איר? אַ, אין אמתן איז ער אַ גוטער, אַ גוטער", — און זי שפּירט נייע זשעדנעקייט צו פרייד וואָס וויל פלאַקערן, לייכטן, שטאַרק באַלייכטן איר אַרום.

ביי עסטעלאַן בלייבט לסוף: זי וועט גאָר נישט זאָגן מאַנועלן, דעם פעטער מאַנועל. „נאָ, נאָ", זי'ט אים מער נישט רופן פּעטער. אַ פּעטער גיט אַ גלעט אין בעקעלע. איר טוט ווי דאָס־אַ גלעטן. זי באַדאַרף נישט די קיל פאַרפליכטנדיקע ליבלעכקייט. איר האַרץ טריפט, זי איז דאָך שוין אַריבערגעוואַקסן דעם פלויט וואָס איז אויפגעמויערט פאַר קליינע קינדער. ער דאַרף אַלץ זען אין איר פנים, ער באַדאַרף עס אַרויספילן פון איר שוייגן. אַוודאי וועט זי שווייגן. פונעם שטורעם אַרויס קען מע דען רעדן? ער אַליין מוז עס פאַרשטיין —

ווידער גיט עס אַ ברויז פון עסטעלאַן און ס'געוויין איז נעענטער צוגעשווומען צום ברעג פון איר זעען.

*

... זי מוז פון דעסטוועגן נאָך בייגן דעם קאָפּ אַנטקעגן דעם געווירבל וואָס טראָגט זיך אויף איר, ווען זי פאַרנעמט זיך אין אָוונט צום פעטער מאַנועל, אָבער אויך ער האָט אויסצושטיין אַ העפטיק געשלעג מיט זיך:

„ער — אייגנטלעך ווי קומט ער צו איר! זי איז דאָך נאָך אַ קינד, אַ..."

אָפט מאָל אַזוי. אַ שווערע מלחמה קומט אויס צו פירן מאַנועל זיגלען. ער איז עלטער, ער איז מחויב צו געדענקען — וואָרנט עס אים; אָבער ער איז אַ מענטש פאַר זיך — וואַרפט עס אים באַלד צוריק. ער מוז זיך אויסראַנגלען אַ פולקאָמע בריקייט פון האַרץ. ריכטיק, ער פילט: ר'איז געבונדן מיט די שטריק פון מוראס, פון געוווינהייטן און ס'שטראָפט אים

ס׳געדעכעניש. ערשט מוז ער זיך אויסטאָן פֿון אַ סך איינרעדענישן וואָס מענטשן האָבן אַ נאָמען געגעבן פּליכטן; ר׳מוז מיט אַנטשלאָסנקייט צעברעכן אַלע צאַמען, אָנגעוואַקסענע אַרום אים במשך פֿון יאָרצענדלינגער. סוף כּל סוף ווייס נישט דער מענטש וואָס ס׳איז גוט און וואָס — שלעכט, וואָס מען מעג און וואָס נישט. מענטשן טוען זיך אַליין אָן קייטן, און דאָס רופֿט מען אָרנטלעכקייט, כאָטש אָפֿט האָט די דאָזיקע אָרנטלעכקייט אַזאַ פּנים אַז ס׳איז אַ חרפּה צו ווייזן עס פֿאַר לייטן. די קלאָמפּערשט שטאַרקע וואָרצלען פֿון אונדזער בוים זענען אונטערגעפֿוילט און די נייע גיבן גאָר אַנדערע פּירות. זיי זענען פֿרעמד פֿאַר אונדזער גומען. „דאָס? — פֿרעגסטו זיך מיט שטוינונג — מיר געפֿעלט עס לגמרי נישט. ס׳איז סימן ווילדעניש!" מע ווערט צעטומלט, אַז מ׳קוקט זיך צו צו וואָס מ׳מוז זיך צוקוקן. ייִדן רעדן מיט גרויס דרך־ארץ פֿון זייערע טאַטעס, רימען זיך מיט די זיידעס, די אָפּגעהיטע, פֿרומע, און פֿירן פֿירן זיי זיך פּונקט קאַפּויער. פֿאַר וואָס מורמלט מען אויס כאַפּעדיק אַ נאָמען פֿון אַ דאָיִקן יחסן און דער געדאַנק נעמט פֿלאַמען פֿון בושה אָדער חוזק? אמת, אמת, דער תּהום פֿון צייט האָט אַלעמען אָוועקגעשטעלט פֿאַר געענדערטע השגות און מ׳מוז זיך צוגעוווינען צו דעם. אויף אַזאַ אופֿן איז אפֿשר גאָר נישט אַזוי אויסטערליש מיט דער?...

זיין געדאַנק פּראַלט, אָבער די ברוסט שרומפּט אין אָנבליק פֿון דעם וואָס אים דערוואַרט. ער דערשרעקט זיך זי אָנצורופֿן ביים נאָמען און אין דמיון גלעט ער זי שוין, קושט זי און האַלדזט מיט היץ אין די ביינער. די שפּירונג צענעמט אים. קען זיין ס׳אַ באַשערטקייט, — גיט ער אַ קלער — אַנישט וואָלט אויך די „קליינע" אַזוי נישט געפּיבערט אַלע מאָל, ווען זי קומט צו אים. ס׳וואָר, דער מענטש ווערט צעטומלט ווען ער דאַרף זיך פּעסט אָפּשטעלן פֿאַר דעם וואָס איז פֿאַר אים געוואָרן הימלהויך און פּחדימדיק אָפּגעציטערט. אָבער ס׳נישט רעכט אַזוי, כאַפּט ער זיך אין אַ רגע פֿון שפּירעוודיקסטער צאַפּלעניש: האָט דען ר׳ פֿישל פֿ״ין נישט גענומען פֿאַר אַ ווייב אַ זיבעצניאָריקע, כאָטש ער איז שוין געווען אַ זקן? אין די אויגן פֿון זיינע לייט איז עס געווען גאָר אַ מיצווה, אָבער ביים רוב — אַ פֿאַרברעך קעגן דעם שכל הישר. א ז א א ל ט ע ר ת ר ח! — שטשירעט מען און מע לאַכט. אלא אַ ר׳ פֿישלען האָט מע דאָס געכשרט מיט אַ פּילפּול. אויסגעפֿונען אַ היתר. מיט היינטוועלטיקע טרעפֿט דען נישט ענלעכס?

חימל הערשמאַן האָט אַפילו אַוועקגעשטעלט אָן אַ זייט דאָס באַיאָרטע ווייב (אַ שמע קולינו אים פּלוצלינג געקומען אין קאָפּ אַריין!), נישט געפרעגט די דערוואַקסענע קינדער צי זיי באַשטייען, און זיך גענומען אַ יינגערע, אַפילו אַ מיאוסערע און אָנגעהאָנגען איר ס'גאַנצע דאָברע מזל. איז ער נאָך דעם נישט געוואָרן דער פּרעזידענט פון סלוצקער לאַנדסמאַנשאַפט? פאַראַן אָן אַ שיעור אַזעלכע טראַפן, נאָר ער, מענדל, מוז עס זיין אַן אויסנעם? עד, עס שטיקט געגנוג וואָס ס'איז געווען, ערשט דאָס — וואָס קען זיין! און אים הרגעט ממש דער בליק פון דער שוועגערן און ס'שטראָפט די אייגענע איינרעדעניש: „ס'איז נישט שיין! וואָס וועלן מענטשן טענהן?" ער מוז זיך באַפרייען פון אַלע מוראס. וואָס גייט עס אים אָן וואָס עס קען אַרויסקומען, אויב ס'מיידל וועט דאָך זיך נישט אָפּטשעפּען? ער מוז זיין פריי אַנטקעגן דעם גראָזשנדיקן שכל וואָס פּאַטשט אים אָן אויפהער: ווי האָסטו נישט קיין יאַנדעס? לעאָן האָט צו דיר צוטרוי ווי צו אַ ברודער, בערטע גלייבט אין דיר און דאָ באַגייסטו גאָר אַזאַ מעשה־רע — נעמסט און מאַכסט משוגע אַ נאַריש מיידל, שטעלסט זיך אויס אויף דער סכנה צו פאַרברענען אַ יונג לעבן וואָס גיט זיך דיר איבער מיט דער בלינדקייט פון אַ קליין זיהעלע. אַזוינס ווייסט גאָר נישט, פאַרשטייט גאָר נישט. באַקלער זיך ליבערשט, וועט אויך דיר זיין ווילער און אַ קינד וועט נישט האָבן צו וויינען אויף דיר.

מגושמדיק איז די נקמה פון שכל: זי גיסט אָן מיט קאַלטס דעם קאָפּ, זי שלאָגט איבער הענט און פיס די קלוגעטשקע און כיטרע, וואָס זענען שטאַרק און גרויס נאָר אַנטקעגן די חרובע, די שוואַכע.

אָבער איטלעך מאָל, ווען די חנעוודיקע עסטעלאַ איז געקומען צו אים, האָט מאַנועל דערשפּירט די נישטיקייט פון זיין אונטערגעבראָכענעם ווילן און טרערן האָבן זיך געשטעלט אין זיין קעל. ער אַנטקעגן עסטעלאַן, אוןביידן איז אויסגעקומען צו וויינען פּנים־אל־פּנים דער אייגענער אומבאַהאָלפנקייט. זי טיף אָנגעבויגן צו זיין שויס, ער אָנגעשפּאַרט אויף איר אַקסל און אין שווערער שטילקייט האָט דער אָוונט פונעם ענגן צימערל פאַרנומען אַ דויערנדיקן געשלוכץ.

קאַפּיטל פופצן

טראַכטן און טרערן

פון מאָל צו מאָל איז עסטעלאַן און מאַנועלן אויסגעקומען צווישן זיך צו פאַרגיסן טרערן — איינס איבער ס׳אַנדערע. נישט ער, נישט זי האָבן געקענט זיך אַראָפּרעדן טיף פון דער נשמה. און ס׳האַרץ האָט געלעכצט דערצו, די ליפּן האָבן געטריקנט אין וויכער פון אינעווייניקנדיקער היץ. פונעם נערוועזן קוקן אויף אייננאַנדער, פון צערודערטן שוויגן זענען זיי אומגעריכט אַריבער צום שטומען געוויין. דאָס האָבן די איבערגעגאַנגענע הערצער זיך צעקלאָגט. ראַפּטעם האָט זיך אַנגעוואָלקנט דער הימל — אַריבער די אייגענע יאָרן זייערע וואָס האָבן זיך נישט געציילט, אַריבער דער קרובהשאַפט וואָס האָט זיי סיי דערנעענטערט, סיי אָפּגעשטויסן פון זיך און — געוואָרנט.

אמת, אַ מאָל פלעגט אויך קומען צו אַן אָפּגעהאַקטן גערייד מיט זיך אַליין, אַן אַנדערש מאָל טאַקע צווישןביידן, כאָטש דעם וואָרצל פון גע־דאַנק האָט דאָס וואָרט נישט דערגרייכט. עפּעס האָט נישט געקלעקט קיין דרייסטקייט דערצו און ביידע זענען זיי געבליבן אַנגעווייטיקט: „וואָס וועט פּאַרט זיין מאָרגן, איבערמאָרגן?״; וואָרן סיי ער סיי זי האָבן זיך געשפּירט צונויפגעקניפּט — אין איין נשמה, איין געדאַנק, נישט פונאַנדערצורייסן ביידן. אָבער איבער דעם געפיל איז געהאָנגען אַ לעסטיקער וואָלקן: ער איז איר אַ פּעטער, זי איז פאַר אים אַ קינד. ער איז אַ שטיין, זי איז אַ צאַרטביימל הינטער זיין פאַרשטויבטן רוקן. ער האָט עס גענומען שווער, זי האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון קלערן דערוועגן.

„כ׳טאָר נישט. גאָר נישט מעג איך! — פאַר וואָס איז׳ס מיר געשטערט, אויב כ׳שפּיר אַז איך האָב אים ליב? וואָס פאַר אַ נפקא־מינה איז עס מיר,

ווער ער איז? — אַן אָרנטלעכער איז ער, אַ גוטער איז ער?" — פּלעגט עסטעלאַ טענהן מיט זיך, געזוכט שטאַרקונג אין איר צעוואַקלטקייט.

„ביסט אַ גזלן אויף זיך, מענדל. דער שׂכל איז דיר אָוועקגענומען געוואָרן. גייסט הרגענען נישט בלויז זיך אַליין, ווילסט אומברענגען נאָך עמעצן? פאַר וואָאָס! אויב דאָס לעבן איז דיר נמאס, שלעפּ נישט מיט נאָך אַ קרבן אין גרוב אַריין. גע־דעעענק, אַז דו וועסט זיך אויסניכטערן, וועט שוין זיין צו שפּעט".

ער האָט זיך געשמיסן, דער פּעטער מאַנועל, און ר׳טרעט אָפּ פון איר, ר׳וויל זיך שוין דערווייטערן, שוין! — אָבער קיין כּיח קלעקט אים נישט דערצו.

און ווידער אויף אַ קול, צום אייגענעם געהער:

— סטעלעשי, דו מוזסט זיך רעכענען וואָס דו טוסט.

אָבער די קליינע צינדט זיך אָן:

—אַ פאַרברעך באַגיי איך? ווילעך אַזוי? ס׳געפעלט מיר אַזוי און מאָרדעווע מיך נישט. ווינציק, אַז די היים רייסט מיר די אָדערן?!

— דו מוזסט זיך דאָך רעכענען, סטעלעשי. איך בין נישט אַזוי יונג ווי דו. איך, — קלעפּט זיך אים די צונג צום גומען און די אויגן טונקלען.

— איך, איך, — שטאַמל נישט, מאַנועל! רעד אַ: ס׳זאָל מיר מער ווי כ׳אָן, איך זאָל פאַרשרפּעט ווערן. זאָג, דו ווילסט מיך פּטור ווערן. ר ע כ ע־נ ע ן ז י ך ! איך האָב שוין גערעכנט. איך האָב פיינט דאָס רעכענען — און לאָז מיך אָפּ!

— איך טשעפּע דיך נישט, סטעלעשי. איך וויל, זאָלסט געדענקען, אַז יאָרן מיינען עפּעס. ס׳איז אַ סך. איך — פאַרשטיי עס גוט, סטעלע־לעב, — האָקט ער אָפּ ס׳גערייד וואָס רייסט זיך פון אים.

— איך בין געגוג אַלט דאָס צו וויסן, און כ׳וויל נישט וויסן, — פּלאַצט זי שוין אַרויס מיט אַ געכליפּ.

ער דערנעענטערט זיך צו איר. גלעט זי, טראַכט זיין טראַכטן.

— דאָך, זאָגט ער. איך מיין דיין גוטס, מיידעלע.

— און איך טו דיר שלעכטס? — די אַקסלען ציטערן איר, די נאַסע אויגן נעמען פיבערן, זיי נישטערן, ווילן דערגיין דעם גאַרן אמת פון אים — און צעשלוכצעט זיך שטאַרקער.

— די וועלט פירט זיך שוין אַזוי. הער מיך, סטעלעשי: איך האָב דיך ליב. כ׳זאָל אַזוי לעבן — כ׳האָב דיך שטאַרק ליב, אָבער... מיט אַלץ מוז מע זיך רעכענען. אָן חשבון קען מע גאָר נישט טאָן, — איז מענדל צערט־לעך צו איר, נאָכגיביק, מיט דער ווייכקייט וואָס עס ציטערן אויס זיינע פינגער און עס מיניען זיינע רייד אין דער אָנגעוואָרקנטקייט וואָס שפרייט זיך פאַר איר ראיה. ער לאַשטשעט זי, טוליעט זי צו זיך: — הער מיך, סטעלעשי.

איינגעהאַלטענע וויברירן זיינע רייד אין זיעם טרערן־אָנגעשוואָלענעם חלל.

אַן אָנגעשפּיצט צוקן פון אירע קינען און אַ העשען איז עסטעלאַס ענטפער אויף די רייד וואָס לאָזן זיך אַראָפּ ווי שטיינער איבער איר פּי־לעוודיקייט. לסוף שרייט זי אויף מיט אַ פאַרדושעטער שטים:

— רעכענען זיך מיט זיך, צי מיט די, פאַר וועמען איך באַדאַרף זיין די כפּרה? — זי גיט אַ שפּרונג אויף, טרייסלט זיך אָפּ פון זיין צודרינג־לעכער נאָענטקייט.

— כ׳מיין, סטעלעשי, — פאַרלירט ער זיך שוין אין גאַנצן. — אין אמתן זענען מיר נישט קיין תכלית איינס פאַר ס׳אַנדערע. ביידע זענען מיר נישט קיין קינדער, מיר טאָרן זיך נישט צום נאַר מאַכן. באַנעמסטו עס כאָטש? איך, איך... אַז איך בין דיר נישט קיין פּאָר האָט מע דיר שוין אַוודאי געזאָגט. און אַליין האָסטו גענוג שכל דאָס צו פאַרשטיין.

— איך בין אפשר נישט פאַר דיר. עס געפעלן דיר מסתמא אַנדערע. שעם זיך נישט, זאָג אָפּן. איך האָב אַן אָרעמע היים, כ׳האָב נישט קיין נדן און דו קענסט קריגן אַ גרויסן נדן, האַ? — איז זי געוואָרן טראָציק. — ווילסט וויסן מיין מ יי ן, מאַנועל? ביי מיר ביסטו וווּיל און טייער. דו ביסט דער מאַן וואָס איז מיר געקומען אין לעבן אַריין צום ערשטן מאָל. איך באַשטיי אויף דיר, אַזוי ווי דו ביסט. די יאָרן? מיר גייט עס נישט אָן. אדרבא, ס׳נאָך בעסער. דו וועסט וויסן מיט מיר צו פירן און איך וועל דיך פאָלגן. אויפן ראַכטיקן אמת, מאַנועל! — און זיך געגעבן אַ וויקל אַרום זיין האַלדז, אַראָפּגעלאָזן זיך צו זיינע קני. — מאַנועל, פאַרטרייב מיך נישט. טרערן האָבן אָנגעזאַפּט אירע רייד און זיין ברוסט האָט זיך געקראַמפט אַקעגן זיי. דערנאָך האָט ער פון ס׳ניי געהערט די ז י פון עסטעלאַן: — אַצינד דאַרפסטו טאָן ווי דו פאַרשטייסט, און מאַטער מיך נישט. מער וויל

איך נישט הערן דערפון אַז איך און דו זענען הימל און ערד ווייט פון זיך. נישט אמת. איך פיל בעסער, ערלעכער. מעגסט גלייבן.

זי האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן, ראַפּטעם זיך אָפּגעגאָסן מיט אַ שטראָם הילכיקע טרערן: אַך, וואָס איך האָב זיך דערוואַרט. אַך, סטעלע, אומגליקלעכע.

גערעדט, געשלונגען די טרערן וואָס האָבן פון געמיט איר אָפּגעוואַשן דעם שטויב פון דריקנדיקן טראַכטן. לאַנג און טיף האָט זי געוויינט.

...עסטעלאַ איז זיך פאַרזעסן אין קליינעם צימערל ביי א י ם און דער אָוונט האָט ביידן פאַרהילט אין יענעם דערלייטערנדיקן אומעט וואָס ליכטיקט מיט גענעזונג.

*

נישט די בולט משופּעדיקע לייטער פון זייערע יאָרן און נישט דער קאַלטער שכל זענען געווען בכוח עפּעס צו פּועלן ביי זיי: געוואָלט צי נישט געוואָלט — ביידע האָבן אויף אַ רעכטן אמת שטאַרק געקלעפּט צו זיך און זיי האָבן געמוזט זיך מוראדיק צעקווענקלען, וואָס שייך זייער דינימדיקן צוזאַמענזיין. ס'איז שוין געווען דערגאַנגען דערצו אַז דאָס מיידל האָט אין די אָוונטן שוין אין גאַנצן נישט געוואָלט אַהיים פאָרן צו טאַטעמאַמע אין מאַטאַדעראָס. מע מוז מאַכן אַ שניט, — האָט זי גענומען טענהן אָן בושה־שאָטנדל, כאָטש אין די אויגן אַריין האָט זי דעמאָלט אים נישט געקענט קוקן. — און שפּילן זיך אין באַהעלטעלעך האָט מער נישט קיין זין!

סטעלע איז מיט אַ מאָל געוואָרן ווייבלעך קלוג.

— מ'ווייסט סיי ווי, זאָלן זיי עס אויך שוין זען. ז יי, די שונאים אירע, טאַטע־מאַמע אין ביישטאָטישן מאַטאַדעראָס.

— ווי מעגסטו דאָס? — האָט ער מורא געקראָגן פאַרן גאָלן אמת, וואָס שלאָגט אים איבערן שיידל.

— ווי דו ווילסט — איך וועל פון דיר נישט אַוועקגיין, — האָט זי געזאָגט להכעיסדיק.

— סטעלע, אַ וועלט מיט שונאים וועל איך מיר פאַרשאַפן. און דיין טאַטע־מאַמע וועלן מיך פאַרשטיינען.

— וואָס גייט עס דיר אָן? האָסט דאָך מיך ליב, איך האָב ליב דיך, טאָ שרעק זיך נישט פאַר אַזאַ קרבן. ווי קלערסטו — אַלעמען קומט אַלץ אָן אַזוי לייכט? זענען סענטימענטן דיר טייערער ווי אַ מענטשלעך לעבן? ווייס, איך קען נישט אַנדערש!

אַ סך מאָל האָט זיך איבערגעחזרט דאָס דאָזיקע הייסע, ציטעריקע געַרייד. עסטעלאַ האָט זיך נישט געלאָזט פאַרשטויסן פון מאַנועלן דעם מאַן, דעם געליבטן. פון מאַנועלן דעם פעטער האָט זי מער נישט געוואָלט וויסן.

— איך האָב דיך ליב, דו האָסט מיך ליב — אמת, דו האָסט מיך ליב? און גענוג!

— איך טאָר עס נישט, — האָט עס אַן אַנדערש מאָל פון אים שוין אַרויסגעשריגן.

— מיר גייט קיינער נישט אָן, — האָט זי אויפגעציטערט ווי פון אַ סכנה־שרעק און אויף אים געקוקט מיט פאַרנעפּלטן בליק.

— איך מוז דיר אָנגיין, סטעלע, און דיין טאַטע־מאַמע מוזן דיר אָנגיין. אַ מענטש קען נישט מאַכן מיט זיך אַלץ וואָס ער וויל, פאַרשטייסט? ס׳איז נישט אַזוי אַז מ׳זאָל עס קענען סתם אָפּזאָגן: ביידע האָבן זיך „גענומען" און פאַרטיק. מ׳מיינט, ס׳איז קלייניקייטן, אָבער אַזאַ קלייניקייט איז אַ באַרג די גרייס אין די אויגן פון שכל. דעם האַרץ פרעגט מע דאָ ווינציקער. ס׳האַרץ וואַרפט מען צו צו די יסורים: „נעם, פרעס זיך אָן!" ס׳לעבן איז אַ גרויסע צוים. דאָס אחריות איז תמיד פאַר זיך און נאָך מער — פאַר יענעמען. דער מענטש איז קיין מאָל נישט אַליין. אמת, ס׳לעבן איז טאַקע אַ גיהנום, אָבער מ׳מוז שלום מאַכן דערמיט — — גלייב, סטעלעשי, איך האָב דיך ליב, אָבער קיין מאָל גייט גאָר נישט אַזוי ווי מ׳וויל.

מאַנועל האָט מער נישט געהאַט קיין עצה — ער האָט זיך געמוזט אָנטקעגן שטעלן דעם שטראָם פון אימפּעטיקן באַגער, וואָס האָט געשלאָגן פון דעם מיידל. זי איז געוואָרן ווילד ווען זי האָט געזען אַז איר לאַנג־אָנגעשפּאַנטער ווילן, איר חלום ווערן לעבעדיקערהייט דערדריקט.

— איך וועל עס נישט איבערהאַלטן, איך וועל אַ סוף מאַכן מיט זיך, — האָט זי מיט אָנשטרענג, וויל שטיל, ספּאַזמאַטיש, אָנגעפּולט ס׳קליינע צימערל מיט טונקעלן אומרו. די באַקן זענען איר געווען נאַס, די אויגן האָבן געברענט און אין האַלדז האָבן געציטער־ט די אָדערן.

— ווילסט זיך אומגליקלעך מאַכן אויפן לעבן אַרויס, סטעלעשי? איך וויל נישט האָבן קיין חלק דערין. האָרך מיך.

ס׳געווען אַן אויפדערנאַכט, ווען מאַנועל זיגל האָט זיך אַנטדרייסט אויף׳ן האַרטן ישוב־הדעת: ער וועט זיך נישט לאָזן הרגענען פון דעם אומ־שכל, וואָס פירט מיט אַ זיס, צעגליט נשמהלע און ער וועט נישט אַוועק־הרגענען אַ לעבן וואָס שטעלט זיך ערשט אין פרייַקן בלי — דעמאָלט האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך: ניין! נישט עסטעלען מעג ער עס טאָן און נישט איר טאַטע־מאַמען. ס׳די יוגנט־קרענק אירע, וואָס מוז זיך אויסשטיין. אים איז סטעלע אַ פאַרבלענדעניש. ער האָט זי ליב, ער וואָלט זיך איינגעגריזשעט אין איר, אָבער ר׳מוז זיך אויסניכטערן.

„ווייסטו שוין, ס׳איז אַ מכשול וואָס לאָקט דיך, פון דעסטוועגן מוזסטו אים אויסמיידן. מענדל, קענסט דאָ צעברעכן אַ פוס, קענסט אויך צעברעכן רוק און לענד. פאַרנעם זיך אָן אַ זייט, מענדל״.

לאַנג האָט עס מענדל זיגלען געהוקעט און געסטוקעט איבערן מוח, געסאַרפּעט דאָס אַנגערירטע האַרץ.

*

מענדל זיגל האָט נישט געזען פאַר זיך קיין אַנדערע ברירה — ער מוז זיך אַליין באַצווינגען. פון מיטאַמאָליקער אַנגסטלעכער ענגשאַפט אין דער נשמה, האָט אים אַ בליץ געטאָן אין מוח: אַ באַשעפעניש וואָס האָט נישט קיין געבוגנדיקן ווילן איבער זיך, מוז מע באַצווינגען. אַ פרעמדע פויסט מוז דאָס איינקלעמען. מיט אים איז עס בפירוש אַזוי. די צייט האָט אים „אַראָפּגעוואָרפן פון דער שויפל״. ס׳איז אַלץ פון יענער בויט־וווער־געניש. אַצינד קען אים טרייבן אַ ליאַדע ווינטל. געיויזן זיך אַזאַ ברעקל, פאַרדרייט זי אים און ער איז נישט מסוגל זיך אַנטקעגן צו שטעלן. ער מוז אַרויסרייסן זי פון די געדאַנקען, איז דער רוף פונעם אומגליקלעכן אין אים. ער וועט זיך דערווייטערן פון דעם מיידל וואָס איז עלול אים צו פאַרלענדן מיט איר איינרעדעניש פון... ליבשאַפט. ס׳דען פאַראַן אַזוינס אין אַזאַ בין־השמשות פון איינדאַרנדיקע דורות? יענער דור איז פאַרצוקט געוואָרן פון חיות־רעות און דער איז משוגע פון פאַרלוירנקייט אין די ווייטן וואָס לאָזן זיך נישט פאַרהיימישן פון די וואַרשעווער, פון די לובלינער און קינסקער.

ווייזט אויס, שטענדיק וועלן די־אָ זיך שפּירן פרעמד־לעך, פּונקט ווי די עס־טעלאַ אַקעגן טאַטע־מאַמען. האָט ער דען אַ קאָפּ פאַר גרימאַסעס פון אַזעל־כער? זי פלאַקערט אין גאַנצן און אים פאַרסמאַלי׳עט זי. אָקערשט שפּירט ער עס קלאָר. מעגלעך, ס׳איז ביי איר גאָר נישט קיין ליבשאַפט. אַ שוים פון יוגנט־ברויזונג איז עס און דאָס פאַרהאַקט דעם אָטעם. איך בין דאָך אַלט; אַ שטיין בין איך וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אויפן באַרג לעבעדיקע יסו־רים וואָס איז אָנגעהויפט אונטער די צעשאַלטע הימלען פון די דאָ׳קע. ליבע גאָר! ס׳אַ פאַלש פייער וואָס קען דאָך פאַרצערן. עס איז זיין חוב צו פאַרמיאוסן זי אין די אייגענע אויגן. אָסור איז זי אים, ווי ס׳איז פאַר פרומע יידן אָנגעשריבן דער לא תחמוד. אַ מיידל מיט אַ צעפּלאַטערט הערצל ווי־די, איז אַוודאי אָסור. ער מוז אויסוואַשן די פאַרטונקלעניש פון זיין ראיה. ער איז בלינד געוואָרן (זי האָט אים משוגע געמאַכט, — בונטעוועט ער זיך שוין — זי איז אַן עגאָ׳סטקע, די קליינע; נאָר פון זיך טראַכט זי שטענדיק, אַלץ פאַר זיך); זי האָט גראָבע פיס, זי האָט אַ שטייפן גאַנג, זי איז... און פאַר לייבלעכע טאַטע־מאַמע האָט זי נישט קיין איינזעעניש, פאַרן פעטערס קראַנקן האַרץ נישט קיין סימן פון רחמנות — — ער וועט זיך אויסבאַ־האַלטן פאַר איר, ער מוז נעלם ווערן. איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויסשניידן דאָס ווילדפלייש וואָס איז אָנגעוואָקסן אין אים. אַ מענטש מוז טראַכטן וואָס ער טוט! עס טרעפט, אַ מענטש באַגייט אַ פעלער, מוז ער זיך צוריק־קערן אויפן דרך־הישר, אַנישט פאַלט ער, זינקט. מאַנועל זיגל איז דערצו מחויב. אים איז נישט דערלויבט זיך צו דערהרגענען פאַר אַ פלאַטערקאָפּ. ס׳איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ לייכטזיניק׳יט. וואָרן, ווי קומט ער צו איר? שוין לאַנג באַדאַרפט עס איינזען. נישט בלויז ד׳ יאָרן, אויך די גע־ווינשאַפטן זענען פאַרשיידענע. זיי וואָלטן קיין מאָל נישט אויסגעקומען צווישן זיך, צו מאָל נישט פאַרשטיין איינס ס׳אַנדערע. ער איז נאָך דערצו מיט אַ שווערן עול — אויף אים לויערט אַ פי׳נצטערע באַשערטקייט נישט צו לעבן במנוחה; ס׳איז אַזאַ משפּט וואָס וועט זיך שוין נישט ענדיקן. מעג ער אַזאַ שוואַלב אַריינצי׳ען אין זיין אומגליק? נאָר אַ חסר־דעה קען עס. פאַרן כלומרשטן וויל זיינעם טאָר ער נישט זאָרגן. ווי לאַנג ער וועט זיך אַרומשלעפּן, וועט זיך נאָכשלעפּן זיין חושכדיק מזל. פון אייגענעם געביין מוז ער זיך אויסטאָן —

ווייל אים גייען אַלץ נאָך זיינע הייליקע קברים וואָס אין אומבאַוווסט־

קייט, צי גאָר אין איינגעזונקענע געטאָס (אַ, חרוב פוילן מיינס, צעראַיעטע ליטע, אומגליקלעכע, פאַרקרענקטע ראַסיי, פאַריתומטע בעסאַראַביע!), אין ערגעצן אויף סומנע שליאַכן וואָס דורכגעזאַפּט מיט בלוט פון ייִדן־קרבנות. ער ווייס עס נישט מער!

פלוצלינג האָט מענדל אָנגעשריגן אויף זיך און גענומען אַנטלויפן פון די ניי־אָנגעלעבטע רגילותן זיינע אין דעם דאָזיקן אָרט. פון זיך גופא האָט ער געוואָלט אַנטרינען און ווייַ, ווי דאָס טליִעדיקע ווינקל האָט אים גע־צויגן אין די מאַרכן פון זיין לייב!

אויף נישט־צו־ווערן פון דער ברענונג וואָס פאַרשרפעט זיין לעבן, צו פאַרגעסן דער „קליינער" וואָס יאָגט אים נאָך, האָט מענדל זיגל באַדאַכט פאַרשלאָסן די טיר פון זיין צימערל און איז אַוועק בלאָנדזשען איבער די גאַסן. יאָ, ער האָט שוין פאַרלוירן יעדן ציל. ווי תמיד געשלעפּט מיט זיך די פול־אָנגעפּאַקטע טעקע מיט סחורה־מוסטערן, פון וואָס ער האָט זיך מפרנס געווען, אָבער במשך פון לאַנגע טעג צו מאָל נישט אַריינגעשמעקט אין קיין שום קלייט. דערנאָך האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר לייטן:

— איר זוכט מיך, סעניאָר קופער? אָט בין איך (און עס האָט געשפּילט זיין אויסגעלערנט שמייכעלע); איר באַדאַרפט עפּעס? אָט־אָ ברענג איך. אַוודאי האָב איך נייס פאַר גוטע קונים (פלעגט ער אָנשטעלן אַ פּאָר אויס־געבליאַקירטע שוואַרצאַפּלען).

ס'איז אים גאָר אַרויס פון זינען, דעם מענדלען, אַז ער באַדאַרף זאָרגן פאַרן שטיקל ברויט וואָס אַ מענטש מוז עסן. ס'האָט אגב אים נישט גע־נומען קיין הונגער. עס האָט אים רק געטראָגן אַן אומרו, כאָטש די פיס זענען געוואָרן אָנגעדראָלן פון גיין און די געהירן זענען דורכויס געווען איבערפול מיט כלערליי קלאַנגען, אָנגעווימלטע ווי שטיקער באַלעבטער נעפּל.

אַ שפּאָרע צייט האָט עס גענומען ביז ער האָט זיך צוגעוווינט ווייכן פון זיין עלנט פאַרלאָזן צימערל אויף עספּינאָזאַ גאַס. אין שפּעטע אויפ־דערנאַכטן פלעגט ער זיך אַהין אַריינגנבענען כאַפּן אַ דרימל. באַגינען איז ער פון דאָרט אַרויס ווי פון אַ חשודער נעסט וואָס האָט זיך אָנגעלויערט אויף אים מיט אויסטערליש שפּיזיקע אויגן. דערנאָך האָבן מאַנועל זיגלען פאַרפאָלגט שאָטנס מיט שנאָפּנדיקע נעזער. לאַנגע, מבולבלע טעג האָבן אים באַכגעשפּאַנט הינטערווילעכטס; ער האָט זיי געהערט און זיך געשראָקן

טײל מאָל זיך אומצוקוקן. ווען אים איז לסוף קיל־קלאָר געוואָרן, אַז ער באַדאַרף זיך אײַגנטלעך נישט אַוועקאײַלן פֿון זײַן טיף־אָנגעטונקלטן ווינקל, ר׳באַדאַרף זיך בלויז היטן פֿאַר עסטעלאַן, — בשום־אופֿן זיך נישט אָנ־טרעפֿן אויף איר — ערשט דעמאָלט האָט ער זיך באַרויִקט, אָבער רויִק שוין נישט געווען. וואָס וואָלט ער איר געזאָגט אַצינד, דער קלײנעכקער? אים צאַפּלט שוין די ברוסט אויף דער דערמאָנונג פֿון אַזאַ ממשותדיקן טראַף. שוין אַ סך טעג ווי ער זעט זי נישט. ער וואָלט איר גאָר נישט גע־קענט זאָגן. וואָלט ער געווען ביכולת זיך צו פֿאַרענטפֿערן? אין דער אמתן באַגייט ער אַ חזירײַ: ר׳פּײַניקט דאָס מײדל. זי ווײסט נעבעך גאָר נישט. חוץ דעם אַז זי איז אַריבערגעוואַקסן טאַטע־מאַמעס הויז, זי האָט נישט קײן פֿרײַנדינעס, קײן חברים צו קענען זיך שפּילן מיט זײ. ס׳וואָר, אַזוינס דאַרף זיך שפּילן. די קלײנע באַדאַרף אַז מ׳זאָל זיך אויף איר אומקוקן. אָבער וואָס קען ער זיך העלפֿן? אים האָבן צעשטורעמט די־אָ געדאַנקען און, אײַנצײטיק, האָט ער זיך געשראָקן פֿאַר אַ צוזאַמענשטויס מיט עסטעלאַן. ווײַל אים האָט פֿאַרפֿאָלגט דאָס געפֿיל אַז ער איז דאָך באַגאַנגען אַ מעשה־רע. אים אָנט: אָט־אָט פֿאַלט זי אַרויס פֿון אַ נײַער אומגעריכט־קײט, זי גיט אים אַ ברען מיט טענה, מיט טרערן: „ביסט דאָ? עך, דו! באַ־האַלטסט זיך פֿאַר מיר. שעמסט זיך ווי אַ לאַבוסל וואָס האָט אָפּגעטאָן אַ מיאוסע זאַך. ווײס: איך האָב גאָר נישט צו דיר״ — — —

...„גוט, כ׳האָב דיך געפּאַקט. וועסט זיך שוין נישט אַרויסדרײען פֿון מיר!״ — אירע אויגן שיסן פֿײַער, אירע הענט צאַפּלען זיך אַרום זײַן האַלדז און ס׳קול, דער מבול רײד שלאָגן אים, ברענען, שטראָפֿן.

היץ און קעלט האָבן מענדלען געוואָרפֿן הײזער־הויך. ער האָט זיך נישט געקענט קײן עצה געבן מיט דער ענגשאַפֿט וואָס האָט געשפּאַרט אויף אים. און ער האָט זיך נישט געקענט באַפֿרײַען פֿון דעם מײדעלע. טיף אין זיך האָט ער עס אויך נישט באַגערט. ס׳אַ טײַער קינד, — פֿלעגט זיך פֿון אים אַרויסכאַפּן אַ לויבוואָרט אויף עסטעלאַן און ער האָט פֿון ס׳ניי זי דער־נעענטערט צו זיך — אין דמיון. פֿון שטוב פֿלעגט ער זיך טאַקע אַרויס־מאַכן, ווי תמיד, באַלד אין דער פֿרי און האָט אויסגעמיטן אַהײם צו גײן אין די פֿאַרנאַכטן, ווי ער איז עס געווען געוווינט. אויך האָט ער אויסגעמיטן די קאַפֿעהײַזער וווּ ער פֿלעגט אַרײַנגײן אַ טרינק־טאָן, אָפּרוען, זען אַ מענטש וועלכן ער דאַרף נײטיק האָבן. אפֿשר וועט זי אים דאָרט זוכן?

מעגלעך, ר׳וועט זי דערזען אַ פֿאַרטרערטע. פֿאַר טרערן האָט ער מורא. טרערן קען ער זיך נישט קעגנשטעלן. גלייכער נישט־ווערן, אויסצומיידן, — האָט ער זיך געשטאַרקט אין דער שוואַכקייט צו דעם מיידעלע וואָס איז אים נאָך אַלץ נאָכגעגאַנגען אין געפיל און ער האָט זי איינגעטוליעט — אין זיך.

מער ווי פֿריִער האָט מאַנועל זיגל איצט דערשפּירט דעם עלנט אַרום זיך.

קאַפּיטל זעכצן

די פאַרשלאָסענע טיר

און עסטעלאַן איז דער הימל אַראָפּגעפאַלן אין בלאַטע אַריין. ס'איז נישט קיין וועלט, ס'איז נישט קיין מענטשן — האָט זי מיט אַ מאָל פאַרצווייפלט. ס'איז וואָרער גיהנום; עס זענען טעמפּע חיות די, וואָס מיר ווילן פאַרהערלעכן. אַלץ וואָס מיר זעען איז גרויליקער מיראַזש. טויטלעכער אַש איז דער תמצית פון דעם וואָס באַוועגט אונדזער דענקען און פילן. אַלצדינג ליגט אין אוראַלטן תוהו ובוהו. ווי אין אַמאָליקן פאַרצייטנס איז אַצינד. ווידמונגען און שרצים פלאָנטערן זיך אַרום אויף דער ערד, אין דער לופט, אינעם וואַסער און אין דער שיין וואָס איז גראָ און מטושטש. אין איר מהות כרחעט די וועלט פון פרוכנע און שימלדיקער אַלטקייט. ס'איז אַ משוגענע איינרעדעניש אַז ס'פאַראַן יונגקייט. אויך זי איז אַלט ווי אַ פאַרגעסענע שוואָם אויף פייכטע מאָכן.

דאָס מיידל האָט זיך דערשפּירט אַן אונטערגעזענקטע פון אומגעזעענע פייערן. זי האָט זיך געכעסט אויפן קאַליע־געוואָרענעם פעטער מאַנועל. געבורטשעט אויף טאַטע־מאַמע, ווען זיי האָבן געגעענט צו איר מיט זאָרג, מיט געטריישאַפט: וואָס איז געשען, טאָכטער? האָסט מסתמא צו פיל זיך איינגעמידט. לייג זיך צו אַ ביסל. אפשר דער קאָפּ? עסטעלאַ האָט זיך פון זיי אָפּגעקערט מיט אַ „לאָזט מיך גיין״ און זיך געשטיקט מיט טרוקענע טרערן. דאָס מיידל האָט זיך געגריזשעט, איז אַראָפּ פון פנים. אומגעריכט פלעגט זי זיך אָנבייזערן אויף אַ חברטע אין ביוראָ, מיט פרוי סוסאַנאַ זיך באַנומען קאַלט, כאָטש יענע האָט איר מיטגעפילט, עפּעס זיך משער געווען: „ס'מיידל ליידט. אַ שאָד. זי מאַכט דורך אַן ערשטן פרויאישן קריזיס״. ס'זאָל אַזוי נישט געשען ווי ס'געשעט, — האָט פרוי סוסאַנאַ אַ מינוט

אַריינגעקלערט אין דער דאַליע פון עסטעלאַן וואָס האָט זיך געוויזן אַ צע־רודערטע, נישט גערן געווען צו הערן עמעצן. אָפּגעטאָן איר אַרבעט ביי דער שרייבמאַשין, אָן אַ וואָרט עפּעס געזוכט און אַ פּאַרביסענע זיך צו־ריקגעקערט צום ווייסן פּאַפּיר, צום טומאַנעם פעלד פון פאַרפלויגענעם געדאַנק.

ביטערע טעג זענען אָנגעשטאַנען פאַרן מיידל. קוים זי איז זיי דורכ־געקומען.

*

ערב נאַכט. מיט גרילץ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דער אייזערנער שטאָר, אין ביוראָ האָט זיך אַריינגעשניטן די ליכטיקייט פונעם גרינעם לאָמפּנשיין, האָט עסטעלאַ ראַפּטעם זיך אויפגעשטעלט, שווייגנדיק זיך איינגעהילט אין זשאַקעט וואָס האָט געוואַרט אויף איר אויפן קיילעכיקן הענגער און אומ־דרייסט זיך געוויזן פאַר פרוי סוסאַנאַ מיט אַ שטאַר פּנים:

— דער קאָפּ ווערט מיר צעשפּרונגען, סעניאָראַ וואָלד.

— שוין ווידער? נישט גוט, אַז ס׳חזרט זיך אָפּט איבער.

— אוממעגלעך עפּעס צו טאָן. האָט נישט פּאַראיבל. כ׳על אָפּאַרבעטן אַן אַנדערש מאָל. אפשר וועט דער דרויסן מיר פאַרגרינגערן. — אירע אויגן האָבן טרעריק געבלישטשעט, ס׳מויל האָט זיך געקלעפּט.

— גיי, קינדלעבן, — האָט די פאַרוואַלטערן גערעדט מיט דייטלעכער גינציקייט — רו זיך אָפּ, מייד אויס אויפרעגונג. און ס׳וואָלט נישט גע־שאַדט, דו זאָלסט אַריינגיין צו אַ דאָקטער. פּאָלג מיך, טו עס מאָרגן. דו ווייסט: איך בין דיר נישט קיין שונא.

עסטעלאַ האָט נישט געענטפערט. איר ליפּן־פאַרקניפּטקייט האָט שוין אָנגעזאָגט, אַז זי וועט נישט ענטפערן.

„נאָר נישט קריכן מיר אין דער נשמה אַריין" — האָט די קליינע אויפגעצאַפּלט. בכלל האָט זי אויפגעשוידערט פון שרעק, אַז עמעצער קען זיך נאָענט צורירן צו איר פילן און טראַכטן.

— גיי, גיי, און גיב אַכטונג. די גאַס איז איצט געפערלעך, אויך אין אָמניבוס. אין דער שעה איז אַ מיאוסער געדראַנג.

פרוי סוסאַנאַס וואָרט האָט זי איבערגעוועקט, איבערגעוועקט אין ווײ־

טיק פון אַ פריש אָפּגעשפּירטער ווונד. עסטעלאַ האָט ערגעץ אין זיך באַ־גערט אַז מ׳זאָל אויף איר האָבן רחמנות, מ׳זאָל זי טרייסטן. מבולבל, פרע־גנדיק, האָט זי אָנגעקוקט דער פּרוי סוסאַנאַ; און איר איז געווען לעסטיק אַז אַן אַנדער מיידל פון ביוראַ קוקט זיך צו איר, הערט איר קלאָגן. זי האָט מורא געהאַט, עסטעלאַ, אַז די־אַ זאָל נישט וועלן עפּעס געוואָר ווערן פון איר: „סטעלע, מיר מעגסטו זאָגן. איך בין אַן אייגענע״. דערפון זענען איר די אויגן פאַרלאָפן. זי האָט זיך אין דעם געגעבן אַן אומגעריכטן דריי אויס צום אַרויסגאַנג און מעכאַניש אַ וואָרף־געטאָן הינטער זיך:

— ביז מאָרגן!

אָפּגעשטויסן פון זיך די באַוועגטע לופט, וואָס איז געקראָכן איר אי־בערן פּנים, האָט סטעלאַ זיך ווידער אַריינגעוואָרפן אין פלאַקער פון דער געוויינשאַפט, וואָס איז אויפגעקומען אין איר זינט מאַנועל זיגל האָט אָפּ־געטאָן דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן.

— „זי׳ט נישט אָפּטרעטן. זי מוז זיך דערוויסן!״

זי וועט גיין אַהין, זי וועט אים אָפּוואַרטן ביז ער וועט זיך באַווייזן. ער מוז דאָך קומען אַהיים! און אפשר וועט זי דאָס מאָל אים טרעפן ביי זיך; ער וואַרט אויף איר.

באַגער און צווייפל האָבן געטריבן די קליינע עסטעלאַ איבער פּרי־אָיונטיקע גאַסן, איר אָטעם האָט געברענט. דאָס מיידל האָט זיך געאײַלט און זי האָט זיך שרעקיק צוריקגעהאַלטן: וואָס וועט זי טאָן, אויב די טיר וועט ווידער זיין פאַרשלאָסן? אפשר זיך פאַרשרימפּן אין טונקעלן ווינקל פון פירהויז, אָפּטשאַטעווען אויף אים? אפשר גאָר צוואַרטן אין גאַס, פון וויטנס צוהיטן ביז ער וועט קומען — — ?

*

טאָג איין, טאָג אויס אַזוי און עסטעלאַ האָט אַ־ויסגעוויזן נערוועזיטעט, עפּטערס נישט געקענט איינזיצן ביי דער אַרבעט; אָט פאַרבראָכן דעם קאָפּ אויף די הענט, אָט זיך אויפגעשטעלט, אַ גראַבל־געטאָן אין איר האַנט־בייטל, כאָטש זי האָט אין אים גאָר נישט אַזוינס אַריינגעלייגט און גאָר נישט געפונען. אין ביוראָ האָט מע זיך זייטיק צוגעקוקט צו איר, אין דער שטיל זי באַדויערט, פאַרהוילן געלאַכט. אַ גאַנצן טאָג איז איר מוח געווען פאַר־

נומען מיט מאַנועל זיגל (אָ, ער איז ווייט שוין נישט קיין פעטער פאַר איר; ער איז פון די געליבטע וואָס איז געשטראָפט מיט האַרטהאַרציקייט: ער פילט נישט דאָס קלאַפּן פון איר ברוסט וואָס יאָמערט, רופט אין די טויערן פון ליבשאַפט. אוי, אוי, זי מוז אים אויפוועקן צו קעגנזייטיקייט): „היינט אוונט וועט זי אים שוין דערגרייכן! איז ער ערגעץ־ווו אַרויסגעפאָרן אָן געזעגענען זיך מיט איר, אָדער ער איז אַזוי אַריינגעטאָן אין געשעפטן אַז ער קען פאַרגעסן זיינע פליכטן?״ „פליכטן״ רופט עסטעלאַ דעם עול וואָס מאַנועל דאַרף האָבן זי צו זען, פרעגן ווי ס׳איז איר דערגאַנגען דער טאָג, זאָרגן זיך פאַר איר אָוונטברויט. אָן אים איז זי אַ פליג אין שפּינגעוועב, אַ פאַרצאַפּלטע! אין דער מאַמעס שטוב באַגעגנט זי רק נאַכטישע פינצ־טערניש און פאַרטייעטע דראָונג. אין יענער שטוב האָט מען צו איר נאָר טענות, הלמאי זי האָרכט נישט, זי זעט נישט ס׳איינשרומפּן פון די היימישע מחמת דער שפּאַרנדיקער עלטער — — צו לאַנג האָט זי נישט געטראָפן מאַנועלן; כסדר געפינט זי פאַרשלאָסן די טיר פון זיין צימער. ווען פרעגן? ווהין אַריינגיין געוואָר ווערן? זי קלערט נישט אַז דאָס שעמט זי זיך און קיין תירוץ קען זי נישט אויסגעפינען פאַרן פרעגן.

זי איז נישט אַזאַ קליין מיידעלע אַז מ׳זאָל נישט דערקענען אין איר אַז זי איז סתם פאַראינטערעסירט צו וויסן וואָס עס מאַכט איר פעטער מאַנועל זיגל. „סעניאָר זיגל? מיר וויסן נישט ווען איר מיינט, סעניאָ־ריטאַ״, אַזוי קענען זיי טאַקע זאָגן. וואָס זאָל זי זיך פּלאָנטערן צווישן אומ־באַקאַנטע! און מ׳קען זי נאָך פאַרדעכטיקן. מעגלעך, מ׳האָט זי שוין באַ־מערקט אַריינגיין אין זיין מאַנצבילשן צימער. עס איז שרעקלעך אַלע מאָל צו געפינען ווילדע שטומקייט ווי אַן ענטפער אויף איר בענקען, אויף איר צערייצטקייט, הלמאי זי... אויסטערליש! ווי לאַנג וועט מען אויף איר קוקן ווי אויף אַן אומדערוואַקסנס? זי׳ט פייפן אויף אַלעמענס חושד זיין. אָבער ערגער איז דאָס אויפגעצוווּנגענע שווייגן. דאָס האָט זי שוין קראַנק גע־מאַכט. זי איז גערעכט, פרוי סוסאַנאַ, נאָר רעדן קען זי נישט פאַר איר. ס׳אַ פאַקט: סטעלע איז אומגליקלעך, אפשר די אימגליקלעכסטע פון אַלע מיידלעך — זי האָט נישט פאַר וועמען זיך אָנצופאַרטרויען. ווי ס׳געווויין דריקט אויף דער נשמה!

אַ מאָל האָט זי געשמועסט אַפילו מיט איר איינזאַמקייט:

„נישטאָ אין ערגעץ קיין פריינד. אין דער היים איז אַ פרעמדקייט, אַ

קעלט אַזאַ בלאָזט און סטראַשעט. נישטאָ פאַר דער אינטימקייט אַ האַרץ וואָס זאָל זיך פאַר דיר צעעפענען מיט אויג און אויער — צו פאַרנעמען די הילכיקע ווייטיקן וואָס האָבן נישט קיין נאָמען אין מענטשנס שכל — —״

טעג און וואָכן איז עסטעלע מילער אין די פאַרנאַכטן אימפּעטיק געלאָפן צו דעם שטומען געסל עספּינאָזאַ, ווו עס האָט געהאָט זיין קליין צימערל דער „גרינער״ מאַנועל זיגל, דער נשרף, דער פּליט און אַלע מאָל האָט זי געפונען די טיר אַ פאַרמאַכטע. אַנגסטן האָבן באַשלאָגן דאָס וואַקכּנדיקע מיידל וואָס ווייס נישט ווי אַזוי זיך צו דערפרעגן אויפן נישטגעוואָרענעם פעטער מאַנועל און זי ווייס נישט ווי אַזוי זיך צו פאַרענטפערן פאַרן אָנקום פונעם שטורעם פון די בייסנדיקע געפילן וואָס געוועלטיקן איבער איר. בכלל פאַרשטייט זי נישט וואָס עס איז דאָך געשען מיט אים. פאַרשווונדן? שוין אַ צייט ווי ער ווייזט זיך נישט אויך צו זיי אין מאַטאַדעראָס, צום שוואָגער מיט דער שוועגערן, וואָס האָבן אויך איינגענומען אַ שטומעניש פונקט אַזוי ווי ער. נישטאָ קיין שפור פון אים און נישטאָ קיין טרייסט פון דער היים. איז זי עס דער דאָן, וואָס צעשטעכט און בריט אָפּ אַלעמען? איר דאַכט זיך, אַז פאַרקערט — די אַרומיקע זענען שלעכט. זיי פאַרשטייען זי נישט און קיינער וויל זי נישט פאַרשטיין. טאַטע־מאַמע זענען אויך נישט בעסער. איטלעך מאָל, ווען זי קומט אַריין אין שטוב, לייגט זיך די מאַמע באַלד אויפן בעט מיט אַ פאַרשטאַרטן קרעכץ אויפן פּנים (ווילסטו עסן? פרעס זיך אָן אַליין. גראַבל זיך צווישן די טעפּ. ביטערע שונאים איר געוואָרן!) און דער טאַטע מאַכט זיך אַרויס אין די ערגעצן. אַ תהום זענען דאָ די געסלעך וואָס פלאָנטערן זיך מיט גערטלעך און לאַנגע, בלינדע ווענט פון מויערלעך, בליקנדיקע אין פראָנט אַריין מיט פאַרבעלמעטע פענצטער. ענג איר געוואָרן די וועלט, עסטעלאַן, און די נייע פרעמדקייט טרייבט זי אַרויס פון דער שטוב. קלייבט זי זיך אַהיים צו די היימישע פּרזער ווי שטענדיק, פאַרנעמט זי זיך באַלד אין איר ווינקל אַריין און הערט פון ווייטנס ווי טאַטע־מאַמע נעמען זיך שושקען וועגן איר: „געקומען אונדזער צרה״, און זיי עקבערן זי דורך מיט די בליקן. איז נאָך נישט צייט צו מאַכן נאַכט, גייען די אַ ל ט ע אַרויס אין די פונאַנדערגעשפּרייטע פינצטערנישן. זיי לאָזן נאָך זיך אַ האַסטיקן קלאַפּ מיט דער טיר, גלייך זיי וואָלטן איר אַ זאָג געטאָן: „נאַ, זע ווי גוט ס׳איז צו בלייבן איינע אַליין!״ זיי האָבן זי פיינט, די אַלטע, — קלערט עסטעלאַ מיט פאַראיבל.

— זאָלן זיי גיין, די... האָבן באַדאַרפט אָנפלאָדיען מער קינדער, די טייערע טאַטע־מאַמע!

נישט ווו, נישט ווען כוואַליען אָן אויף עסטעלאַן; הייסע טרערן, עס רינט אָן אויף איר אַ שפּירונג פון אויסגעלייזדיקטקייט. עסטעלאַ און דער קאַלטער לאַמפּנפּלאַם דערזעען זיך איינע אליין אין סומנעם הויז; אויג אויף אויג נאָר מיט זיך און מיט דער אָנגעשוואָלנקייט פון געדאַנק וואָס הייבט אָן לויפן־רווישן ווי דער דרויסן אין די קרוינען פון דיביימער. און לייגט זי זיך לסוף אין בעט אַריין, בלייבט אויף איר בליקן און שטוינען דאָס צעעפנטע בוך. דערנאָך נייגט זיך צו צו עסטעלאַן די בלינדע נאַכט, אַ הויקערדיקע אַזאַ און זי שלעפּט זיך שווער באַלאָדן מיט הוריות וואָס וועלן שוין נישט לאָזן אָן אויג צוטאָן.

...צומאָרגנס, ביי דער אַרבעט, איז עסטעלאַ אַרומגעגאַנגען אַ צע־פּלעטשטע, שוין נישט צו רעדן וואָס טאַטע־מאַמען אין מאַטאַדעראָס האָט זי איבערגעלאָזן אַ נייע לאַסט פון צער מחמת דער גאַרער פּלאָגעניש פון האַרץ:

— אויסטערלישע זאַכן. אַ טאָכטער או־פּגעצויגן וואָס די היים איז איר איבעריק!

— מנע, דערלעבט! אַ מיידל וואָס האָט זיך פאַרגענומען צו דערגיין די יאָרן.

וואָס מיט דעם מיידל איז געשען האָבן טאַטע־מאַמע נישט פאַרשטאַ־נען. עסטעלאַ האָט זיך שוין אין גאַנצן פאַרלוירן. אַז מ׳לאָזט דאָס אַרויס פאַרדינען אַ פּעזע, מיינט עס אַז ס׳איז שוין אַ מענטש פאַר זיך. וואָס אַ טאָג ווערט דאָס ערגער! — האָט די מאַמע זיך צעקלאָגט. זי זאָל עס אַ מאָל קומען צו די לייבלעכע אַראָפּרעדן זיך, דערציילן, ווי עס געשיקט זיך ביי מיידלעך וואָס וואַקסן אונטער און קומען צווישן מענטשן. ס׳דאָך נישט שייך, אַז עמעץ זאָל זיך נישט פאַרקוקן אויף אַזוינס. אַז מ׳קען זיך פאַר־טרויען פאַר אַן אייגענעם, ווערט דאָך גרינגער. עלעהיי אַ דאַרשטיקער קריגט אַ פרישן טרונק. ס׳איי דערדריקט צו ווערן! — האָט די פרוי זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ קרעכץ. ער, פאַרקערט, דער טאַטע, איז אַרומגע־גאַנגען אַ נעכטיקער, געשוויגן און געבלייכט.

דער וויסטער ברוגז מיט דער טאָכטער, אַ ווילד אָנגעיוירענער ברוגז, אַ פלוצלינגער, אַפילו אָן אַן איבעררייד, אָן קריגעריי, האָט בערטען און

לעאָנאַרדאָן מוראַדיק געעקבערט אין דער נשמה. נישט דער פאָטער, נישט די מוטער האָבן זיך געפונען אַן אָרט מחמת דעם איבערקער, וואָס איז געקומען אויף זייער הויז.

— דאָס קינד, אַז מ׳האָט עס נישט, רייסט מען איין וועלטן, ס׳אַן אומגליק. און ברענגט מען עס אויף דער וועלט, איז באַשערט דערפון צרות, — חזרט איבער בערטע.

ער, לעאָן, זיפצט אָפּ אַ פינצטערער:

— ר׳האָט געמיינט, ס׳עט ביי זיי זיין אַנדערש. אַן איינציק קינד, וועט עס ברענגען פרייד אין שטוב אַריין. און ס׳אַ געראָטנס. אַן עין־הרע אַ געזונטס, נישט געלאָזן קוקן דערויף, אַ שטויבעלע זאָל אויף איר פאַלן. ערשט האָסטו דיר דעם שיינעם דאַנק!

אוןביידן האָט נאָך מער געחידושט און ס׳האָט ווי געטאָן, וואָס זייער השד אויף מאַנועלן ווייזט זיך טאַקע אַרויס פאַר אַן אמת. וואָרן פאַר וואָס ווייזט ער זיך נישט אַזוי לאַנג, וואָס שעמט ער זיך אַזוי, אויב ער האָט נישט מיט וואָס זיך צו שעמען? ס׳איז וואָר: אַפילו אַ הונט אויב ער „מאַכט אָן״, פאַרשאַרט ער עס מיט דער לאַפקע. מענדל קען נישט פאַרשאַרן ס׳מיאוסע שטיקל אַרבעט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן: צעשטערט ס׳ביסל מנוחה אונדזערס און אָנגעצונדן אַ פייער באַלד אונטערן דאַך, אַז ס׳זאָל ברענען, שרפענען — — ס׳איז זיי אַ וויטיק וואָס אומזיסט־אומנישט האָבן זיי אָנגעוווירן דאָס געפינס וואָס ערשט אַנומלט האָט עס דערפרייט: געקומען אַן אייגענער פון די בלוטיקע וויטן, אַן אייגענער צו פאַרנעמען דעם קרעכץ פון זייער פאַרלוירנקייט אין דעם רייכן לאַנד אַרגענטינע. ס׳דען אַ קלייניקייט צו האָבן אַ קרוב פון „דאָרט״? אַזאַ וואָס ווייס אַלץ, האָט אַלץ געזען. און ער וואָלט געקענט דינען מיט אַן עצה אין אַ קוועלעניש ווי די, וואָס זיי איז ערשט צוהאַנדן געקומען, אויב...

— ערשטע זע, בערטע, ווי שלעכט מיר האָבן געדאַוונט! געמיינט, דער מענדל איז געטריי, לסוף איז ער נישט אַנדערש פון אַ ליאַדע־וועמען. דו וואָלטסט געגלייבט אַזוינס, בערטע?

בערטע האָט געענטפערט דעם מאַן מיט אַ שווערן בליק, אַן אַנגעטרונקענעם מיט זיפץ.

קאַפּיטל זיבעצן

אַנטקעגן דעם גורל

די יסורים זענען געווען אין־לשער. די טאָכטער כמעט אָנגעווירן (נישט זי זאָגט עפּעס, נישט זי וויל זיך אַראָפּוייגן פאַר טאַטע־מאַמען ווי עס טרעפט ביי אונטערוואַקסנדיקע קינדער). זי קומט אין שטוב אַריין ווי אַ פרעמדע, צומאָל וויל זי נישט אָנרירן ס׳עסן און גייט אַוועק ווי אַ פרעמדע; דעם שוואָגער אויך אָנגעווירן און דאָס קלעמונג וואַקסט. ווער זי עס אויסהאַלטן, די זינדיקע מאַמע? גאָט זאָל זיך מרחם זיין איבער זיי!

בערטע איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן, לעאָנאַרדאָ האָט מיט זיין שטי־לער גרימעניש (אַזאַ טבע ביי אים, אַריינצושווייגן אין זיך אַלע צרות) אָנ־געפּינצטערט ס׳הויז. אַ דאַרער, האָט ער איצט נאָך מער איינגעקוואַרט, ממש צוקוקנדיקערהייט האָט ער געזונקען אַראָפּ, אַראָפּ. אַ נידעריקער, האָט ער אָקערשט געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ יינגל מיט אַן אַלט פּנים, מיט טרו־קענער געקנייטשטקייט און אַ שיטערער האָריקייט אויפן קאָפּ וואָס פאַראָט אַ פליך, וועלכער שניידט זיך ערשט אין די גדולות אַריין.

אַ גאַנצן טאָג איינע אַליין אין שטוב, האָט בערטע נישט געקענט זיך אָפּיאָגן פונעם אומרו. ס׳האָט איר געטריבן פון הויז אין הייפל אַריין און פון הייפל פאַר דער שוועל אַרויס. אומבאַוווסט וואָס, יועמען, האָט זי כסדר עפּעס אויסגעקוקט, עמעצן דערוואַרט. ס׳האַרץ האָט איר געהוקעט פון אָנזוג־גען, געוואַרט עפּעס אומגעריכטס, געטראַכט־נישט געטראַכט און פון ס׳ניי אַריין אין שטוב; אַרומגעקוקט זיך אין די ווינקלען, גלייך עמעץ וואָלט זיך אַריינגעכאַפּט אין הויז אין דער רגע פון איר נישט זיין. איטלעך מאָל איז זי אַרויס פאַר דער שוועל מיט אַזאַ טויטער מינע ווי זי וואָלט סיי ווי דערוואַרט אַ פאַרשפּילטע האָפענונג. אַז לעאָן איז ענדלעך אַהיים געקו־

מען, האָבן זיי שוין באַנאַנד זיך געשלאָגן מיטן עלנט און אויך נישט גע־קענט איינזיצן.

אַ מאָל האָט ער דעם װײַב אַ פרעג געטאָן: — האָסט נישט עפּעס גע־רעדט מיט...?

אַן אַנדערש מאָל האָט בערטע זיך נישט געקענט איינהאַלטן אים אַ פרעג צו טאָן:

— נישט געזען היינט דיין טאָכטער?

— װי פאַלסטו אויס? — איז ער געוואָרן נייגעריק צעפּלאָמט.

— אָט אַזוי: ס'האָט זיך מיר עפּעס אויסגעדאַכט, אַז זי איז אומיסטן צוגעגאַנגען צו דיר. ווייסט נישט? זי איז אַן עקשן, אָבער אַ גוט קינד איז זי פון דעסטוועגן. איך וואָלט געשוווירן אַז סטעלע איז היינט אַוועק צו דיר אין ווערקשטעל. ס'אויער האָט מיר אַזוי געקלונגען, האָב'עך אַ גאַנצן טאָג גערעכנט אַז דו וועסט ברענגען אַ גוטע בשורה.

— אַ חלום האָט זיך געחלומט מיין װײַב, — האָט ער מיט אַ מאָל אָפּגעפּטרט דעם גאַנצן שמועס. עס איז אים געווען נישט ניחא ווידער צו דערמאָנען דעם צער־גידול־טאָכטער וואָס לאָזט זיי נישט אָפּ. פון ס'ביי זיך אַרומגעזען ווי די פּוסטקייט האָט זיך אַריינגעקליבן צו זיי, און זי טרייבט, און דאָס פּאַכעט מיט די פליגל פון רוגזה:

„עסטעלאַ? אָט איז זי. ס'טאַקע אייערע? — וואָס, איר געדענקט? זוכט, איר'ט זי באַלד געפינען, כאַ־כי־י־יייי!"

חוזק האָט אויף טאַטע־מאַמען אַרויסגעשטעלט צעקרימטע ציינער.

נישט געקענט זיך דערהאַלטן אין דער צעליאַרעמטער אַליינקייט, האָבן מאַן און װײַב זיך פאַרנומען פון שטוב אַרויס. די עלנטקייט אין הויז איז געבליבן אַ געבונדענע, אַ שאַרכנדיקע, בעת דער לאַנגער האַרבסטיקער אָוונט מיטן נידעריק־רויטלעכן פלאַם האָט געהויעוט איבער דער אַנגע־כמורעטקייט וואָס די היימישע צרה האָט אַריבערגעפירט איבער זייער שוועל. בערטע מיט לעאָנאַרדאָן האָבן דעמאָלט צו אָפט געבלאָנקעט איבער אוונטיקע גאַסן, קלאָמפּערשט געזוכט עפּעס צו קויפן, כאָטש זיי האָבן גאָר נישט באַדאַרפט קויפן, בפירוש גאָאָר־נישט געוואָלט קויפן. ס'איז זיי גוט געווען דער תירוץ פאַר זיך גופא ווי פאַר דער שטוב, וואָס געלאָזן אויפן שלאָס. און איז סטעלע אַהיים געקומען, האָט געדיכטער אומעט זי באַגעגנט. איר איז אַנטקעגן געגאַנגען אַן אָפּגעגאָסענע שרייענדיקע ליידיקייט:

— דו פֿאַרלאָזסט מיך, זיי פֿאַרלאָזן מיך, בלייב איך עלנט און פֿאַר־לאָזן. וואָס וועט ווערן פֿון מיר? ווי אַ חורבה וועל איך איינזינקען!

מיט אַ מאָל דערשפּירט אַ מידיקייט וואָס האָט געשלאָגן דעם מיידלס נסיונותדיקע יוגנט און זי איז געפֿאַלן אויפֿן געלעגער. טרויער האָט צע־גראָבן איר האַרץ, אַ פֿינצטערקייט האָט אַראָפּגענידערט אויף אירע ווייעס און דער קאָפּ, אַ שווערער ווי אַ צווייג אַ באַפֿרוכטיקטער, איז געשווומען אַנטקעגן די כוואַליעס טונקלקייט וואָס האָבן געבאַלבעט אין די אויערן, מיט ווינט צעדריבלט די שוואַכע שיין און זי אַנגעדראָלן. אָט־אָ רייסט זי זיך אַרויס אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון טאָג, אָט זינקט זי אין נישט געדאַכטע נידערונגען פֿון תהום. די שעפּטשענדיקע ווענט זעען צו איר ראַנגלעניש מיט דער אוממאַכט פֿון די הענט, פֿון אומגעלומפּערטן גייסט דעם מענטשישן.

ערגעץ ווייט אין עסטעלאַס באַוווסטזיין האָט זיך אָפּגערופֿן אַ בלאַסער באַגער צו דרימלען, טיף פֿאַרוויגט צו ווערן, אָבער דער שלאָף האָט גע־וויכט פֿון אירע אויגן. זי איז אויך שפּעטער נישט געשלאָפֿן, כאָטש זי איז אויך נישט געווען וואַך; עסטעלאַס שפּירונגען זײַנען געווען פֿאַרהילצערט; זי האָט נישט באַנומען צי זי איז אָקערשט אַרייַנגעפֿאַלן אין די אָרעמס פֿון אַ נאַכט אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער, אַ קוליעדיקע אָן רשות פֿון הימל און ערד, צי אַ תהום שטיקט זי מיט זײַן אוממממשותדיקייט. טייל מאָל האָט זי זיך דערפֿון אַנגסטיק אַרויסגעראַטעוועט מיט אַ טויב געשריי.

אַ צייט פֿון קרענקלעכן אומווילן איז אויף אומגעלומפּערטע פֿיס גע־קומען אויף עסטעלאַ מילער און זי האָט זיך דערפֿון נישט געקענט אויס־טאָן און אויך נישט אַנטרינען.

*

מטושטש, ווייטיקלעך איז געווען אויך מאַנועלן, דעם עלנטן פּליט אין דער פֿרעמדער שטאָט.

ער האָט שטאַרק געליטן. יסורים פֿון אומגעריכטער צעשיידונג, יסו־רים פֿון געצוווּנגענקייט האָט ער געשפּירט באַלד די ערשטע טעג, זינט ביי אים איז געבליבן אויפֿס כוח זיך אַרויסצומאַכן פֿון עסטעלאַן. זי איז אַ ליב קינד, אָבער ער טאָר נישט האָבן קיין רשות אויף איר. זי האָט זיך איר וועג, אַ וועג באַרג־אַרויף, ער מוז שוין קלערן פֿון זײַן גאַנג אויף צור־

ריק. ער איז טאַקע נאָך נישט אַזוי אַלט, נאָר די יונגקייט איז פון אים פאַרשניטן געוואָרן. זיין לעבן איז שוין געגוג פאַרטונקלט, טאָר ער זיך נישט אַריינלאָזן אין „דעם" און חס ושלום נישט ברענגען אַ צרה אויף „זיי". אַ שאָד אים עסטעלאַ, אָבער ער מוז זיך ז'ערבאַרעמען איבער איר — מיט האַרטנעקיקייט. וואָס ווייס אַזאַ? זי פלאַקערט, זי איז מסוגל בלינד זיך צו לאָזן אין שאול תחתיה אַריין, ער מוז זי אָפּהאַלטן פון דעם אומגליק. אַוודאי, ער איז איר אַן אומגליק. זיין ביז איצטיק גוטס קען געבוירן בייזס, אויב ער וועט זי ליב האָבן ווי אַ מאַן, אויב ער וויל איר ווערן אויס פעטער מאַנועל. נישטאָ קיין ברירה: ער מוז זיין דער שלעכטער. זי'ט ערשט שפּעטער זען זיין כוונה און אים אפשר מוחל זיין — — ווי טריב ער געדענקט. נעכטן זיך אויסבאַהאַלטן פון איר און אויף צו־מאָרגנס פרי ווידער זיך אַרויסגעגנבעט פון זיין צימער. ס'קומט אים די שטראָף. אַ מענטש זיין סגאַל מוז מער איבערטראַכטן, און עס האָט אים געדריקט דער קאָשמאַרנער אומשלאָף פון דער צוואַלגערטער נאַכט, וועל־כע ער איז קוים איבערגעקומען. איצט גנבעט ער זיך ווידער אַרויס פון זיין ווינקל. מיט דערשטיקטע שאָרכן פאַרמאַכט די טיר, פּאַמעלעך אַראָפּ־געקוועטשט די קליאַמקע און געלאָסן, לייכט פאַרדרייט דעם שליסל. זאָל אַ שכן נישט דערהערן, זאָל מען אים נישט זען! מענטשן האָבן די טבע אַריינצוזוקן די נעזער אין פרעמדע עסקים. ס'איז אים נישט ליב עמעצן צו באַגעגענען מיט אַ „גוטמאָרגן".

גוט אַזוי. קיינער האָט אים נישט דערוויטשט הינטער זיין טיר. פּאַמע־לעכקע, שאַ שטיל, זיך אַראָפּגעלאָזן פון די שטיגן. דאָס אַרויסקריגן זיך פון עספּינאָסאַ־געסל איז געווען ס'גרעסטע אָפּקומעניש. מ'קוקט אים שוין אַוודאי נאָך. לייט קאָנען אים צוביסלעך און די „קליינע" קען זיך שוין האָבן דערפרעגט ביי עמעצן צי מ'האָט אים נישט געזען, צי זיי ווייסן ווען ער גייט אַרויס פון שטוב. אַן אומגעדולדיקע, אַ צעקאָכטע איז זי.

„יאָ, ס'איז אַ פעטער מיינער. אַן איינזאַמער מענטש, קלערט מען איבער. טאַטע־מאַמע ווילן אַהערקומען געוואָר ווערן. אויף אַן אמת — מיר זענען ערנסט איבערגעשראָקן: וואָס מיט אַ מענטש קען אַלץ טרעפן! מ'זאָל באַהיט ווערן. מ'האָט דען נישט ערשט געלייענט אין צייטונגג?" — — די קליינע איז אַ קלוגע, אַ כיטרע. תירוצים קען זי תמיד צוטראַכטן. זי קען וועלן עמעצן „קומען אויפּס קאָפּ". זי קען אויך האָבן זיך אויסבאַהאַלטן

אָט־אָט־דאָ. אַפּילו באַלד אין דער פֿרי קען זי שוין דאָ זיין, די װוּילענקע, די צעיאַכמעטע!

די ברוסט האָט מענדלען געזעצט יעדן טאָג, װען ער האָט זיך אַרויסגעקראָגן פֿון עספּינאָזע־גאַס. אים האָט זיך אויסגעדאַכט אַז די ביימער גייען אים נאָך הינטערװײלעכטס, זיי װעלן אַלץ אויסזאָגן; די שװעלן האָבן זיך איבערגעשושקעט: „זעסט? ס׳איז ער. דאָס חנעװדיקע מײדל פֿרעגט זיך אויפֿן פֿעטער, זוכט אים אַרום טאָג איין, טאָג אויס און קען אים נישט געפֿינען. הי־היהי־ייײי, דער פֿעטער! — — נאָר אַ זינדיקער אַנטלויפֿט אַזוי. מירן אים פֿאַרהאַלטן — װילסט?״ מאַנועל זיגאַל איז כמעט געלאָפֿן, פֿלוצלינג זיך אָפּגעשטעלט, װידער זיך פֿאַרנומען אַרויף־גאַס און זיך אומגעקוקט ערשט אין די װײטערע גאַסן, װוּ אַ שטראָם הילכיק־סאָפּעדיקע טראַמװײען, אָמניבוסן, װעגענער צעבראַזגען די שטילקייט װאָס אַיעדער טראָגט אַרויס מיט זיך אין די נייגיריקע אינדערפֿרײען.

באַצייטנס אַן איינגעמידטער האָט מאַנועל זיגאַל זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול אין אַ קאַפֿעהויז און גענומען נאָכקלערן פֿון װאַנען ער קומט אייגנטלעך. עפּעס שוין געװען אָנגעקנוידערט אין מוח. געשלונגען דעם ערשטן שלוק װאַרעמס און זיך געפּלאָנטערט אין אומקלאָרקייטן פֿון דער מחשבה, װאָס האָט לאַנג נישט געקענט זיך אויסלײַטערן ביי אים. װאָס טאָן היינט, װאָס אָנהייבן, כדי נישט אַװעקצופֿאַלן אַזוי װי נעכטן? װי דאָס קלערן הרגעט דעם מענטש! ער טאָר זיך נישט נאָכגעבן. בעסער שוין היינט אַריינגיין צו...? מ׳קען דאָך נישט אָפּלאָזן אַ גוטן קונה. ס׳שטיקל ברויט איז פֿון איי־ביק אָן אַ מלחמה. דער טאַטע, דער זיידע, עליהם השלום, האָבן זיך געמאַטערט פֿאַר דעם און זיי זענען נישט געװען נאַרישער פֿון די היינטװעלטיקע. ער׳ט טאָן ס׳זייניקע. אָבער װי טוט מען עס? ער איז דאָך שוין אָן כוחות. נאָר נישט איינרייסן. ר׳מוז זיך צו־ערשט אַ ביסל אָפּרוען. מ׳פֿאַרהונגערט נישט אין בוענאָס־איירעס, אויב מ׳הייבט אָן שפּעטער ס׳טעגלעכע טועכץ. אַפֿילו אָפּלייגן אויף איבעראַכטאָג. ס׳אי׳ נישט קאַ׳ גערעס. נאָך װיניציק לערנגעלט געגעבן מענדל זיגאַל? ס׳עט נישט אַנטלויפֿן — — קוים זיך אַרויסגעקראָגן פֿון דעם שװערן טראַכטעניש, באַצאָלט דעם חשבון פֿאַרן טרונק דערװאַרעמעכץ און שוין לויפֿט װידער אָן אויף אים די „קליינע״. װי אַ כישוף האָט איר געשטאַלט זיך באַװעגט אין דער שיין װאָס דער טאָג שפּרייט. אין יעדן אַנטקעגנגייענדיקן מיידל האָט ער געזען ז י. עסטעלאַ

האָט אים נישט אָפּגעלאָזן. זי קען נישט זיצן ביי דער אַרבעט, מיט דער היים צעקריגט, מיט זיך איז זי נישט צופרידן און אים פֿאַרלירט זי. זי זעט עס שוין אַליין, אָבער זי קען זיך נישט העלפֿן. די קליינטשיקע. גוואַלד, ער קען אַוודאי נישט זיין מיט איר, ער, דער פּעטער — דאָס מוז זי וויסן און ער טאָר עס נישט פֿאַרגעסן. ס׳איז אַ לעבן אַנטקעגן דער... גרוב! ער מאַכט זי אומגליקלעך. אמת, ער וויל זי זען אַ פֿריידיקע, די ליכטיקע עסטעלאַ.

מחמת נישט ניחאדיקייט מיט זיך, האָט ער אָן זין געגומען שניידן דעם פּלאַנטער פֿון גאַסן אין דער משונה צעוווישטער שטאָט.

אַזוי זענען אין אומעט, אין איבערגעמאַטערטקייט מענדלען אַוועק די טעג פֿון זיין אויסבאַהאַלטן זיך; טאָג אריין, טאָג אַרויס פֿון זיך. ביי נאַכט איז אויף אים געקומען נייער טרויער: וואָס וועט זיין דער סוף זיינער? יאָ, צי נישט עסטעלאַ — אים וועט שוין נישט גוט זיין. די באַשערטקייט איז אַנגעקליידט מיט פּינצטערניש. די גורלדיקע איינגעגליבטקייט פֿון זיין מאַמע, זי זאָל זיין אָפּגעשיידט, איז געווען אַ הייליקער אמת —

„וואָס אין הימל איז אָנגעשריבן פֿאַרן מענטש, וועט עס אים שוין נישט מיידן".

פֿאַר מענדל זיגל איז „דער הימל" אומברחמנותדיק. ער, דער פּשוטער מענטש, מוז זיך אים אונטערגעבן. ער שפּירט עס. וואָס־זשע טאָן, וווהין זיך קערן? —

*

פֿאַרצווייפֿלונג האָט זיך אַריינגעקליבן אין דעם צעוויייטיקטן מענדל זיגל און דער געשלאָגענער געדאַנק האָט געהויזט אין אים. געפּירט זיינע גאַנג. ער האָט נישט געגעסן, נישט געטרונקען און די רו איז אים געמי־נערט געוואָרן. אַהיים געקומען שפּעט ביי נאַכט אין אויסגעליידיקטן צי־מערל אַריין און גאַנץ פֿרי זיך אַרויסגעשאַרט דערפֿון. זאָל מען אים נישט זען, זאָל מען אים נישט פֿרעגן, גאָאָאָרנישט קען ער ענטפֿערן, גאָרנישט קען ער זאָגן. ער איז פֿאַרמשפּט אויף אַ שווערער שטראָף און דעם משפּט איז נישט אָפּצושרייען. ער מוז אויסטראָגן די שטראָף. אַזוי איז דער גורל.

מענדל זיגל האָט קעגן זיין ווילן זיך צוריקגעקערט צום אַנומלטיקן מצב זיינעם וואָס האָט אים געטריבן אין דער ווייטער וועלט אַריין. דעמאָלט

איז אים אַלץ נאָך געווען אומבאַוווסט און דערפֿאַר האָט עס געלאָקט מיט מטושטשן צוזאָג פֿון — ענדערונגען צום בעסערן. עס וועט זיך לוינען אונ־טערצונעמען אַ געראַנגל פֿאַר נייע אָנהייבן. אַוודאי, ס'לעבן לאָקט, דער דרויסן לאָקט, אויב ס'פֿאַרלוירענע, דאָס ברוטאַל־צוגענומענע קען אָפּ־שווימען אין פֿאַרגעסנקייט. און פֿאַרגעסנקייט מייַנט גרויסע שליאַכן און אומוועגן, וועלכע דער מענטש דאַרף קענען דורכמאַכן. ער, מענדל, האָט משמעות נאָך נישט דורכגעמאַכט דעם דאָזיקן שווערן וועג, קיין נייעם ברעג אַלץ נישט דערגרייכט. אַלץ וואָס געווען איז כּמו אַן אויסדאַכטעניש. וועט ער זיין בכּוח פֿאַר נייע אָנשטרענגען? ער איז נישט מסוגל צו קלערן דערפֿון, מאַנועל זיגל. דער טאָג טרייבט אים אַרויס, די נאַכט טרייבט אים אַריין אין אַלץ נייע אומקלאָרקייטן.

ווי מיט אַ מאָל איז מענדל זיגל אַראָפּ פֿון דער מדרגה. ער האָט זיך שטאַרק אָפּגעלאָזן, נישט צוגעהיטן זיין אויסזען, נישט מקפּיד געווען אויפֿן גלייכגעפּרעסטן אַנצוג, אויפֿן שיינעם קראַוואַט, ווי פֿריִער. פֿון דעם לעבנס־הייליקן מאַן איז געוואָרן אַ שלאַבערדיקער א יי נ ע ר, ווען עס איז אַלץ איינס צי עס רעגנט אָדער די זון גייט אַרויס פֿון איר פּוטערפֿאַס. אַבי־וואָס אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן אייגענעם נאַקעט, אַבי פֿאַרטײַבט דעם הונגער פֿון די געדערעם.

מענדל זיגל האָט פֿאַרלוירן דעם חשק אַרייַנצוקוקן אין שפּיגל. פֿריִער האָט ער עס געטאָן אַלע מאָל איידער ער איז אַרויס פֿון שטוב. אים איז איצט נישט אָנגעגאַנגען וואָס עס וועט זיין מאָרגן. דאָס דאָזיקע טראַכטן איז לחלוטין אַרויס פֿון זיין געוווינהייט. דער היינט האָט אים גרונטיק צעפּיי־ניקט. רעכט נישט אָפּגעגעסן, לרוב אַרומגעגאַנגען נישט געגאָלט, לויז גע־מאַכט זיך פֿון די פּליכטן לגבי מענטשן. פֿאַר אַ קורץ שטיקל צייט איז עס געוואָרן אַזוי אַז מאַנועל זיגל, דער גוט צוגעקליבענער, דער שטאָלצער מאַן איז לגמרי אָפּגעמעקט געוואָרן פֿונעם בילד פֿון דער גאַס וועלכע האָט אים ביז אַהער געהאַט אין איר ראַם. נאָך מער: מיט אַ מאָל האָט מען אים אין גאַנצן שוין נישט געזען דאָרט ווו מ'איז געווען געוווינט אים צו טרעפֿן יעדן טאָג, אויסרעדן אַ וואָרט מיט אים. עמעצן פֿון די סוחרים, צו וועמען סעניאָר מאַנועל פֿלעגט אַרייַנגיין, אויך די שטאַמגעסט אין קאַפֿע־הויז איז געוואָרן פֿאַרדעכטיק:

— נעלם געוואָרן דער מאַנועל, דער גרינער מיט דער טעקע.

— נישט געזען און נישט געהערט שוין אַ צייט. אַ שאָד, אַ מענטש פּטרט זיך. בשום אופן וויל ער נישט נעמען אַ וויבלטשינע. אַזאַ ווי דער וואָלט זיכער געפינען אַ חפץ און נאָך מיט אַ קניפּל אין צולאָג.

— מסתמא צו פיל געליטן, אויב ער לאָזט זיך נישט איבערדברן, — האָט אַן אַנדערער זיך משער געווען.

— און אפשר זיך שוין מיישב געווען? סוף־כל־סוף איז אַ מענטש נישט פון אייזן. מן־הסתם זיך אָפּגעקליבן אַ ווייבל און אַ בעסערע פּרנסה.

—אַ מענטש פלאָפּלט! דער איז גאָר ווייט פון אַזוינס. כ׳האָב אַ מאָל אים געפרעגט מכוח אַכצן און דרייצן. ר׳האָט זיך אָפּגעשאָקלט דערפון. כ׳בין שוין צו אַלט אַז כ׳זאָל זיך ערשט נעמען לערנען גיין, — האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין.

— מ׳קען אַ סך פאַרשטיין. אַלץ איז מעגלעך. איר׳ט זען אַז מיר האָבן זיך געריסן אין אַן אָפענער טיר. מיר קלערן און ער ווייסט, כּעכעע!

— און אפשר איז דער מענטש גאָר קראַנק? — איז ווער אַרויסגע־קומען מיט אַ יאוש־קנייטשל.

— מ׳זאָל באַהיט ווערן, וואָס ס׳קען זיך טרעפן מיט אַן איינזאַמען.

עפּטערס האָבן מענטשן אין קאַפּעהויז זיך דערמאָנט אָן מאַנועל זיגל, וואָס האָט זיי צוגעפּעלט צום רומל מיטזיצערס, נייעס־דערציילערס. אַ וווילער יונגער מאַן, האָבן די מערסטע מעיד געווען אויף אים. אָבער ער גופא, מאַנועל, האָט זעלטן שוין געדענקט אין זיך. אים האָט געפּלאָגט די היים־פּיין, עס האָט אים צעטאָטשעט — „זי״. זי קומט, אָקערשט גייט זי אַהער, זי, עסטעלאַ. ער האָט זיך פאַרלוירן אין יאָגעניש נאָך איר, אינעם אַנטלויפן פון איר.

און זי, עסטעלאַ, האָט זיך שוין מייאש געווען אין אים. געקומען אַנומלט מענדל זיגל פון צעבלוטיקטן וואַרשע, מענדל זיגל איז נישט גע־וואָרן אין דעם זוניקן, פייכטן, טומלדיקן בוענאָס־איירעס.

קאַפּיטל אַכצן

פּרעמד

עסטעלאַ האָט זיך מייאש געווען אינעם פעטער. ער איז פאַרפאַלן געוואָרן און זי ווערט פאַרלוירן אין דער פאַרלוירנקייט פון דער קבצנישער היים. זי האָט ביטער געטראָפן. אַנדערע קינדער האָבן הצלחה, זי איז אומגליקלעך. צו וואָס האָט מען זי געבראַכט אויף דער וועלט? האָבן אָרעמע לייט רעכט צו ברענגען דורות אויף דער וועלט, דורות פאַרמשפּטע אויף פּאַמעלעכדיקן, נעבעכדיקן אומקום?

דער יאוש האָט שוין פון איר אַרויסגעשריגן. פריער פלעגט זי מיט פאַרביסענעם שוויגן באַגעגענען די בידנע היים, אייסגעמיטן טאַטע־מאַמען, געפרעגט נאָר געניטיקס, וויט צוגעוואָרפן „אַ גוטן אָוונט". איצט איז זי אַריין אין שטוב מיט האַסטיקייט פון אַן אומגעריכטן ווינט, געוואָרפן זיך צו אַלץ מיט אויפגערעגטקייט. איר איז אַלץ איינס — האָט זי אָפגעמאַכט ביי זיך. — אַ מהומה אויף אַלעמדינגן! איר וועט עס גאָר נישט אָרן. רעכענען זיך מיט עמעצן? איר גורל גייט קיינעם נישט אָן. זי האָט אָפּט באַקעמפט אַ טרער, וואָס האָט זיך דורכגעריסן אַלע פאַרשטעלטע וועגן. ערשט האָבן טאַטע־מאַמע דערזען אַז זייער טאָכטער לעבט עפּעס איבער. אין דער פרי, פאַרן אַוועקגיין, האָט די מאַמע זייטיק איר געקיקט אין פּנים אַריין און דערשפּירט אַ שניט ביים האַרץ: אַ תל געוואָרן פון מיידל! ווי דער מאַמען וואָס זעט דאָס צו. עסטעלאַ האָט אָבער דער מוטערס פּנים נישט געזוכט, נישט געוואָלט וויסן פון דער „אַלטערס" פּיין. אַ פרעמדע זיך דורכגעשפּאַרט פאַרביי דער מאַמען וואָס איז גראָד געשטאַנען אין אין דורכגאַנג. די מאַמע האָט זיך אַ מאָל בכיוון אַוועקגעשטעלט, כדי צו קענען אַ בליק טאָן אויף דער טאָכטער. עס איז געווען דער באַגער זיך

איבערצובעטן מיט איר, הגם די מאַמע האָט נעבעך נישט געוווסט פאַר וואָס ס'מיידל האָט זיך געגומען ברוגזן. שוין וואָכן ווי עס איז חושך אין שטוב פון דעם און זי ווייס נישט, ווען דערצו וועט קומען אַ סוף. עסטעלאַ האָט עקשנותדיק זיך דערווייטערט פון דער היים און אויך אין דרויסן נישט געפונען קיין וואַרעמקייט צו וואָס זי האָט געלעכצט. דערפון האָט אַן אויפֿהער געפּיבערט איר נשמה.

פאַרלוירן זיך עסטעלאַ.

אין ביוראָ האָט מע זיך געכאַפּט אויף דער ענדערונג ביי עסטעלאַ נילער. פרוי סוסאַנאַ האָט צו מאָל געפּרוווט מיט אַ שמייכעלע, מיט אַ סתם פראַגע אונטערצוקומען דעם מיידל, העלפן איר עפּעס, דינען מיט אַ פריינדלעכער עצה. נישקשה, זי האָט מער דערפאַרונג. מ'באַדאַרף זיך נישט שעמען, מיידעלע. אגב, אַנפאַרטרויען זיך איז אויך אַ רפואה, ווען ס'קוועטשט אויפן האַרץ. נישטאָ קיין גוטע פריינד, האָט זי זיך ניילעך איינגעשמועסט. אין ערגעץ געפינסטו נישט אַזוינס. אַריין אין ביוראָ מיט אַ קאַלטן „גוט מאָרגן" און באַלד זיך צוגעזעצט צו דער אַרבעט. גאָר נישט אַזוי ווי פריער, ווען זי האָט געהאַט פון אין דער פרי אָן אַ פול מויל מיט דערציילן, מיט חלומות און אויגן מיט שמייכל. „פון ביי נאַכט אַ שרעקלעכער קאַפּווייטיק", — האָט זי פאַרביי־גייענדיק געענטפערט אויף פרוי סוסאַנאַס גוטסקייט.

— אפשר אַ פּיל, עסטעלאַ? כ'האָב שטענדיק אַ פּיל אין רעזערוו.

— אַ דאַנק. ס'עט אַריבער, — און געוויזן די פּלייצע דעם טראַכטן פון דער גוטער סוסאַנאַ, וואָס ליידט פון באַשטענדיקן אומעט ווי פון איר מיגרען, אַ ירושה פון די געטאָן־יאָרן.

דאָס אַנדערע מיידל, די ערנאַ, האָט אַפילו זיך נישט דערוואַרט קיין ענטפער פון סטעלאַן. „די איז אַן אָקס. וואָס ווייס זי, צ. מאָל ווען כ'זאָל איר אַלץ אַרויסלייגן אויפן טיש? דער טאַטע טראַכט שוין פאַר איר, די מאַמע צעקייעט איר יעדן ביסן. בלויז פון שפּע מוז זי זיך מאַטערן. זי איז פאַרזאָרגט אַפילו מיט פויגלמילך, גייט אַרבעטן מחמת לאַנגווייל. סכנות באַדאַרף זי געזעלשאַפט. מיר איז זי אָפּשטויסנדיק. יענע מיינט, זי וועט זיך אַזוי אַרום אויסמענטשלען. איר פעלט נאָר אַ קרענק — כדי צו קריגן בלומען, מ'זאָל איר ברענגען מתנות. ס'איז נישט די היים פון מאַטאַדאָראַסער קירזשנערל"

—— מיט ווידערווילן האָט זי זיך אָפּגעקערט פון דעם שטענדיק אויסגע־

צוואָגענעם, ווייל צוגעשמינקטן מיידל, וואָס חלשט עסטעלאַס אַ פרייען בליק און אַן אָנזאָג אויף אַ צייטלעכן שידוך. אַ סעניאָריטאַ מוז קומען צווישן יוגנט, געדענקט זי דער מוטערס טענה, אַ מיידל טאָר נישט זיצן הינטערן אויוון. ליבע וואַקסט נישט אויפן בוידעם, — האָט זי אַ מאָל געזאָגט אין צאָרן, ווען דער מאַן האָט איר געמוסרט, הלמאי זי פוצט די טאָכטער צו פיל, טרייבט זי זיך צו חברן מיט מיידלעך, וואָס אים שטייען זיי נית אָן. טשיקאַווע, די עסטעלאַ מוז שוין האָבן עמעצן, — האָט דאָס מיי:ל אַ קלייַר געטאָן. אַז זי וויל זיך גאָר נישט חברן מיט אירס גלייכן. זינט זי קען איר, בורטשעט די עסטעלאַ און רק זי סודעט זיך מיט דער סעניאָראַ סוסאַנאַ. אפשר גאָר וועגן איר? אַזאַ שלעכטע. רכילותטע. איר באַקומט שוין נישט די אַרבעט, ערנאַ זילבערשפּיצן. אַזוי לאַנג זיין צוזאַמען מיט אַ מענטש און געפינען נאָר פיינדשאַפט? ס'איז איר נישט ליב. און זי איז סטעלאַן נישט קיין שינאַ. פאַרקערט, שוין וויפל מאָל געפרוווט זי פאַרבעטן אַהיים, ווייזן איר פיינע זאַכן, באַקענען מיט אירע אייגענע און טאַקע גיין מיט איר אין קינאָ. מיט אַ חברטע איז היימלעכער. וואָס, זי איז דען מער יחסנטע פון ערנאַ זילבערשפּיץ? דאָך אַ פשוט מיידל, נישט קיין איבעריק רייכע. און זי, ערנאַ, גרויסט זיך דען מיט רייכקייט, מיט איר בילדונג? אויך די האָט נישט געלערנט אין פאַקולטעט — טאָ וואָס אַזאַ בלאָזן זיך סטעלאַס! זי קען עס נישט אויסהאַלטן. זי'ט אַהיימגיין און זאָגן, אַז שוין, זי גייט מער נישט אַהער. אויב די מאַמע וויל, זאָל זי איר אויסזוכן אַן אַנדער שטעלע. אַ חוצפה דאָס האָט זיך. אַזאַ שטיק מויד! פירט זיך אַרום אַוודאי מיט אַ טוץ חתנים און קיינער יוויל נישט מיט איר חתונה האָבן. ווייל זי איז אַ שלעכטע. ערנאַ וועט גיכער קריגן אַ חתן. די מאַמע זאָגט עס שטענדיק. דער טאַטע וועט איר געבן אַ נדן, אַ גרויסן נייעם דעפּאַרטאַמענט, אויך אַ קאָנסולטאָריע. געוויס, אַ דאָקטער וועט זיך אין איר פאַרליבן, אָדער אַן אַדוואָקאַט. אַ געוויינטלעכן וועט זי נישט נעמען פאַר אַ מאַן. און אַ קאָטש וועט דער פּאַפּאַ איר קויפן. געזען אַ שלעפּערקע? איר פּאַסט נישט מיט איר זיך צו חברן. און זייער שטוב, וואָס פאַר אַ מאָדערן מעבל זיי האָבן אַריינגעשטעלט, וואָס פאַר אַ פראַכטפולע זשיראַנדאָלן. אַ חוצפה דאָס האָט — ענטפערט נישט אויפן גוטמאָרגן, גייט אַוועק פאַר נאַכט און זאָגט נישט אַ זייטס מיר מוחל. וואָס, כ'בין דען נישט אַ ביוראָ־חברטע, כ'טראָג דען אַ מיאוסער קלייד פון סטעלאַן? איך בין אויך אַזאַ סעניאָריטאַ, כ'שרייב נישט ערגער אויף דער מאַשינקע. די איינע, ערנאַ זילבערשפּיץ

האָט זיך געכמורעט אויף דער אומפריינדלעכקייט פון דער חברטע און סטעלאַ האָט איר דווקא געוויזן דעם רוקן. זי האָט אימפּעטיק אַריינגעשוויגן אין דער אַרבעט.

טריב־אָנגעוואָלקנט איז אַוועק דער דאָזיקער טאָג און אויך דער אַנ־דערער פאַר עסטעלאַן דעם ביוראָ־מיידל פון דער פירמע באָלעזני און דער אָוונט איז געקומען נאָך אומהיימלעכער. ווייל אויך דער דרויסן איז איר געוואָרן שווערער איבערצוטראָגן, אָבער מאַטאַדעראָס איז שוין געווען אין גאַנצן אוממעגלעך. מאַטאַדעראָס טרייבט זי ווי אַן אומגליק. זי ווייס נישט גענוי וואָס די געגנט איז „שולדיק", זי פילט נאָר דעם אָטעם פון טרויער וואָס יענע גאַסן, יענע שטילקייט הויכן אָן אויף איר. „מאַטאַדעראָס דער־הרגעט מיך", — האָט זי אַ מאָל אַ געשריי געטאָן אין טרערן, ווען זי האָט זיך צעקלאָגט פאַרן דערשטוינטן פאָטער הלמאי ער האָט זי פאַרמשפּט אויף מאַטאַדעראָס און ער קלערט גאָר נישט זי צו באַפרייען פון אָט־דער שטראָף.

— פאַר בהמות, פאַר קי און פעל־שינדערס איז מאַטאַדעראָס אַן אָרט. איך קען נישט איביק בלייבן דאָ, — האָט זי געהעשעט. איך ווייס נישט וואָס, איך שפּיר נאָר אַז עס איז אַ קבר.

עס איז אָנגעשטאַנען אָוונט. געשלאָסן געוואָרן דאָס ביוראָ, האָט עס־טעלאַ אין געאייל זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין די ליכטיק־אָנגעשאָטנטע גאַסן, גענישטערט אין די ליכטיקייטן פון די נעאָן־שילדן, זיך דורכגעריסן צווישן די מענטשן־שטראָמען: „ס׳איז נישט שיין אַז אַ מיידל זאָל איינע אַליין סתם אַזוי גיין איבער דער שטאָט. מ׳קען מיינען — —" זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ קאָנדיטאָריי, אַריין קויפן אַ בולקעלע און מיטן קליינעם פּעקעלע האָט זי זיך פאַרנומען אין אַ קינאָ אַריין. אַזוי פּטרן אָן אויפדערנאַכט איז בעסער ווי זייסן זיך די נערוון אין יענער קאַמער, האָט עסטעלאַ געשמועסט מיט זיך. פאַוואָליע פאַרלאַנגזאַמט דעם שריט. זי האָט געזוכט זיך צו טרייסטן פאַר איר פאַרלאָזנקייט, פאַרן הונגער וואָס זי האָט היינטיש אָפּגעיאָגט מיט אַ ביסן וואָס געכאַפּט אויף דער גיך. אַריינגעלאָזן זיך אין דער טונקלקייט פונעם קינאָ־פאַרנאַכט און גענומען זיך היטן אַז באַקאַנטע זאָלן זי נישט זען. ווינקל־דיקע פלעצער פלעגט עסטעלאַ אויסקויפן פאַר די אָוונטיקע סעאַנסן און אין שפּעטער שעה זיך אַהיימקלייבן קיין מאַטאַדעראָס.

ערשט דערקענט זי אויף וואָס אַ מענטש קען אויסגעשטעלט ווערן. זי וואָלט עס דען געגלייבט, אויב זי זאָל אַליין נישט געפּרווט ווערן? צו האָבן

אַ היים און באמת זיין ווי אַ הונט אין פאַרביילו״ף. אַ בּענטש מוז דאָך האָבן אַן אייגן ברעט פּאַר זיין געביין. קריגן אַ היים איז שווער. זי זעט עס שוין. מ׳קען האָבן אַ טאַטע, אַ מאַמע און דאָך זיין אַ... חל״לה, זי וואָלט נישט גע־וואָלט בלייבן אַ יתומה! ווייזט אויס, אַז נישט יעדער איז זוכה צום וואָרן גליק פון אַן אמתער היים. מיט אומעט האָט עסטעלאַ געקוקט אויף איר מעמד און ערנסט זיך באַדויערט. „מ׳קען נישט זיין שטאַרקער פון אייגענעם גורל״ — אָנגעקומען לסוף אין דער איינגעשלעפּערטער היים האָט זי אַ מידע שטילערהייט זיך אַריינגעלאָזן אין דער לעבלעכער פּיגצטערניש, וואָס איז געווען פול אָנגעפּליוכעט איבער דער שטוב און האָט טיף געשורשעט ווי אַ קוואַל־ברונעם.

די היים וואָס האָט איר געוואָלט ווערן נאָענט, בּעענטער, האָט עסטעלאַן אָפּגעשטויסן מיט אומבאַגרייפלעכן אומווילן. זי האָט עס רעכט באַנומען ערשט אַצינד.

קאַפּיטל ניינצן

עס געשעען טרויעריקע טראַפּן

דאָס מיידל האָט נישט געגעסן, איז שלעכט געשלאָפן און די טעג צווישן די ביוראָ־מענטשן זענען איר געוואָרן ענג. „מ׳קוקט מיר נאָך, מ׳נעמט נקמה אין איר!” — איז איר געקראָכן אין קאָפּ אַריין. עסטעלאַ האָט שלעכט אויסגעזען, זי איז געוואָרן שוואַך אויף די פיס. די מאַמע האָט זיך אויפגעגעסן פון צרות. „וואָס געשעט מיט איר קינד? חלילה אויסטערלישס, דאַרף מען אפשר באַצייטנס פאַרכאַפּן! ס׳זאָל אַזוי נישט געשען, ווי ס׳האָט שוין געטראָפן צווישן לייטן. זי זאָל עס נישט דערלעבן, בערטע” — — כלערליי דמיונות האָבן זיך געסטראָיעט ביי איר אין מוח און די ברוסט האָט זיך געוואָרפן אין איר טויזנט מאָל אין טאָג. און די טעג האָבן זיך געשלעפּט ווי די פוילע אייזלען אַרויף־באַרג. דער קאָפּ איז איר צעזעצט געוואָרן: זי זאָל נאָר נישט עפּעס פאַרשפּעטיקן! מעגלעך אַז אַ יונג האָט זי ערגעץ באַטראַפּלט, איר דעם מוח פאַרדרייט. סך־הכל איז דאָס נאָך אַ ציגעלע, יוייס נישט ווו איין, ווו אויס. ביי נאַיווע מיידלעך געשעען טרויעריקע טראַפּן. געביפּטע פּאַלן דען נישט אַריין? ס׳קומט די צייט, ווערט עס געפּערלעך. זי מוז עס פאַרכאַפּן, אויב ס׳איז געשען. זי וועט זיך נישט רעכענען מיט כבוד. עס איז איר לעבן. מער ווי דאָס איינע שטיקל קינד האָט זי נישט. נאָר נישט צו פיל איינשטעלן!

די פרוי איז דערציטערט געוואָרן ווען איר איז געקומען אויפן זינען דאָס אויסטערלישסטע. זי האָט זיך נאָר געקווענקלט: פרעגן עסטעלאַן, צי אָפּוואַרטן? חלילה, זי טאָר נישט. זי וועט צושטיין צו איר, פרעגן אָפן — ווער איז דאָס, ווען איז׳ס געשען? זי טאָר נישט דערלאָזן אַזאַ שאַנדע!

די מאַמע האָט נישט גערוט. זי האָט זיך אַנטשלאָסן איבערצורייסן דעם ברוגז. עס איז געווען אַ שפּעטע אָוונט־שעה. די גאַנצע שטוב האָט שוין גע־

טשאַטעוועט אויף דעם, פאַרטייעט זיך. אויך דער פאָטער האָט זיך נישט געלייגט שלאָפן; ער האָט נישט געהאַט קיין כוח צו ליגן רויִק אין אָנגעפּינצטערטן שלאָפצימער און ער איז נישט געווען גענוג שטאַרק צו זיצן אויף אַן אָרט און נישט צעשרייען זיך — שרייען אויף זיך, אויפן ווייב, אויף דער טאָכטער, הלמאי זי האָט דערלאָזט אַזוי זייט, הלמאי זי האָט געקענט פעלשן אין אים. ער איז געווען כמעט זיכער אַז עפּעס אומהיימלעכס איז אָפּגעטאָן געוואָרן קעגן אים. זי, זיין טאָכטער. אַזאַ סמאַרק, ווי האָט זי זיך דערוועגט! ער וועט צעפּאַסעווען איר לייב. זי, נאָר זי איז שולדיק, וואָרן אויב מ'איז ריין, מ'פילט די ריינקייט אין זיך, וועט מען אויסמיידן אַלע אומציכטיקע ערטער, מ'ציטערט פאַר אַ שפּריץ בלאָטע. יאָ, זי איז עס שולדיק אַנטקעגן דער ליבשאַפט וואָס ער האָט במשך אַלע יאָרן אויפגעהאָדעוועט פאַר איר. דאָן לעאָנאַרדאָ איז נישט געווען בכוח זיך צו צאַמען. ער האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעריסן פון שטוב, ווו די לאָמפּ האָט פינצטער געמרוזשעט; אויך זי האָט זיך אָנדערציילט פון דעם צער וואָס האָט אָנגעצייטיקט אונטער דער שיין פון דעם אָקערשט אויסגעקלאָרטן באַוווּסטזיין, אַז עס איז געשען דאָס ערגסטע.

מיט געשטרויכלטע טריט האָט לעאָנאַרדאָ זיך געשלייכט איבער די איינגעגליווערטע טונקעלע געסלעך פון מאַטאַדעראָס; אין מוח האָט געשטורעמט, די ברוסט האָט געשרומפּן און אויסגעצויגן האָט זיך דער גליִקער וויי: עסטעלאַן, דאָס איינציקע שטיקל קינד האָט ער פאַרלוירן. לעאָן געוועלטיקט נישט מער איבער דעם כוח וואָס זאָל זיין אין שטאַנד זי צוריק צו ברענגען אַהיים. וואָס טוט ער! וואָס ער זאָגט איז עס נישט דאָס וואָס איז נושא־חן ביי איר. זיין האַרץ איז צעבראָכן. שאָטנס האָט זי געלאָזן פון טאַטע־מאַמע. אַן אייגן קינד! מיט אַזאַ געטריישאַפט אַלץ נאָכגעגעבן עסטעלאַן און זי ווידערשפּעניקט אין זיי. וואָס טאַטע־מאַמע זאָגן, איז אַרויסגעוואָרפן ווי אויפן ווינט. קוק, לעאָן, וואָס פון דיר איז געוואָרן. דו פון איין זייט און — זי, געערטע, פון דער אַנדערער זייט. די מאַמע זיצט אַ צונויפגעהויקערטע, אַ צעפלאָשעטע פון שרעק און ווייס נישט צי זי וואַרט אויף עפּעס, צי זי באַדאַרף עפּעס טאָן אַז דאָס ליכט זאָל נישט אַזוי דורכדרינגענדיק קוקן אויף איר און פייניקן מיט הוריות. פונקט אַצינד טראָגט עס אים אַרויס! — גיט איר אַ ברי. גראָד אַצינד איז זי אַליין אין הויז און ער, לעאָן, ערגעץ ביי אַל די טייוול — —

טאַקע: צעווייטיקטע האָבןביידע זיך פאַרגעסן, הלמאי זיי לייגן זיך נישט אין די בעטן אַריין, למאי עס טרייבט זיי צו וואַכן איבער דער פאַר־טייעטער נאַכט. פון מאָל צו מאָל האָט זיך ביי טאַטע־מאַמען דערוועקט דער געדאַנק: ע ס ט ע ל אַ , און אין ברוסט האָט אַ שטאָך געטאָן — זי איז נאָך נישטאָ! שוין אַזוי שפּעט. עסטעלאַ וואַלגערט זיך ווער ווייסט וווּ! וויפל איז דער זייגער? צי שוין ווייט אַוועק אין דער נאַכט אַריין איז זייער עלנט וואַרטן, האָבן טאַטע־מאַמע נישט גערעכנט. געשפּאַנט אויף דער לויערנ־דיקער פינצטערניש האָבן סיי ער, סיי זי אַרויסגעקוקט אויף די דערנעענ־טערנדיקע טריט דער טאָכטערס: „קומט זי שוין?"

פון צייט צו צייט האָט לעאָנאַרדאָ זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן נערוועזן נאַכטישן שפּאַנען איבערן טראָטואַר און אויסגענייגט זיין געהער: „זי גייט?" אָבער עסטעלאַ האָט אַלץ זיך נישט געלאָזט הערן; לאַנג האָט דער טאַטע זיך געהאַלטן ווייט פון זיין הייזקע און איטלעך מאָל אָנגעשטרענגט דעם בליק צי ס'האָט זיך שוין אָנגעצונדן דער פלאַם אין דער פראָנטאָווער שטוב, צי ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן. בערטע וועט אַצינד אויסברעכן מיט איר פאַרביטערט האַרץ. זי מוז! אין מוח האָט געפּיקט דעם ווייבס זאָג: „לעאָן, מער וועל איך נישט שווייגן. איך טאָר נישט!" אין דער גאַסיקער פייכטקייט האָט ער געאָטעמט פון דער מוטערס אַ שפּיציקן נאַכטישן געשריי וואָס אָט־אָט קייקלט עס זיך אָן:

— „עסטעלאַאַאַ, דער־באַאַאַאַ־אַאַרעעם זי־יייך! עסטעלאַאַאַ, רײַ־יייידו!".

ווי אַ קלין האָט דער אינערלעך־צעהילכטער געשריי זיך אַריינגע־שטאָכן אין זיין מאַרך און לעאָן האָט דערשפּירט ווי אַ רונצל גראָבט זיך אַריין אין אים. די נאַכט האָט אים אָפּגעגאָסן, אָנגעגניכטערט; דערנאָך איז ער צוריקגעקומען צו דער פאַרזונקענער דערמאָנונג: עסטעלאַ. זי איז נישט מער אייגן. אָפּגעריסן זיך. ר'קוקט אַרויס אויף איר און ער טאָר זי נישט זען. ער גענאַרט די מענטשן; אין טרויער ענטפּערט ער זיי פריידיק אויף זייערע פראַגעס: „נו, און אייער טעכטערל, לעאָנאַרדאָ? שוין אַ גאַנצע סע־ניאָריטאַ, העי? ס'נחת וואַקסט. ס'עט באַלד נישט זיין צוצוגיין צו ענק אָן אַ שטעקן, היהי" — — זיי מיינען, ער האַלט זיך גאָר אין גרויסן מיטן מיידל, באשר זי שניידט זיך אַריינצוקריכן אין די הויכע פענצטער. וואָ'דען, אַ שידוך קען גרונטאָוונע ענדערן אַ שטוב. אָבער, וויי. ער האָט שלעכט גע־דאַוונט, לעאָנאַרדאָ. אויך ער האָט אַזוי געמיינט. זאָגן דעם ראַכטיקן אמת? זי

האָט געוואָרפֿן דעם טאַטנס האַרץ פֿאַר די משוגענע הינט: פּרעסטס, צעגרישעטס דעם הפקרן ביין פֿון דעם אַלטנס ליבשאַפֿט. דעם טאַטן באַדאַרף זי נישט מער און דער טאַטע, דער אידיאָט, איז נאָך אַלץ צוגעקניפּט צו איר. אָ, ער קען זי נאָך דערהרגענען פֿאַרן ווייטיק וואָס זי האָט אים אָפּגעטאָן. ער וועט זיך צעוויינען פֿאַר איר, אָבער ניין. זאָל זי נישט זען ווי דער טאַטע לאָזט זיך אַראָפּ. און צוריקגעשמועסט: ער קען דען צוקוקן ווי מ'רייסט שטיקער פֿון איר לייב? זיכער, מ'עט רייסן פֿון אירע געדערעם. די מאַמע אַליין וועט עס מוזן טאָן. אַ ממזר אָנגעפּלאָדיעט און עס נאָך ברענגען פֿאַר מענטשנס אויגן? אַנדערש טאָר זי נישט, בערטע! אויך וואָס זיי האָבן דערלעבט. ס'אַ בלאָטער וואָס נאָר די מאַמע מוז אויסשניידן אין דער שטיל, אַליין זיך שטיקן מיט אים, אַנישט וועט ס'פּנים ברענען אַ גאַנץ לעבן. שאַנדע איז די וויסטסטע נויט אויף וואָס דער מענטש איז פֿאַרשאָלטן געוואָרן. לעאָן מילער איז אַן אָרעמאַן, ער איז אָבער נישט קיין שלעפּער אַז ס'זאָל אים נישט אַרן וואָס לייט זאָגן וועגן זיין קינד. זיין טאָכטער איז אַוועק א ו י ף אַ ז אַ ו ו ע ג !

— בערטע, בעעערטע! דערבאַרעם זיך, בעעער־רררטעעע! — —

אין אים האָט ווי אַ שריפֿה זיך צעבושעוועט פֿלוצלינגער צאָרן.

דעם טאַטן האָט צוזאַמענגעבראָכן דאָס בילד וואָס האָט אין אים אויפֿגעפֿלאַמט מיט אַ ברענונג: איינע אַליין שטייט די מאַמע אין דער וויספּערנדיקער אַרומרינגלונג פֿון דער געהיימענישפֿולער נאַכט און זי רייסט אַרויס לעבעדיקע שטיקער פֿון דעם אָנגעמיסטיקטן אינגעווייד. ס'מיין טאָכטער, דיין טאָאָאָכ־טער, בעע־עערטע! מיאוס בלוט. בלוּ־וּוט פֿאַרמיסטיקטס!
— עס האָט גערעוועט אין דעם מענטשן און ס'האָט געשפּאַרט אויף זיין האַרץ אַ מוראדיקע קלעמעניש. בלוט פֿינצטערט, בלוט כּלישניעט אין זיין אָנגעצויגענעם געהער, פֿלעקנווייז טוקט עס זיך אין חלל, עס רינט און פּאַטשקעט זיך איבער דער גאַנצער ברייטער פֿלאַך פּונעם ליילעך; בלוט טריפֿט איבער דער מאַמעס הענט און אירע אויגן שווילן פֿון אומאויפֿהערלעכן אַריינוויינען אין זיך: גוואַלד, גוואַאַאַלד וועט זי שרייען!

מיט אַ מאָל זיך געכאַפּט אויפֿן קרעכצנדיקן געשריי וואָס האָט זיך אַרויסגעשטויסן פֿון אים און ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן ווי פֿון אַ רציחהדיקן זעץ איבערן רוקנביין. ווייטיק האָט פֿאַרהאַרבט זיינע אויגן און אַרום פּויזעט שאַרסטקע טונקלקייט; לעאָן האָט אויפֿגעריסן די שווער געוואָרענע

ווי:עס. פונעם פענצטער, יאָ, ס'איז פון זיין שטוב — ערשט דערזעט ער עס קלאָר — איז אַנטקעגן געפלאַסן בלייכע לאָמפּנשיין.

— זי איז שוין דאָ, — האָט עס ווי אַ וואַטערגאַנג אונטערערדיש אַרויסגעמורמלט פון אים און ער האָט זיך נישט דערוועגט צוצושפּאַנען צו דער אויפגעוואַכטער שויב.

אָ, בערטע שטייט גאָר מיט איר! ר'האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיצפֿינגער צו קוקן אַהין, כאָטש ער האָט גאָר נישט געקענט זען פון אַזאַ ווייט. די מאַמע רעדט מיט דער טאָכטער, — האָט ער דערשטוינט און צעווייטיקט אין דער זעלביקער צייט מודיע געווען לעצנען (דעם אַנדערן אין זיך) אין דעם מטושטשן באַגער פאַר אַליין־באַרו:קונג. — זי שמועסט זיך אַזוי געלאָסן. אוי, און זי קען זיך איינהאַלטן פון אַזאַ אויפגעשוואָלענעם פּיין? — גיט דער מענטש זיך אַ האַסטיקן וועק אויף צו די יסורים, אַנטדרימלטע אויף אַ וויילע, און עס ליאַרעמט פון אים טויב:

— זי דראַפּעט נישט אויס די אויגן דעם אייכוואָרפלינג פאַר די הרפּות וואָס זי ברענגט אויף טאַטע־מאַמען?!

אויפן פּאָטער האָט קאָנוולסיוו אַ שפּאַר געטאָן אַ קאָרטש. דאָס האָט פאַרשפּיצט זיינע הענט־קנאָכן, אַרויסגעזעצט די אויגן און ס'האָבן שטום געריטשעט זיינע צונויפגעביילטע פויסטן:

— חצופה! אויסוואָרף! ווי אַזוי האָסטו זיך דערוועגט, דו, דו! — און די ווייסלעכער, האָט ער געשפּירט, בר:ען אים, זיינע אייגענע אויגן וועלן אים אונטערצינדן. — וועסט נאָך לייקענען, שטיק פּאַסקוד! האָסט אָנגעבלאָטיקט די שויבן. וואָס די מאַמע האָט יאָרן־לאַנג געפּוצט און געריי:יקט — אַז זיי זאָלן לייכטן? מאַך אויף דעם פּיסק, שוויי־יי־ייגסט?! האָסט זיך דערשלאָגן צום כוח צו שפּייען אויפן ברויט וואָס דיין טאַטע האָט שווער און ביטער אויסגעהאָרעוועט פאַר דיר, געראָטענע טאָכטער.

אַ קאַלטער שווייס האָט צעגריזשעט דאָן לעצנאַ־דאָס לייב. ר'האָט זיך אומגעריכט אַ קניפּ געגעבן: שווייג, נאַר!

אים דאַכט זיך: ער האָט טאַקע אַ געשריי געטאָן. וואָס טוט זיך מיט דיר, לעאָן? ער האָט געמאַכט אַן אָנשטרענג אַ לויף צו טאָן און אַריינוואַרפן זיך אין דער אָנגעיאָזשעטער שטילקייט פון שטוב ווו די מאַמע פאַרשווייגט די מהומה וואָס ברענט אין איר און עס פאַרברענט זייער לייב און לעבן.

— אַ טאָכטער איז דאָס? אַ טאַאַאַכ־טעעער? — פּרוווט ער רעדן אויף

אַן אמת — גיי־יי, כ׳וויל דיך מער נישט זען. אַ שונא איז דאָס, אַ שו־ר־ו־נא!

זידנדיקער צאָרן האָט געליאַרעמט אין לעאָנס געהער און ער האָט זיך מיט אַ מאָל דערשראָקן צו שטיין אַליין אויג אויף אויג מיט דער פּויזנדי־קער, סיקנדיקער נאַכט.

*

...דער סוף איז געווען, אַז די מאַמע האָט זיך מאָדנע פאַרשעמט פאַר דער רוגזה, וואָס זי האָט געגרייט אויסצוגיסן אויף דער טאַכטער „וואָס צאַפּט איר ס׳בלוט״. ווייל דאָס מיידל איז זיך אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַ שטילע, אַ צוריקגעצויגענע, געהיפּט אויף די שפּיצן פון די ווייכע לעטשלעך, כדי נישט איבערצוּוועקן די היימישע.

באַגעגנט די מאַמע אַן אָנגעטשאַטעוועטע אין דער שפּעטער נאַכט־שעה, האָט די אינערלעך־אויסגעמאַרעטע עסטעלאַ זיך דערשראָקן („חלילה נישט עפּעס אויסטערלישס?״ — האָט עס אין איר אַ גלושע געטאָן) און זי איז אַרויפגעפאַלן אויף דער מוטערס האַלדז, געבומען העשען:

— וואָס שלאָפסטו נישט, מאַמע? ס׳שוין אַזוי שפּעט! דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר אָפּגעריסן, אַז כ׳האָב דערזען נאָך אַ פלעמל בלישטשען אין שטוב. זאָג, זאָג, מאַמעלע, — האָט זי איר געגלעט איבער די האָר. — חלילה נישט עפּעס געשען? — קוקט ס׳מיידל איר אין די אויגן אַריין מיט זאָרג — ווי איז מיטן טאַטן, איז ער געזונט?

די טאָכטער האָט זיך אומרויק אַרומגעקוקט.

„ווי אויסגעוואַקסן זי איז אָנעהאַרע!״ — האָט די מאַמע באותה הרגע אַ טראַכט געטאָן וועגן עסטעלאַן, געוואָלט איר זאָגן דערפון, כדי כאָטש אויף אַ רגע אָפּצוטרייבן פון קינד דעם אומעט, וואָס די אָרעמקייט האָט אויף איר אָנגעפלאָגט. אָ־אָאָ, נישט געטראָפן מיטן טאַטן, אַנדערע מיידלעך לעבן אין ווילטאָג. אָבער געזאָגט האָט די מאַמע דאָס וואָס איז שטענדיק צודרינגלעך צו איר געדאַנק:

— מיין טאָכטער, טאָכטער. מענטשן פרעגן מיך אויף דיר, און איך ווייס נישט פון מיינע הענט און פיס. אַ טאָכטער! געניִמען זיך ברעקן מיט דער היים. ווייל וואָס דו דערמאָנסט זיך אַז דו האָסט אַ טאַטע, אַ מאַמע; גוט, דו פרעגסט זיך אַ מאָל אויף די לייבלעכע. מיר גייען איין פון טראַכטן.

מיר ווייסן נישט וואָס ס'איז מיט דיר. פּלוצטאָלבן אויפגעכאַפּט זיך און אַוועק פון דער היים. נעכטיקט איבער און לויפט טאָגן צווישן הימל און ערד, אַבי נישט זען די אַלטע לייט. פאַלשע, העי? פאַרזינדיקט זיך קעגן דיר, ס'וואָר? — ברומט שווער, טרויעריק דאָס קול וואָס נייגט זיך צו עסטעלאַן. — אין דער פרעמד איז בעסער, ליבער — —

— רעד נישט, מאַמע. לאָז, לאָז, — און באַשיימפּערלעך זיך צוזאַמענגעבראָכן אין דורכויסיקער חרטה אויף אַלץ, וואָס איר יוגנט־ברען האָט אָנגעחורבנט אין טאַטע־מאַמעס הערצער: דער מוטערס געקלאָג שניידט זיך אַריין ווי אַ סקריפּעדיק ראָד אין איר געמיט, — גלייב, כ'האָב מיר מיין קרענקעניש.

— ווי די אויערן וואָס הערן אַזוינס, — האָט בערטע אַ קרעכץ געטאָן.

די מאַמע האָט זיך סוף־כל־סוף איינגעהאַלטן פון ווייטערדיקע טענות. אַ שטאַרק געוויין האָט געקווילט אין איר ברוסט. זי האָט געשלונגען טרערן, די רייד אַרויסגעברענגט מיט אָנשטרענג. דעם מיידל'ס העשעדיקע שוויגן איז איר געווען דער גרויסער ענטפער אויף דער ביטערער טענה, וואָס אַרויסגעבראַכט. עסטעלאַ האָט פון דעסטוועגן נישט געקענט אויסבאַהאַלטן איר צוגעבונדנקייט צו דער היים, די גאָרע צוגעבונדנקייט צו די „אַלטע", כאָטש זי קען נישט הויזן מיט זיי. פּלוצלינג האָבן זיי איר אויסגעפּעלט. אויף אירע באַקן האָט די מאַמע דערווישט מיידלשן געוויין. „קענטיק, די נשמה איז איר שוין צעטייעט". בערטע האָט באַלד מוחל געווען דער מאָכטער פאַר אַלץ וואָס זי האָט געקענט טראַכטן פון איר און אויבנאויפיק זיך באַרויקט. אַ ניגון פון חרטה האָט די מאַמע פאַרנומען פון דעם מיידלס צוריקגעהאַלטענעם כליפּען און די מאַמעשע בר'וסט האָט זיך דערנאָך רעכט איינגעשטילט; ווי עס וואָלטן מיט אַ מאָל אויסגערונען אַלע תרעומות און אומגעפּרעגט האָט זי זיך געוואָרפן גרייטן פאַר עסטעלאַן עפּעס אין מויל אַריין. „ס'האַרץ איז דיר פאַרחלשט", — האָט זי געזאָגט. דאָס מיידל האָט ג־נציק געקוקט אויף דער מוטער, געפּרוווט זי אָפּהאַלטן דערפון:

— מ'דאַרף נישט, מאַמע.

— שאַדט נישט, אסתרניו. אַ מינוט צוויי און וועסט איבערכאַפּן, — האָט בערטע געמורמלט, געשטעלט שטילע טריט אויף נישט איבערצושרעקן די נאַכט.

דאָס מיידל האָט זיך מער נישט געווערט קעגן דער מאַמעס גוטסקייט.

אדרבא, זי פילט גרויסע דאַנקשאַפט פאַרן ווידערקערן איר דאָס ליבלעכע, וואָס איר איז עפּעס אומגעריכט צוגערויבט געוואָרן.

*

אין צערודערונג איז אַוועק דאָס נייע טראַכטן: אַ קינד איז אי אַ פרייד, אי אַ כוואַליע פון פּיינען וואָס די מאַמע מוז אויך מקבל־באַהבה זיין. וואָס טוט זי אַצינד? דערווייל איז נאַכט און רו איז אַ מוז.

עס הייבט זיך נישט אָן: אויך די היינטיקע נאַכט וועט ברענען איר לייב. זי זעט עס שוין. לעאָן וועט דען נישט מאַטערן מיט פראַגעס, מיט זיינע ספיקות?

„ביסטו זיכער, בערטע! קענסטו גלייבן אַזוי אויפן וואָרט, בעת זי, ז י אַ ל יי ן איז פאַרקראָכן אין בלאָטע אַריין? זי שרעקט זיך פאַר דעם וואָס זי באַהאַלט אויס. ס׳איז דערווייל, בערטע! זעסט נישט, וואָס פאַר אַ פּנים דאָס האָט זיך אָנגעטאָן! לערנסטו גאָר נישט פון דעם וואָס ז י זוכט שוין זיך צוצוטוליען צו דיר. ביסט דאָך אַ שלעכטע מאַמע, אַ קאַלטע „וויע־כאַ״. מיט אַ מאָל ווערט מע ווייך, אויב מ׳איז אַזוי פּעסט ביי זיך, אַז טאַטע־מאַמע זענען ביטער־גאַל? בערטע, בערטע, כ׳האָב מורא אַז שרעקלעכס באַ־האַלט זיך אויס הינטער אונדז!״

אַ געוויטער פון רעגונגען האָט זיך אויפגעהויבן אין דער פרוי און איר אומרו האָט באַגלייט עסטעלאַס וואַכע אָטעמען אין נאָענטן צימער. זי האָט עס דייטלעך געהערט. דעם מיידל איז ענג די וועלט! מ׳קען זי מער נישט פירן ביי דער האַנט. מ׳באַדאַרף וועלן זי פאַרשטיין. מיטן יונגן מענטש פירט בעיקר דאָס געפיל, דער שכל איז נאָך געגנג שיטער. אַ, אַאַ, ביי מיידלעך איז עס סכנה ווי בראַנדפייער. מיטן געהער און מיט דער גאַרער שפּירעוודיקייט האָט די מאַמע פאַרנומען אַז די טאָכטער האָט זיך געראַנגלט מיטן אומשלאָף. „אַזאַ׳ס און ביי דעם ווערט נעבעך שוין צעזעצט דער מוח״, — האָבן ביי בערטען זיך באַוועגט די ליפּן. ס׳איז וויל דער וועג פון טאַטע־מאַמע צום קינד איז זייער, זייער ווייט. אָן ספק, די מאַמע איז נישט ווינציק שולדיק. די פרוי האָט דערשפּירט דעם וואָרעם פון חרטה אַנטקעגן דער טאָכטער וואָס איז ווי אַ זונענמאָרגן אויסגעוואַקסן אין אירע אויגן. סוף כל סוף איז מיין קינד געראָטן. כ׳זאָל גאָר נישט זיין אַזוי זינדיק אַז ס׳קינד

זאָל דאַרפֿן קלאָגן אַז די מאַמע איז דער חייב אין איר צעשטערטן מזל. ס׳דאַך נישט מער ווי אַ יונגביימל וואָס מ׳מוז צוהיטן, זיך צוהערן ווי ס׳וואַקסט, דערזען אַז די וואָרצלען זענען דאָרשטיק. היינטיקע צייטן דאַרף אַ מאַמע זיין דער טאָכטער אַ שוועסטער, אַ פֿריינדינע, צו קענען פֿאַר איר אויסדערציילן וואָס אויפֿן דנאָ פֿון דער נשמה. אופֿפֿ, ווי מ׳קען זיך טועה זיין און טאַקע אויך נישט טרעפֿן! בערטע האָט אומגעדולדיק געוואַרט אויפֿן נאָך. „געגנומען און זיך אַרויסגעכאַפּט, דער קלוגער טאַטע. ווו איז ער נעלם געוואָרן? אַ מענטש דערגייט זיך אַליין די יאָרן און ער פֿאַרפֿייניקט מיך. כ׳קען שווערן אַז ער וועט עסטעלאַן איבערבעטן, הלמאי ר׳האָט פֿון איר געטראַכט נישט גוטס. אַן ערלעכס איז אונדזער קינד, אלא אַן איינציקס, אַן עלנטס צווישן טאַטע־מאַמע, אַ קאַפּריזנע און אַ געקוועלטס. זי זעט דען נישט אַנדערע מיידלעך אירס גלייכן? — — אָט גייט ער״ — האָט זי אָנגעשפּיצט איר געהער. אין אמתן האָט לעאָן נאָך אַלץ געלויערט הינטער די ווענט. ער האָט אַליין נישט באַנומען למאי ער שטייט נאָך אין דער אומהיימלעכקייט פֿון דער סומנער נאַכט, די געדאַנקען סווישטשען און ער רירט זיך נישט אַהיים.

„נו, ער׳ט צוואַרטן ביז זי וועט אַנטשלאָפֿן ווערן און זאָל שוין איינשלאָפֿן די אַרומיקע סודותדיקע זידעניש. אַלע ווייסן שוין אַז עפּעס נישט גלייכס איז געשען אין לעאָנאַרדאָ מילערס שטוב. זיין איינאיינציקס איז אַ שטילס און וואַסערלעך גראָבן טיף, דערגייען צו דאַרעניש אָדער פֿון זיי שטעלן זיך... זומפּן — — מענטשן טראַכטן אַריין אין יענעמס עסקים. דערפֿאַר זיין קלעמעניש. לייטנס מיילער זענען געפּערלעכער פֿון פּעטש. זיכער, ער׳ט דערגיין די מיסטעריע עסטעלאַ. מיט אַ מאָל געוואָרן אַ מענטש. גלאַט איז עס נישט מיט דער סעניאָריטאַ מילער. וועדליק זיין שכל איז עס נישט אַן אַ פֿאַרוואָס, וואָס זי האָט זיך אין מיטן דערינען דערוויטערט פֿון טאַטע־מאַמע, אַן וועלכע זי האָט זיך נישט גערירט איבער דער שוועל אַריבער. מיט אַ מאָל געוואָרן אָפּגעפֿרעמדט. ער האָט איר שלעכטס געטאָן, די מאַמע האָט גערעדט בייזס? און ווען אַפֿילו יאָ! — — אַריינגעשלייכט זיך, פֿאַרבאָרגן זיך פֿאַרן טאַטן, ווייל נישט וויסן פֿון אים, אַלץ דערפֿאַר ווייל ער האָט זיך אַן אויג אַרויסגענומען פֿאַר דער טאַניע!״

לעאָן האָט זיך צעביסן די ליפּן: „וואָס זיי איז צוהאַנדן געקומען!״

ששש. בערטע האָט זיך שטילענקע צוגעשאַרט צו דער דרויסן־טיר.

זי צעעפּנט. אַ פּייכטן קאַפּ האָט דער וואָלקן, וואָס רוקט זיך אַראָפּ פון הימל.

מ׳זעט אים נישט, פאַרקראָכן זיך ערגעץ! אין אמתן האָט לעאָן זיך צוריקגעצויגן אין דער געדיכטער טונקלקייט אַריין — זאָל מען אים נישט דערזען. ביימער האָבן געראַשט, שאָטנס האָבן געפּויזעט, זיך געשושקעט דעם סוד פון דאָן לעאָנאַרדאָס עגמת־נפש. לעאָנאַרדאָ האָט אַלץ געמיינט אַז די מאַמע זיצט נאָך אין נאַכטישן שמועס מיט דער טאַטער. ס׳איז דאָס לאַנגע געשמועסעכץ פון דעם וואָס דריקט אויף דער גשמה: „שאַדט נישט, עסטעלאַ. וואָס געשען איז פאַרפאַלן, אָבער מ׳מוז אַרויס דערפון. איך בין דיין מאַמע, מיר זאָג אַלץ. באַהאַלט נישט אויס, סטעלעשי. אַ פרוי פאַר אַ פרוי מעג זיך אָנפאַרטרויען”.

— איז עס מעגלעך אַז זיין טאַטער זאָל — „אַזוינס?” נייך, ער וועט זיך אַליין צעשניידן אויף פּאַסן, אויב אַזוינס האָט געקענט אים טרעפן! נישט זיין קינד וועט זיין פּעקל אויף אַזעלכעס. שוויַג, רכילותניק. איך וועל דיר איינהאַקן ס׳פּיסק, שטיק למך! — האָט ער זיך פּלוצלינג אָנגעשריגן. — זאָלסט מער זיך נישט דערוועגן דערפון צו טראַכטן אַפילו. דיין טראַכטן איז דער ליאַרעם פון די פּלוידערערס וואָס זייערע רייד זענען ווי דאָס מיסט פון דעם דרעש־שייער. איך וויל עס נישט הערן, איך וויל נישט וויסן דערפון — —

דעם מענטש האָט עס אין דער פינצטער משוגע באַוועגט אונטער די שטויסן פון דעם מין קלערן און איטלעך מאָל האָט ער זיך אויסגעדרייט צום אָנגעצונדענעם פענצטער. לעאָן האָט נישט געוווּסט אַז דער נאַכטישער בלישטש וואָרט אָקערשט נאָר אויף אים. ערשט ווען בערטע האָט פאַרלאָשן די לאָמפּ, זיך פאַרהאַלטן אין טונקלעניש פון זשוזשנדיקן חלל, האָט דער מאַן זיך שטיל אַ צי אַריין געטאָן אין הויז און מיט אויסגעשטרעקטע הענט, אין נאַכט־בלינדקייט, געזוכט זיין געלעגער.

— בערטעשי?

— שש!

— עפּעס געזאָגט? — האָט ער אַריינגעשושקעט אין ווייבס אויער, אומבאַהאָלפן געזוכט פאַר זיך אָנשפּאַר אין האַרעכץ פון איר אומרויקן קאָפּ.

— שטי־יל. אַל דאָס גיטס. ס׳אַ טייער קינד.

— צעקראָכענע מאַמע! זי׳ט דיך שוין אונטערגעקויפט? — האָט ער

געציִשעט — וואָס איז מיט איר? וואָס שלאָגדערט זי זיך אַרום? די היים האָט זי פּאַר אַ כּפּרה, הע? —

לעאָן האָט זיך שוין נישט קאָנטראָלירט, נישט געוואָלט וויסן, צי כּטעלאַ, וואָס איז פאַרקראָכן ערגעץ אין דער פינצטערניש אַריין, הערט וואָס דער טאַטע רעדט. ער האָט זיך מער נישט געהיטן. דער מענטש האָט געברענט פון נייער אומגעדולדיקייט, כאָטש דאָס קול האָט אים געשטיקט.

— שלאָף, שלאָף, זאָג איך דיר! — איז זי געוואָרן ענערגיש — מאָרגן וועסטו זיך דערוויסן אַלץ. אין דער פרי, הערסט?

אַ בייזער האָט לעאָן זיך אָפּגעקערט פון ווייב:

„יד־אחת געמאַכט די ווייבער — אַ שמאַטע ווילן זיי פון אים מאַכן״, — האָט עס אין אים געזאָטן. — „נאָר סודות האָבן זיי הינטער מיינע פּלייצעס!״

די פינצטערניש האָט זיך אויסגעצויגן איבער דער שטוב און באַקומען אַ שיטער פּנים. מיט אַ גרינלעכן הימלשטריף האָט די נאַכט אַריינגעקוקט דורך אַ לאָדן־שפּאַרע.

קאַפּיטל צוואַנציק

די מאַמע האָט אַ ברייט פּאַרטעך

עס איז געווען שוין איין מאָל אַ נאַכט. פּאַר מאַן און ווייב האָט די דאָזיקע נאַכט אויסגעוויזן ווי אַ קעמל־קאַראַוואַן וואָס הייבט זיך איבער גרודעס, שטרויכלט דעם שריט פון די חלומות וואָס האָבן געגעענט צו זיי; אַלע מאָל האָט עס סיי אים סיי איר אַרויסגעריסן פון דרימל, פון ס׳ניי געשראָקן מיט גרויליקייטן.

בערטע און לעאָן האָבן זיך געדרייט אויף די געלעגערס, געמאַטערט זיך מיטן וואַכזיין. און זענען זיי ענדלעך אַריינגעפאַלן אין נעפּל פון ברעקלענדיקן אומשלאָף, האָבן זיי זיך פון דעם קוים אַרויסגעראַטעוועט. פּיין־בילדער פון עסטעלאַן האָבן זיי ניט אַרויסגעלאָזן פון זייערע פאַרצערנדיקע פייערן: אַ פאַרשוין פון קצבישער גזע, אָנגעהייזעריקט פון בראָנפן, האָט פאַרוואָרפן זיין באַגער־נעץ אויפן מיידל. מיט אַ שיין מענטעלע זי פאַרלאָקט, מיט אַ פאַרבעטעכץ אין קינאָ אַריין זי אַריינגענאַרט, ער טראָגט איר אונטער אַ פּאָר פּעזעס, ברענגט איר אַ גאָלדן זייגערל, וואָס זי באַהאַלט אויס פאַר טאַטע־מאַמע. סטעלאַ האָט אין תחילת נישט געוואָלט זיך אומקוקן אויף אים, זיך געשראָקן פאַר אַזוינעם, דערנאָך שוין זיך גענומען באַלעקן פון זיינע צוזאָגן. פאַרקראָכן מיט אים אין פינצטערע פּאַרקן, ביידע שושקען זיך אין די אויערן אַריין פון ליבע — — אַך, אַך, אַ סטודענטל. אַזוינע זענען ספּריטנע צו פאַרדרייען דעם מוח. דער טאַטע איז רייך, האָט אַ פאַבריק, איכ׳ל ווערן אַ דאָקטער, נאָך אַ צוויי־דריי יערעלעך און די ליבע אונדזערע וועט ריכטיק אָנצייטיקן. כ׳על דיך, עסטעלאַ, אַריינברענגען אין אונדזער הויז. דער מאַמען וועסטו געפעלן ווערן, דער טאַטע וועט אויך זאָגן יאָ. וועסט זען, סטעלאַ. דערווייל פאַלט ער צו צום מיידל, עסט

זי אויף מיט די אויגן, גריזשעט זי אַרום מיט זייַנע הענט, פאַרגנבעט זיך ערגעץ אַנדערשוווּ, און וויי! אַ מיידל פאַרלירט זיך. אַזאַ קעלבל פאַלט באַלד איבערן שׂכל, — האָט דאָן לעאָנאַרדאָ געזאָגט דעם ווייב. פאַרגעס נישט, מאַמע: אַ מינוט אַזאַ אין דער אַנטוויקלונג פון אַ צימער, אויף אַ באַנק אין אַ פּאַרק און ס׳קען חלילה קומען צו אַן אומגליק. דערנאָך ׳עלן מיר זיך נישט קענען באַוואַשן דערפון, בערטע. גיב אַכטיק אַז מ׳זאָל נישט דאַרפן קלאָגן אויפן פּרצוף, וואָס מ׳האָט באַצייטנס נישט פאַרזען דאָס אומגליק. כּלערליי טראַכטענישן זענען געקראָכן אין קאָפּ אַריין במשך אַ סך נעכט. אין י ע נ ע ר נ אַ כ ט איז בערטע אויפגעקומען פון איר מידי־קייט־דרימל אין אַזאַ דערשרעק, גלייך זי וואָלט אָט־אָ אַראָפּגעפאַלן פון אַן אימהדיקער הייך. לעאָן האָט פּלוצלינג דערווישט אַרום זיך אַ ברייט־צע־פלאָסן פייער און עס איז נישטאָ קיין שטעג פאַר אַנטלויפן. שווייס־אַנגסטן האָט ביידן אָפּגעגאָסן. דערנאָך האָט בלוט־פּלייץ, וואָס איז אַרויסגעדריגען פון די שפּאַרעס אין זייער הויז, זיי פאַרפאַלגט. אויפגעכאַפּט האָבן זיי זיך ווי אָפּגעבריטע, מיט אַ טרעריקייט אויף די באַקן.

...אויך עסטעלאַ איז אויפגעשטאַנען אַ צעבראָכענע. די מאַמע האָט זיך געפּעדערט פאַר פרי און ס׳האָבן די סמאַלענעס פון די ביטערע זעונ־גען זי נישט אָפּגעלאָזן. זי האָט אָבער פאַרביסן די ליפּן. „ס׳זאָל אויסגיין צו מיינע שונאימס קעפּ״, האָט זי אַריינגערעדט אין זיך און גענומען צו־גרייטן פאַרן מיידל אַ וואַרעמען טרונק. „ס׳אי׳ נישט געזונט אַז אַ מיידל גייט אַרויס פון שטוב אַ ניכטערנע״. עסטעלאַ האָט נישט גערן זיך צוגע־רירט צום גלאָז מילך. זי האָט אויך זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין.

— ס׳איז צו פרי צו עסן, מאַמע.

— האָסט זיך אָפּגעוויינט, סטעלע. פּרוּוו, ס׳עט דיר שמעקן. מ׳ווערט אָפּגעשוואַכט, אויב מ׳גיט נישט אַכטיק אויף זיך.

די מוטער האָט זיך אונטערגעטעניקט פאַר איר, געאָכצט — עסטעלאַן איז עס געווען דערווידער.

— כ׳קען נישט, מאַמע, — האָט זי זיך געבעטן מיט די אויגן מער ווי מיטן וואָרט. עסטעלאַן האָט זיך אויסגעדאַכט: אויף יענער זייט וואַנט שטייט דער טאַטע. ער איז אָנגעכמורעט. אָט־אָט וועט ער אַריינגיין און זי אָפּצוואָגן מיט זיין האַס, וואָס זי האָט אָנגעזיירן אין זיין ברוסט. באַהיט זאָל מע ווערן

— אַז די גוטע ווערן שלעכט. דער טאַטע האָט זי אַזוי ליב געהאַט, ערשט שפּריצט מיט שנאה פון זיין בליק. אַזעלכע אויגן קענען זי פאַרברענען. ווי אויף ספּרוזשינעס האָט עסטעלאַ זיך געבויגן אויפן בענקל וואָס די מאַמע האָט איר צוגערוקט צום קיכנטישל און אין איר אַריינגענויט אַן ערשטיקן פרישטיק נאָכן איבערבעטן.

— אָסור צי ס'גייט מיר אין האַלדז אַריין, — האָט ס'מיידל איבער־געחזרט.

— טאָ טרינק בלויז אַ פּאָר שלוק. ס'איבערבייס וועסטו דיר מיט־נעמען. ס'האַרץ אַנטגייט, עסטעלאַ.

אין אַ פליספּאַפּיר האָט די מאַמע פאַרפּאַקט אַ זעמל מיט קעז, מיט אַן איי און עס אַריינגעלייגט אין איר לעדערנעם טעשל: „נעם!"

און איז די טאָכטער אַוועק צום אינדער־פריַיקן אָמניבוס, האָט לעאָן אַריינגעטשאַפּעט אין קיך מיט אַ פאַרשלאָפן פּנים.

— ני, אַלץ איז גיט און גלאַטיק? דער מאַמען טוט שוין נישט ווי ס'האַרצברעטל! אַ לעק געטאָן דיר, דער סמאַרק?

— וואָס טשעפּעסטו זיך, לעאָן? אַ מיידל האָט זיך אירע דאגות. ווילסטו אַז זי זאָל דיר נאָכקריכן! מיינסט, זי קען האָבן געדולד צו דיין קרעכצע־ניש? דו אין אירע יאָרן ביסט געווען אַזאַ דזשאַד ווי היינט, מיט אַזעלכענע דזשאַדאָווסקע געדאַנקען? ביסט געפלויגן, לעאָן, אין די הימלען — האָט'ס פון דער יידענע אַרויסגעטומלט — ביסט געשפּרונגען אין די אויגן אַריין יונג און אַלט. ר'צאַפּלט דער מענטש, ר'וויל גאָר נישט וויסן מער — נאָר ער, ער. זי? איר נשמה איז דען אַ ראַזשינקע? קלאָמפּערשט האָסטו זי ליב, אין דער אמתן ווילסטו זי דערשטיקן. באַטראַכט זיך, טאַטע, און דער כעס וועט דיר פאַרגיין. כ'האָב אָנגעקוקט דאָס מיידל, איז מיר ס'בלוט פאַר־שטאַרט געוואָרן. מיינסט, אַלץ קען מען אַרויסרעדן? זיי דו אַ חכם און דערצייל אַלצדינג וואָס דיר דריקט. וועסט דען קענען?

אָפּגעכלישניעט אים מיט אַ מבול רייד, אַזש ער האָט זיך שוין נישט דערוועגט אַרויסצוגיין מיט אַזאַ טענה, וואָס איז זיך אויסגעשטאַנען אין אים אין דעם אומרויִקן ביי נאַכט, ווען ער האָט זיך געוואָרגן מיט דער צרה וואָס די טאָכטער האָט געבראַכט אויף אים: אַז אַ מיידל רייסט זיך אַרויס פון טאַטע־מאַמעס אַפּיטרופּסות, זי ווערט אַ מענטש פאַר־זיך, קומט אַהיים ווי אין דער פרעמד אַריין, איז שוין אַ שלעכטער סימן. אַזאַ מיידל איז שוין

נישט קיין לייט, — האָט עס אין דעם טאַטן געשיפּעט. וואָס קען מע שוין דערוואַרטן פון איר, אויב נישט אַ ממזר? נישט דערלעבן זאָל איך אַזאַ נחת! — ער האָט זיך געשאָלטן און מיט פאַרביסנקייט פאַרוואָרפן די ליב־שאַפט צום קינד, אין וועלכן ס'איז געווען אָנגעהאָנגען זיין גאַנץ לעבן. קוים זיך דערוואַרט דעם אין דער פרי, אַז ער זאָל קענען פרעגן בערטען: ני, מאַמע?

— קענסטו זי נישט פרעגן? — איז די פרוי געווען אָנגעדראָדלט, ווייל זי אַליין האָט נאָך נישט געהאַט איבערגעזאָגט דעם שמועס מיט דער טאָכטער.

— איך קען נישט רעדן מיט איר, — האָט ער אַרויסגעפּראַלט מיט רוגזה. — אָדער איך וואָלט געפּלאַצט אָדער כ'וואָלט געמאַכט פון איר קרעפּל־פליש. אַ מענטש אָדער אַ מת!

— דו שווייג ליבערשט, — האָט זי נישט פאַרשוויגן. — אויב סטעלע מיידט די שטוב, ביסטו דער חייב. פאַרשטייסט נישט דיין קינד. דו ווייסט נאָר ס'דייניקע: ס'דיין טאָכטער, זאָל זי דיר פּאַלן צו די פיס, לעקן־שמעקן דעם טאַטעליו און נישט אַרויסגיין פאַר דער שוועל. אַז סטעלע איז אַרי־בערגעוואַקסן דיין שכל, דאָס פאַרשטייסטו נישט, טאַטע. ווילסט עס נישט פאַרשטיין. דו זיצסט נאָך אַלץ אין דער מילע־גאַס; די שעראָקע און די לייט וואָס זענען געגאַנגען זיך חברן מיט דיר ביי דער ווייסל, האָבן אין דיר פאַר־פרוירן די גאַנצענע קליגשאַפט. אַז דאָ איז עפּעס אַנדערש, די יאָרן האָבן אַלץ איבערגעקערט און דיינע אויגן זענען אויסגעבלאַקניעט, דאָס פאַר־שטייסטו נישט. שיין, שיין צו הערן ווי אַ טאַטע רעדט וועגן זיין טאָכטער. כ'על שווערן, אַז מענטשן וואָס וועלן אויסהערן ענק ביידן, סטעלען און איר טאַטן, וועלן זיי געבן גערעכט דעם מיידל. וואָדטסט געדאַרפט הערן ווי זי רעדט, ווי געטריי זי איז דעם טאַטן. איי, עס טרייבט איר אַרויס פון דיין שטוב, דאָס איז זי נישט שולדיק, נישט זי, — האָרכט, פּאַניע לעאָן!

אָפּגעצוואָגן פונעם ווייבס מענה־לשון, האָט ער איינגעזען אַז ער וועט ווייט נישט דערגיין מיט „זיי".

— נאַרישע ווייבער! האָבן צונויפגעשלאָגן די קעפּ. די טאָכטער האָט פאַרשלייערט די מאַמע, וואָס־זשע קען איך פאַרלאַנגען? זיי זענען גלייך אין זייער שכל.

דערנאָך האָט דער מאַנצביל שוין גערעדט צו זיך, געמרוקעט אין

שטוב אַריין. אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן האָט אים באַלעבט אַ באַגער צו האָבן כאָטש עמעצן אַן עדות פון זיינע פאַרדראָסן. פאַר וועמען זיך אויסרעדן? מ׳קען זיין מיט אייגענע, האָט ער איינגעזען, און דאָך בלייבן איינזאַם ווי אַ שטיין. פון פאַרביטערונג האָט ער איבערגעלאָזן אויפן טיש ס׳פעקעלע עסן וואָס ער פלעגט יעדן טאָג מיטנעמען און אַן אַ „זיי געזונט" זיך אָפּגעטראָגן.

— לעאָן, האָסט דאָך נישט איבערגעביסן! — האָט בערטע אים נאָכגעשריגן אין דער צעעפנטער טיר.

— עס דו. איך בין שוין זאַט, — און זיך אַ ריס געטאָן פונעם קול וואָס האָט אים געוואָלט פאַרהאַלטן. אַז ס׳וויב איז פאַלש, די טאָכטער ווערט דיר אַ שונא, טאָ וואָס איז שוין צו דערוואַרטן אין אַזאַ שטוב, אויב נישט סם! — האָט עס געליאַרעמט פון אים. ער וועט עסן אין גאַס. פון אַזאַ היים מוז ער זיך אויסטאָן.

צאָרן האָט צעוואָקלט דעם מענטש. אַלץ איז געוואָרן אויס צווישן אים און דער שלווה וואָס ער האָט אויפגעבויט אין זיין הייזקע אַרויסשטאָט. נאָך דעם איז ער אַ גאַנצן טאָג געווען אַ צעטראָגענער: פון דער ווערקשטעל נישט אַרויסגעגאַנגען אָפּעסן, נישט גערן גערעדט מיט די מענטשן פון דער אַרבעט און איז געקומען פאַר נאַכט, האָט אים נישט געגלוסט נעמען דעם אָמניבוס אויף אַהיימוועגס. „אַרויפגעאַרבעט זיך, לצאַנאַרדאַ — האָט ער זיך באַזיפצט — נישט קיין היים, נישט קיין ווייב און קינד. צו וואָס אַזאַ לעבן, פאַר וועמען די האָרעוואַניעס?"

אַרומגעשלעפט זיך איבער דער שטאָט אַ שטיק אין אָוונט אַריין און סוף־כל־סוף זיך געכאַפּט אַז אַן אָמניבוס־רייזע קיין מאַטאַדעראָס וועט אים נישט אָפּגיין. גוט צי שלעכט — ס׳בינטל ביינער מוז מען אַוועקלייגן אויף איבערנאַכט.

— אַז מ׳מוז, מוז מען! — האָט געשריגן פון אים רעזיגנאַציע.

דער „מען" איז אַ ליאַדע־איינער און ער, לעאָן מילער, איז נישט קיין גרעסערער מורינו ביי זיינע צ ו ו יי ו ו יי ב ע ר. ביי זיי איז וויכטיקער צי האַלטן סודות צווישן זיך, איידער אָפּצוהיטן ס׳פערד וואָס שלעפּט דעם וואָגן אויף וועלכן זייביידע זיצן.

עס האָט געקאָכט אין לעאָנען מחמת דעם נייעם סדר אין הויז. ס׳ווייב מיט דער טאָכטער האָבן אים אַרויסגעשטופּט פון דער היים. אַרום אים

האָט זיך אויסגעבויט אַ גאַנצער גמאַך וואָס זיין נאָמען איז דער טרויער פון שווערן סוד, וואָס גייט אויף זיין לעבן.

זיך געברוגזט מיט די היימישע, זיי געמיטן ווען ער האָט אין דער פרי זיי געזעען ביינאַנד, און ער האָט פון וויב און טאָכטער געווייכט אין די אויפדערנאַכטן. זיך אַוועקגעזעצט אַן אַ זייט און אַריינגעשוויגן אין זיך. לעאָן האָט זיך געגריזשעט און מיטן פאַרביסענעם שווייגן געביסן „זיי". די נעמען פון וויב און טאָכטער האָט ער אָקערשט נישט אָנגערופן. געזוכט עפּעס, האָט ער רק געהיקעט. געוואָרפן זיך סתם אין דער וועלט אַריין:

— ס'אַראַ שוואַרציאַר דאָס איז! אַלץ ווערט פאַרשלעפּט. גאָר נישט איז אויף אַן אָרט. מ'איז נישט ביד עפּעס אַנידערצוליגן.

— אַ וואָרער גיהנום איז דאָ. ס'אַי' נאָר צו לויפן פון דאַנעט. אַ ליימ־גרוב איז די־אַ שטוב, נישט קיין באַלעבאַטישקייט.

געשריגן, געהיקעט און אַן אויסגעמאַטערטער זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער קושעטקע מיט אַ העפטיק שווייגן. די באַשיימפּערלעכע מידקייט זיינע האָט פּראָטעסטירט קעגן אַלץ און זי האָט זיך געכעסט, די מידקייט, מיטן פאַרגלאָצטן הויערן ווי אַ גראָזשטיין. ער האָט זיך נישט באַוועגט שעהען־לאַנג.

וויב און טאָכטער האָבן נישט אַ פּיפּס־געטאָן.

— ער רייסט זיך אָפּ, זאָל עס אים ווויל באַקומען. ר'וויל צו מאָל נישט הערן וואָס מ'זאָגט, רק ר'טומלט, טומלט. זאָל ער.

*

אַ וואָך צוויי האָט אָנגעהאַלטן לעאָנאַרדאָ מילערס סתם טומלען, צוויי לאַנגע וואָכן האָט געדויערט זיין גלות הינטער די ווענט פון שטוב. נישטאָ פאַר אים קיין היים. ער האָט נישט געגעסן דאָס נאַכטמאָל וואָס בערטע האָט צוגעגרייט, נישט מיטגענומען ס'אָנבייסן וואָס איז באַגינען אַוועק־געלייגט געוואָרן אויפן טיש. דער ברוגז האָט זיך אָנגעברוגזט ווי אַ טשאַד וואָס מוז דאָך זיך אויסוועפּן, אויב ס'איז נישטאָ מער קיין פייער. נישט דאָס וויב האָט געענטפערט אויף זיין בורטשעניש, נישט די טאָכטער האָט אים געררייצט (אַזוי האָט די מאַמע עס אָנגערופן) מיט איר דרייען זיך אַי־בער דער שטוב. ווען דער פאָטער איז אַריין אין הויז, האָט עסטעלאַ זיך פאַרבאָרגן אין אַ ווינקל, פאַרטונקלט דאָס ליכט פון איר בעט־לעמפּל.

בלויז אין האַרצן האָט זי זיך אָנגעבייזערט אויפן טאַטן: „נאָר ער איז גע־רעכט, נאָר אים מוז מע נאָכגעבן!" ס'מיידל האָט אַ באַליידיקטע אין זיך איבערגערעדט אָט־דעם געדאַנק און שלאַבעריק געבלעטערט ס'בוך וואָס געלייענט און בשום אופן נישט באַנומען וואָס עס וויל איר זאָגן; לאַנג האָט עסטעלאַ זיך געגראָבן אינעם בוך, געפּלאָנטערט זיך איבער זיינע הייכן און נידערונגען. די בלעטער האָבן געטונקלט פאַר איר אינעווייניק־ד"קער ראיה. בערטע האָט כמורע, מיט שווייגעניש, וואָס האָט לסוף אָפּ־געסקריפּעט ווי ס'וואָלט גערוקט מעבל אין מ'טן נאַכט, זיך געוואָרפן אויפן געלעגער אַרויף. און האָט זיך דער אויפדערנאָכט געשטעלט ביים בייזיין פון גאַנצן געזינדל האָט די יידענע אויך זיך נישט געלאָזט הערן. איז אַ הוסט איר אָנגעקומען, האָט זי אים דערשטיקט. ששש, אַפילו דער ברוגז, האָט זיך אַרויסגעוויזן, קען גיין אויף די שפּיץ־פינגער, אויב מ'רוקט אים נישט אונטער קיין פוסטע בלעכענע כלים, איבער וועלכע מ'מוז שפּרינגען און — פאַלן.

שטאַרק געהיט נישט איבערצושרעקן דאָס אינטענסיווע שווייגן, וואָס האָט ווי אַ גליווער משא געציטערט אין חלל, האָבן מאַמע און טאָכטער אי־בערגעוואָרט דאָס אויסגיין פונעם פלעמל, וואָס האָט שאַרף אַרויסגעקוקט פון לעמפּאָנדאָס צעברויזטן געמיט. מיט דער צייט האָט עס גענומען באַ־שיימפּערלעך טונקלען, לעשן זיך. פאַוואָליע, פאַוואָליע און ער האָט זיך אַליין איבערגעבעטן. צוערשט מיט דער וועטשערע, וואָס בערטע האָט אָן איבעררייס געשטעלט פאַר אים אויפן טיש; דערנאָך האָט ער זיך צוגע־רוקט צו די אָנבייסנס וואָס זי האָט פון ס'ניי געגומען גרייטן אין די באַ־גינענס. דאָס איבערבעטעניש אין פולן איז געקומען אין אַ זונטיקדיקן טאָג, ווען עס נידערט אַראָפּ די אַרומיקע רו. אָנגעהויבן האָט עס זיך ביים מיטיקטיש.

ווי אַלע מאָל לכבוד זונטיק (אוודאי, דער שבת איז נישט קיין שבת אין די־אָ מקומות, ווי געוועזן אין דער היים אַמאָל) האָט בערטע דעמאָלט אויסגעשפּרייט אַ פאַכלדיק טישטעך, אַריינגעבערענגט אין הויז פרישע בלו־מען, עקסטרע געקאָכט און געבאַקן. אומגעריכט האָט זי אַ רוף געטאָן צו דער מאַלצייט:

— ס'מיטיק איז פאַרטיק. גיי צום טיש, באַלעבאָס.

„באַלעבאָס? הייסט עס, מע מיינט...?" — האָט עס זיך אַ ריר געטאָן

אין לעאָנס געדאַנק. אָבער ער איז אַלץ נישט געווען דרייסט צו באַקענען זיך צו דעם. זיך נאָך אונטערגעשעמט. אונטערגעהויבן זיך פון בענקל און דאָך נישט באַלד צוגעגאַנגען צום טיש. אַן אומזיכערער איז ער געזעסן אָן אַ זייט.

— ני, — האָט ס׳ווייב זיך דערנעענטערט צו אים — דרימלסט, קאָפּ פון הויז, צי מ׳דאַרף דיך פאַרבעטן מיט טראָמפּייטן־שאַל, מיט כאָרגעזאַנג?

— מ׳מיינט דען מיך? — האָט לעאָן געפרעגט יינגליש גערירט, כדי זיך צו פרעגן, געוואָלט שמייכלען, אָבער אויף זיין פּנים האָט זיך געשטייפּט עקשנות. אַזוי גיך אויס ברוגז? — האָט עס געקענט הייסן.

— וועמען דען מיינט מען? דעם רבי? קום שוין, באַלעבאָס. פירט וועלטן! — וויל אויך זי אויסגיסן די גאָרע ענגסטקייט כדי איינצוברענגען אַ ליכטיקע מינע אין שטוב. איר האָט זיך פון דעסטוועגן נישט געשמייכלט. בלויז די ליפּן האָבן זיך אויסגעשנאָבלט.

און זי האָט אויסגעלאָזט צו אים מיט אַ צי מיטן אַקסל: — עקשן! ר׳איז דען אַזוי שלעכט ווי ער מאַכט זיך? — האָבן שוין אירע אויגן אַריינ־געלויכטן אין זיין בליק.

מיט דערלייכטערונג, גלייך אַ לאַסט וואָלט פון אים אַראָפּגעפאַלן, האָט לעאָן זיך אַ טראָג געטאָן צום טיש און נאָך אַלץ זיך נישט צוגעזעצט. עפּעס האָט נאָך געלייִמט זיין טוּאונג.

— וואָס וואַרטסטו, לעאָן? נאָך אַ מאָל בעטן: זעצט אייך, סעניאָר? ביסט דען אַ פרעמדער?

— כ׳וויס דאָרט, — האָט ער זיך געקווענקלט און איינצייטיק זיך גע־היט נישט צו צעשטערן דעם שלום וואָס וואַקסט אָט־אָט ווי אַ לאָקנדיקע פּרי מיט שמעקעדיקע ריחות, מיט וואַרעמען ליכט.

— כ׳וויס, כ׳ווייי־יי־ייייייס, — האָט זי צוגעלאָזן, מיט בפירושער ליבשאַפט אים נאָכגעשפּעט. — איך ווייס יאָ, און עסטעלאַ ווייסט עס: דו ביסט דער באַלעבאָס, דער קאָפּ פון הויז. געפעלט עס דיר נאָך נישט? טאָ זעץ דיך. נו, נישט דאָ. טאַקע אויבנאָן, און טרייב מער נישט אָן קיין בערן אין שטוב אַריין. מיר האָבן מורא פאַר בערן, אמת, עסטעלאַ?

דאָס מיידל האָט זיך מאָדנע פאַרלוירן. אָקערשט אַריינגעקומען פון צווייטן צימער, איז זי געבליבן שטיין ביי דער טיר־פּאָרטיער: „דער טאַ־טע!" אַ מין ציטער איז אַדורך איבער איר רוקן.

עסטעלאַ איז נישט געווען דרייסט צו קוקן אַהין ווו דער אַלטער באַמבלט זיך אַן אָנגעדראָדלטער. ער איז אין כעס אויף איר, קען זי זיך נישט איינבעטן ביי אים: פּאַפּאַ האָב מיך ליב. נישט, איז נישט! — ס'פּנים ז'געווען ביי איר פאַרשטאַרט, זי האָט נישט געענטפערט דער מאַמען און זי האָט נישט געוווּסט ווו זיך אַהינצוטאָן.

— וואָס איז דער מער מיט דיר, סעניאָריטאַ! אויך מאַר דיר פאַלן אויף די קני? גיי שוין אַהער, זעץ זיך צום טיש און זייטס מענטשן, טאַטע מיט דער טאָכטער! אַ סוף, אַ סוף, איך האָב נישט קיין צייט. די טעפּ ברע־נען שוין, אויך דער זייגער וואַרט נישט. ס'אי' שפּעט, חברה! גיס אָן אַ גלעזל, לעאָן, גיס אָן פאַר אַלעמען און אָן עק זאָל עס נעמען מיט די אַראָפּ־געלאָזטע נעז!

ס'איז געווען ליבער באַפעל. דער באַלעבאָס האָט זיך צוגעזעצט צום שיין־צוגעגרייטן טיש, עסטעלאַ האָט זיך גערייטלט, נישט געהאַט ווו אַראָפּ־צולאָזן די געקווועלטע אויגן: דער־אָ קוקט. ער איז בייז. אַזאַ עסן באַ־קומט נישט. פריקרע. זי'ט אַוועקגיין פון דאַנעט. ד'ער ביסן איז איר נישט אַראָפּגעגאַנגען. דאָס מיידל האָט געדזשאַמדזשעט און דער בליק איז גע־ווען פאַרגלאָזיקט. די מאַמע האָט עס באַמערקט, ד' מאַמע האָט עס נישט דערלויבט; זי האָט געקאָמאַנדעוועט: ס'דאַך אומצוקומען ביי דעם טאַטע מיט דער טאָכטער! האָט זי דורכגעביסן אַ רעיון און גענומען זיי שטופּן, שטויסן: „עס! מיט אַ טאַטן ברוגזט מע זיך נישט. דער טאַטע איז אַ טאַטע, געזונט!" דאָס האָט געהאַט אַ פּעולה. אויך עסטעלאַ האָט ענדלעך זיך אָנ־גענומען מיט מוט. עסטעלאַ האָט זיך שאַרף קעגנגעשטעלט דעם פּיצל מיידעלע וואָס איז נאָך געזעסן אין איר. זי האָט דערנאָך געפּרוווט וואַרפן אַ וואָרט צום טיש, כלומרשט צו אַלעמען גערעדט; שפּעטער האָט זי זיך שוין געשטאַרקט אויף אַ גלעכטערל צו דער מאַמען, געפּרוווט זיך מיט אַ פרעג צום טאַטן. ער האָט איר נישט געענטפערט. אין דער רגע האָט דער זשיראַנדאָל, אַ באַהאַנגענער מיט גלעזלדיק געשליפענע טראָלדזן בלענדיק זיך אַ וויג־געטאָן איבערן קאָפּ. דערפון האָט אַזש דער בליק זיך שטעכיק צעפינצטערט. פון אַזאַ פלוצלינגער אויגן־האַרבקייט האָט ביי עסטעלאַן זיך פאַרקרעקט די קעל:

— איך גיי אַוועק פון טיש! — האָט אָפּגעשלאָגן פון איר מיט קאַפּריז־נער גרימאַסע.

— וווהין גייסטו אין מיטן דערינען! — די מוטער האָט זי אָנגעקוקט אַ דערשטוינטע.

— איך גיי, — האָט ס׳מיידל אָפּגעברומט און אַוועקגעדרייט דעם בליק.

— ווערסט דאָ זיצן!

מיט אַ מאָל איז בערטע געוואָרן באַפּעלעריש.

— כבההה.

קענטיק, עסטעלאַ האָט זיך אויף אַזאַ האַרטקייט נישט גערעכט. איר שטרויכלונג האָט געגעבן צו וויסן דערפון.

— שוין ווידער, סטעלאַ? — איז די מוטער געווען שטרענג.

— ווידער, און שוין!

פונעם טעכטערל האָט דאָס מאָל זיך געהערט אַ כריפּ פון נאָענטע טרערן, אָבער זי איז געבליבן שטיל, פאַרביסן, מיט בפירוש פאַרטראָנקע־נעם געוויין. ס׳פּנים האָט זיך ביי איר אָנגעוואָלקנט פאַר אַ ווייל. אין דעם דאָזיקן ציטעריקן שוויגן איז דאָס משפּחהלע אָנגעגאַנגען מיט דעם זעטיקן מיטיק. בערטע האָט געטיילט די געריכטן און טאַטע און טאָכטער האָבן שטיל עוסק געווען אין די טעלערס. דערנאָך האָט עסטעלאַ זיך אַרויסגע־בראָכן פון איר שוויגן.

— אמת, האָסט מיך נישט פיינט, פּאַפּי?

דאָ האָט דאָס טעכטערל זיך שוין געכוחט בייצוקומען די שעמעוודי־קייט וואָס האָט אָט־אָ געבריט איר פּנים, צעדרעטלט די וויעס.

מחמת אומגעריכטיקייט האָט לעאָן צעצויגן די רייד:

— כ׳האָב דיך שטאַרק, שטאַ־אַאַאַר ררררק פיינט! — גערעדט מיט אַ ליכטיקייט וואָס האָט בולט אויסגעברייטערט זיינע באַקן, צעפלאָמט זיך אין זיינע שוואַרצאַפּלען און די ליפּן האָבן זיך אויסגעשנאָבלט אין אַ לאַנגן, אָנגעזאָפּטיקטן קוש פון ווייטנס: — ווי פּפיי־יינטט!

— איך דיך אויך, טאַטי!

עסטעלאַ האָט זיך געראַנגלט מיטן איינגענעם בגיק, וואָס האָט זיך געצויגן צום פאָטער. דערנאָך האָט זי צו אים אַריבערגערעדט שטיל, אָפּגע־האַקט, גלייך דאָס קול אַליין וואָלט זיך געשעמט. איר האָט פאַרפעלט אָטעם. עסטעלאַ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויפן בענקל, דאָך זיך אויפגעהויבן און אַרויפגעפאַלן אויפן פאָטערס נאַקן; זי האָט אים געקושט, געקושט אַ פּאָר־חלשטע און זיך צעכליפּעט, אַזש לעאָן האָט זי געמוזט אָפּרייסן פון זיך:

— שאַ, שאַ, גרויס מיידעלע!

דער טאַטע האָט דערשפּירט ווי נייע כוחות גיסן זיך אָן אין זיינע אברים און פון איבערפולקייט איז אים באַפאַלן אַ מידיקייט.

בערטע איז געווען גליקלעך: בעסער אַזוי, — האָט זי זיך אַליין געזאָגט. נישטאָ קיין כוח אויסצוהאַלטן ברוגזן. די דאגות מאַכן זי סיי ווי טויטמיד, באַדאַרף זי נאָך אַזאַ צולאָג? אָ, ווען גאָט באַשערט איר נאָך אַ ביסל נחת פון מיידל, וואָס פאַר אַ פרייד עס וואָלט געווען פאַר אירטוועגן! אַוודאי, זי האָפט צו גאָט: פון ערגעץ וועט זיך ווייזן אַ גוטער חתן.

תענוג־זונטיק האָט זיך דעמאָלט אַראָפּגעלאָזן איבער דער שטוב. נאָכן מיטיקמאָל איז יעדער פאַרקראָכן אויף אַן אַנדער געלעגער אַרויף און זיס אַנטדרימלט געוואָרן.

עסטעלאַן האָט נישט געסטייעט קיין רו לאַנג צו דרימלען: יונגער טרוים האָט אָנגעגריפן אויף איר און ווידער זי אַרויסגעפירט פון טאַטע־מאַמעס הויז, ווו ס'איז גוט און ענג; אַ הייס' האָט דאָס בלוט אין אירע אָדערן דערלאַנגט עסטעלאַן אַ ליבלעכן אַרעם.

...טאָג האָט געביטן דעם טאָג, געמיטלעכקייט האָט זיך ווידער איינגעוואָרצעלט און דער רוגז צווישן אייגאַנדער איז פּאַמעלעכקע אָפּגעווישט געוואָרן. איטלעכן, וואָס איז אַוועק אויף אַרבעט פון שטוב, האָט איבעראַנייס אַהיימגעצויגן, ווי באַלד עס האָט זיך געעקט דער טאָג. אַזוי לעאָנאַרדאָן אין קירזשנער־ווערקשטעל, אַזוי עסטעלאַן אין ביוראָ פון שמאַטע־הענדלער: „געטנוג אויף היינט", האָט עס געהייסן אויפן לשון פון זייער געאייל. און דער באַלעבאָסטע, דעם ווייב, דער מאַמען האָט זיך מיט נייער חשקות געוואָרט אויפן ליבן אָוונט ווען די „די לייט וועלן זיין באַנאַנד, און איר געמיט אַ ביסל אויפהייטערן, דערציילן וויכטיקס פון שטאָט".

אַ גאַנצן לאַנגן טאָג איז בערטען געווען אומעטיק אין איר אַליינקייט. תמיד פילט זי דעם פּלאַטשיקן דאַך ווי ער דריקט איר, דער הימל אין דרויסן איז אַ בלעכענער און אויך ער דריקט; די לופט איז מוראדיק שיטער, אוממעגלעך צו עטעמען. מאַטאַדעראָס איז טאַקע פאַרוואָרפן. ס'איז שטראָף ווען מ'מוז זיין אָפּגעריסן פון מענטשן, אַז מ'שפּירט מ'באַדאַרף נאָענטקייט פון עמעצן. דער־אַ געקלער האָט שטאַרקער געפּיקט איר מוח ווען די טונקלקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער די צימערן. דעמאָלט האָט די פרוי זיך דערשפּירט ווי איינגעצאַמט אין אַ קלאַטקע. איר איינציקע

טרייסט איז געווען: „שוין נישט לאַנג. אי לע־אָן, אי עסטעלאַ גרייטן זיך לויפן אַהיימצו״. באמת: סיי דער פאָטער און סיי די טאָכטער האָבן אין די פאַרנאַכטן נישט געקענט זיך אָפּיאָגן פון דער צי־עגיש צו דער היים, אַהיים צום ליכט וואָס האָט זיך איינגעוואַרעמט זינט יאָרן, יאָרן.

*

ס׳געווען אַ פאַרבלאָנדזשעניש פונעם קינד וואָט איז דאָך אַ קינד. ס׳האָט זיך גאָט צו דאַנקען אָפּגעפינען און עס וועט ווידער הויזן מיט אַלעמען אונטערן היימישן דאַך. „אוי, אוי, נאָר קיין חרפּות זאָלן נישט צו־האַנדן קומען! כ׳זאָל עס נישט דערלעבן״, — האָט געתפילהט די פאַר־צאָגטע מאַמע עסטעלאַס און דער טאַטע האָט באַדעכטיק זיך צוגעהאָרכט צום ווייבס פרומע רייד.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

שרעקלעך אומעטיק

אין דער מאַטאַדעראָסער שטוב האָט פֿון ס'ניי אַריינגעקוקט די פּשוטע מענטשלעכע שלווה. פֿרידן איז דאָס ברויט און זאַלץ פֿון די מענטשן וואָס ווייסן נישט קיין פֿעלשונג פֿאַרן טאָג און זיי באַגערן נישט קיין ענדערונג פֿאַר דער אויסגעשפּרייטער טונקלקייט פֿון דער נאַכט. ביינאַנד מיטן אין דער פֿרי איז אין הויז פֿון די מילערס אויפֿגעשטאַנען די ליבע זאָרג פֿאַרן הויזגעזינד דעם גאַנצן: פֿונעם ווייב פֿאַרן מאַן, פֿון דער מאַמע פֿאַרן קינד און פֿון יעדן איינעם פֿאַר אַלע — עס זאָל חס ושלום קיינעם נישט געשען קיין שלעכטס, אַז ס'היימישע מאָלצייט־טעפּל זאָל זידן, שמעקעוודיק זיך וואַרעמען. מאַן און ווייב און טאָכטער זענען פֿרידלעך אַריין אין יאָך פֿון דער אַלטעגלעכער מאָנאָטאָניע וואָס ווערט האַרציק נאָענט, אויב עס פֿאַלט נישט אויף איר די שאַרף פֿון פּלוצלינגן אויפֿטרייסל.

ס'זאָל אַזוי נישט טרעפֿן ווי עס טרעפֿט אין דער גרויסער שטאָט וואָס איז געגליכן צו אַ קדחת.

שוין יאָרן, כמעט אַלע בוענאָס־איירעסער יאָרן, האָט די קליינע היים פֿון מאַטאַדעראָסער קירזשנער נישט געוווסט פֿון קיין איבעראַשונגען. אַ באַשיידן הייזל אין אַ פֿאַרוואָרפֿענער גאַס, האָט עס געהאָלפֿן אין דעם משפּחהלע אויסשטיין אַ שוויַגעוודיקייט, וואָס האָט באַוויזן איינצושטילן דאָס סאַמע מגושמדיקע געשריי, צו דערשטיקן יעדן צוק פֿון רויען כוח — אויב אַזוינס הייבט זיך אויף איינעם אַרום.

מאַטאַדעראָס די געגנט וואָס אויפֿן ראַנד פֿון בוענאָס־איירעס, האָט אַ סך פּראָסטע לייט צווישן די איינגעזעסענע בהמה־טרייבערס, פֿלייש־צעפֿירערס, פֿעל־שינדערס, קוילערס, בענדיקערכ פֿון צעבריקעוועטע אָקסן. עס טרעפֿט, אַזאַ שיכורט זיך אָן, צערעכנט ער זיך מיט אַ פֿאַן־בראַט פֿאַר

אַן עוולה, פֿאַרן „קריכן" צום נישט אייגענעם ווייב און ס'צעבינדן זיך קו־
לות באַגלייך מיט צעפּאָכעטע מעסערס. בלוט איז דאָס טעגלעכע ברויט
כּונעם רוב לייט דאָ; די אויפגעקאָכטע „יוכע" לעשט אָפּ ס'פֿייער וואָס
צעצינדט זיך אין זייערע אויפגעשטורעמטע איינגעווײדן. בלוט איז אגב
נישט קיין נאָווינע אין דעם אַרום פֿון יעטוועדן שעכטהויז. אין מאַטאַדע־
ראָס רינט בלוט אין טונקעלע קאַלוזשעס. קיאישע פּגרים וואַלגערן זיך
אַנטקעגן דער זון און עס אַרט נישט קיינעם. די שאַרפֿקייט פֿון מגושמדיקן
מענטשישן כּוח טעמפּט זיך אָפּ אינעם לאַנגן יאָמערדיקן רעווען פֿון דער
געפֿענטעטער בהמה, אינעם געקוויטש פֿון אַן אָנגעגריפֿענעם חזיר וואָס
מיט זיין טויט־אימה רייצט עס אויף אַ גאַנצן אײנזאַמל חזירים, אָנגעטרי־
בענע פֿון ווייטע זומפּיקע פֿליינען. איבער דער שטילער מאַטאַדעראָס גלו־
שעט אויפגעוועקטע סטיכיע, וואָס גרייכט אַהער אויף שווערע אייזן־גע־
קאָוועטע וועגענער און לאַנגע פֿאַרשטויבטע באַן־וואַגאָנעס, דערפֿירטע אויף
מאַכטיקע שטאָלענע רעלסן האַרט צו די מרה־שחורהדיקע געבייען פֿון די
רויט־ציגלנע שעכטהייזער. שורעווענדיק בלוט פֿון איבערגעשניטענע גאָרגלען
און דאָס לעבן ממש גייען דאָ האַנט ביי האַנט און אַנטקעגן דעם קאָרטשען
זיך די שטיבלעך אין אַ שטומעניש וואָס איז באַלאָדן מיט אומאיבערגערי־
סענער דערוואַרטונג אויף אַ נייעם ציקלישן געכאָרכל פֿון געשאָכטענע בעלי־
חי. אָט־אָ כאַפּט עס זיך אויף ווי אַ פֿינצטערנדיקע זאַווערוכע וואָס שפּאַנט
אָן דאָס געהער פֿון די מענטשן אין זייער פֿאַרזונקנקייט. די אויסטערליש
רויטע בנינים, פֿונאַנדערגעצויגענע איבערן דערבייאיקן גרויסן שטח, וואַרפֿן
אַרויס הורמעס בלוטיק אָפּגעשונדן פֿלייש, טריפֿנדיקע פֿריידיקס, פֿריש־
פֿאַרעדיקע לונגען־לעבערס און דאָס אַלץ שפּרייט כוואַליעס געשטאַנק איבער
דער גאַנצער געגנט. יאָ, מע צעפֿירט עס איבער דעש־פֿאַרקנוילטע, אָנגע־
קויטיקטע מערק, אין אומציילעכע יאַטקעס אַריין. דער איבלדיקער ריח
וואָס וואָלקנט זיך שטענדיק אין דער לופֿט, מידט איין דעם מוח, פֿאַרבעל־
מעט דאָס אויג און פּחד־געכאָרכל צוקט אויף יעדעס מאָל ווי אַ פֿלאַם. דאָס־אָ
טשאַדיקע געפֿיל הערט כּמעט נישט אויף און איז מבלבל אויך די שכנות־
דיקע שטיינערנע גאַס, וועלכע טומלט זיך אַ גרויסע מיט צעפֿנטע קלייטן,
מיט פֿרעמדלעכן טראַמוויי־געקלימפּער וואָס גליווערט איין אין סאַמע געאייל.

אַ באַשיימפֿערלעכע תּשוקה צו דרימלען האָט מאַטאַדעראָס וואָס איז
אָנגעשמעקט אויך מיט אַנטרונענע שליאַכן, מיט שווייגעוודיקייט פֿון שפּע־

דיקע פעלדער און פון די פּאַמפּעס וואָס ד'ערציילן די מעשה פון טויטלעכע זאַמד־וויכערס און פאַרקריפּלענדיקן הונגער. אַ בידנע אומהיימלעכקייט פון מטושטשע כוחות שטשירעט אויס די געגנט וואָס קלעפּט זיך עפּעס נישט צו דער נאָענט־ליגנדיקער גרויסשטאָט; מאַטאַדעראָס קען זיך אָבער אויך נישט קרובהן מיט די שלעפעריקע פּליינען, פון וועלכע זי האָט זיך אָפּגע־ריסן. אַ, אין ערגעץ נישט דערגאַנגען די מאַטאַדעראָס און זי איז נאָך נישט אַוועק פון די פּוסטעניש די פעלדיש־אַרגענטינישע.

ווי אַ פאַרשטויסענע ליגט די געגנט; אָן אַ זייט פון שטאָט זיך אָפּגע־שטעלט און זי בייגט אַוועק פון איר דעם קאָפּ. אָן אַ היימלעכן שפּראָץ, שמאָל און פויל רינט איר לעבן אין די שרעקן פון געפרוווטן האַרץ. דער קירזשנער לעאָנאַרדאָ שאָקלט זיך אָפּ יעדעס מאָל, ווען ער דערזעט דאָס אויפגעריסענע לייב פון אָפּגעשונדענע קי און קעלבער; עס פאַרנעפּלט זיך זיין בליק אַנטקעגן די פריידיקס וואָס באַמבלען זיך אין אַ ראַסלענדיקן פלייש־פורגאָן, וועלכער איילט אַוועק פון מאַטאַדעראָס שווער־רעדערדיק. יאַטקעס, יאַטקע־קלעצער, שינד־מעסערס פאַרטומלען זיין ראיה, דריקן זיין קעל ווי אַ געשווילעכץ און אַנטקעגן באַוועגן זיך טאַפּאַרעס און בייזע שלייף־שפּיזלעך, טאַנצנדיקע אויף דער בייכיקייט פון בלוט־צעפּאַטשקעטע פאַר־טעכער. לעאָן מילער איז צו איידל לייכט אויפצונעמען ס'בילד פון די הויפּנס שעכטפלייש. שוין יאָרן ווי אים קומט אויס דאָס צו זען און דאָך קען ער זיך דערצו נישט צוגעוווינען. אויך זיין בערטע באַהאַלט די אויגן פאַר יעדער אָנצייכעניש פון מאַסנהאַפטיקן בלוטנדיקן געפלייש; זייער טאָכטער טרייבט גאָר אַוועק דער אָנבליק פון די צעשונדענע בהמות וואָס אָקערשט נעכטן, אָקערשט היינט האָט זי זיי נאָך געזעען רויק בהמהש צופן ס'ברויזיקע לאַנ־קע־גרין און דאָס געל פון תמעוואַטע פעלדבלימלעך. אַ שרעק, וואָס דאָ טוט זיך! — ס'מיידל האָט זיך אָפּגעטרייסלט פונעם געדאַנק וואָס האָט אָפּט אָנגעגריפן אויף איר. פון דעסטוועגן איז די שטוב אין מאַטאַדעראָסער געסל געבליבן זייער נעסט — אַצינד מער ליב, ליב נאָכן ברוגז וואָס האָט געענ־מען אויסוועפּן. פאָטער און טאָכטער האָבן עס עפּטער באַנומען אַזוי, גלייך די שטאָט, וווהין זיי זענען כסדר געפאָרן פאַר ברויט ווענן, וואָלט זיי לסוף אָפּגעבריט. די היים האָט פון ס'ניי אויפגעלויכטן מיט היילעוודיקער וואַ־רעמקייט.

*

...לעאָן האָט ליב געהאַט בערטען מיט דער ליבשאַפט פון זיין געדענק־לעכן אַמאָל, וואָס האָט אויפגעבליט מיט יוגנט. די דאָזיקע ליבשאַפט האָט דערנאָך געצייטיקט אין די געוווינשאַפטן פון דעם ביינאַנדיקן טאָגן און נאַכטן אונטערן אייגענעם דאַך; און טאַטע־מאַמע וואָס זיי איז אויפן נאָמען לעאָן און בערטע האָבן ליב געהאַט זייער טעכטערל, וואָס איז געבליבן קינד אַפילו אין איר אָקערשטיקער דערוואַקסנקייט.

„סטעלעשי, ווו ביסטו, מאַמעלע?"

ווי פריִער האָט דער טאַטע געזוכט דאָס קינד, כאָטש עס איז שוין גע־ווען כלה־גרויס, אויף הויכע אָפּצאַסן און פּאַוואַזשנע קליידלעך.

פריד האָט ווידער געוועלטיקט אינעם הויז און טאַטע און מאַמע האָבן זיך געפרייט מיט עסטעלאַן, וואָס איז זיי איינציק פּאַר אַ טרייסט און אָנ־האַלט אויף דער עלטער וואָס רוקט אָן. אָ, אָ, וואָס עס ווערט פונעם זינדיקן מענטש, צו וואָס עס איז זיין גאַנצער אָנשטרענגונג!

יאוש האָט אַ ברום געטאָן אין זינען פון טאַטע־מאַמען, אָבער אויך נחמה האָט צוגעזונגען:

„אָן עין־הרע, זייער קינד איז אויסגעוואַקסן. זייער קינד איז שוין אַ מענטש!"

די אַנומלטיקע אומגעריכטע שרעק פאַר איינזאַמקייט האָט גענומען אויסרינען — אין אַנגעזיכט פון דער טאָכטער וואָס האָט זיך צוריק געקערט אַהיים. קענטיק זיך אָפּגעקילט — נאָכן קינדישן געלויף צו דער אויסגע־דיכטער פרייהייט, וואָס זייער עסטעלאַן האָט זיך אויסגעמאָלן. אַוודאי, אַ ז ו י נ ס איז נישט אויסצומיידן. יונגע ענערגיע שפּאַרט און שוימט. אַצינד וועט דער ווייַן רויִק צייטיקן, אַננעמען קראַפט. אָבי געזונט! טאַטע־מאַמע האָבן זיך נישט פאַרגונען צו קוקן אויפן טעכטערל, האָבן זיך גע־פרייט מיט איר ווי מיט אַ פריש געפינס. אָפענער גערייד האָט אָפּגעקלונגען אין די ווינקלען פון הויז, אויך געלעכטער פלעגט אָנליכטיקן דאָס געמיט. בלויז אין די שבת־צונאַכטסן און אין די זונטיקן, ווען דורכויסיקע רו לאָזט זיך אַראָפּ איבער דער געגנט, האָט אַ צוק פון נייעם עלנט זיך אַריינגעקליבן אין דער הייזקע. אַן עלנט וואָס גריבלט אין דער ברוסט: „מענדל — — געקומען אַ געראַטעוועטער שוואָגער, געהאַפט, ער וועט דאָ ערשט אָפּ־לעבן, ר'עט אונטערהאַלטן אויך אונדזער געמיט. לסוף איז ער נאָך אַלץ אַ ד אַ ר ט י ק ע ר. אַ מאָדנע וועלט געוואָרן! דער מענטש שפּירט זיך בע־

כער מיטן טרויער, ווי מיט דער וואָרהאַפּטיקער טרייסט — — גוואַלד, וואָס איז דאָך געשען מיטן מענטש?״

אומגערן כאַפּט מע זיך אַליין אויף אַן אומגערנעם מורמל. לעאָן גיט פּלוצלינג אַ הילך איבער דער שטוב:

— זעסט, מענדל ווייזט זיך טאַקע נישט.

— מיינסט: ער ברוגזט זיך, מאַנועלי? פאַר וואָס, פאַר ווען, — ציט בערטע די רייד, און זי דערנענטערט זיך צום מאַן.

מאַן און ווייב קוקן זיך איבער און ווײמיטיק טרײפט זייער פאַרלאָזנ־קייט, וואָס אָקערשט האָבן זיי זי שטאַרקער אָפּגעשפּירט, אָבער האָבן זיך געהיט הויך צו רעדן דערפון. זאָל די טאָכטער דאָס נישט הערן. ז י באַ־דאַרף עס נישט וויסן. ס׳איז נאָר ז יי ע ר ווייטיק!

— אָסור צי כ׳פאַרשטיי: נישט איך האָב אים באַליידיקט, נישט כ׳האָב ביי אים געבעטן עפּעס אוממעגלעכס.

בערטע האָט זיך פאַרענטפערט אי פאַר זיך, אי פאַרן מאַן.

—ווער קען וויסן וואָס אַ מענטש קען טראַכטן ? —

לעאָן האָט געצויגן מיט די אַקסלען און ס׳געשטערטע שוויגן האָט׳ן — גלייך אַן אומגעריכטער ווינט — אַ פליוכע געטאָן איבער די ווינעס, אַזש ער האָט זיי האַסטיק אַראָפּגעלאָזן.

— מ׳קען דען שטערן עמעצן צו טראַכטן? — האָט די פרוי פאַרקניפּט אירע ליפּן. און ווידער האָט די שטילקייט זיך געשטעלט אַנטקעגןביידן, געכמורעט זיך.

מענדל קומט נישט, מאַנועל ווייזט זיך נישט זינט אַ צייט! דער פּע־טער איז ווי אין וואַסער אַריין. ווו טוט זיך אַהין דער מענדל!

נישט ווילנדיק האָט מען עס ווידער אַ מאָל און אָבער־אַ־מאָל איבער־גערעדט און מ׳איז אַריין אין פריקרען וואַרטן. אין אַזאַ שוויגן קלערט זיך אי אַהין, אי אַהער: „וואָס דאָך?״

— אויב כ׳וואָלט געוווסט ווו, וואָלט איך געגאַנגען אים זוכן, — האָט לעאָן זיך פאַרלוירן אין דער פּלוצלינגדיקייט פון אויפגעוואַכטן בענקען נאָך מענדלען.

גערעדט אין פאַרטראַגנקייט און ס׳ווייב קוקט אויף אים מיט אויפגע־ריסענע אויגן: „ווי די ביטערע מערכה שפּילט זיך מיט אונדז!״

— אַז זיין טיר טרעפט מען שטענדיק פאַרמאַכט! — זאָגט ער אַ ווײַלע שפּעטער.

— און אפשר איז ער נישט הי? — ווײל בערטע פאַרטרייבן דעם פאַר־איבל וואָס דער־אָ, דער פון דער ווייט אַנטלאָפענער, האָט אַנגעבראַכט אין זייער הויז אַריין. — פון די דאָזיקע האָבן אַלע בערג מיט צרות, — כאַפּט זיך שוין אַרויס איר פאַרדראָס אויפן שוואָגער. — אַז מ'רעדט, איז עס נישט אַ־מזיסט.

דאָס קלערן האָט זיך געדרייט אין קאָפּ ווי אַ ווינטמיל.

— אָ־וואַאַאַ. מ'זאָל באַהיט ווערן פאַר דעם וואָס אַזעלכענע זענען זיך אויסגעשטאַנען! אַלע זענען זיי צעבלוטיקטע. זיי גייט אַלץ נאָך דער מלאך־המוות. האָט עמעץ זיך גרינגער אַרויסגעדרייט, שפּירט ער זיך נאָך אין שאָטן פון צעפּידלטן חלף וואָס איז געווען אויסגעשטרעקט קעגן זיי אין יענע יאָרן. ס'אָפּענע גרוב שטייט פאַר די אויגן. דער טויט יאָגט נאָך. שוין נישט צו געפינען קיין רו פאַר אַזעלכע.

אָפּט איבערגערעדט דערפון און זייערס אַ טרער האָט זיך צוגעקוקט צו דעם מיט מיטלייד.

— אויב ער איז אַרויסגעפאָרן, — האָט בערטע זיך שוין געוואָלט פאַר־טומלען — און ר'איז נישט געקומען זיך געזעגענען, איז ער סיי ווי אַ חזיר. אָבער וואָס קען מע וויסן! לעאָן, מיר רעדן און ער קען זיין ריין ווי אַ טויב. נישט אַלע מאָל איז דער מענטש ביי זיך אין די הענט! וואָס אַן אמת, איז מאַנועלן נישט צו דערקענען. מיינסט, אַ מענטש קען זיך אַזוי ענדערן? אָפּגעקילט געוואָרן צו אונדז, דערציילט ווינציק פון זיך, ברויך נישט אונ־דזער עצה. מיר זענען פון דעסטוועגן די איינגעזעסענע. ער ווייסט נישט ווו איין, ווו אויס. אָסור, צי כ'פאַרשטיי, — פאַרצייט זי אַ מינע וואָס זויערט אָן דאָס טייג פון אומגלייבן.

— אויך איך בין נישט אַזוי קלוג פאַר אַלע נאַרישקייטן וואָס עמעץ קען אָפּטאָן. און צוריק געשמועסט: אויב מענדל איז אַ ז ו י אַוועקגע־פאָרן, מוז דאָך זיין אַ סיבה דערביי. אָדער ער איז געלאָפן אַריינכאַפּן דעם אוצר וואָס וואַרט אָט־שוין אויף אים, אָדער... נו, יעדער קען זיך פאַרפאַס־קודיען. און אפשר? מיין קאָפּ איז צו קליין אַז אַלץ זאָל זיך אין אים פּאָמיעש־טשען. מיינסט, אַז מיר זענען עפּעס שולדיק? אויב יאָ, טאָ טרעף ווער, וואָס! — עקבערט ער שוין אַריין אַ ספק אין דעם ווייבס געהירן.

— שולדיק, שמולדיק — וואָס דו רעדסט! — ענטפערט זי מיט אַ האַסטיקייט פון ברענענדיקן אומגעדולד, כאָטש זי נעמט טאַקע שוין קלערן: אפשר? און אפשר אַנדערש?? ס׳דען אַ נייס אַז דער גורל מאַכט קאַזשלקעס מיטן זינדיקן מענטש!

דערויף האָט איינס פאַר ס׳אַנדערע געפּרוווט זיך פאַרענטפערן פאַר דער אייגענער אומוויסיקער שולדיקייט, הלמאי מאַנועל זיגל איז נעלם געוואָרן פון זייער שטוב, כאָטש זי איז אים געוואָרן היימיש. ס׳איז דאָך באַשיימפּערלעך. האָסט דען נישט געזען, לעאָן? און אפשר האָבן מיר זיך בלויז איינגערעדט?

דערנאָך האָבן מאַן און ווייב זיך אַליין גענומען שטעלן פראַגעס פול מיט חידוש: הלמאי דאָס, הלמאי יענצס?

— נישט אַנדערש — ער איז באַליידיקט, — האָט לעאָן אַרויסגעבּרענגט זיין וואַקלעניש. — אָבער איך פאַרשטיי נישט, — האָט ער אָנגעהויבן לערנען אַ קל וחומר: — איך האָב אים קיין מאָל נישט געזאָגט אַזוינס אַז עס זאָל אים וויי־טאָן. און טאַקע פאַר וואָס! איך בין מענדלען אַ גוטער פריינד. כ׳פיל צו אים ווי צו אַ ברודער. יונגע יאָרן פאַרבינדן שטאַרק. אַ געלעכטערל געווען דיר אונדזער וואַרשע? מ׳האָט אַרויסגעשטעקט אַ לעקער נאָכן ביסן, אָבער נאָענטע חברשאַפט איז געווען אומאָפּטרעטלעך. איינס ס׳אַנדערע האָבן מיר זיך געהאָלפן, איינער אָן דעם אַנדערן האָט זיך נישט געקענט באַגיין, אַנישט ביסטו געווען אַ פאַרפאַלענער: נישט צו קריגן אַ שטעל צו פאַרדינען די זלאָטי און נישט אַרויסצודרייען זיך פון אַ קוואַל וואָס האָט געקענט טרעפן אַ יונגן מאַן וואָס שטעלט ערשט אַרויס דעם קאָפּ.

— און איך? איך וועל שוין גאָר נישט זאָגן. איך ווייס שוין גאָאָאָר נישט! — האָט ביי בערטען געצוקט דאָס מויל. — הע־עערסט, גאָאָאָר ניש׳.

— אוןווידער טראָגט זיך אַ געזשום פון דער אַנגעלאָדענער שטילקייט וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פון דער סטעליע, געשאָטן זיך פון די ווענט ווי פליסיקער זאַמד. באַצייטנס שפּרייט זיך אַ געלעגער די פאַרנאַכטלעכע שאָטנדיקייט. — הע־ערסט, לעאָן, כ׳פאַרשטיי גאָאָאָר נישט׳ — האָט זי טריב איבערגעחזרט — אין מיין קאָפּ פּאַמיעשטשעט זיך גאָאָר נישט. ס׳איז פאַרקיילט מיין קאָפּ פון דעם געשעען מיט מאַנועלן: וואָס קען שוין זיין נעענטער, אַז זיין גורל האָט אונדז באַאומרויקט. מ׳האָט זיך איינגעחובט כדי אים אַראָפּצוברענגען; מ׳האָט אַריינגעקלערט ווי אַזוי מאַנועלן איינצואָר־

דענען ס׳לעבן, געזאָרגט זיך פאַר זיין צוקונפט. ניין, מיין קאָפּ איז צו קליין, — איז די ייִדענע מיט איר יאוש אַריין טיף אין בית־השמשות.

אומגעריכט האָט עסטעלאַ זיך אַריינגעבענקט אין אַ לידל וואָס האָט ניגונדיק זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבערן געוועב פון פאַרנאַכטיקן הויז. ס׳געזאַנג האָט מיידליש צוריקגעבליקט פונעם ווינקל, פון וואַנען איר קול האָט אויסגעציטערט ביינאַנד מיטן נייגעריקן אַבאַשורל ביי איר צירלעכן בעט.

שש. באותו הרגע האָט עס זיך אָפּגעריסן. ערשט גלאָצט אַלץ אַהין. קענטיק, עסטעלאַ איז דאָס כישוף־רויכל וואָס אין שטילקייט־צוויטן פאַר־באָרגט עס דעם סוד פון הויז. דאַכט זיך, טאַטע־מאַמען וואַרגט די מורא פאַר אַן אָקערשטיקן בליק דער טאָכטערס און ווידער שלינגט זי אייליק די קנויליקע שטומקייט וואָס רעגנט איבער איר.

עסטעלאַ האָט אָפּגעשפּירט אַ דריקונג פון די אייגענע פאַרדרענגטע טיפעניש. פון ס׳ניי פּרוווט זי פאַרטרייבן דעם אומעט מיט אַן אַנדער ני־גונדל, מער פאַרזיכיק, שטיל־שטיל, און אירס אַ טרער איז אַנגעטראָטן. עסטעלאַ האָט זי גיך אָפּגעווישט. זאָל מען עס נישט דערקענען אויף איר.

„אַ געפאַנגענע איז זי אין קלעם פון משפּחהס־געזאָגטער בכבודיקייט. דאָן לעאָנאַרדאָן פּאַסט נישט, פאַר זיין טאָכטער פּאַסט נעבעך נישט — — (זי בייסט די ליפּן, איר ברוסט העשעט) אַן אביוניש לעבן איז זיי נישט קיין בושה, די מענטשן פון דער פאַרוויקטער אָרנטלעכקייט. די ווייטיקן פון זייער פאַרמשפּטער טאָכטער אַרט זיי גאָר נישט. טויב און בלינד זענען זיי, די האַרצעדיקע טאַטע־מאַמע״.

*

פון איר גורל האָט געטראַכט דאָס מיידל — דער גורל פון אַן אָרעם קינד און נישט קיין שיינס.

נישט אויף קאַטאָוועס האָט עסטעלאַ זיך דערשפּירט אַ פאַראורטיילטע — מחמת דעם טאַטנס קבצנישקייט, מחמת איר צעשוווּמענעם פּנים וואָס זי האָט אָקערשט אַנומלט אָפּגעפּילט ווי אַ קללה. יאָ, זי קוקט ניכטער אויף זיך. אַזאַ האָט אויף גאָר־גאָר נישט צו וואַרטן. זי מוז זיך האַלטן אַן אַ זייט, וואָס ווינציקער זיך צונויפקומען מיט אַנדערע. זי האָט עס אָפּגעוויי־

טיקט, ווען זי איז געווען מיט אַנדערע. נישטאָ קיין ברירה — זי מוז זיי זוכן: יונגוואַרג פאַרברענגט. און צו יונגוואַרג יאָוועט זיך תכלית, ווי די מאַמעס רופן עס. נישט ווילנדיק האָט עסטעלאַ גענומען קלערן צו קומען אין קלובן אַריין, זי האָט געקלעפּט צו „חברה", אָבער זי האָט דאָס נישט גערן געהאַט. באמת — ס'איז בעסער צו זיין פון ווייטנס פון אַזעלכע. מ'קומט זיך צונויף, האָט מע פאַר זיך דעם ריכטיקן שפּיגל. נו, פאַראַן שענערע, אָבער צו וואָס באַדאַרף זי זיי? פון איר האָט מע סיי ווי זיך אַוועקגעדרייט. עסטעלאַ טאָר זיך גאָר נישט איינשמועסן. דאָס קען זיין די נאַרישע פאַרגאַפּטקייט נאָר פון טאַטע־מאַמע. זי איז ווי אַ טיפער שראַם אויפן פּנים. בכלל איז שיינקייט אַ משפּחה־זאַך. פון זיי האָט זי עס נישט געקענט קריגן. זיי, די אַלטע, זענען ווייט נישט קיין שיינע. טאָ פון וועמען ירשענען? דער־אָ שפּיגל גענאַרט זי נישט. זע נאָר די גראָבלעכע פיס, הויכע, ברייטע היפּטן. נישט נאָר איז זי נישט שיין — אַרום און אַרום איז זי אומגליקלעך, עסטעלאַ. ערשט איז זי יונג, יונגקייט פאַרגייט אָבער, יוגנט פאַרבליט און וועלקט. עסטעלאַ זעט עס דען נישט אויף איר מאַמען? און דער רוב טשאַפּעוואַטע ווייבער? אַלע ווערן צעווירן, שוועד, אַפילו — די שיינע. וואָס האָט עסטעלאַ צו דערוואַרטן, זי, די אומגליקלעכסטע צווישן די אומגעלומפּערטע קינדער פון פאַרנאַרישטע טאַטע־מאַמע!

אויף דעם מיידל פלעגן קומען אַזעלכע מינוטן פון זעלבסטפּיין. אַלץ די טאַטע־מאַמע! אַליין געבוירן געוואָרן שלים־מזלס, לעבן ווי בלינדע באַשעפענישן און בלינדערהייט האָבן זיי אָנגעאַרבעט אַ שווערן הויקער אויך איר, זייער הייס־געליבטער טאָכטער: געטאָן איר אַ טובה, וואָס געברענגט זי אויף דער וועלט, צו מוזן רייסן פון זיך די הויט. נישקשה, געקראָגן אַ ווילע ירושה פון וועלכער עס איז זיך נישט אַרויסצידרייען. כאַטש פּלאַץ!

...ווי אַ שטורעם צייטיקט אין עסטעלאַן דער נייער ווייטיק. מיט אַ מאָל האָט זי מורא געקראָגן פאַר אַן אויסבראָך פון יענעם פאַרדראָס וואָס שטעכט דורך און דורך. זי וועט שרייען, זידלען, שעלטן, אויב עס וועט אַצינד קומען דערצו. זאָלן זיי ליבערשט אויפהערן מיט די זיסע רייד. ניין, ניין. בעסער זאָל דער ווייטיק בייסן און רייסן איר געמיט, גלייכער זאָל אַ האַסטיק שוויגן אַרומרינגלען ס'אויסנווייניקסטע ביי איר פּונקט ווי דעם סוד וואָס איז אין איר אויסגעוואַקסן און איז עלול זי צו פאַרטרינקען; בעסער אומצוקומען איידער מ'זאָל זען זי וויינען.

אין די דאָזיקע שוואַרצע שעהען האָט דאָס מיידל „צייט געהאַט" נעענ־טער צו דערזעען זיך, די קליינע עסטעלאַ, און מיט ווי האָט זיך אָנגעזאַפּט איר דערוואַכטע ברוסט.

דערנאָך האָט זי זיך באַוועגט איבערן הויז אין אימפּעטיקער פאַרביסנ־קייט, וואָס „די אַלטע" האָבן, איינגעשרומפּענע, צוגעזען מיט גרימעניש.

— אפשר איר פרעגן?

— חלילה וחס!

די מוטער האָט זיך אַריינגעלייגט די פויסט אין מויל, דער טאַטע האָט געפיבערט מיט די אויגן: „מ'עט צוקוקן ס'גרייטע, בערטע". דער מאַנצ־ביל האָט זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל. ער האָט מורא ס'זאָל נישט קומען צו אַן איבעררייד מיט דער טאָכטער. זי פירט וועלמן און זיי מוזן פּלאַצן. ער האָט דערפילט אַז פון איר קען אָט־אָט אויסברעכן עפּעס אומגעריכטס. איר אָנגעדראָדלטקייט האָקט אים פויסטיק איבערן קאָפּ. מ'קען זי ווידער אָנווערן פון שטוב. גליט אַ פונק — האָט ער געטראַכט — איז נישט כדאי זיך צוצורירן צו אים. אין אַ פונק ליגט שטענדיק פאַרהוילן די סכנה פון אַ פלאַם, צו מאָל פון אַ העליש פייער. אוי איז דעם הויז, אויב ס'האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט די מורא פאַר פייער. יאָ, און אַ פונק קען אויך אָפּ־געטייט ווערן, נעמען פינצטערן, — האָט אין דעם מענטש אויפגעצוקט אַ שאַרפער טרויער ווי אַן אומגעריכטער צוגווינט. דאָך איז זי אַ יונג קינד און דו קענסט נישט וויסן וואָס ס'איז פאַר איר בעסער. חלילה וחלילה, אַז מ'שטערט אַזוינס, קען עס חס ושלום קראַנק ווערן, אַריינפאַלן אין מרה שחורה. ס'זאָל אַזוי נישט געשען, ווי ס'האָט שוין געטראָפן. יידישע טאַטעס זאָלן מער נישט געפּרווט ווערן!

*

אַז מענדל איז עס געווען דער טליענדיקער פונק וואָס קען אויסברעכן אין אַ שריפה, האָט מען ביי די מילערס נישט געוווסט. עפּעס האָט זיך יאָ גע־אָנט דערפון, עפּעס האָט זיך גענעפּלט אין באַוווסטזיין אַז ס'איז ניט אין גאַנצן גלאַט מיט זייער טעכטערל: גאָר מיט אַ מאָל האָט זי אויפגעהערט צו דער־מאָנען דעם פעטער, זי וואַרט שוין נישט אַזוי אומגעדולדיק אויפן פעטער

מאַנועל — ווי זי האָט פריִער אַרויסגעקוקט אויף אים. דער־אַ געדאַנק האָט גיילעך זיך געוואָקלט סיי ביי לעאָנען סיי ביי בערטען, אָבער צו אַ האַרטן חשד איז עס נישט דערגאַנגען. וואָרן — האָט זיך געאַמפּערט דער שכל־הישר — ווי איז עס מעגלעך? ער — אַזאַ, מיט אַ וויסט פּעקל צרות אויפן רוקן, פון לאַנג אַ באַווייבטער, אַ פּאָטער פון אַ טאָכטער וואָס וואָלט שוין געווען אַזוי אַלט ווי זייער עסטעלאַ; דערצו אַ געבראָכענער מענטש. און זי איז אַ קינד אין פאַרגלייך מיט אים. און ער איז איר אַ פעטער. משוגע, מיינע שונאים. נישט מעגלעך! דער שוואָגער מיט דער שווע־גערן האָבן פאַרטריבן פון זיך דאָס שאָטנדל פאַרדאַכט, וואָס האָט זיך שוין געהאָט צעפלאָטערט אין זיי. אַוודאי, מענדלס פאַרעקשנטע נישט קומען צו זיי און עסטעלאָס אַנגעברוגזטקייט קען זיין אַ צופאַל.

— ווי מיינסטו — ס׳דרייען זיך דען ווינציק צופאַלן צווישן די מענטשן?

אַזוי ווי מ׳האָט זיך געוואָקלט, אַזוי האָט מע זיך אין מאָטאָדעראָסער שטוב געטרייסט וואָכן דורכאַנאַנד. און מאַנועל זיגל דער שוואָגער, מאַ־נועל דער פעטער לאָזט נאָך אַלץ וואַרטן אויף זיך.

— ס׳חלילה עפּעס געשעען, נישט אַנדערש זאָגט מיר מיין פויערנ־קאָפּ. וואָס זאָגסטו, בערטע? — האָט לעאָן ניט געקענט זיך אַרויסבאַקו־מען פונעם טראַכטן וואָס האָט אים פאַרשוואָכקען און אָפּגעשראָקן איינ־צייטיק. — ס׳אויסטערליש, הערסט!

— באמת, אויסטערליש. ס׳גאָר נישט גלאַטיק.

מענדלס לאַנגע נישט קומען צו די מילערס האָט מיט דער צייט גענומען שטעכן די אויגן. אין תחילת האָט מען יאַקאָש נאָך געוואָרט: אָט גייט ער, אָט־אָט קומט מענדל. מסתמא פאַרשפעטיקט דעם אָמניבוס.

—און אפשר האָט זיך אים שוין געמאַכט „עפּעס אַן אַ זייט״? פאַר־קוקט זיך אויף א... — האָט לעאָן געפרוווט בגוואַלד אַריינדרייען זיך מיט אַ הייטער וואָרט. — מיט אַ מענטש קען אַלץ טרעפן. דאָך אַן איינזאַמער פויגל!

לעאָן האָט געוואָלט צעשטויבן דעם שהוצן ערגעט וואָס ס׳אומזיסטע וואַרטן אויף מענדלען האָט אַנגעבראַכט אויף דער שטוב, אַזש מאַן און ווייב האָבן זיך געכאַפּט אַז איינס ס׳אַנדערע האָט גאָר נישט מער וואָס זיך צו

זאָגן. מענדל — מאַנועל איז נאָר דער קלוגער תירוץ וואָס די צייט האָט צוגעשיקט.

און גאָר פּריקרע איז געווען וואָס ער האָט געפּעלט ביים טיש אין די זונטיקן:

לעאָן האָט זיך איטלעך מאָל אויפגעשטעלט, אַוועק אין פּאָדערהויז אַ קוק טאָן; בערטע האָט אַנגעשפּיצט די אויערן: דאַכט זיך, ער איז דאָ! עסטעלאַ האָט כלומרשט נישט געהאַט קיין צייט צו הערן וואָס „די אַלטע" רעדן. ווייטער אַריין, מענדל איז אַלץ נישט געקומען — די וואָכן האָבן זיך געטאָפּטשעט אין בלאָטע פון דערעסנקייט מיט אַלצדינג — האָט לעאָן געפּרוווט שוין פאַרענטפערן דעם שוואָגער:

— אַ מענטש שפּירט זיך שלעכט, אויב מ׳גיט אים כסדר צו עסן, מ׳פאַרבעט אים אומישנע אויף מיטיק. פאַרשטייסט, מענדל האַלט זיך שוין נישט פאַר אַ גאַסט. אמת, דו זידלסט אים פאַר די פּעקעלעך וואָס ער ברענגט יעדעס מאָל? ס׳איז וואָר. דיר איז אויך נישט ליב ווען מ׳ברענגט דיר סתם אין שטוב אַריין אומזיסטע זאַכן. ס׳איז עפּעס נישט באַטעמט.

— ווי אַזוי רעדסטו, לעאָן? ער איז דאָך נישט קיין פרעמדער, — האָט זי דערווידערט. — אַן אייגענער דאַרף זיך פירן ווי אַן אייגענער. מ׳פירט זיך תמיד אַזוי ווי מ׳פילט זיך. מיך פאַרדריסט עס, לעאָן. איך ווייס, ער האָט נישט קיין געלט, הייס איך אים נישט ברענגען קאָ׳ פּעקלעך.

— מיינסט אַז איך האָב אים פאַרטריבן?

— איך זאָג עס נישט. אָבער עפּעס איז געשען. אַנישט וואָלט ער כאָטש געלאָזט וויסן פון זיך.

— נעם דיר אין זינען אַריין אַז ער פילט זיך ביי דיר אַן אייגענער, אָבער כסדר עסן אומזיסט וויל אויך נישט אַן אייגענער, — האָט לעאָן זיך געהאַלטן ביי זיינס.

— ס׳אַ קינדעריי. ער דאַרף זיך אויף אַזוי פיל נישט רעכענען. דער־ווייל איז מאַנועל נאָך נישט דערפאַרן צו זיך. ווי לאַנג ער האָט נישט קיין היים, איז ער אַלץ אין דער פרעמד.

— טאָקע דערפאַר פילט ער זיך פרעמד. איך גלייב אים, מענדלען.

— פרעמד שמעמד. מיר גיבן אים דאָס נישט צו פילן. און ער דאַרף עס פאַרשטיין. מיר האָבן דען מער נאָענטע ווי אים? וויפל מאָל האָבן מיר עס אים שוין געגעבן אָנצוגעהערן, כדי זיך נישט אָנצוזואָרפן: „מענדל, מיר

זענען גליקלעך, וואָס דו האָסט זיך דערקליבן אַהער און נישט ערגעץ אַנ־דערשווו. כאָטש שוין לאַנגע יאָרן הי, זענען מיר דאָך עלנט". ער איז דען אַ יינגעלע, אַז ער זאָל נישט פאַרשטיין די כוונה וואָס קומט פון האַרץ אַרויס! און דו ווייסט עס נישט, לעאָן, אַז דאָס איז דער סאַמע אמת? איך האָב קיין מאָל נישט געפרוווט אים ווייזן אַז ער דאַרף זיך פילן געבונדן פון אונדזער נאָענטקייט. ער איז דאָך אַ שוואָגער, כאָטש שוין אָן דער סיבה פון שוואָגערשאַפט. כאָטש ס'איז אַ זאַך פון ג ע ו ע ן, איז ער אונדז ווייטיקלעך ליב. ווי מיר, מיין טייערע שוועסטער האָט צו מאָל נישט זוכה געווען אַ נעבעכדיקן קבר, — גיט זי אַ וויין אַרויס. — מ'האָט אויסגעמאָ־רעט, פאַרפייניקט די יידן ביים דייטש, דערנאָך האָט מע זיי אַפילו נישט פאַרגונען צו שטאַרבן אַ מענטשיש שטאַרבן; געטריבן ווי די סטאַדעס אין שעכטהויז אַריין, ערגער — מ'האָט זיי פאַרסמט, דערנאָך פאַרברענט. טאָ פאַר וואָס נישט האַלטן אים נאָענט, פאַר וואָס זאָל ער זיך פילן פרעמד? חלילה נישט אויפצווינגען די ליבשאַפט. מיר ווילן נאָר, ער זאָל דערזעען אונדזער פריינדשאַפט. נישט אמת, לעאָן?

— שייך צו רעדן נאָר פון אונדז? ער האָט דאָך אַ צעבלוטיקטן זכרון. אַזאַ מענטש ווייס אויך נאָך ווי צו פירן זיך. אויב ער טוט אַזוי ווי ער טוט, הייסט אים מסתמא זיין שכל.

— ווילסטו, — האָט זי זיך שוין געדרייט אויפן בענקל. — ׳עט מע נישט וואַרטן. לאָמיר צוגיין עסן — און זיך געשפּירט באַזיגט. — ער וועט אָנקומען, וועט ער אויכעט נישט פאַרהונגערן.

— ווי דו פאַרשטייסט, בערטע.

נישט געווען קיין ברירה. געוואַרט, געוואַרט און סוף־כל־סוף געמי־טיקט אָן מאַנועלן. געווען אַ פאַרשטערטער זונטיק. דער ביסן האָט גע־דריקט. געווען צוגעווינט צו אים ביים זונטיקדיקן טיש, ערשט אַזאַ נייעס!

אויך דער נאָכמיטיק־דרימל איז צונישט געוואָרן. רעגונגען פון האַרץ לאָזן זיך נישט גרינג איינשטילן. אַוועקגעלייגט זיך און נישט געקענט אַנט־שלאָפן ווערן. דער מוח איז געלאָפן, די אויגן זענען געשוווּמען אין טומל, זיי האָבן אַ סך, אַ סך געזען, געהערט. יאָ, עס גיבט אַזאַ געפיל פון אומ־באַשטימטקייט, ווען דער מענטש איז נישט קיין באַלעבאָס איבער זיך. גע־לעגן אויפן בעט האָבן מאַן און ווייב נאָך אַלץ געוואַרט אויף מאַנועלס קלאַפּ אין טיר. ער איז אָבער נישט געקומען. לעאָן איז באַצייטנס אַראָפּ פון גע־

לעגער און ווידער זיך אַרויסגעשטעלט פאַר דער שוועל. לאַנג האָט ער ניט געקענט איינשטיין אויף אַן אָרט; צוריק אַריין אין שטוב, איבערגעטוען זיך און באַשלאָסן צוצושפּאַצירן צו דער אויטאָבוס־סטאַנציע.

— כ׳גיי אים אָפּוואַרטן, בערטע. צום פאַרנאַכטיקן גלעזל טיי וועט ער זיכער שוין נישט פעלן, דער פּאַצעט מענדל. גייסט מיט, סטעלעשי? — גיט ער אַ רעד אַריבער צו דער טאָכטער, וואָס וואַכט אָקערשט מיט אויס־געקיילעכיקטע אויגן איבער דער אומגעריכט אויפגעדרידטער שטילקייט. באַשיימפּערלעך, זי האָט זיך צוגעהערט צום פאָטערס קול. — וואָאָאָס?

ער האָט באַמערקט אַז זי גיט זיך אַ שאָקל אָפּ:

— גיי אַליין, פּאָפּי. איך מוז זיך ערשט צוגרייטן. וועסט זיך נישט דערוואַרטן.

— און דו, בערטע? קום. זאַלבענאַנד וועט זיין לייכטער צו גיין, און ס׳איז היימלעכער.

— גיי דו. וועסט אַליין אויך טרעפן, — האָט די פרוי אומגערן גע־ענטפערט און געוואָלט פון זיך אָפּטרייסלען דעם בייסנדיקן געדאַנק אַז ס׳אירע אַ באַשערטקייט דאָס שטענדיקע עגמת־נפש: געקומען דער מענדל, איז געוואָרן ליכטיקער אין הויז. אומקלאָרע האָפענונגען האָבן זיך געוויזן — כאָטש געגנוג טרויעריקייט איז מיטגעקומען מיט אים. ס׳קינד האָט אויפ־געלעבט: אומגעריכט אַ פעטער! דאָך אַ צייכן פון אייגענער משפחה, מען שטאַמט אָפּ פון היימען וואָס זענען עפּעס ווערט געווען ביי גאָט. אָבער אין מיטן דערינען האָט אַלץ זיך ווידער אָפּגעטאָן — צופיל גליק געווען פאַר זיי! — גיי, גיי, — האָט בערטע מיט אַ מאָל זיך געוואָלט נעמען אין די הענט אַריין און געמוטיקט דעם מאַן, וואָס איז געשטאַנען אַן אָפּוואַרטנ־דיקער. — זעסטעך, כ׳בין נישט צום גיין. כ׳על ליבערשט פאַרגרייטן דעם טיי. און כ׳קען זיך נישט איילן, לעאָן.

— אַ גרויסע זאַך — טיי! מ׳גיסט אַן דעם טשייניק און ס׳ווערט פאַר־טיק! — מאַכט ער אַ געלעכטערל. — קום שוין, עקשן.

— גיי דערווייל, לעאָן. איך וועל נאָכקומען מיט עסטעלאַן.

— מאָמע, עסטעלאַ גייט נישט. עסטעלאַ וועט צושטעלן דעם טיי. דו באַגלייט דעם טאַטן.

דאָס מיידל האָט געוואָלט בלייבן אַליין און זי האָט צום אָמניבוס אַוועק־געשיקט דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

— גיי דיך איבער אַ ביסל, מאַמעלע.

— נ'אַוודאי. טו דיך אָן גיכער, איידער דער גאַסט קומט — איז לעאָן געוואָרן איילעוודיק. — האָסט שוין ס'קלייד? אָט גיב איך דיר די לאַטשן.

בערטע האָט זיך אויף גיך צוגעקליבן. צוויי פּאָר הענט האָבן איר געהאָלפן צוטראָגן די דאַמעשע גאַרדעראָבע מיטן האַנט־טעשל, אָפּגעפּרישט זיך ס'פּנים, צוגעקאַמט דעם קאָפּ און זי איז אַרויס מיטן מאַן אָפּוואַרטן מאַנועלן. וואָס, וואָס, — האָבן זיי פעסט געגלייבט — אַצינד קומט ער שוין, אַקוראַט ווי נאָר פון זייער אַנטקעגן גיין איז אָפּהענגיק דאָס קומען.

— אַך, אַך, וואָס מיט אַ מענטש טוט זיך: נעמט און פאַרשווינדט און מ'ווייס נישט וואָס, ווען! — האָט זי גייענדיק גערעדט צום אייגענעם געהער און געשטעלט גיכע טריט, גלייך זי וואָלט נישט געוואָלט פאַרשפּעטיקן ס'אָנקומען פון בוענאָס־איירעסער אָמניבוס. — אַ מענטש האָט הנאה צו זיצן אין טומל, — האָט בערטע נישט אויפגעהערט צו טראַכטן אויף אַ קול וועגן דעם שוואָגער — אדרבא, גיב אַ קוק, — האָט זי געהאַט ס'געפיל אַז זי רעדט שוין צו אים, צו מענדלען, — איז דען נישט בעסער אין אַזאַ מקום ווי דאָ? דאָ דערזעט זיך ערשט דער מענטש, ר'ווערט געלאַסענער. דער דרויסן איז גאָר אַנדערש. און וויפל איז ווערט די לופט? פּשוט, ס'קומט צו אַ שטיק געזונט!

זיך צערעדט אין זיך, גערעדט מיט די אויגן, געגרייסט איר מאַטאַדעראָס און אַליין באַלעבט דאָס וואָרע געפיל אַז זי פירט זיך מיטן שוואָגער: „ציסט אויס די נשמה. אַזוי לאַנג לאָזן וואַרטן אויף זיך! ס'אַר אַ מענטש דו ביסט. ר'עכנסט זיך נישט אַז מ'קלערט איבער! איז דען הי נישט בעסער, מענדל? אויב מ'האָט נאָר צייט, איז דאָ אַ סך בעסער, ערנוואָרט! זאָג, — קוקט זי אים שוין אין די אויגן אַריין — נעמסט און באַהאַלטסט זיך אויס! לאַך נישט, אויב דו זעסט אַ טרער ביי אונדז. מיר מיינען די נעוואָרעט. טאָרסט נישט לאָזן אַזוי פיל אויסקוקן אויף דיר — —"

זי האָט זיך פאַרגעסן, די פרוי. מיט אַלע אירע דאַרשטן אַריינגעלאָזן זיך אינעם חלום פון דער שטאַרק־באַגערטער באַגעגעניש מיטן שוואָגער. אַזש זי האָט נישט געזען דעם מאַן נעבן זיך. לעאָן האָט צונויפגעשטשעמעט די ליפּן, דער בליק איז אים געוועזן אַנגעגאָסן. ווי אָנגעשפּריצט פון אַ קאַל־טער כוואַליע, האָט ער דערווישט אַז עס דערנעענטערט זיך די אַרויס־

שטאָטישע סומנע גאַס ווו עס שטעלן זיך די פאַרשטויבטע, לאַנגע אויטאָ־בוסן, וואָס פירן אַרויס מענטשן פון געליאַרעם.

מאַן און ווייב האָבן חידושדיק זיך אָנגעקוקט:

— טאָקע נישט? אַלע קומען, נאָר ער...

— וואָס'טו זאָגן!

און שפּעטער זיך דערווישט אין פאַרלוירנקייט: „ווידער אָפּגענאַרט זיך".

און איז ס'פּאַרפאַלק צוריק געקומען אַליין, אָן דעם שוואָגער, האָט עסטעלאַ באַגעגנט טאַטע־מאַמען מיט פריש־פאַרבריטן טיי און קיכלעך.ביידע זענען געווען מבולבל, פאַרשעמט און דאָס מיידל האָט אין זיי אַרייַנגעשריגן:

— שוין, שוין! זאָל ער נישט קומען! —

זי איז אַרויסגעשפּרונגען מיט תרעומות אויף „די אַלטע", הלמאי זיי צערייסן זיך אַזוי, זענען צעבראָכן דערפון וואָס יענער ווייזט זיך נישט.

— בעטן זיך ביי אים, לויפן אים זוכן? נישט — איז נישט! אַזוי לאַנג נישט געוווסט פון סעניאָר מאַנועל, וועט מע ווידער נישט וויסן. געזען, ווי דאָס לייגט אייך ווערלטן?

דאָס מיידל האָט מיט געמאַכטער האַפּעדיקייט אָפּגעמוסרט טאַטע־מאַמען וואָס זענען געקומען משנה־צורהדיק, מיט פאַרהאַקטע ציינער. שטומקייט האָבן זיי אויך אָנגעווייעט ביים טיש, ווען מ'האָט זיך אָוועקגעזעצט זאַלבעדריט, בכיוון אויסגעמיטן צו רעדן פון מײַנדלען. צו וואָס זיך פאַרמערן דאָס שטיקל רו־טאָג! — האָט געטראַכט בערטע, כאָטש ס'האָט איר נישט אויפגעהערט צו גריזשען דעם מענדלס אַנטלויפן פאַר זיי.

„אַ מענטש וואָס איז אומגליקלעך איין מאָל, קען שוין קיין פרייד נישט נהנה זיין", — האָט טריב זיך געווימלט אין לעאָנס געהירן. ר'האָט זיך אַרויסגעכאַפּט:

— מי־יודע ווו ער וואַלגערט זיך איצט, מאַנועל, צי ער טראַכט מאָקע נישט פון אונדז. דער מענטש ראַנגלט זיך מיט זיך, כדי נישט אָנצו־וואַרפן אויף אונדז זיינע צרות.

— זאָל ער נישט קומען, — האָט, פאַרקערט, העפטיק אַ קלער געטאָן די קליינע און זי האָט עס געלאָזט וויסן, בגוואַלד נאָך אַרויפגעצויגן אויפן פנים אַ פריילעכע מינע.

דעם טיי האָט מע געטרונקען ווי אַן איינגעמעניש. ס'זיסע קיכל האָט זיך געוואַלגערט אין מויל ווי פּרוכנע האָלץ, אָן צו שפּירן די יוסטקייט וואָס איז איינגעקנאָטן געוואָרן דערין; געקייעט אַזוי, גלייך זיי גופא וואָלטן נישט געווען דערביי. אַ מאָל אויך זיך דורכגעוואָרפן מיט אַ וואָרט וואָס איז געווען מער אַ רצון צו לאָזן זיך הערן, איידער צו אַנטפּלעקן דעם חשק פון אייגענעם טראַכטן. יאָ, זיי האָט נאָר געבריט דער אומוויליקער געדאַנק אַז עסטעלאַ דאַרף נישט וויסן פון זייער שווער געמיט. אָוונט־צו איז מאַן און ווייב שוין געווען אַזוי אומהיימלעך אַז עס האָט זיי אַרויסגעטריבן פון שטוב. זאַלבעדריט זענען זיי אַרויס אויף שפּאַציר. בעסער נישט צו זיין מיט זיך! — האָט דאָן לעאָנאַרדאָ אָפּגעמאַכט און אויפס כוח אַ לייכט געטאָן מיט אַ פינצטער שמייכעלע אַנטקעגן ווייב און טאָכטער:

— קומטס, מ'עט גיין זען אַ מענטש פאַר די אויגן.

— מ'עט זיך איבערלופטערן, — האָט ס'מיידל נאָכגעזאָגט דעם פאָטערס אַ ווערטל, וואָס ער לאָזט איבער אין שטוב איטלעך מאָל, ווען ער גייט זוכן אַ בעלן פאַר אַ פאַרטיע דאָמינאָ־שפּיל אין אַ ביר־קנייפּע, ערגעץ אין די געסלעך.

בערטע האָט אויך אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט:

— טאַקע אַזוי: פאַר וואָס לאָזן אויף הפקר אַ שטאָט, נישט צו זעען וואָס ס'טוט זיך. מ'דאַרף געדענקען אַז זי האָט נישט קיין צייט צו שטיין, די שטאָט, דאָרט ווו מיר האָבן זי געלאָזן.

אין דער פרוי האָט ערשט געהילכט יעדער קלאַנג וואָס איז אַרויס פון איר. „ווי וווּיל, אַז ס'איז שלום אין שטוב", — האָט זי פּלוצלינג גענומען זיך מקנא זיין.

און מ'איז געגאַנגען, געשניטן גאַסן. ס'משפּחהלע האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר געצירטע מאַגאַזין־פענצטער, פאַרריסן דעם קאָפּ צו אַ בייער הויכער מויער פון מאַדישן געבוי מיט ברייטע, שטאַרק ברייטע אָבער ניידעריקע פענצטער וואָס הענגען אין דער הייך און חידושן זיך אויפן ליאַרעם וואָס האָט זיך געשטעלט אונטן, זיי צופוסנס; קינדיש האָט ס'געזינדל זיך געקוויקט מיט עמעצענס מאַיאָנטקעס און גערעדט, געשאַצט יענעמס מיליאָנען. און דער טאַטע איז געווען גליקלעך וואָס די טאָכטער האָט זיך געלאָזט מהנה זיין מיט אַ צוקערקע וואָס געפונען ביי זיך אין קעשענע; ער האָט געקוואָלן ווען זי האָט זיך אַ פּיעשטשע געגעבן פאַרן טאַטן, די

מאַמע האָט זייטיק געשעפּט נחת פֿונעם שלום־בית צווישן טאַטע און טאָכטער. דער שפּאַציר איז איר גוט באַקומען. אומשטיינס־געזאָגט, — האָט זי אַ קלער געטאָן — וואָס דער מענטש דאַרף האָבן אויף צו זיין רויק! און דאָן לעאָנאַרדאָ האָט אָקערשט געהאַט אַ געלעגנהייט אַריינצופֿירן „זייגע ווייבער" אין אַ קאַפֿעהויז, געפּונדעוועט זיי אַ זיסן איבערבייס מיט אַ געשמאַקן טרונק. „ס'איז גוט?" — „אוי גאָר־ווטו!" מיטן גאַנצן מויל האָט עסטעלאַ אַ לאַנגן טשמאָקע געטאָן. פֿאַרענדיקט האָט מען דעם שפּאַציר מיט אַ קינאָ־כּיבוד וואָס האָט אי לעאָנס ווייב, אי דער טאָכטער אַוועקגעצויגן אין לאָקנדיקן שטח פֿון ליבער פֿאַרגעסנקייט. פֿון דעם פֿאַרגעניגן וואָס זיי האָבן געהאַט דערפֿון, האָט ער זיך צענחתט:

— הע, אַז מ'פֿאַלגט דעם דאָן לעאָן? שטענדיק איז'ס אַזוי. צ'וועט פֿאָלגן, 'עלעך ענק נאָך אַ מאָל מיטנעמען! — און דער קאָפּ האָט אויף אים געלאַכט פֿון דער המצאה ווי אַזוי „ער נעמט" די זייניקע.

אַ פּאָר מאָל איז זיי באַשערט געווען אַזעלכע זונטיקדיקע שפּאַצירן, לעאָנען מיטן משפּחהלע — מחמת דעם אומאויפֿהערלעכן אומרו צוליב מאַנועלן. ווייל וואָכן־לאַנג האָט זיך געצויגן זיין נישט קומען און די מאַמאַדעראָסער, ווי מ'וואָלט זיי אָפּגעטאָן אַ כּישוף, האָבן נישט אויפֿגעהערט צו וואַרטן, צו ציִען צו אים.

— איי, וואָס 'עט מע זיך נעמען צום האַרץ! — האָט לעאָן לסוף געזאָגט צו ווייב און טאָכטער — ער'ט שוין קומען, ער'ט דערווייל נישט קאָצאַט. ערשט האָבן מיר נישט קאָ צאַט דאָ צו גאַפֿן. חברה, מירן אַצינד אַריינכאַפּן אַ ביסל זונטיק־נאַשעכץ. גע־גאַאַנגעץ, חבריה? — און ער האָט מיט פֿאַרהוילענעם ווייטיק אַ קוק געגעבן אויף די פֿרויען.

געוואָלט, נישט געוואָלט — אַ ביסל קעגן אייגענעם ווילן האָבן זיי זיך געלאָזט פֿירן פֿונעם קאָפּ פֿון הויזגעזינד.

פֿון די שפּאַצירן צוריקגעקערט זיך אַהיים אונטער גלימערדיקער נאַכטשיין, האָט לעאָנאַרדאָ מילער רגעוויז זיך געשפּירט דער קאַוואַליר פֿון ווייט־פֿאַרפֿלאָסענעם אַמאָל, כאָטש אין דער ברוסט האָט נישט אויפֿגעהערט צו דריקן: „וואָס אַ מענטש דערלויבט זיך. טאַקע אָנגעפּייפּט אונדז, דער גרינער. ווי ווייט אַזאַ פֿאַרשוין קען פֿאַרפֿאָרן אין דער פֿרעמדקייט אַריין. די קילעריבן פֿון פֿעלד אים אַראָפּגענומען, דער שוואָגער מיט דער שוועגערין!" — אָבער ביידע דאַמען האָט לעאָן געפֿירט געאָרעמט, גלייך

ער וואָלט געשוועבט. יאָ, ר׳איז נאָך דער זעלביקער. פּונקט אַזוי האָט ער אַ ראָמאַנטיש באַהויכטער, אויף אַזאַ אופן אַמאָל זיך געפירט מיט פריילנס, וועלכע ער׳ט באַגערט צו געווינען מיט מענלעכן גלאַנץ. די כפרה זענען זיי געווען פאַר אים, די פּאַניענקעס, די שענסטע, די בעסטע!

מאָדנע פאַרשעמטע האָבן יענע ווייטע חגא־טעג געלויכטן אין פאַר־טונקלטן זכרון. מיט קאַרגע אָנצוהערענישן האָט ער אויף אַזאַ שטומען אופן זיך אַ וויי־געטאָן פאַר די אייגענע: הע, נישט קיין פאַרשלאָפענער געווען דער לעאָן! אמת, יאָרן קענען אָוועקהרגענען אַ מענטש, אָבער ער איז נאָך ע ר; אַצינד איז דער תענוג־זונטיק גאָר־גאָר אַן אַנדערער. ער שפּירט עס בפירוש, אָבער זי, ס׳ווייב, איז פון דעסטוועגן אַן עדות פון יענעם אַמאָל. דערמאָנט זי זיך עס נישט, בערטע? געוויס געדענקט זי, נאָר דערמאָנען איר איז נישט ניחא. ס׳מוז קומען פון זיך אַליין. זי ׳עט שוין אַ מאָל דער־ציילן דער טאָכטער. שאַדט נישט, עסטעלאַ מעג וויסן וואָס פאַר אַ טאַטע זי האָט — — ריכטיק, דאָ איז עס אַנדערש. אויך היינט איז דער זונטיק אַ ליבער, ער ברענגט אַ קאַפּעלע רו, כאָטש די רו איז אַן איינגעלאָשענע, אַן ברען. ס׳מוז זיין, עס שמעקט שוין מיט אונטערגעזופּטע יאָרן, זיקנה, אַן אַלטער דזשאַד געוואָרן לעאָן. בעל־כרחידיק שלעפּסטו זיך. אַצינד לעבט מע מער פאַרן הויזגעזינד, מ׳איז מער געצייגט צו טאָן פאַר אייגן־אייגענע.

נאָך די דאָזיקע זונטיקן איז איטלעך מאָל געקומען די לאַנגע, האַרבע וואָך. פון ס׳ניי האָט זיך אויסגעמישט דאָס שטילע מאַטאַדעראָס מיט דער ליאַרעמדיקער שטאָט און מאַנועל זיגל איז ווידער געווען פאַרלוירן אינעם תוהו ובוהו פון פלאָנטערנדיקן גורל. באַהיט זאָל מע ווערן, — האָט עס געשריגן אין לעאָנס געהירן — אויב ס׳מזל איז אָנגעפינצטערט. עס וואַרפט אַראָפּ־אַרויף. די אומבאַשטימטקייט איז אַ ברענענדיקע בייטש איבערן שאַרבן!

שרעקלעך אומעטיק.

מאַטאַדעראָס האָט ווי ביז אַהער געגליוועט אין כמו ראַפּטעמדיקער פאַרלאָזנקייט, בוענאָס־איירעס האָט פאַרשייט זיך געגרויסט אַנטקעגן איר. ער האָט עס צוגעזען מיט צוגעשאַרפטער קלאָרקייט, דער אָפּגעהאַרעוועטער מענטש, און ס׳האָט אים פאַרדראָסן ווי אַן אויגנרייסנדיקע פאַלשקייט וואָס ווערט פאַרגעלדט צווישן גרינגקעפּיקע. אין זינד געדעדט אַ יחסנטע, די שטאָט, דאָך צאַפּלט זי זיך אומגעהייעריש און פאַלט צום סוף אין אייגענער

אוממאַכטיקייט! ווען ער וואָלט געקענט אין גאַנצן אויסקומען אָן בוענאָס־איירעס, וואָלט ער עס געטאָן בתשועת־חן.

אָן איבעריק מאָל האָט לעאָנאַרדאָ מילער איינגעזען אַז די שטאָט איז „נישט פאַר זיינעטוועגן”. מיט צער האָט ער זיך צוגעקוקט ווי טאָג־איין, טאָג אויס שאַרט זיך אַרויס די מנוחה פון זיין הויז:

פון דאָס ניי האָט אין דער טאָכטער זיך איבערגעבערענט די ניכטער־קייט — ווי אויפגעכאַפּט זיך פון אַ פאַרתמטן שלאָף און נישט געוואָרן.

שטילענקערהייט האָט עסטעלאַ די ביוראָקליסטקע ווידער זיך אַרויס־געמאַכט פון שטוב, פרי אַוועק, שפּעט אַהיים געקומען. זי געדענקט נישט אַז מ׳וואַרט אויף איר מיט האַרצקלאַפּעניש. „איר אַרט נישט די היים” — האָבן טאַטע־מאַמע פון ס׳ניי געוויטיקט.

— ווערסט גאָר נישט אויפטאָן. איבערגעקערט זיך ס׳האַרץ ביים מיידל,

— האָט די מאַמע זיך אַרויסגעכאַפּט און ס׳פּנים האָט איר געפינצטערט.

— וואָס איז איר די היים? זי האָט אַלץ אין דער ערד! — האָט לעאָן אַרויסגעבראַכט דעם ברי פון אַליאַרעם וואָס האָט זיך געריסן פון אים.

— לעאָנשי, דערבאַרעם זיך: ס׳מיידל איז אַרויסגעוואַקסן פון די קינ־דערישע קליידלעך, — האָט ס׳ווייב שוין געפלאַמט מיט די רייד און זיך באַמיט צו דעמפן זייער אויסקלאַנג. — גאָט באַהיט, דער שכן זאָל נאָר נישט דערהערן. די ווענט האָבן אויערן, לעאָן. און דיין קינד איז אַ מיידל. מאַך נישט אַליין קאַליע. — באַטייטפול האָט זי געקוועטשט די אויגן, גע־וואָרפן מיטן מויל אין צייכן, אַז ס׳גלייכער צו שווייגן. — מ׳קען מיינען, — האָט זי דערנאָך גערעדט מיט פאַרביסנקייט — מ׳קריגט זיך ביי אונדז. דו פאַרגעסט, לעאָן, אַז זי קען נישט האָבן דיינע געדאַנקען! עסטעלאַס צייט איז פאַר דעם. אויב זי וויל — זאָל זי זיין אַ מענטש פאַר־זיך. גיב אַכטיק, טאַטע, אַז דו זאָלסט זיך נישט פאַרפּיינטן ביי דיין טאָכטער. צי נישט אי־בער ס׳שטריקל!

זי האָט געוואָלט איינגעמען דעם מאַן און אין אמתן האָט זי געזוכט זיך אַליין צו טרייסטן. אַ טרויעריקע צייט געקומען אויף זיי: די אייגענע יאָרן רוקן זיך אָפּ, די עלטער דערהרגעט דעם מענטשן און אַ קינד בלייבט תמיד אַ קינד ביי טאַטע־מאַמע. ס׳אַ שווערע מלחמה. זי׳ט גאָר נישט פועלן ביי עסטעלאַן. אַז איר ציט ערגעץ־ווו, וועט קיין שום כוח זי נישט צוריק־האַלטן. זי דערמאָנט זיך דען נישט, בערטע, איר אייגן פירעכץ? אויך זי איז

געווען יונג און נישט אַלץ איז איר געפעלן אין זיער היים, כאָטש טאַטע־מאַמע זענען איר געווען טייער. גאָרנישט די אייגענע בערטע!

די מאַמע האָט אָפט געקעמפט מיט די שטראָמען טרערן, וואָס האָבן געשפּאַרט פון דער קעל. און זי האָט זיך נישט געוואָלט פאַרשטערן די טעג, וואָרן מיט פאַרוויינטע אויגן האָט זי נישט געקענט זיך אַרויסווייזן אין דרויסן, באַגעגענען אַ מענטש, עמעצן ענטפערן אַ וואָרט. זי האָט געוואָלט אַלץ אָפּטאָן אַזוי, אַז ווען „די לייט" וועלן אַהיים קומען, זאָל אין שטוב זיין שטיל און שיין. ער אַרבעט מיט די לעצטע כוחות, די טאָכטער האָט זיך נעבעך פאַר ס׳איריקע, זי קען דען אַלץ דערציילן דער מאַמען? אוי, גלייבט זי איר — — בערטע, בערטע, דערמאָנסט זיך ווי ס׳איז דיר געווען, ווען דו ביסט געווען אין עסטעלאָס מדרגה?

בערטע האָט מיט אַ מאָל אָוועקגעלייגט די הענט פון געטועכץ. אָן צו וויסן דערפון וווהין זי באַוועגט זיך, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל און כוואַליעס דערמאָנונגען, אַ ווינט פון פאַרבן און ריחות האָבן זי אַוועקגעשלעפּט אין נעכטנס אַריין און זי האָט זיך פאַרכליניעט אין זיי.

— ...אָ, בערטע, ס׳איז נישט דאָס וואָס געווען!

ראַפּטעם זיך אַרויסגעכאַפּט פון די וויטן און זיך געשטעלט אַנטקעגן דעם טאָג וואָס האָט איר צוריקגעקערט דעם עול פון אַ באַלעבאָסטע. אַ ים זאָרגן פאַרן הויז האָבן בערטען אַ צי געטאָן.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

דאָס רעטעניש

פאַר דער מאַטאַדעראָסער שטוב איז מענדל זיגלס געלם ווערן געבליבן אַ מטושטש רעטעניש. אַ מענטש נעמט און פאַרשווינדט גלייך די נאַכט וואָלט אים איינגעשלונגען. ערשט אַנומלט אַרויס פון זיי צום ביינאַכטיקן אָמניבוס און איננו. קיין בייזס האָט חלילה נישט געטראָפן מיט אים, וואָרן אַזעלכענע זאַכן קומען גיך קאַפּויער; פּאָליציע האָט שאַרפע שמעקערס און די שטאָט האָט תמיד גערן צו קייען שטאַרק סוד־ותדיקס. חלילה וחלילה! נישט דאָס איז עס, וואָס האָט געטראָפן מיט זייער מענדל. גיכער איז אים עפּעס געפלויגן איבער דער נאָז: געהערט אַ קרום וואָרט פון עמעצן, אַ נישט גלייכער קוק אָדער סתם אַ שמע קולנו איז אים איינגעפאַלן. שרעקלעך נערוונע די מענטשן וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פונעם אומגליק. ס׳א סוד וואָס ער האָט אַראָפּגעשלונגען און ער טליעט ביי אים אין בויך ווי יענע גרויסע חכמה: „איך ווייס, אָבער זיי וועל איך לאָזן דערפון קלערן און זיך אַליין שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט. דערוויל גייטס פּרעגטס יוקלען פון דער יעלה ויבא־גאַס״ — — ני, — האָבן מאַן און ווייב גערעדט צווישן זיך. נישטאָ דער פאַרשוין. בייטאָג געפינט מען אים נישט אין ערגעץ; זיין צימערל איז פאַרשלאָסן אויף שטומקייט פאַר איטלעכן וואָס קומט געוואָר ווערן דעם „גריגעם״. אַלע קוקן אויף אים מיט אַ יעבעך. אַריינגעקליבן זיך אַהין אויף איינזאַמקייט, ווי אויף אָפּצוקומען אַ שטראָף. נישטאָ, כאָטש ער איז יאָ דאָ ביי אַל די רוחות.

בערטע איז לסוף אַוועק זוכן דעם פאַרפאַלענעם.

— קומט ער כאָטש אַהיים נעכטיקן?

די שכנים הערן עפּעס יאָ גראַבלען אין די שפּעטע נאַכט־שעהען. אַ שליסל דרילט, טיר־זאַוויעסעס סקאַווטשען אין דער איינגעגליווערטער

שטילקייט, וואָס נעמט זיך מיט אַ מאָל בלאָזן, שטעלן דיבאָם. ס׳איז גאָר נישט היימלעך אַז מ׳זאָל זיך דאַרפן אין מיטן נאַכט איבערוועקן פון פאַר־דעכטיקע שאַרכן. האָרך זיך איין, פאַרשטיל דאָס ציטעריקע האַרץ. און ס׳איז נישט לייכט צו געדענקען אין מיטן שלאָף אַז ס׳קען גראַבלען אַן אייגענער פון הויז — אָבער אַרויסקוקן אין דער אָנגעשטאָפּטער פינצטער־ניש אַריין! און מ׳קען דען עמעצן נאָכשפּירן? וועמענס עסק איז עס, וואָס אַ מענטש טוט מיט זיך! אַז ס׳הערט זיך עפּעס, שטעלט מען אַן ס׳געהער. בכלל גייט מע גאָר גלאָסן אַריין אַ ה י ן. אויך גלאָסן גייט מען אַרויס. מסתמא אַזאַ כאַראַקטער ביי דעם. אַ שטילער, און געוויס אַ געליטענער. מירן דאָך נישט אָפּשטעלן אַ מענטש צו נעמען אים אויפן פאַרהער. און ווער האָט אַ רעכט יענעמען נאָכצושפּירן? דאָס איז ריכטיק, סעניאָראַ: די לעצטע טעג האָבן מיר אים נישט געזען און אַפילו נישט געהערט. אגב, וואָס קען ווייסן אַ שכן?

מאָדנע אומהיימלעך איז געוואָרן דערפון, וואָס די מענטשן האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון ענטפערן, כאָטש די פּרוי האָט נישט אויפגעהערט צו פרעגן, וואָפן: „אויב נישט איר, אפשר ווייסן אייערע אייגענע? איר באַ־נעמט, — ס׳אַן איינזאַמער מענטש. מיר זענען אומרויִק פאַר אים". די לייט פון עספּינאָסאַ־גאַס האָבן שפּיציק געקוקט אויף דער פּרוי, מער געפרעגט איר וועגן א י ם ווי געענטפערט דערויף וואָס זי האָט געוואָלט וויסן. אַנדערע האָבן פאַוואָליע, כיטרענקע זיך צוגעהערט וואָס מ׳שמועסט מיט דער פרעמדער, צוגעלייגט אַן אויער, געווען גיריק אויף יעדן וואָרט.

בערטע איז פון דאָרט אַוועק ווי אויף ליימענע פיס. צו וואָס איז זי געגאַנגען? מענטשן קענען נאָך מיינען מי־יודע וואָס: אַ פּרוי צו אַן איינ־זאַמען מאַן. זי איז אַזוי נייגעריק צו וויסן ווען ער קומט אַהיים ביינאַכט, ווען ער גייט אַוועק אין דער פרי? „און אפשר קומט ער נעכטיקן — נישט אַליין!" אַזוי האָט עס פּלוצלינג איר אַ גריבל געטאָן אין מוח. מ׳שפּירט זיך געפּאַטשט, האָט זי כלאַחר־יד געטראַכט, אויב מ׳פּאַלט אַריין אין חשדים! דער מענטש איז בכלל אַן אומצוטרויִלעך באַשעפעניש. איר האָט עס אָפּגעטרייסלט. און וואָס פאַר אַ גערייד איז איר פון ד אָ ר ט נאָכ־געגאַנגען:

— מיר מישן זיך נישט. מיר ווייסן גאָר נישט. — און זיך אַוועקגע־דרייט מיט ווערעמדיקע בליקן, מיאוסע הינטער־געדאַנקען.

אַהיים איז זי געקומען מיט אַ מאַט קול, פאַרקלעמטע ליפּן. וואָס וועט זי דערציילן? און אַז דער מאַן איז צוגעשטאַנען, האָט בערטע קורץ אָפּ־געהאַקט:

— שולדיק געווען דעם טייוול אַ וועג! ביי מענטשן איז ס׳וואָרט מיט גאָלד צוגלייך. זיי זענען נישט געוואָרן צו ענטפערן, אָדער זענען טויב און בלינד. סעניאָר מאַנועל? מיר ווייסן נישט אַזעלכן און מיר ווילן נישט וויסן. מיר האָבן זיך אייגענע דאגות. הערסט, אַ שאָד וואָס מ׳האָט נישט געשוינדן די הויט פון אַזעלכענע, נאָר פון מיין אָרעמער שוועסטער.

לעאָנען איז דעם ווייבס טענה נישט געפעלן געוואָרן. שיק אַ ייִדענע. אַ מאַנצביל ׳עט מען אַנדערש ענטפערן. און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין עספּינאָזע־געסל, זיך אַרומגעקוקט, געזוכט עמעצן אָפּצושטעלן: אפשר גע־זען דעם גרינעם? ער גלייבט, אַ סך אַזוינע זענען נישטאָ אין זייער שכנות.

— איר קענט אים גאָר נישט? אַ גרויסער חידוש — האָט ער אויסגע־צויגן דאָס פּנים און געלאָזן דעם בליק אויף יענעמס שטערן. — דאָך אַ שכן, שוין צוויי יאָר ווי ער וווינט דאָ! אַ הויכער, שיינער מאַן אין די פּער־ציקער, אַ ריין אָנגעטוענער, אַ שטילער. וואָס, אַזוינעם זאָל מען נישט זעען!

לעאָן איז צוגעשטאַנען צו איינעם וואָס האָט קענטיק אַ סך צייט. אין מיטן טאָג שטייט ער אין אַ פּידזשאַמע־רעקל פאַרן הויז־אַריינגאַנג, קוקט, פאַרנעמט דעם גרינעם בלעטער־געזשום פון דיביימער וואָס גאַפן אין דער אָפּגעלעגנקייט אַריין פון דער געגנט. אַזאַ, האָט לעאָן אַ קלער געטאָן, ווייס מסתמא מער פון אַנדערע. אַ באַבסקע וואָיט זעט ער אויס, קריכט אַרום מיט אַ קיישל איבערן מאַרק, קאָכט אַליין ס׳טעפּל.

— אַ גרינער? און מיר זענען שוין פאַרגעלט, — האָט יענער געוויזן מיט גלייכגילט זיין אויסגעשטשערבעט מויל. — נישטאָ קיין קאָפּ פאַר פרעמדע קלאָפּאָטן, — און אַוועקגעדרייט די אויגן פון דעם זאַקעציע. צו־געטשעפּעט זיך! — האָט ער אַראָפּגעשלונגען אַ ברום.

— ער פלעגט קומען צו אונדז יעדן שבת אָוונט, פאַרברענגען אויך די זונטיקן ביי אונדז. אַ מענטש אַליין, אַ שטאַרק פאַרליטענער, איר פאַר־שטייט? אַזאַ פעלט שוין — — אַוודאי, מ׳טראַכט אַ בער. וואָ׳דען? געהאַט אַ ווייב, אַ טאָכטער. ר׳איז אַ קרבן פון דער קאַטאַסטראָפע דער אייראָפּעי־שער. אָנגעוויכערט אַזוי פיל טויטן, דער דייטש. יאָ, פון פוילן איז דער

מאַן. מיינער אַ שוואָגער. אַנישט, מיינט איר, וואָלטן מיר... פון יואַרשע געקומען. אַ שיינע שטאָט מיט אַ גרויסן טייך, די ווייסלאָטע. געהערט פון דער ווייסלאָטע, סעניאָר? אין יענע יאָרן האָט זי איבערגעפלייצט מיט פאַרגאָסן מענטשלעך בלוט. אַ ווייסט אומגליק, אָבער גאָט צו דאַנקען — מ׳האָט זיי פאַרטריבן די דייטשן. אָר־הוהו! מיר זענען זיך געזעסן ביים פלאָטאַ־טייך און קנאַפּ געוווסט וואָס ס׳געשען. יאָ, סעניאָר. ווינציקע זענען אַרויס לעבעדיק פון די גרוילן. פון אַזאַ מין שוואָגער לאָזט זיך אַ סך נאָכקלערן, אויב מע זעט אים נישט אַ שטיקל צייט. גענומען און פאַרפאַלן געוואָרן!

— אָר־הוהו.

יענער האָט טרוקן געהערט, אַ מאָל אַ בורטשע געטאָן, געהויבן אַן אַקסל. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגערופן אויף אָפּצוטשעפּען זיך:

— שווער? עס איז דער טרויער וואָס באַפאַלט עמעצן. יעדן בייסט דער דאָזיקער וואָרעם. אָבער וואָס קען ווייסן אַ פרעמדער! — און אָפּגעקערט זיך פון דעם פרעגער.

...אויך לעאָן איז אַוועק אַ באַלעסטיקטער פון דעם שניידיקן גלייכגילט וואָס לייט ווייזן אַרויס צום מענטשישן גורל.

— וואָלט מע זיך כאָטש געריכט אויף אַזוינס! — האָבן מאַן און ווייב נאָך די אומזיסטיקע פאַרענישן געטענהט צווישן זיך אַקעגן דעם וואָס דער מענדל איז אויסגערונען געוואָרן. — ר׳וואָלט צו מאָל געלאָזן פאַלן אַ וואָרט אַז ער וועט, כ׳ווייס וואָס, אַז ר׳וויל...

— וואָס „וועט ער, וויל ער!” — האָט ייאוש זיך שוין אַ ריס געטאָן און די פרוי האָט זיך צעשריגן, אַזש לעאָן איז געבליבן זיצן אַ צעטומלטער.

— ווער ווייס וואָס מיט אַזוינעם קען טרעפן? וואָס פאַר אַ געדאַנקען עס קענען אים טאָטשען, — האָט לעאָן גענומען אומזיכער נאָכגיין דער מחשבה וואָס האָט ערשט געעפנט זיין מויל. — מ׳זאָגט, אַזעלכע האָבן, נישט דאָ געדאַכט, צווישן אַ יאָ און אַ ניין געמאַכט אַ סוף מיט זיך, כאָטש די וועלט איז פאַר זיי ערשט אַוועקגעשטעלט אַן אָפענע. און אַ לעבעדיקן מענטש ציט דאָס לעבן! אויך יונגע געווען צווישן די וואָס האָבן זיך אַ מעשה אָנגעטאָן. צוגעשלעפּט דאָס נעבעכדיקע געביין צו דער פאָרטקע, איבערגעלעבט דעם משוגענעם דייטש און... דער מענטש ווערט געשטראָפט מיט אַ האָרץ. פייניקט עס, מאַטערט.

און דעם שוואָגער מיט דער שוועגערן דעם מענדלס האָט געריבט די רו אויך זייער טעכטערל: ס׳האָט זי פינצטער געשראָקן איר פּלוצלינגדיק פּאַרעקשנט שווייגן, ס׳האָט אין זי געשריגן ז ײ ן נ אָ מ ע ן, וואָס זי האָט מער נישט איבערגעחזרט. זי האָט אַפילו נישט געפרעגט אויף אים. עסטעלאַ האָט אַצינד געשוויגן אַ כמורע שווייגן. ס׳גאָר נישט זייער עס־טעלאַ. פריער איז מיט איר אויפגעוועקן די גאַנצע שטוב: גערעדט, געטאָן, געוועזן רירעוודיק, געשפּילט זיך מיטן טאַטן, געלייענט אירע ביכלעך — אַצינד שווייגט זי. עס שרייט דאָס דאָזיקע שווייגן. „זי זאָל מיר חס ושלום נישט קראַנק ווערן!״ — האָט די מוטער געציטערט.

— איך אויף דיין אָרט וואָלט שוין דערגאַנגען וואָס ס׳איז דער מער מיט איר. אויב אָנגעדראָדלט אויף וועמענען, טאָ וואָס די פּאַרביסנקייט אויפן טאַטן, וואָס פאַר אַן עוולה האָט זי געהאַט פון דער מאַמען? — האָט לעאָן אַריינגערעדט אין ווייב. — מ׳קען דאָך נישט טאַפּן אין דער פינצ־טער, בערטע. אויב ס׳איז עפּעס געשען, אַזוינס וואָס האָט חלילה געקענט געשען, מוז מען עס אויך וויסן, און באַצייטנס! טאָ ווער קען עס דערגרייכן מער ווי די מאַמע!״

דעם מאַנצביל איז אין מוח געקראָכן גאָר פּאַרדעכטיקס.

— בייס דיר אָפּ די צונג, לעאָן. רעד נישט אויס אויף דיין קינד! מיר וועסטו נישט איינשמועסן קיין ווילדע זאַכן. איך קען מיין סחורה. הערסט, זאָלסט עס מער נישט דערלאָזן דיר אין קאָפּ אַריין, לעאָן. וועסט זיך פּאַר־זינדיקן.

— מאַלע, וואָס עס קען געשען, — האָט ער זיך אויפגעגעסן אַ לע־בעדיקער. — אַ יונג מיידל האָט הונגעריקע אויגן, זשעדנע אויערן, און ס׳בלוט, בערטע? — האָט ער אָנגעשטעלט אויפן ווייב אַן עקבערנדיקן בליק — אַלץ הערט זי, אַלץ זעט זי און ס׳נישט שווער זי צערייצן. אוי, טרעפט! טאָר מען טאַקע נישט צו לאַנג וואַרטן, בערטע, — האָט ער נישט אויפגע־הערט יאָדן דאָס ווייב און ער האָט זיך אַליין געגריזשעט. — פרעג איר, דו מוזסט פרעגן, אויב דו ווילסט נישט אַז ס׳זאָל ווערן צו שפּעט.

ער האָט ווידער געציטערט און געפלאָטערט, דער טאַטע, ר׳האָט זיך געשראָקן פאַר יענעם בייז וואָס קען קומען אויף זיין טאָכטער.

— יאָ, אויך אויף זיין קינד! — אויב זי זאָל נישט זיין גענוג אָפּגעהיט

מיט איר לייב. מ׳קען דען וויסן, — האָט ער זיך געגריזשעט — מ׳קען זיך דען צופיל געטרויען, אויב די בלוטן שפּילן און שוימען? ער ווייסט: אַזאַ פרי׳ע יוגנט איז פול מיט געפאַרן. מ׳מוז זי שטאַרק היטן. אויף אַזעלכענע לויערן־טשאַטעווען גרויסע סכנות. אויגן פון שריפה, חשד און לאַקונג נישטערן אויס אַזעלכע. און זיין עסטעלאַ איז געפערלעך שיין, אַזוי האָניקדיק זיס; אירע אָרעמס טריפן זאַפט, עס רופן און ציען אירע אויסגעקיילעכטע ביאָדרעס. גאָט אין הימל, זי זאָל נאָר ביישטיין די געמיינע חוצפה פון די כיטרע און תאווה־הונגעריקע! די אויגן זאָלן זיי אַרויס, ס׳זאָלן זיך ווערגן די טרייפענע מאַנצבילשע העלדזער, איידער זיי וועט איינפאַלן צו פאַרטשעפּען זיין טאָכטער, ס׳שוואַרצאַפּל פון זיין גאַנצן קלערן און בענקען. אמת, אמת, ער קען זי אַנדערש נישט זען — ווי עסטעלעשי דאָס קינד אויף זיין אָרעם, דאָס שאָנקעדיקע און אייביק נייגיריקע. ער האָט זי ליב אין איר צניעות. ער וויל דערלעבן פון איר נחת; ער וויל אויך ווייטער קענען זי טוליען צו זיך מיט פאָטערלעכער צערטלעכקייט. אוך, עסטעלעשי! — פאַרשטשעמען זיך לעאָנס ציין און אַ הייסע שטים צעהילכט זיך אַריבער די ראַנדן פון זיין גאַרן מהות, ס׳שלאָגן אַרויס פון אים פלאַמען וואָס שפּרייטן זיך און נעפּלען אַריבער זיינע בליקן. אין איר זעט ער אָקערשט זיין אייגענע יוגנט, אין איר האָט ער ליב אויך בערטען, זיין יונגע בערטע וועלכע האָט מיט תמידן לויב, מיט אומגעהייערן דאַנק פאַרצערט זיין רייץ צו פרוי. וואָס אמת איז אמת. ער איז געווען אַ יונג אַ ברען. ווי שטאַרק זי האָט אים באַוויזן איר ליבע די פרוילעכע. אויך עסטעלאַן וויל ער זען אַזאַ — ווען די צייט וועט גרייכן צו איר. אַוודאי, זי וועט געפינען אַ גוטן יונגן מאַן, זי׳ט זיין געטריי. עסטעלען האָט ער מער ווי ליב. ס׳איז שטאַרקער פון ליבשאַפט זיין צוגעבונדנקייט צו איר. נו, קען אַ טאַטע נישט ריכטיק ליב האָבן זיין קינד? — דערצו נאָך זיין עסטעלאַ, וואָס האָט אַלע הנען און טעמ׳ען פון גלוסטונג צו ליבשאַפט. אַזאַ אומוועדדיקייט וואָס ער קען זיך אויסמאָלן בנוגע זיין טאָכטער, וואָלט ער זיך נישט מוחל געווען. ער זאָל עס נישט דערלעבן. און שוין הערט עס נישט אויף אים צו גריזשען: ווען חלילה זיין קינד זאָל געשטרויכלט ווערן! אַזוינס וואָלט ער נישט פאַרגעבן. אַ מיסטקאַסטן מיין טאָכטער? או, אוי־ווי, איך וואָלט אַראָפּ פון זינען, איך וואָלט פון אַלץ אַ תל געמאַכט. כ׳וואָלט געלאָפן אין דער וועלט אַריין.

— אַ ז ו י ־ ו י נ ס ? — האָט ער נישט אויפגעהערט אַריינצושרייען אין זיך מיט באַנומענקייט.

לעאָן מילערן דעם פּאָטער, לעאָנען דעם מאַן פון פלאַמיקן געדעכעניש פון דער אייגענער איבערגעשוימטער יונגשאַפט האָבן געפּלאָגט ניי־אויפגעטויכטע בילדער. אי־אי, ער גופא האָט דאָך געהאַט מגע־ומשא מיט מיידלעך, קינדער פון ווילע טאַטע־מאַמע. ווי ער האָט געצונדן די נעכט און די חלומות פון די צעפלאַקערטע לעבנס! ס׳געדענקט זיך ווי עס וואָלט געשען ערשט נעכטן, אייערנעכטן. אין אויגנבליק ווייזט עס אויס צו זיין שיין, ס׳ציט — אין ווייטקייט־ליכט, אָבער אין באַזאַכטן געדאַנק שטעלט עס זיך אָפּ מוטנע, מיט אַ ווידער־טעם פון נישט־פאַרדייעטן פרעס; אין די אויגן פונעם טאַטן ווי ער שפּירט זיך אַצינד, איז דאָס מיאוסדיק. ער וואָלט׳ס נישט אויסגעהאַלטן, אויב עס זאָל געשען מיט זיין לייבלעך קינד.

דערווייל האָט סטעלאַ „געטאָן ס׳איריקע“, ווי טאַטע־מאַמע האָבן עס גערופן אין ביטערניש. געוואָרן אַ מענטש פאַר־זיך: לאָזט זיך שוין נישט צו דעה־זאָגן, וויל נישט מ׳זאָל איר נאָכקוקן. זי איז דאָך אַ פאַרדינערין! דאָן באַלעזניס אַ מענטש משטיינס־געזאָגט! זי האָט געלט, כאָטש צום טאַטנס קעסט מוז זי אָנקומען, אויף דער מאַמעס זאָרג אויסגעשטעלט מיט אַ סך זאַכן, אַנישט וואָלט זי פאַרפאַלן געוואָרן ביי איר אומגעניטקייט צו טאָן וואָס אַ מענטש דאַרף קענען. ווי פריִער איז פאַר איר אָנגעגרייט די מאָל־צייט, די וועש צוגעהיטן, איבער איר געזונט ציטערט מען. עסטעלאַ הוסט, עסטעלאַ זעט אויס בלאַס! וויי ז׳מיר, וואָס מיט דעם קינד קומט פאָר: זי רעדט זיך איין אַז זי קען שוין אַלץ אַליין. אין אמתן גייט דאָס און פאַלט, און פאַר דער היים היט מע זיך!

טאָג און נאַכט ציטערט דאָס לידל אין טאַטע־מאַמעס האַרץ און אין זייער מוח זינגט עס און הילכט: עסטעלאַ, עס־טע־לאַ: האָדעווע אויס טעכטער און זיי רייסן דיר אויס שטיקער לייב. וואַזשנע ז׳ערלעבט — אויקעט דער טאַטע דער מאַמען אין די אויערן אַריין און זי, די ייִדענע, עסט זיך אויף אַ לעבעדיקע: דער מענטש וועט מיר לא עלינו איינגיין פון עגמת־נפש. ווי אויסגעסוכביעט ער איז! און ווערט שפּעט־נאַכט, ס׳מיידל איז נאָך נישטאָ, כאָטש זי איז אַ ברוגזע אין דער היים, טראָגט זיך אַנדערש די מעלאָדיע דער מאַמעס: ס׳זאָל מיין קינד חלילה קאָ׳ שלעכטס נישט צו־האַנדן קומען! עסטעלאַ, ס׳גוטע מזל זאָל איר צושיינען!

ס'רוב האָט ס'געמיט זיך צעגעסן ביי דער „אַלטער". ווי פון אַ תחינה אַרויס האָט זי געזאָגט, און אַלץ פון דער טאָכטער:

— איין שטיקל קינד, און אָן עין־הרע נישט קיין מנוחה פון דעם.

— מיין עסטעלאַ, מיין טאָכטער. האָסט געזען ס'אַר אַ גאָלדענע הענט דאָס האָט? לייט זענען אונדז מקנא מיט אַזוינס. זענען מיר, משטיינס־געזאָגט, כאָטש מבין דערויף? אוי־אוי!

די מאַמע האָט נאָר געזוכט אַ געלעגנהייט זיך צו קענען אויסרעדן פאַר עמעצן.

און די פרוי האָט נישט באַמערקט ווי זי האָט זיך אַ גיכן רוק געטאָן אויף אַראָפּ. אַזוי לאַנג ווי עסטעלאַ איז געווען אַ קינד וואָס מ'האָט געקענט פירן מיט איר, האָט בערטע זיך געפילט אַ יונג ווייבל, אַ באַלעבאָסטע, נישט נאָכגעגעבן די גרימאַסן פון אייגענעם גוף, וואָס האָט פון צייט צו צייט געלאָזן „הערן" פון זיך. אַצינד האָט זיך ביי איר אַלץ אויסגעגליטשט. רגעווייז האָט זי מורא געקראָגן צו בלייבן אַליין מיט זיך — מיט דער שטוב אין העק. ערשט האָט די איינזאַמקייט געטאָן אָן דין! יוען מיין קינד וואָלט געווען מיט אַ האַרץ, וואָלט געווען שפּאַר אַנדערש — — כאָטש די מאַמע האָט נעבעך נישט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס עס וואָלט געווען, אויב עסטעלאַ וואָלט געווען אַזאַ ווי „די אַלטע" באַגערט. סיי ווי האָט די מאַמע נישט אויפגעהערט גאַנצענע טעג צו עסטערעלען. ס'האָט איר מאָדנע אַ הנאה געטאָן, דאָס ביטערן אויפן גורל אירן.

עסטעלאַ האָט דאָס אַלצדינג נישט געהערט, נישט געזען. דעם מיידל האָט עס אַרויסגעצויגן פון דער היים. „זי פּירט וועלטן", — האָט דער פאָ־טער נישט אויפגעהערט צו ברומען, נישט געקענט איינרוען און די מוטער האָט אַלץ „פלאָטשיק געמאַכט", איינגעשטילט דעם מאַנס כעס אויף דער דער טאָכטער, למאי ז י וויל נישט באַנעמען זיין באַזאָרגטקייט פאַר אירט־וועגן.

— וואָס ווילסטו פון דעם מיידל? ס'דאַך פּאַרט אַ פייגעלע. אַזוינס ציט פון אייביק אָן אין וואַלד אַריין. ביי אונדז איז איר סמוטנע. לעאָן, זי מוז האָבן יונגוואַרג. אומזיסט האָסטו טענות. דערציילן דיר אַלץ? זי מוז עס דען? וואַרט, זי'ט שוין דערציילן. אויף אַלץ קומט די צייט. זאָל נאָר זיין ס'געזונט, ס'עט קומען. דיין קינד איז נישט דאָס ערגסטע. זינדיק נישט, לעאָן.

געוואַלט, צי נישט — לעאָן האָט געמוזט זיך פֿאַרטראַכטן אויפֿן ווייבס רייד. אַ מאַמע וויל דען זען שלעכטס ביי איר קינד? פֿרויען פֿילן שטאַר־קער. אפשר איז זי טאַקע גערעכט, בערטע!

שווער זיך צוגעוווינט צום נייעם איינפֿיר און לעאָן האָט שוין אַלץ פֿאַר ליב גענומען. באַשיימפּערלעך: עסטעלאַ וויל נישט מער מ׳זאָל קוקן אויף איר ווי אויף אַ ברעקל; זי האָט פֿיינט ס׳וויגלידל, וואָס ע ר קען נישט אָפּלאָזן. מיט אומעט האָט אים אונטערגעזאָגט דאָס טונקעלע געפֿיל: ער עלטערט זיך. ר׳קען נישט פֿאַרשטיין וואָס אַ יונגס פֿילט. און מעגלעך, ער געדענקט אויך שוין נישט גענוי ווי ער אַליין איז געווען אין א י ר ע י אָ ר ן, קען זיין. ער רעדט זיך איין אַז ער ווייס.

— טאָרסט זיך נישט אַזוי צינדן און פֿלאַקערן, לעאָן, — האָט ס׳ווייב נאָך צוגעגאָסן בוימל צום פֿייער וואָס האָט געברענט אין אים. — דיין טאָכטער וועט ווייט נישט אַוועקגיין. זי וועט זיך אַליין אויסניכטערן.

מיט פֿאַרצאַגטקייט האָט אויך בערטע געמוזט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק אַז זי מיטן מאַן בלייבן „דזשאַד ז באַבאָן״. הפּנים — שוין אָפּגערוקט זיך זייער צייט. עסטעלאַ האָט זיך איר וועלט. מ׳זעט דען נישט ווי ס׳פּירט זיך ביי לייטן? גרינג קומט קיינעם נישט אָן מיט אונטערגעוואַקסענע קינדער. ש׳אַ געשוויר וואָס מוז אָנרייסן.

שווערער אומעט האָט זיך אַריינגעקליבן אונטערן באַלקן פֿון דער שטוב אין מאַטאַדעראָס. אין אַליינקייט פֿלעגט די מאַמע רעדן מיט זיך. און איז לעאָן אַריין, האָט ער ווי אין פֿאַרגעסנקייט זיך אַ לאָז טאָן פֿון צימער צו צימער, גלייך ער וואָלט אין זיי געזוכט די דערמאָנונג וואָס האָט נאָך געצערטלט, אַזוי פֿיל צוגעזאָגט. און האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול, פֿלעגט זי, „די אַלטע״, אים געבן אַ טרייסל:

— האָסט אפשר זי געזען?

ז י, ווידער די טאָכטער, כאָטש ס׳ווילט זיך נישט אַזוי פֿיל טראַכטן דערפֿון!

לעאָן האָט נישט געענטפֿערט, נאָר שטאַר געקוקט דעם ווייב אין פּנים אַריין און איר בלייכע מינע האָט זיך שניידיק אויסגעקרימט. דעם־אַ בליק האָט ער שוין נישט געקענט אַריבערטראָגן. ר׳האָט אָנגעשריגן אויף איר:

— נאַדיר די טאָכטער! — און ראַפּטעם זיך אויפֿגעשטעלט, אויסגעצויגן די הענט — אין קעשענע מיינסטו האָב איך זי? שוין גיי איך זי זוכן!

דעם ווייבס געוויין האָט ער שוין נישט געזען. ערגעץ אין אַ ווינקל האָט די מאַמע זיך גוט אויסגעוויינט.

*

עסטעלאַ האָט זיך געוויזן אין שטוב אַריין ווי אַ גאַסט. דער טאַטע האָט זי זעלטן געזען, די מאַמע האָט זי אָפּגעוואַרט מיט אַן אומפּאַרענטפּערטער שעמעוודיקייט. די פרוי האָט געציטערט אַז זי זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט נייע פאַרוורפן: „הע, דערלעבט? אַ קינד זאָל נישט וועלן וויסן פון דער מאַמען!" בערטע האָט ליבערשט אַראָפּגעשלונגען די יסורים: זאָל מיינס איבערגיין!

אין הויז איז דער בין־השמשות אַנגעוואַקסן מיטן געפּאַך פון פלעדער־מייז וואָס זאָגן אַן שלעכטס. ענדלעך איז ס׳ביסל אָרעמע פרייד אויסגערונען. מאַן און ווייב האָבן צווישן זיך געזוכט אַן עוקץ טרייסט אין אַ וואָרט, אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך שטענדיק מיט עסטעלאַן.

— האָסט עפּעס גערעדט מיט איר? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס דערציילט זי, בערטע? — איז ער צוגעשטאַנען.

— פאַראַן נייעס, מאַמעלע? — האָט לעאָן געצוירטלט זיין דערשלאָגן ווייב.

ער, דער טאַטע, איז עס געווען דער בלינדער וואָס האָט געקלאַפּט מיטן שטעקן אין דער וואַנט. צו דער טיר איז אים נישט געראָטן צו דער־לאַנגען. תמיד איז לעאָן אַריין אין שטוב מיט דער זשעדנעקייט נאָך אומ־געריכטס, ציטעריק געהאַפּט אויף אַ קאָפּ פריידיקס. אָבער, ס׳ווייב האָט׳ן געענטפערט מיט אַ פאַרצאָגט קול, כאָטש אירע אויגן האָבן תמיד אים געגלעט.

דערשפּירט אַז זיי זענען געבליבן איינע אַליין, נאָר איינס פאַר דאָס אַנדערע — האָבן מאַן און ווייב געזוכט זיך צו וואַרעמען רק אין דעם געפיל וואָס טונקלט ערגעץ ביי זיי ווי אויף אַ געזונקענעם דאַך.

— גאָט ׳עט העלפן, וועט זיין נייעס, — האָט בערטע אויפגעהויבן ז׳עם שטערן און איר בליק איז איבערגעגאַנגען.

אַוודאי, נייעס דאַרף קומען פון עסטעלען. עסטעלאַ איז זייער אומ־אויסגערעדט האָפן. פון מענדלען האָט מען אויפגעהערט ביסלעכוויז צו

פאַרגעסן. ליבערשט נישט דערמאָנען, איז געווען זייער שטומער אָפּמאַך. מענדל דער שוואָגער איז פאַרוועבט געוואָרן אין שפּינוועבס פון פאַר־געסן, ווי מ׳פאַרגעסט אַ צרה וואָס מ׳מוז בגוואַלד פאַרוואַרפן, כאָטש זי וועקט זיך פון מאָל צו מאָל אין אַן אויפגעשווומען בילד, אין דעם געפיל וואָס צאַפּלט אויף.

*

אין בילד און אין געפיל האָט מענדל, דער פעטער מאַנועל, זיך גע־וועקט אויך ביי עסטעלאַן. ער איז אַ שיינער, אַ מאַנצביל ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, הויך, גלייך, און ר׳איז אַזאַ ציכטיקער. ציטעריק־זאַפּטיק איז די שאַרפקייט פון זיין כוח, ווען ער באַווייזט איר זיין ליבשאַפט — זיין דריקן זי צו זיך, דאָס קושן אין פּנים, אין די ליפּן, און זיינע צעשפּילטע אויגן! זיי צעבלישטשען זיך הן פון אַן אומגעוויינטלעכן לאַכן, אין זייער שוויי־געוודיקן רעדן והן זיי לייכטן פון טרערן־איבערגעקוואָלנקייט. ער האָט זי נאָך ליב. עסטעלאַ שפּירט עס מיט לייב און לעבן. דער שאַרבן צינדט זיך ביי איר ביי דעם־אַ אָנקוועל פון געפיל.

פיבערדיק האָט די קליינע עסטעלאַ גענומען אויף וואָג און מאָס פון איר געדעכעניש איטלעכע אַנומלטיקע באַגעגעניש מיט מאַנועלן: אי בליציק אי וואָלקנדיק האָבן אויפגעלויכטן יענע אויפדערנאַכטן וואָס זיי האָבן ביינאַנד פאַרבראַכט אין קאַפעהויז, אין קינאָ, אויפן אַהיימבאַגלייט מיטן אָמניבוס. און מאַנועלס זאָרגעוודיקע רייד האָבן ווי דערוועקטע פייגל געפלאַטערט אַרום איר אין די שאָטנדיקע גאַסן! צום האַרץ האָט ער איר גערעדט, ליבשאַפט אריינגעשושקעט טיף אין דער נשמה. ער איז פון אַזוי וייט געקומען אַהער (האָט אין איר אויפגעהויבן דעם קאָפּ די מיסטעריע פ ר ו י), גורל־באַשטימונג — נישט אַנדערש — האָט געפירט צו דעם צו־נויפטרעף. איטלעך מאָל קלאַפּט ער אָן אַזוי אין איר האַרץ. ניין, זי איז זיך נישט טועה. כאָטש ער רעדט ווינציק, פילט זי אַז ס׳איז אַזוי, עס רעדט זיין נאָענטקייט די וואַרעמע, וואָס ער ווייזט אַרויס צו איר. מאַנועל איז באַ־שערט עסטעלאַן. עס מאַכט נישט אויס וואָס... מע זאָגט דאָך — באַשערט־קייט איז אָנגעחתמעט פון די געטלעכע כוחות וואָס געוועלטיקן מיטן מענטש. עסטעלאַן ווערט וואָס אַ מאָל קלאָרער: מיט דער נשמה איז זי צו־

געקניפּט צו אים. זי׳ט נישט קוקן אויף די אונטערשיידן, וואָס מאַנועל האָט פון זיי גערעדט, כסדר געוואָרנט. בשום אופן נישט! מענטשן ווען הוזקן? מענטשן זענען פאַלש. אַלע קוקן נאָר פאַר זיך!

עפּטערס האָבן זיך געיאָוועט אָט־די געדאַנקען און זיי שפּאַנען אין די שריט פון יענע פלאַטערנדיקע דערמאָנונגען: מאַנועל, מאַנועל, ווו ביזי־יסס־טו! — האָט עס גערופן אין איר.

לאַנגע וואָכן האָט ער געלעבט אין עסטעלאַס צעגליטן באַוווסט־זיין. זי האָט נישט אויפגעהערט צו וואַרטן אויף אים, געוואָרט אין די פאַר־באָרגענישן פון איר מיידלשן בלוט, דעם רעדנדיקן בלוט: אָט־אָט קומט ער. אויך ער בענקט צו איר. שטאַרק וויכטיק האָט אים פאַרוואָרפן ווייט פון זיין קליין היימעלע.

הגם אויף קאַלט אַן אָפּגעניכטערטע פון אומזיסטיקן זוכן אים אין די דולע פאַרנאַכטן, פלעגט עסטעלאַ פון מאָל צו מאָל נאָך אַ לויף־טאָן אין עספּינאָזע־געסל אַריין: אפשר איז ער שוין דאָ? ער איז שוין צוריק גע־קומען פון זיין אומגעריכטער רייזע. זי האָט אַלץ נישט געקענט זיך צו־גלייבן אַז מאַנועל זיגל דער ליבער, איז מיט אַ מאָל געוואָרן שלעכט, ער אַנטלויפט פון איר, ר׳האָט מורא פאַר איר יונגשאַפט.

...אַ געפּלעפּטע איז זי ווידער אָוועקגעשפּרונגען פון זיין פאַרמאַכטער טיר, בגנבה זיך אַרויסגעמאַכט פונעם געסל, ווו די הייזקעס, די ביימער און דער הימל־דאַך זענען אַזוי שטיל איינגעקוקט אין דער פאַרנאַכטיקייט אַריין. זאָל מע זי נישט דערזען, זאָל מע זי נישט חושד זיין:

„באַמערקט? אַ סעניאָריטאַ קומט איינע אַליין צו אַ מאַן! אַך־כאַ־כאַ!״

ווי לייט גלייבן נישט דעם ערלעכן. זי מיינט ערלעך, עסטעלאַ. זי וויל אים נאָר זען!

באַהיט גאָט. זי איז נישט קיין צעלאָזענע; זי מיינט ערנסט מיט דעם סעניאָר וואָס וווינט אין זייער געגנט. ס׳אַ חתן.

איר פּנים האָט געפלאַמט און ס׳האָט געשטאָכן דער געדאַנק: מענטשן זענען זיך משער —

נישט דעם פּעטער זוכט זי, דעם מאַן זוכט זי, עסטעלאַ מילער. און אַז דעם מאַן, גיט זי אַ ברויז אויף, איז׳ס אַ זינד? אויב אַזוי איז מוטער־שאַפט, די מוטערשאַפט פון איר מאַמע אויך אַ פאַרברעך. האָט דער מענטש באמת נישט קיין רעכט אויף זיך גופא, אויף זיין ווילן, אויף זיין לייב און

נשמה? ווילד טראַכטן די צוויי־פּיסיקע וואָס באַטראַכטן זיך פּאַר מענטשן!

אַוודאי, ער איז מיין פעטער. כ׳קען עס אייך באַווייזן אַפילו מיט מיין טאַטע־מאַמע.

ס׳איז, כ׳לעבן, צו פּלאַצן פון געלעכטער. אויך איר טאַטע־מאַמעס עדותשאַפט קענען פסלען אַזעלכע! אַליין פאַרדאַרבן אין געדאַנק, גלייבן זיי נישט קיינעמען.

אַוועק פון עספּינאַזע־געסל, האָט עסטעלאַ געהאַט דאָס געפיל אַז מ׳יאָגט זי נאָך. חרפה האָט געסמאַליעט איר הויט.

דערנאָך האָט דער פּרוילעכער שכל אין עסטעלאַן ראַפּטעם, שווער־כּאַליק, אַנגעצייטיקט: דאָס קלייד אויף זיך דערשפּירט ממש אַלט, די קנאַפּל אויסגעטראָטן־צעפּאָרן, אַז ס׳שווער געווען צו גיין. מיט אַ מאָל האָט זי זיך גענומען שעמען צו גיין זוכן דער פעטער מאַנועל.

*

וואָכן שפּעטער:

— זי וועט אים נאָכלויפן? זי׳ט זיך נישט צום נאַר מאַכן!

עסטעלאַ האָט געשמועסט מיט זיך גופא, אַזוי האָט זי זיך אויך אויס־געמוסרט. זי איז שוין נישט קיין קליין מיידעלע. זי באַדאַרף נישט, מ׳זאָל איר נאָכקוקן אין ביורא, אַז פּרוי סוסאַנאַ זאָל רעדן צו איר צווידייטיק, אַז זי זאָל זיך באַדאַרפן רייטלען. און יענע, דאָס קאַלב פון דער צווייטער שרייבמאַשין, זאָל איר נאָך פרעגן כיטרע־גראָב:

— וואָס איז די מעשה, עסטעלאַ, שוין לאַנג זעט מע נישט אַהער דיין פעטער? אַ ווילער מענטש. ס׳גוט מיט אים צו שמועסן. ווייזט אויס, זייער אַ פאַרנומענער. ער האַנדלט שוין מסתמא גרו׳ס, ס׳וואָר?

— ווייסעך דאָרט, צי גרויס אָדער קליין? ר׳טוט וואָס ר׳קען, ווי ר׳פאַרשטייט, — און איינגעגראָבן די אויגן אין די קאָלומנעס בוכשטאַבן, אין די זיילן פון ציפערן.

איר האָט זיך אויסגעוויזן: די מענטש ווייסן עסטעלאַ מילערס סוד. אַלע קאָנען זי — זיי ווייסן „עס״. זייטיקע האָבן פאַרגעניגן פון איר פּיין. זי האָט דערפאַר געפּרווט ווייכן פון די וועלכע זי מוז באַגעגענען יעדן טאָג. אין ביורא איז איר אַלץ געוואָרן דערווידער. דער ריח פון שמאַטעס טוכ־

לעט פון אַלע! — האָט זי זיך געקרימט, נישט געקענט קיינעם קוקן אין פּנים אַריין. אָבער דאָס לאָזן זי זיצן אין גאַנצן רויק, ס'נישט קומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ וועמען־ס'איז, האָט עסטעלאַן אויך שטאַרק געאַרט. ס'איז אַ פּאַרשווערונג פון שווייגן, האָט זי אַ קלער געטאָן. אַן אַנדערש מאָל איז איר אָנגעפלויגן אַ פאַרדאַכט: „מ'שושקעט זיך וועגן איר, מ'קוקט זיך איבער געמיין. אַלץ זי. עסטעלאַ מילער איז זיי צו־גרויס אין זייערע קוקערס. אויסטערליש די לייט: שמירסט זיי נישט מיט האָניק, גראָבן זיי פאַר דיר אַ גרוב. יעדער איז דיר אַ שונא, אויב דו טראָגסט אים נישט צו אַ חניפהלע: „וואָס מאַכט איר, ליבענקע? אָ, וואָס פאַר אַ געשיקטע פיסלעך ביי דיר!" — כאָטש דו קוקסט אויף די דאָזיקע ווי אויף שטשורעס. קוים אָפּגעטאָן ס'איריקע, האָט עסטעלאַ געשפּירט ווי עס פאַלן פון זיר אַראָפּ די לאַסטן פון קאַטאָרגע וואָס איז אי ביטער־שווער אי נבזהדיק. זי איז פאַרמשפּט צו טאָן דאָס וואָס איר ווילט זיך נישט, זי איז גורלדיק אַריינגעוואָרפן אין אַ מערכה וועלכע זי באַנעמט ווי ס'ברייקע לעקן פון פייער־צונגען. און קומט דער סוף־טאָג בענטשט זי, די פאַרמשפּטע, די טונקלקייט. די מענטשן־ווערעם לייזן זיך אויף אין דורכויסיקער בלינדקייט. דעמאָלט שפּירן זיי נאָר זיך. אַן אָפּגעפרעמדטע האָט זי זיך אַרויסגעשאַרט פון ביוראָ מיט אַ טרוקענעם „אַ גוטע נאַכט". פון פרוי סוסאַנאַ זיך ממש אַוועקגענאַרט, פון סעניאָר באַלעזני נישט געוואָלט הערן און געדענקען: אַ מאַלפּע אַזאַ, אַ שמאַטע מיט זיין גאַנצן געלט! און נאָך האָט איר געהאַמערט איבערן שאַרבן: די וועלט איז גלייכגילטיק צו איר: „אַן אָרעמע מויד — וועמען איז זי נייטיק?" קיינער פאַרשטייט זי נישט. אויך סוסאַנאַ וואַלד איז נישט בעסער. זי זעט עס ערשט אַצינד. דער אמת איז, אַז די ביוראָ־פאַרוואַלטערן האָט געליטן פון די שאַרפע ענדערונגען וואָס זענען פּאַוואָליע אַריינגעטראָטן אין איר באַציִונג צום מיידל, וועלכע זי האָט אַזוי ליב געהאַט. נישט צו פאַרשטיין די קליינטשיקע, — האָט זי אַנומלט אויסגעמורמלט פאַר אַן אַנדערער ביוראָ־אָנגעשטעלטע — אָדער זי איז ברוגז אויף אונדז אָדער די עוולה, וואָס זי האָט מסתמא געליטן, קומט פון אַ שאַרף שטראָפנדיקער האַנט, פאַר וועלכער מיר זענען שולדיק צום מינדעסטן. אַ גרויסער שאָד מיר די עסטעלאַ, זי איז אַ טייער קינד. און די „קליינע" האָט אַלעמען אָפּגעשטויסן, מיט אַ מאָל אָפּגעשלאָסן זיך. ס'בלאָזט פון איר ווי פון אַ קעלער מיט קעלט און נאַכט, אַזש דאָס מיידל ערנאַ האָט מורא געקראָגן פאַר איר, און זי האָט

דערוויטערט פון זיך אויך די צערטלעכקייט פון דער ביוראָ־דאַמע. פרוי סוסאַנאַ, די ווייבלעכסטע צווישן די פרויען — ווי עסטעלאַ האָט זי געשאַצט, איז זי מקנא מיט דער גוטער קנאה פאַר איר יוגנטלעכקייט. זי האָט אָפט אַרומגעפלאַטערט אַרום דער קליינטשיקער, זי געגלעט, צוגעטראָגן אַ שטרעמל וואַרעמקייט — טאַקע די סוסאַנאַ האָט אַצינד אָפגעפילט עסטעלאַס צעווייטיקטקייט; די פרוי האָט נישט געוואָלט צושטיין צום מיידל מיט איר געווייניטלעכער צוגעלאָזנקייט: „עסטעלאַ, מיר מעגסטו זאָגן. עפּעס טוט זיך מיט דיר, איך ווייס. שעם זיך נישט (בלישטשען אויף אירע אויגן), אפשר?"... די פרוי האָט זיך געהיט נישט צו קומען צום מיידל מיט אומהימלעכע פראַגעס, און זי האָט נישט געפרעגט.

פונקט אַזוי האָבן די לויערנדיקע טאַטע־מאַמע זיך געהאַלטן אָן אַ זייט פון דעם קנופּ קאָנוולסירנדיקע יסורים וואָס האָט זיך געשאָטנט פון זייער פאַרענדערטער טאָכטער. זיי האָבן זיך באַמיט נישט צו נאָענט זיך אָנצובאַגעגענען מיט עסטעלאַן. ס'מיידל איז אין דער סאַמע אייפעריקער פאַרטועונקייט מיט זיך, האָבן זיי איינגעזען. „עס קאָכט זיך, עפּעס פיקט זיך אויס אין איר", — האָט די מוטער אָנגעוווּנקען דעם פאָטער מיט פילזאָגנדיקער נישט דערגעדטקייט.

געזען עסטעלאַן אין שפּעטן אויפדערנאַכט אויף דער שוועל פון שטוב, האָט בערטע דערפילט אַזוי ווי אַ געדיכטע בלייכקייט לאָזט זיך אַראָפּ פון דער לאָמפּנשיין, וועלכע שפּרייט זיך בטבע אַ פאַרקלערטע, אַ טיוליקע ווי ס'איז דער לבנה־גאַנג וואָס חידושט זיך און פאַרחידושט אַלעמען מיט איר אויסגעצויגענער צורה. איז עס דערזעלביקער חלל פון זייער היים, איז עס די אייגענע וואָס זיי פלעגן באַגעגענען מיט בענטשונג? אָן פאַראיבל, מענטשן־קינדער: איך זוך אייער געשעפטש, איך דערקען נישט די ציכטיקייט, צו וועלכער כ'האָב אייך געפירט — —

די מאַמע האָט געמוזט זיך באַנוגענען מיט אַ שטומען בליק אויף דער טאָכטער, געוואַרט צי זי וועט עפּעס בעטן (ווי, ס'קינד וויל גאָר נישט פון איר, ווי זי וואָלט זי לגמרי נישט באַדאַרפט. שוין, די מאַמע מעג שוין שטאַרבן!). אַן אומעטיקע האָט עסטעלאַ זיך צוגעשלייכט צום געלעגער. „אַן אומגליק מיט דעם מיידל, — האָט די פרוי אַריינגעפרעפלט אין דער אָנגענאַכטיקטקייט פון שטוב ווו אַלע זאַכן זענען געשטאַנען פאַרטייעט. — איך דערקען זי גאָר נישט".

אַן אויסגעצויגענע האָט די שטילקייט איר נאָכגעשלייכט.

— גוט נאַאַאַכט! — האָט זיך דורכגעבראָכן לעאָנס אַ פלוצלינגער בור־משע און דעם ווייב געגעבן אַ שניט אין דער געגנט פון רוקנביין. — ר׳האָט מיך געמוזט איבערשרעקן, דער אַלטער! אין עסטעלאַן האָט דער עכאָ אויפ־געגרוילט, גלייך אַ העפטיקער וואַסערשפּרענג וואָלט געפאַלן אויף אַן אָנ־געגליטן אייזן. געשרומפּן אין זיך האָט דאָס מיידל אייפגעהויבן דעם קאָפּ, נאָכגעהערט די אַנטרינענדיקע שטים און צו זיך גערעדט: ער. דער טאַטע איז אַרויס פון זיין פאַרקנוילטקייט. ווי אַ שטיין איז פון אים געפאַלן דער פליוך. די סיקנדיקע נעציקייט פון דער שטים האָט זיך צעשפּריצט אי־בערן הויז, געזשומעט אין דעמערנדיקן ליכט און — זיך אָפּגעריסן.

פון אומגעריכטן צאַפּל אויפן געלעגער, פון זיין ליאַרעמדיקן גיי אי־בערן דיל, האָט עס בערטען אָפּגעטרייסלט. מיט וואַכן בליק האָט די פּרוי דערנאָך געבראָדזשעט אין טרויער פון מאַמעשן געדאַנק.

פון איר ווינקל האָט אויך עסטעלאַ געוואַכט איבערן אומעט, וואָס איז פון איר נישט אָפּגעטראָטן.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

געפאַנגענע

פאַרעקשנט און פאַרבאָרגן האָט מאַנועל זאָך אַלץ זיך אַריינגעשניטן
אין האָריזאָנט פון עסטעלאַס אָנגעשפּאַנטער וויזיע. איר געדאַנק איז גע־
הען צעוויגט. זי האָט געברענט פון אומגעדולד. זי האָט נישט געהאַט קיין
כוח עמעצן אויסצוהערן. עסטעלאַ האָט געפילט: אָקערשט קומט אָן מאַ־
ניעל. מאַנועל קען זי נישט פאַרלאָזן. אָבער גיך האָט זיך צעשיפּעט איר
פאַרדראָס: וואָס האָט ער צו איר! זי האָט אים ליב. בפירוש: ער ווייסט
אַז עסטעלאַ איז אים געטריי, כאָטש עסטעלאַ קען נישט אַ סך רעדן. ער איז
אַזאַ גוטער. קיינער וועט עס נישט באַצווייפלען. מענטשן קענען מאַנועלן.
טאָ פאַר וואָס האָט ער זיך אַוועקגעגנבעט, אַנטלאָפן פון איר? נישט אַנט־
לאָפן? אפשר. אָבער ער האָט נישט געטאָרט אַוועקפאָרן אַזוי ווי ער האָט
עס געטאָן! ער האָט צעווונדיקט איר נשמה. פאַר איר איז מאַנועל געווען
פול צוזאָג. גע־וועען. זי פילט עס דורך און דורך. פאַר וועמען זיך אַצינד
אַראָפּווייגען? ווער וועט זי פאַרשטיין! שטענדיק האָט זי צו אים געפילט די
גוטע פולקייט פון דער ברוסט און אויך פון אים האָט זי געשפּירט אַ
לעכצנדיקן הונגער: „סטעלעשי, מיידעלע מיינס". אָפט האָט ער עס אַריינ־
געמורמלט אין איר און דאָס האָט אַזוי געוואַרעמט, געלויכטן. זיין געטריי־
שאַפט האָט זי געשפּירט צו מאָל אינעם ריר פון זיינע ליפּן, אין דעם דער־
שטיקטן שווייגן. עסטעלאַן וועט מע נישט איינרעדן אַז ס'איז אַנדערש. זי
ווייס עס געענוי. אויך דער חלום דערציילט דערפון. דער חלום פון אים איז
אמתדיק. אוי, ווי בהלהדיק ער באַהאַלט זיך אויס. ווי באַלד ער דערהערט
אירע שריט, ר'דערפילט איר אָנקומען, אַנטרינט ער. שוין איז ער בלאַס
געוואָרן! די קני ציטערן אים, דאָס מויל וואַרפט זיך און די האָר שטעלן זיך

אים קאַפּויער. שרעקט ער זיך? פאַר עסטעלאַן האָט ער זיך נישט צו שרעקן. עסטעלאַ האָט ליב צו טוליען זיך צו זיין שויס. נאַ, נאַ, זע. זעסט אים? אָט־אָ איז ער, און שוין איז ער נישטאָ. זי דערקענט די שליאַדן פון זיינע טריט. וואָלט ער איר כאָטש געזאָגט פאַר וואָס ער אַנטלויפט, ווער עס טוט אים שלעכטס!

האַלוצינאַציעס האָבן געפּלעמלט אין געמיט פון דעם מיידל, צער האָט איר דורכגעשוידערט: מאַנועל, מאַנו־ו־עעעל! —

עסטעלאַ פלעגט מורמלען אין פאַרגעסנקייט און זי האָט אויפגעשריגן.

און איז זי געקומען צו זיך, איז גלייכגילט איר נאָכגעגאַנגען; זייטיקע האָבן זיך געחידושט, טאַטע־מאַמען האָט אָנגענומען אַ שרעק: וואָס וועט זיין? וואָס פאַר אַ שטראָף עס איז געקומען אויף זיי! — זיי האָבן מורא געהאַט צו רעדן, פרעגן.

ס'אַ ווונד וואָס רייסט ערשט אָן, לעאָן.

ביסט אַ מבין, בערטע, ווי מיר זענען אַריינגעקאָפּעט?

דעם פאָטער האָבן די אויגן אַרויסגעזעצט פון די לעכער, שוויס האָט געפּאַרעט פון זיין שטערן. די מוטער האָט מיט צער זיך געוויגט איבער איר אומגליק.

איצט יוירט שוין אויך אין עסטעלאַן דער פאַרדראָס אויף דער אויס־געקלאָרטקייט פון געפּיל: ווי אויף אַ קליין מיידעלע קוקט מען נאָך אויף איר! אַ ווילדע געוווינשאַפט אָנגעלעבט אין זיך די היימישע ווי די פרעמדע, זיי זענען גוואַלטיק בייגעריק צוצווזען ווי עס מאַטערט זיך אַזאַ באַשעפע־ניש ווי זי. פאַרפירערישע ברילן טראָגן אַלע! אָסור, קיינער איז נישט בע־כער. ווי ווויל ס'איז נישט אָנצוקוקן זיי, נישט הערן קיינעמען!

כלומרשט זעען זיי גאָר נישט און זיי ווילן נישט זען. אַ מיידעלע זעען זיי. צו אַ שפּילקינד ציט אַלע. ס'אַזאַ בענקעניש צו אַליין־אָפּנאַרעריי. אויף צו־להכעיס ווילן זיי נישט זען דעם מענטש וואָס ליידט, וואָס איז דער־וואקסן צו זיין אייגענעם גורל. ביז ווייטיק דערגייט איר שפּירונג אַז צו מאָל האָט די הויט זיך געביטן אויף איר. ע, נישט געגוי אַזוי: אין אירע אויגן האָט זיך די וועלט אויסגעטאָן מוטער־נאַקעט. נישט ריכטיק. ס'פּלאָנטערט זיך אין מוח, ס'גאָר אַנדערש. נייע זשערנעס פון גאָדאַנק וואַקסן־אָן אין איר פילן, אָבער זיי באַגערן פון איר נאָר קינדערישע חנדלעך. זיין חלשן בלויז אַ ביסל נחת. מוחל, פון איר וועלן זיי עס נישט האָבן. מאָרדעוועט

זיך פונקט ווי איך מאָרדעווע זיך, — האָט זי זיך געדאַנקלעך צעשטשירעט אויף די וואָס זענען צוגעשטאַנען צו איר מיט ליבשאַפט, געטריישאַפט. אַווע־עעק, עגאָיסטן! — און טרערן זענען אַנגעפאַלן אויף איר. עסטעלאַ איז בייז געוואָרן מיט דער האַרטנעקיקייט פון אַ מענטש וואָס נעמט אויף זיך דאָס גאַנצע שווערע פעקל פון אייגענעם בידנעם מזל.

אָפּגעכעסט זיך און ווידער אומגעקערט זיך צו דעם, וואָס זי האָט פילמאָליק שוין גענומען אויף פּרווו פאַר זיך גופא: האָט זי ליב מאַנועלן, קען זי אים ליב האָבן? דאַרף זי זיך צוהערן צו זיין געריידן: „מיידעלע, ס'איז אַ גרויסער חילוק צווישן מיר און דיר. דו ווייס, יאָרן זענען נישט בלויז וואָג אין מענטשנס לעבן, אויך אַ מעסער פאַרן געפיל זענען יאָרן. יאָ, מיידעלע — יאָרן שניידן און זיי האַקן אויך אונטער, זיי קעפּן הערצער וואָס לאָזן זיך אויף לייכטזין. מיידעלע, באַזין זיך און דו וועסט זען אַז דער פעטער איז גערעכט, דער פעטער האָט דיך אויפריכטיק ליב. אַזוי ליב זאָל מיר זיין מיין לעבן ווי איך האָב ליב עסטושען". עסטושע, מאַדנע, — עסטושע רופט ער מיך אין האַרצפאַרקלעמענדיקער צערטלעכקייט און פון עסטעלען איז ער אַנטרונען געוואָרן!

עסטושע איז זי, נישט עסטעלאַ?

מאַנועל דער ליבער. פון אים טראַכט זי, פון אים שטאַמט איר טרויער, וואָס זי קען קיינעם נישט אויסזאָגן. און אַלע קוקן אויף איר, אַלע שפּאָטן פון איר, אָבער קיינעם לאָזט זיך נישט דערקלערן איר שווערער ווייטיק. פאַר אַ נאַריש מיידל האַלט מע זי, קיינער וועט זי נישט אויסהערן, קיינער קען זי נישט פאַרשטיין. טאַטע־מאַמע? זיי זענען נישט בעסער. זיי האָבן זיך זייערע דאגות פאַר ברויט, פאַר אָנהייצן דעם שטוביקן אויוון; זייער גרעסטע דאגה איז הלמאי די מויד, די אונטערגעוואקסענע מויד אסתר־לאה, לאָזט זיך נישט פירן פון זיי ווי דער קצב פירט די קו אין שעכטהויז אַריין. נחת ווילן זיי פון דער טאָכטער, נחת פון אייגענעם פאַרגעניגן וועגן און דו וועסט הערוואָרגן, דו גיב זיי געלעכטערלעך, דערלאַנג זיי תענוג פאַרן בראָק האַרץ, וואָס איז ביי זיי נעבעך שוין געליימט אַנטקעגן באמת־שטאַרקע איבערלעבונגען, כלפי ציטעריקע געפילן.

אין דער טיפער נאַכט אַריין ליגט עסטעלאַ צוגעוויינגעקנאָטן מיט דער זשווזשנדיקער פינצטערניש. זי קען נישט פועלן ביי דער מידקייט, אַז זי זאָל ברענגען שלאָף אויף אירע אויגן; דער מוח הויבט אָן אַ הויכע שוועל

פון יסורים, די ברוסט וואַרפט זיך אין איר און עפנט זיך דער בליק, טרינקט ער לויטערקייט פון זעונגען, וואָס עס רופט אַרויס דער הונגער פון אירע געבליטן: מאַנועל! עס שטרעקט זיך צו איר דער ליבער. דאָס טראַכטן, איר טראַכטן האָט אַלץ אַן אָנהאַנג אין מאַנועלן. דאָס קומט מיט איינגעשפאַרט־קייט, עס רופט, כאָטש די געוווינשאַפט צופט נאַכטיש: „רו זיך אויס, עס־טעלאַ, וועסט דאַרפן באַלד אויפשטיין; וועסט זיצן אָנגעהויקערט ביי דער שרייבמאַשין, וועסט מוזן הערן וואָס מ׳רעדט, ס׳ט נישט קענען אויסמיידן נייעם חוזק: „די ליבע שלעפערט איין דעם סמאַרק. נישט זי אַרבעט, נאָר זי פטרט די צייט. אַן איינרעדעניש מאַכט משוגע דאָס מיידל!”

אין ביוראָ פאַלט דער קאָפּ איר אַראָפּ צו דער ברוסט, אין ביוראָ וועקט זי זיך איבער אָפט מאָל: „עסטעלאַ, מ׳קוקט, עסטעלאַ, מ׳זעט. ס׳איז נישט שיין, עסטעלאַ”. ס׳האָט איר פאַרדראָסן אויף די וואָס האָבן איר דערנאָך געשאָנקען ליבלעכע בליקן. איר האָט געאַרט אויך דאָס שווייגן פון די דאָזיקע; זיי וואָלטן זי ליבערשט געפּאַטשט, איידער מיטצופילן איר!

שפּעטער איז עסטעלאַ שוין בייז געוואָרן אויף זיך, הלמאי זי באַזינט זיך נישט, פאַר וואָס זי איז אַ האַרטנעקיקע אַנטקעגן די גוטע עצות פון זייטיקע און זי ווערט נישט נאָכגיביקער פאַר די לייבלעכע. סוף־כל־סוף איז נישטאָ נעענטערס ווי אַ טאַטע, אַ מאַמע. עס איז דאָך אַזוי — זיי שטרעקן פאַר איר ס׳לעבן, די אַלטע, און זי קערט זיך אָפּ פון זיי מיטן רוקן. זי וויל ליבערשט ליידן אומזיסט, אומנישט. אָבער באַלד וואַקלט זי זיך: זי מוז זיך טאַקע ענדערן, ווערן צוגעלאָזענער צו די היימישע. אַזוי אַרום וועט זי זיך אַליין פאַרשפּאָרן האַרצווייטיק און ס׳וועט אויך די היימישע זיין גרינגער. עסטעלאַ שפּירט: זי וועט זיך איינברעכן. און צו לעבן אַ קראַנקע איז ערגער ווי שטאַרבן יונגערהייט, מיט דער פּלוצלינגקייט פון די וואָס גייען אַוועק פון אַ שאַרפער פאַרקילונג, מחמת אַ האַסטיקן קאַלטן טרונק. עס געשעען אַזעלכע פאַלן. אַ יונגער מענטש כאַפּט אַ גאַלאָפּ־שווינדזוכט און אָפּגעפאָרן, ווי מיט אַ שווערד אונטערגעשניטן. זי מוז איבערשניידן דעם האַלדז פון איר עקשנות. שאַ נאָר — עקשנות? זי איז נישט קיין עקשנטע. עסטעלאַ איז אַזאַ ווי זי איז, כאָטש דאָס טויג אויף כפּרות. זי זעט דאָך. אָבער נישט אין גאַנצן איז זי שולדיק. שולדיק איז דאָס בלוט וואָס מ׳האָט איר מיטגעגעבן אין שווערן וועג אַריין. אַ טרויעריקע ירושה.

דער טאַטע איז דען בעסער? אַ מוראדיקער עקשן, פון וואָס די מאַמע ליידט ס׳גאַנצע לעבן. תמיד מוז ער טאָן ס׳קרומע, ווי אים געפעלט. און אַ פאַר־שטייער איז ער איינער פון טויזנט. ער מיינט עס אויף אַן אמת און מ׳מוז אים נאָכגעבן; נישט נאָר דאָס הויזגעזינד, אלאָ זיין גאַנצער אַרום, ווי ווייט ער גרייכט צו לעאָנאַרדאָ מילערן, דעם בעסטן קירזשנער־געזעלן.

— אַ קרענק אויף זיי, די גראָבע בייכער. וועט ער ווערן אַן אויסניצער. ער וויל לעבן ערלעך. אַזוי איז געווען זיין שטענדיקער געשריי. דער תירוץ פאַר זיין איינגעשפּאַרטקייט. דערפאַר געבליבן אַן אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס. יעדער זיינס גלייכן איז אין דער ריכטיקער צייט אַוועקגעגאַנגען פון ווערקשטעל, פון האַמער און נאָדל, יעדער האָט געפּרוווט ס׳מזל — לעאָן וואַרשעווער האָט עס נישט געוואָלט. זאָלן זיי, האָט ער געזאָגט, איך וועל קיינעם נישט נאָכשפּרינגען. פאַר מיר איז גענוג דאָס וואָס איך האָב און באַסטאַ. ער האָט נאָך אָנגעשריגן דאָס ווייב און באַלד זי ווילד געקושט. אַזאַ משוגעת ליגט אין די ביינער פון די מילערס און מסתמא איז זי, עסטעלאַ, נישט קיין אַנ־דערע. וועט זי זיך ענדערן? אַוודאי, זי מוז. ביז בלוט וועט זי פאַרבייסן די ליפּן, זיך איבערשטאַרקן און אַנטלויפן פון די אייגנשאַפטן וואָס פאַרשאַפן צרות איר און אַלע איריקע. זי דאַרף נאָר אָנהייבן. איין מאָל זיך איבערקווענלן, אַ צווייט מאָל נישט נאָכגעבן זיך. זי מוז זיך איבעראַנדערשן. זי ליידט פון זיך, זי מוז זיך באַוועלטיקן.

ווי אַ זאַווייע האָט איבערן מיידל זיך אויפגעהויבן אַ פּלוצלינגע חרטה אויף איר עקשנות (ווי שוין זיך אָפּגעמשפּט) און אירע געדאַנקען האָבן זיך אַ קערעווע געטאָן אָט אין דער, אָט אין דער פאַרקערטער זייט. ערשט האָט זי אויסגעגאָסן דעם גרימצאָרן אויפן טאַטן. ער האָט איר געגעבן אַ טרויע־ריקע ירושה. אַ פאַרפאַלענער! אַ קאַליקע אין דער נשמה! — זי האָט זיך צע־רעוועט אין דער טויבקייט פון אויפגעזאָטענעם כעס און באַלד זיך אַליין געמוסרט, פאַר וואָס זי איז נישט קליגער פונעם טאַטן. זי זעט דאָך: ס׳איז ביטער דעם קבצן און ס׳איז קאַלעמוטנע דעם „קרומען האָקן”. זי איז יונג. דער יונגער דור איז מחויב צו רעבעלירן. די אַלטע פאַרשטייען ווינציק; זייער מאַרך איז פאַרוואָקסן מיט אַ האָרן־שאָל, ווי די פערדישע

קלאָען. זי האָט זיך דאָך אָנגעלייענט וועגן דעם. און פאַלט אָפּ די היץ, ווערט עסטעלאַן דערווידער איר געוואַגטקייט פון באַשולדיקן. די ירושה פון נכבעים האָט זיך אָפּגערופן: צו וואָס זאָל זי איינרייסן מיט דער גאַנצער וועלט! זי מוז דען זיין דאָס שיינדל פאַר אַנדערע? גאָר נישט טרייבט איר צו דעם. און זי איז צו שוואַך פאַר אַלעמדינג. זי מוז געדענקען אָן זיך, זי איז אַ פרוי — אַנישט גייט אויך זי צו פאַרפאַלנקייט. ווי די זאַווייע אין איר קאָפּ האָט פון ס'ניי זיך אויסגעדרייט די ריכטונג פון עסטעלאַס אָנגעשפּאַלטענעם רעיון.

— זי באַדאַרף זיך ענדערן — ענדערן, אלאָ נישט פאַרמשפּט זי זיך. זי וועט פאַרזיצן, זי וועט זיך אַריינמוידן ביזן גראָען צאָפּ. מענטשן זענען שוין אַזעלכע, זיי ווילן מ'זאָל זיי גלעטן, אַנישט ווערן זיי ברוגז. „זע נאָר די איינרעדעניש וואָס דאָס האָט! וואָס פאַר אַ פאַרריסנקייט פון א...״

דאָס איז דער גאַנצער אמת. גוטע פריינד זענען צו מאָל פּעיק אַ בייזן שטויס צו טאָן. ס'הייבט זיך נאָר אָן, דערנאָך קען מען זיך שוין הענגען. און הייבט זיך אָן, „זיצט מע שוין״. ס'אַ קלאָג. זי זעט זיי געווג, די אומגליקלעכע. אויף אַלטע מוידן איז אַ גרויס רחמנות. ס'איז ערגער פון אַ קרענק. יעדע אַלטע פריילן ווײנט אַ האַרצרייסנדיק געוויין.

*

ווי אַ מהומה האָט עסטעלאַן ערשט אַרומגעכאַפּט די שרעק פאַר אַלט־מוידשאַפט. אַ ניי איינרעדעניש געקומען אויף איר און ס'האָט אָנגעהויבן זי פאַרפאַלגן. איר דערמאָנען זיך אומצייליקע אַלטע סעניאָריטעס, אָפּגעבליאַ־קעוועטע, געבויגענע, אַלע שוידערלעך אויסגעלאַכטע, ציטעריקע ווי פאַר־וואַלגערטע, טרויעריקע האַרבסטן. אַלע שטאַרצן אין דרויסן אַליין, אַליין! אַלטע מוידן ווידמענען זיך און מערן זיך אין בוענאָס־איירעס, אין מאַטאַ־דעראָס. נישטאָ נעבעך קיין רפואה פאַר זייערטוועגן. עס איז אַ קרענק וואָס אַלע באַקרעכצן און פאַרחוזקן. דאָס איז אַן אומגליק וואָס פאַלט שווער אויפן גורל פון דער פרוי. וואָרן נאָר פון איר — אויב זי בלייבט „זיצן״ — האָט מע צו רעדן. פאַראַן געווג אַלטע בחורים, סאָלטעראָס, אָבער ווינציק־ווער עס שטעכט זיך אויס די ציין מיט זיי. די איינזאַמע פרוי איז אַ גאָר טראַגישע בריאה. פאַראַן מסתמא וואָס צו באַזיפצן.

עס איז געוואָרן אַ מאַניע ביי עסטעלאַן צו טראַכטן וועגן אַלטע פריי־לנס, זיי אומעטום אָפּצוזוכן, נאָכצוקוקן און צו קלערן מיט מורא אַז אויך אויף איר גייט אַזוינס, אויב — — אוי, איר זאָל נאָר נישט באַשערט זיין אַזאַ מערכה. זי וואָלט זיך דערהרגעט!

זי מוז געפעלן ווערן, זי מוז אויסנעמען, איז עסטעלאַס נייע פלוצלינגע עקשנות; נאַרישערע פון איר ווערן באַגליקט, זאָל זי בלייבן הינטערשטע־ליק? ס'טאָר נישט געשען. יונגשאַפט איז דער גרעסטער שאַנס, ווער זי אים נישט צעפּטרן. „האָב נישט קיין פייגעלעך אין קאָפּ", איז דער מאַמעס ווערטל וואָס זי געדענקט. זי איז אַ מיאוסע? פאַראַן מיאוסערע פון איר און זיי טרעפן צו גליק. זי איז טאַקע נישט שיין, איר פּנים איז נישט קיין ליאַלקעדיקס, עס רייסט נישט — זי פאַרמאָגט אָבער חנען. מענטשן באַ־וואונדערן אירע ליפּן (זיי זענען פולע, קאַרשן־רויטע, אַביסל פאַרריסענע), די גריבעלעך אין די באַקן. און די אויגן? פרוי סוסאַנאַ האָט אַ סך מאָל געזאָגט: „דיינע אויגן, סטעלאַ, זענען אַ קוואַל פון כישוף. איך, אַ פרוי, קער זיך פון זיי נישט אויסוווּנדערן. עס איז אַן אוצר. אַ מבין אויף אמתע בריליאַנטן ווער פון אַזוינס נישט אָפּטרעטן. ס'וועט אונטערקומען אַזעל־כער, איך בין זיכער, — האָט זי ליבלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ — יאָ, יאָ, מיידעלע. און דיין פיגורל, די שיינע פאָרמען פון דיין ביוסטל? אַ סך מיידלעך וואָלטן זיך געמעגט ווינטשן. נאָר קלוג דאַרף מע זיין, אַ מיידל מער ווי אַ יינגל" — — זי גלייבט, עסטעלאַ איז נאָך נישט די לעצטע פון די מיידלעך וואָס האָבן זיך שטאַרק צו דאגהן פאַר איר מאָרגן. פאַראַן אויף וואָס צו קוקן, כאָטש די מאַמע קלאָגט אָפּט אַז זי האָט נישט אָנגעגרייט קיין שווערן בייטל פאַר איר טאָכטער. מיט אַ פעטן נדן פאַרהאַנדלט מע גיכער אַזאַ באָוול ווי אַ מיידל: יונגע לייט אין אַרגענטינע האָבן איינרעדעניש; חתונה איז אַ געשעפט וואָס דאַרף געבן אַ גרינג לעבן. מ'יאָגט זיך מער נאָך אַ רייכן שווער, ווי נאָך אַ ווילער כלה. דאָ ווייסט מען ווינציקער פון ליבע ווי ביי אונדז אַ מאָל; יונגע חברה זוכט וואָס עס לוינט בעסער.

מערערע מאָל האָט ביי עסטעלאַן אין מוח זיך געוואָלקנט מחמת דעם. וואָס דער טאַטע האָט נישט פאַר איר אָנגעגרייט אַ פאַרמעגן.

„פאַר מיר באַדאַרף איך דען אַ סך? איך האָב גענוג. אויב איך וואָלט געוואָלט האָבן געלט, איז עס פאַר מיין קינד. איך זע עס ערשט אַצינד — האָט ער צרהדיק אונטערגעשמייכלט. — זי וועט זיין גרויס, אוועק פון

שטוב, זאָל זי זיך נישט דאַרפן קווענקלען. אַז מ׳גיט מיט פון דער היים איז דאָך גרינגער, ווי מ׳מוז זיך אַלץ אַליין אויסשוויצן״.

די שאַרפע רייד פאַרביטערן איצט עסטעלאַס שטימונגען, אָבער זי רייסט זיך אַרויס פון זיי. זי מוז מאַכן אַ שניט איבער אַלעם וואָס שלעפּט זיך איר נאָך. בגוואַלד מוז זי אַרויס פון איר קליינמיידלשער דחקות: מער זיך וויזן צווישן מענטשן, שענער זיך אָנטאָן. געבוג געווען אַ „באַבע״, אַ מאַמע־קינד, נישט זיצן הינטערן אויוון, ווינציקער זיך פאַרלאָזן אויף ז יי. אַצינד זעט זי איין: ס׳איז געווען אַ פעלער אויך דאָס האַלטן זיך ביי פּרוי סוסאַנאַ, נאָכקריכן איר, זוכן איר נאָענטקייט. האָט זי דאָך אַליין איר דער־ציילט אַז מיידלוויז האָט זי געזוכט אַ „קאַריערע״, זיך געלערנט אין קראָקע, געהאַט וויכטיקע „טאָוואַזשיסטוואָ״ און ס׳האָט זיך געגומען דרייען אַרום איר אַ קאַראַהאַד פון קאַוואַלירן: אַן ערב־דאָקטער, אַן אינזשיניער, אַ מאָלער וואָס האָט שוין געקראָגן „אַ נאָמען״; מ׳האָט אַפילו אָנגעהויבן איינעם פאַר־בעטן אַהיים צו טאַטע־מאַמע, אָנגעווונקען אויף תכלית, אָבער עס האָט זיך נישט געקלעיעט. דאָ איז געווען אַ שטער וואָס דער יונגער מאַן „מוז נאָך וואַרטן״ אויפן דיפּלאָם, אַ צווייטער וואָס איז אויך ווערט געווען איר האַנט, האָט אָבער געמוזט צוהאַרן ביז מ׳וועט זיין עלטערע שוועסטער צודעקן דעם קאָפּ. געווען אַזאַ איינפּיר. תירוצים האָבן זיך אָנגעשיכט, יאָרן זענען דערווייל געגאַנגען און די האָר ביי דער מאַמען קריכן אויס, די איי־גענע אויגן בליאַקעווען; אַ מיידל ווערט אויך מיד און עס ווערט אַ לאָך אין האַרצן. „נישט גוט, טייערע, ס׳נישט לייכט פאַר אַ מיידל, אַפילו ווען זי איז אַ געראָטענע, אַ פיינע און...״

זי האָט פאַרשפּילט איר קאַריערע, סוסאַנאַ בעלקין, די ייִדישע טאָכ־טער פון דער אַלטער פּוילישער שטאָט קראָקע. מיט איר אויפפיר און איר געגנגל וויל זי נאָך היינט נישט אָפּלאָזן איר באַזונדערקייט. קיין הויך רעדן קען זי נישט פאַרטראָגן, ס׳עפּעלע וואָס זי עסט אין קאַנטאָר, בייסט זי מיט געלערנטע ציינדלעך און זי האַלט עס אין אַ פּליס־פּאַפּירל. „פּריוואַט״ רעדט זי נאָר פּויליש. געווען אַמאָל שיין. מ׳זעט נאָך היינט אַז פּאַנגאַ סו־סאַנאַ האָט געקענט פאַרכאַפּן יונגע לייט וואָס האָבן ליב אין דער פרוי דווקא שטרויענע אײדלקייט. אויך מיטן טאַטן איז איר געראָטן — אַ לע־דער־סוחר געווען, געפירט אַ נגידיש הויז. פון דעסטוועגן האָט ס׳רעדל זיך אַוועקגעקייקלט פון דער סובטעלער סוסאַנאַ. ד ע ר איז איר נישט

אָנגעשטאַנען, יענעם איז זי נישט געפעלן. „אַ פאַרצויגענע נאָז״,
האָבן ווייבער געמורמלט אויף ר׳ סענדערס געפוצטער טאָכטער, שטילער־
הייט זיך געפּאַטשט אין בויך אַריין וואָס איר איז נישט געגאַנגען אַזוי ווי
זי האָט זיך איינגערעדט. די מענטשן האָט פשוט פאַרדראָסן וואָס די פריילן
סוסאַנאַ האַלט זיך וויכטיקער פון זייערע טעכטער, וועלכע זיי האָבן חתונה
געמאַכט מיט פשוטע לייט. ביסלעכווייז איז זי, די דעליקאַטע, אַריין „אין
זיצן״. עס האָבן אויסגעוועפּט אַלע גוטע ריחות וואָס זענען אייגן דעם פרי־
לינג פון יונגע מיידלעך און סוסאַנאַ האָט געמוזט זוכן אַ קבר פאַר אירע גינ־
גאָלדענע חלומות. סוסאַנאַ בעלקינס טרוים גליקלעך חתונה צו האָבן האָט
זיך אויסגעלאָזט ביי דעם מאַנספאַרשוין וואָס זי האָט מיטגעבראַכט אין
דעם נייעם לאַנד אַרגענטינע, וווהין זי איז געקומען אַן אויסגעשפּילטע.
וואָרן דאָרט, ווו זי האָט זיך געוואַרעמט אין קלאָמפּערשטן יחוס איז
פון אַלץ געבליבן אַ קופּע אַש און געשוואָלענער וויטיק. ער וואָס שלעפּט
זיך איר נאָך, איז אַ פּראָסטע זאַך, טייטלען אַפילו באַקאַנטע. אונטער דעם
ווייבס לאַנגיאָריקן קנעלן, זוכט ער צו פאַרדעקן מיט אַ פאַלשן גלאַנץ די
גראָבקייטן וואָס קריכן אַלע מאָל אַרויס פון אים. „סטאַניסלאַאָ, עס געפעלט
מיר נישט אַזוי. סטאַניסלאַאָ, איך בעט דיך!״ — לאָזט זי זיך הערן מיט
פאַרדריקטע ציין, ווען אירער כאַפּט זיך אַרויס מיט אַזוינס וואָס עס
שטייט נישט אָן דער פאַני סוסאַנאַ. זי האָט אַ השפעה אויף סטאַניסלאַאָ.
ער הערכט, אָבער ער פאַרגעסט און כאַפּט זיך ווידער אַרויס מיט אַ שאַרס־
טקע ווערטל. סוסאַנאַ וואַלד לעבט עס איבער, אויב אַ זייטיקער איז דער־
ביי. זי ווערט רויט און בלאַס און דאָס מויל פאַרשנירט זיך איר. זי האַלט
נאָך איר סטאַניסלאַאָ אין צוים, ווען מ׳דאַרף קומען צווישן מענטשן. פרוי
סוסאַנאַ טוט כל התפעלות וואָס ווינציקער זיך צו ווייזן מיט סטאַניסלאַאָן
אין דער געזעלשאַפט וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אַרום איר אַ דאַנק דער
פירמע כואַן באָלעזני, ווו זי איז באַשעפטיקט זינט אַן אַנדערטהאַלבן צענ־
דליק יאָרן. די פירמע האָט אָפּצווייגן אין דער הויפּטשטאָט ווי אין דער טיף
פונעם לאַנד. אַ באַקאַנטשאַפט אַזאַ וואַקסט אויס אומגעוואָלט און נישט
ווילנדיק מוז מע זיך רעכענען מיט איר. ס׳איז פאַרבונדן מיטן ביסן ברויט
און פאַר דעם ציטערט פרוי סוסאַנאַ. ס׳ליגן איר אין די ביינער די אָקר־
פאַציע־צייטן ווען זי האָט געלעבט צווישן אַ קליידערשאַנק און אַ וואַנט
ביי אַ גויישן שיכור. אַלע מאָל האָט מען ביי איר געצאַפּט ס׳בלוט: וועסט

דיר גיין, וואַנדאַ (אַזוי האָט זי געהייסן אויפן געמלאַכהטן מעטריקעלע), איך האָב נישט פון וואַנעט דיר צו געבן דאָס רעפּטל ברויט און ס׳שיסעלע קרופּניק. דאָס האָט זי געהערט זינט זי האָט ליפּניקן אָפּגעגעבן דאָס לעצטע גאָלדענע רייפל און אויסגעטאָן פון זיך דאָס לעצטע העמד. די אויסגעצויגענע זשעדנע האַנט פון דעם ציפער איז שטענדיק געווען פאַר איר די לאַפּע פון דראַענדיקן מערדער. אָט־אָט און ער וועט טאָן ס׳זייניקע: זי איבער־געבן אין געשטאַפּאָ און קריגן פאַרן קאָפּ אַ קילאָ צוקער — זינט יענע גאָלדענע צייטן איז סוסאַנאַ די וואַלדיכע אויף טויט איבערגעשראָקן פאַר דחקות. פאַר דאָס וואָרנט זי אויך איר מאַן, וועלכער האָט דווקא ליב אַ מאָל זיך צו פאַרגעסן און לאָזן זיך וווילגיין מיט אַ גוטן פּרעס, אַ טרונק. איצט הענגט איבער איר די מורא פאַר דער עלטער. זיי וועלן חלילה בלייבן אָן מיטלען, ווען מ׳עט נישט קענען פאַרדינען די פּעזע. אויב נישט היינט — באַלערנט זי דעם מאַן — ווען דען? מ׳שמועסט, זיי האָבן שוין אָנגעקליבן אַ שפּאָר קניפּל, די וואַלדס, און זי, פרוי סוסאַנאַ, האַלט חשבון, זי צינדט זיך אָן ווען איר סטאַניסלאַוו וויינט אַרויס אַ חשק צו פּזרן מיט געלט. ניעד בוג בראַני! — רופט זי אויס. מ׳ווערט נישט יינגער, סטאַ־ניסלאַוו, ווער וועט אונדז פאַרזאָרגן שפּעטער? — שאָקלט זיך איר קעפּל — און אַזוי געזונט ביסטו אַז זאָלסט זיך מעגן אַזוינס פּאַזוואָליען?

עסטעלאַ וואָס איז געוואָרן אַן איבערטראַכטערן, האָט שוין באַוויזן זיך איינצולעבן אין די נסיונות, אויף וועלכע פרוי סוסאַנאַ איז געווען אויסגע־שטעלט — אַצינד ציטערט זי שוין פאַר „אַזאַ קאַריערע״. נישט פאַר מיר אָנגעצייכנט! — זי מוז זיך האַלטן אַ ביסל ווייטער פון סוסאַנאַן. ס׳איז אויך אַלטוואַרג, טאַ וואָס קען זיך צוקלעפּן צו אַזעלכענע? זי איז אַ ווילע, אמת, אָבער אַ פאַרביטערטע. ביטערקייט איז אויך אַ קרענק וואָס צעשטערט אַ לעבן. איר מיטגעפיל, אַפילו די גוטסקייט רופט אַרויס אַ קעלט אין די ביינער. זי כאַפּט זיך דערויף ערשט איצט. עסטעלאַ איז נאָך יונג, זאָגט זי זיך, עסטעלאַ מוז זיך אַריינפּאַסן אין אַן אַנדער רעמל. דער ווערט פון אַ שפּיגל איז אַלע מאָל געווענדט ווי אַזוי ער איז געשליפן. דער גלאַנץ פון שפּיגל איז גלייך ביים גוטן ווי ביים שלעכטן; די אָפּשיין פונעם גלאָז איז דער עיקר. אַפילו די גרעב פון גלאָז איז אַ קלייניקייט. די אָפּשטראַלונג פון גלאָז איז די הויפּטזאַך. עמעצער האָט עס איינגעטייטשט איר טאַטן

און עסטעלאַ געדענקט עס. אַז מ׳האָט אַ שפּיגל איז אָבער וויכטיק אויך די ראַם. אַ שיינע ראַם גיט צו חשיבות.

דער־אַ געדאַנק האָט געגומען עקבערן אין מוח פונעם מיידל און ער האָט אָנגעבראַכט אויף איר אַ שפּריי פון אומעטן, וועלכע זי האָט נישט גרינג געקענט בייקומען.

ווילנדיק, נישט ווילנדיק האָט זי איטלעך מאָל געדאַנקלעך זיך אומ־געקערט צום פעטער מאַנועל. ער האָט געלאָזן אַ פּײנלעכן בלויז אין עס־טעלאַס קליינעם וועלטל. דער פעטער איז אַוועק און די היימישע זענען איר געוואָרן פרעמד. צעשטויבט איר טרוים. „אַזוי איז דער מענטש וואָס איז פאַרליבט?״ — חידושט זי זיך און חידושט זיך איינצייטיק אויף מאַנועלן. דאָס שיינע וואָרט האָט ער געשלעפּט אין בלאָטע אַריין — אַצינד שטייט עס פאַר איר אַן אויסגעשטשערבעטס, מיט אַ צעשטאָכן פּנים, לאָמע פיס. עסטעלאַ האָט געשפּירט זיך באַליידיקט.

— ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין דער טויבער פּראָווינץ, דאָרט שוין חתונה געהאַט. אים האָט אַריינגעכאַפּט אַ רייכע ייִדענע, ווייזט אויס, לאַנג האָט ער געשפּינט דעם פּלאַן פון פאַרראַט. פאַר עסטעלאַן געהאַט ווייכע ווערטער און טרעריקן מוסר; איר האָט ער געסטראַשעט, באשר ער איז צו אַלט. ער האָט זי שטאַרק ליב, נאָר פון ווייטנס. ווי כיטרע! געלט האָט ער געוואָלט, אַ פעטן שידוך. וואָס פאַר אַ נאַר זי איז!

עסטעלאַס ברוסט האָט זיך געוואָרפן אין אויפרעגונג. פון דעסטוועגן פלעגט נאָך מאַנועלס נאָמען צושווימען צו איר מיט קלעמענדיקן צוזאָג: ר׳עט דאָך קומען! מאַנועל האָט עסטעלאַן נישט פאַרגעסן. ער איז נאָר אין געפאַנגענשאַפט פון אייגענער אומבאַהאָלפנקייט. מאַנועל האָט זיך אַרויס־געכאַפּט אין אַ ווייטער שטאָט אַריין. דאָרט האָרעוועט ער טאָג און נאַכט. ער איז אויפן וועג פון אַ שטיקל ווילזיין פאַר זיין הויז, וואָס ער וויל באַ־שיידענערהייט אויפבויען. אַ נייע זון וועט ער פאַר עסטעלאַן אַרויסקריגן פון די ערגעצן און זי אָנלייכטן פאַר איר. אַ ליאַדע טאָג, אַ ליאַדע שעה וועט זיך צעעפענען די טיר פון דער דערדריקטער שטוב אין מאַטאַדעראָס, ער וועט אַרויספאַלן אויף טאַטע־מאַמעס העלדזער, זיי קושן, איבערבעטן און אויסזאָגן דעם סוד פון ליבשאַפט צו זייער טאָכטער. דער טאַטע, די מאַמע, וועלן לאַכן, וועלן זיך דערפרייען און זיי וועלן מיט אַ מאָל אַרויסקלאָגן פון צעקלעמטער ברוסט, הלמאי זייער קינד גייט אַוועק פון זיי, אומגעריכט

גייט זי אַוועק, דערנאָך וועלן זיי כליפּען דערמידטע, הלמאי זייער עסטעלאַ גייט צו אַן עלטערן, צו אַן אלמן, כאָטש אַ ליבן, אַן אייגענעם... פאַרשטיי, מאַנועל, דו ביסט אַ — — זי איז אַזוי יונג, אַ ביימל וואָס צעבליט זיך ערשט! ס׳געוויין פרירט איר שוין ס׳בלוט.

— — — גלייך אַ וויכער וועט דאָס גליק (און די פאַרטונקלטע זון פאַר טאַטע־מאַמען) זיך אַנטראָגן פון וויטנס. פריד וועט דאָך זיך אַראָפּלאָזן צו די אַקסלען פון די נידערגעשלאָגענע מילערס. אמת, אמת, אויך זי איז שוין מיד, עסטעלאַ פונעם געביר פון די מילערס וואָס איז גורלדיק פאַראורטיילט. זי וועט עס אָנגעמען פאַר ליב, די טאָכטער פון מאַטאַדע־ראָס. אָבער ניין, ס׳איז איר נאָך שווער זיך אָפּצוטרייסלען פונעם זיס־טרויעריקן טרוים וואָס האָט זי געפּירט אַזוי לאַנג, לאַנג, כאָטש אַן קלאָרן געדענקען.

*

זי נעמט לסוף די וואָרע וואָר אין אירע הענט אַריין, דאָס מיידל פֿו־נעם פאַרוואָרפענעם הויז אויפן ראַנד פון דער הויך־אַגעיוירענער שטאָט.

— זי וועט זיך נישט לאָזן פאַרוויגן פון קליינקעפּלדיקע חלומות. שלעפעריק פויל איז דער דלות און ער מוטשעט. זי וועט עס נישט אויס־האַלטן. זיך אַליין קען זי נישט אַזוי פיל געטרויען. מאַנועל זיגל לאַכט זיך אויס פון איר. ער איז אַוועק כדי מער נישט צוריקצוקומען. ער איז אַ פּחדן. אים איז נישט קיין בושה אַרויסצוווייזן די נישטיקייט פון אַזאַ וואָס איז נישט ווערט דעם נ ע ב ע ך, וואָס מ׳זאָגט אויף אים. מאַנועל גרויסט זיך מיט זעלבשטענדיקייט, אָבער ער פירט זיך ווי אַ שלומפּערדיק יינגל. ס׳איז נישטאָ ווער עס זאָל אים אָננעמען פאַרן אָרעם און ווייזן זיין וועג צו... עד, זי וועט נישט הויך רעדן וועגן אים. גלייכער נישט צו געדענקען. גע־וועזן אַזאַ אין מיראַזש פון עסטעלאָס קינדערשן חלום; זי איז שוין נישט די וואָס ער האָט זיך גענומען אין זינען אַריין. עסטעלאַ פון יענע אָוונטן באַ־דויערט אירע דערפאַרונגען. אומזיסט זיך געוואָלט צובינדן צו אים, אַנט־פלעקן דאָס פאַרהוילענע פילן פון אַ פרוי. ככאַ־כאַאַ, ער קומט צו איר מיט מאַראַל: נישט שיין, מ׳טאָר נישט. די וואַנט הערט. די מאַמע קלערט איבער, מ׳וואָרט אויף דיר אין דער היים. פוילע תירוצים. ער גייט? —

זאָל ער גיין, זאָל ער לויפן, דער... — זי האָט זיך שוער־נישט צעכליפעט פון פאַרדראָס וואָס איר ברוסט קען שוין נישט אויסטראָגן. אָנגעקליבן זיך אַזוי פיל און עס שווילט. ער קען זיך נאָך וואַרפן מיט איר! ס׳וואָלט געפּאַסט, זי וואָלט אים געצוואונגען ער זאָל איר שענקען ליבע. אַזעלכער רעדט זיך איין. אַ קליין קינד קען משפטן, ווער ס׳איז גערעכט: ער דאַרף זיך ברעקלען מיט איר, צי פאַרקערט? אַזאַ חוצפה! אָסור, צי ער איז ווערט — זי. איך, נאַר, זוך אים נאָך. ליבערשט צו לאָזן לויפן אַזעלכענע.

אָפּגעכעסט זיך אויף מאַנועלן אין זיין פאַרפאַלנקייט, געזוכט באַזינונג און ווידער געוועזן נאָענט צו פאַרצווייפלונג: „וואָס טוט זי אַצינד?"

אָבער ווער וועט הערן ס׳געשריי פון אַזאַ, וואָס אַלע קוקן אויף איר ווי אויף „אַ ברעקל".

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

„פלעק-טיפוס"

עסטעלאַ איז געווען דערדריקט — דאָס פון איין זייט; און מאַנועל זיגל איז געוואָרן צעשרויפט אויף זיין שטייגער: עסטעלאַ איז געווען דער נאָמען פון דער נייער צרה, און זיין עלנט האָט זיך פאַרכפּלט.

עסטעלאַ האָט זיך געשפּירט צעבראָכן. נאָר פון איר איז אַוועק מאַנועל. וואָרן צו ווערמען איז ער געווען אַזוי צוגעבונדן און טאַקע אַזוי ראַפּטעם זיך אָפּגעריסן? איר טאַטע, איר מאַמע זענען אים געווען אַ פריינדשאַפט, אַ טיש-נאָענטקייט. איך בין עפּעס אַנדערש. אַנדערשדיק איז געווען ס'קור־מען צו מיר, ס'קוקן אויף מיר, דאָס אָפּוואַרטן, ס'רעדן. פון דער דאָזיקער דערמאָנונג האָט זי געציטערט, באַלד געוואָרן נאָענט צו געוויין.

צו־להכעיס דעם צעשטערטן געביי פונעם מיידלשן חלום, וואָס האָט געהאָט אויפגעהעלט, האָט ד אָ ס פון ס'ניי זיך אינטענסיוו צעלויכטן אין עסטעלאַן מיט אַ לאָקנדיקער פילקאַלירקייט: „מאַנועל איז אַ טייערער, מאַנועל איז דער בעסטער!" מענדל זיגל פון זיין זייט איז געווען פאַר־צאָגט מחמת דעם געשעען, וואָס האָט מיט אים געפּירט, אָבער פאַמעלעך, שטורמיש האָט דאָס זיך אַריינגעבויט אין זיין נשמה. ווי אַ בלוט־שטראָם האָט עס געשטויסן זיין האַרץ.

מאַנועל זיגל האָט מאָנענדיק געשפּירט דעם דרוק פון זיין איינזאַמ־קייט: ער איז אויסגעטריקנט פון אַלע זאַפטן. געקומען „די קליינע", האָט זי העפטיק צעגראָבן זיין געביין, אויפגעבלאָזן אין אים נאָך טליִענדיקע פונקען. זי האָט אים גערופן צום לעבן, וואָס איז אַזוי דערנידעריקט. אָבער אַצינד?

ער האָט עס ערשט דערזען, מענדל, באַוווסטזיניק דערשאַצט זיך, וואָס

אַנטקעגן אים האָט זיך געשטעלט „די קליינע״; אַצינד האָט ער זיך נישט געקענט קיין עצה געבן: ווי אַזוי זיך באַווייזן מיטן אייגענעם חורבן ווי מיטן גליק פון ווידערגעקערטן געפיל, בעת דאָס איז אים געשטערט! קען מען דערפון עמעצן דערציילן? פאַר אים זענען פאַרשטעלט אַלע וועגן. וואָס טאָן, אַז פינצטערניש שפּאַרט פון אַלע זייטן! סיידן ברעגגען אויף זיך אַ סוף...

יאוש האָט אים געגריזשעט: ער האָט נישט קיין אָרט אין ערגעץ און נישט קיין רעכט.

זינט וואַרשע, זינט דעם פאַלן פונעם הויז פון די זיגלס, האָט ער געטראָגן אין זיך די שפּירונג פון טויט. ערשט דאָ האָט ד אָ ס ק י נ ד סטעלע אים צוריקגעגעבן לעבן, אָבער ער טאָר נישט געניסן דערפון. ס׳איז אַזאַ באַשערטקייט זיינע. דער מרחק איז אַ גוואַלדאָוונער (ער זעט עס, דאָס רייסט אויס שטיקער פון אים!) און די נאָענטקייט פון אירע געבוירערס שלאָגט. זי איז אים נישט קיין גלייכע, ער טאָר נישט אָננעמען דעם קרבן פון תמימות וואָס אַ קינד גיט אים. ס׳איז אַ ברכה וואָס קומט אין באַגלייט פון אַ פייערדיקער קללה. ער מוז אָננעמען די שטראָף פון גורל: איינטריקענען, וואַרטן אויפן זינדיקן אומקער זיינעם צו די טייערסטע. זיין יוכבד עליה השלום איז אים נאָך איינגעבאַקן אין האַרצן און שיינדעלע, די פרוכט פון זייער ליבע, וואַרעמט אים די נשמה, זי צוקט אין זיין געדאַנק: טאַטע, טאַטעליו. ער וואָלט דאָס אפשר געוואָלט פאַרגעסן, אָבער... עס איז דער משפּט פון אייביקן געדעכעניש — נישט צו זיין אָן יסורים.

מענדל האָט זיך געצאַפּלט אונטער די קלעפּ פון זכרון און ער האָט אָנגענומען דעם פּסק: ער מוז ווערן אויס היימישער פון מאַטאַדעראָסער געזינדל. צופיל זיך אַריינגעלאָזן מיט זיי. ליבשאַפט מוז זיין אויסגעברענט פון זיין מיט. די ביטערע גזירה איז נאָך חל אויף מענדל בן יחזקאל ז״ל.

שוין אַ חדשים צוויי ווי ער האָט גענומען זיך אָפּגעוווינען פון זיי, פון בערטען און לעאָנען, ווי ער האָט געפּרווט זיך אויסבאַהאַלטן פון עסטעלאַן, וועלכע איז כסדר געקומען אים זוכן. אין די פאַרטאָגן האָט ער פאַרשלאָסן זיין צימער און שטיל־שטיל אים צוריק געעפנט שפּעט ביינאַכט. דערמאָלט קען עסטעלאַ שוין נישט זיין, — האָט ער געקלערט, און אין דער בחינה פון אַ בעל־תשובה זיך צוגעשפּאַרט אויסרוען. אויסגעצויגן זיך אויפן בעט כמעט אין אָנטועכץ און לאָנג אין דער נאַכט אַריין נאָכגע־

שפּירט דער שטילקייט: „שטייט מע נישט הינטער דער טיר? דאַכט זיך, עס שאַרן זיך טריט".

אָנגעשטרענגט זיך אויפגעזעצט, די ברוסט האָט איטלעך מאָל אַ צאַפּל געטאָן. ער איז איינגעשלאָפן מיט אַ שווערן עול.

אָנגעהויבן קוים שאַריען אויף טאָג, האָט מאַנועל זיך שוין געפּעדערט. גיריק צוגעפאַלן צום האַנטזייגערל, וואָס איז געלעגן נעבן אים.

— נאָך פרי. די גאַס שלאָפט, די אָמניבוסן גייען נאָך נישט. די מאָ־טאָדעראָסער שטוב דרימלט אונטערן פאַרטאָגיקן בלעטער־רויש פון די ביימער וואָס הינטערן פענצטער, לעאָן וועט זיך באַלד איבערוועקן. אָ, ער קען זיך אַהערכאַפּן. פאַר אַזאַ באַגעגעניש שרעקט ער זיך. וואָס וועט ער זאָגן לעאָנען? תירוצים דערקענען זיך תיכף, און ער קען זיי נישט צו־קלייבן. ר'קען אויך נישט זיך פאַרענטפערן. גלייכער אויסצומיידן. ער האָט אים סיי ווי נישט וואָס צו זאָגן, און ער האָט מורא אַז זיין וויטיק זאָל נישט ווי איטער אַ שפּריץ־טאָן פון אים. און פאַרנאַכט קען זיך באַווייזן „די קליינע". ס'אי' ריכטיק וואָס ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך — צו האַלטן דאָס צימער אויפן שלאָס. ווען זיי קומען, איז ער נישטאָ אין דער היים. נישטאָ קיין אַנדער ברירה.

אויף מאַנועל זיגל האָט געציטערט די הויט: נאָר נישט אָנבאַגעגענען זיך מיט די מאָטאָדעראָסער!

אויפגעכאַפּט זיך גאַנץ פרי, פאַרנומען זיך מיט זיין האַנט־טאַש אין גאַס אַריין און געוואָגלט. די פּרנסה איז אים ווינציקער געלעגן אין זינען; תּכלית איז בכלל אים געוואָרן אַ ווייטער ענין. ערגעץ־ווו אָפּגעיאָגט די נשמה מיט אַ ביסן, אין תחילת אַפילו געהונגערט מחמת אָפּגעלאָזנקייט. דערנאָך האָט ער זיך מיישב געווען: אין געטאָ איז ער נישט געפאַלן פון הונגער, זיך געמיגלט פאַרן טויט וואָס איז דערנידעריקט געוואָרן אין חשכות; ר'האָט זיך געראַנגלט מיט דער נויט, מחמת דעם אומבאַגרייפ־לעכן „עפּעס" פאַר וואָס דער מענטש האָט זיך איינגעשטעלט, אַבי נישט צו פאַלן אין גאַס ווי אַ טראַנטע, — וועט ער דאָ אַוודאי זיך נישט לאָזן.

אויסגעפונען אַ רעסטאָראַנדל, אַריינגערוקט זיך אַהין צו אַ זייטיק טישל און טאָג־טעגלעך שוין אָפּגעמינטערט זיך פון דעם הונגער, וואָס האָט אים אָנגעוואַסערט אַ נאָענטן חלשות.

דערנאָך אָפּגעזעסן נאָך אַ שטיקל צייט אין גליווער פון אלייניקן טראַכטן און ווידער גענומען זיך שאַרן איבער די גאַסן.

לאַנגע וואָכן האָט זיך געצויגן די דאָזיקע יסורימדיקע לאַנגווייליקייט און ער האָט זיך נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן. ביי זיך אין צימער איז אים געווען שווער, אַפילו ווען ער האָט געוואָלט זיך איינשליסן פון אינעווייניק און ס׳איז אים געווען ממש פאַרווערט צו טראַכטן פון מאַטאַדעראָס. זי וואַרפט אָן פּחדים, עס שאָטענען זיך פאַר אים וואָרענונגען. מאַטאַדעראָס שטויסט אים אָפּ און עס ציט אין דער זעלביקער צייט.

זיין איבעריקייט איז מענדלען נמאס געוואָרן, ער קען זיך נישט מער אויסבאַהאַלטן פאַר זיך, פאַרן אייגענעם אוממאַכטיקן ווילן. ער האָט אָפּגעגעבן דעם באַלעבאָס דעם שליסל פון צימער און געוואָרפן בוענאָס־איירעס. „איך טאָר דאָ נישט זיין. ס׳איז אַ פאַרווערטע זאָנע. פלעק־טיפוס! אָנשטעקיק! פאַר מיינעטוועגן איז׳ס פון ס׳ניי מלחמה״.

מאַנועל זיגל האָט גענומען אויף זיך בלינדן וואָגל.

אַ פלוצלינגער חושך האָט צעגרימט זיין נשמה, אים אַרויסגעשטויסן פון דער נמאסער שטאָט.

מיטן טראַמוויי זיך צוגעקליבן צו אַ וואָקזאַל, אַריינגעזעצט זיך אין אַ צוג און געלאָזט זיך פירן אין אַ וויטער, אומבאַקאַנטער געגנט. גענומען מיט זיך ס׳ווינציקסטע, וואָס דער שוואַכער מענטש קען מיט זיך מיטטראָגן, און געפאָרן.

וווהין? צו וואָס? צו וועמען? נישט ער האָט עס געוווּסט, נישט ער האָט זיך אַליין געפרעגט. אים איז נאָר נאָכגעגאַנגען דער מאַמעס אַ זיפץ, אַ געצירשנטער פון אירע אבות: „ווו די אויגן וועלן טראָגן וועל איך גיין. ווו דער גורל וועט פירן, וועל איך זיך באַזעצן. וואָרן וואָס באַדאַרף דער מענטש? אַ ביס ברויט צו שטילן דעם הונגער און אַ העמד אויפן לייב״.

*

עס איז געווען אַ קליינע, אַ ליידיקלעכע שטאָט מיט שטומע הייזער, אומעטיקע לאָנקעס אַרום און נישטערנדיקע בליקן פון די מענטשן, וואָס האָבן אים דערזען. „אַ גאַסט, אַ דורכפאָרער דער דאָזיקער?״ אַן אָנגעפּוישטקייט איז דאָ אַרומגעגאַנגען אויף שטאָמפּערנדיקע פיס. די אויפדערנאַכטן האָבן בלינדלעך געקוקט מיט איינצלנע רויטלעכע גאַסנלאָמפּן,

ווי אַנטצונדענע אויגן. אין מיטן אַ הוילן סווישטשען זענען געשטאַנען די גאַסן וואָס האָבן נאָכגעקוקט אים, דעם פרעמדן. גיך האָט עס מאַנועלן צוריק אַריינגעטריבן אין אָרעמלעכן האָטעל־צימער.

אין האָטעל איז ער אַריין אויף אַ פּאָר טעג, אָבער עס האָט אים באַלד אַרויסגעטריבן פון נאַקעטן חדרל. ער וועט דאָ משוגע ווערן. ער מוז זוכן אַן אחיזה ביי מענטשן. ער מוז זיך פאַרנעמען מיט עפּעס, ר׳מוז אין גאַנצן פאַרוואַרפן דעם ד אָ ר ט, פאַרגעסן דעם דאָ. אַ סך „מוזן" האָבן זיך אָנ־געיאָגט אויף מענדלען. און חיונה? ער באַדאַרף פאַרדינען זיין שטיקל ברויט, דעם לעפל וואַרעמס. גאָר נישט לאָזט פאַרשטויסן דעם־אָ עול. ס׳איז שווער, אָבער ס׳איז די איינציקע מערכה וואָס אים איז געבליבן. נאָר די האָרעוואַניע קען אים ברענגען גענעזונג. היילן זיך די נשמה, פאַרטרייבן אַלע נאַרישקייטן איז אים אַ מ ו ז.

דאָס דאָזיקע קלערן האָט פּאַמעלעך זיך געקלעפּט צו מאַנועלן. מער ראַפּטעמדיק האָט אים געיאָגט דער אינעווייניקנדיקער אומרו נישט גענוי־זוקט צו ווערן אין דער־אָ נייער פרעמדקייט. נישט דרייסט איז ער צוגעגאַנגען צו די מענטשן, וועלכע ער האָט באַגעגנט אויף די שוועלן פון זייערע נידעריקע מויערלעך, געזעען זיי אין אַ טיי־האַלע, אַ פול אָנגערייכערטע פון האַרבן ליולקע־טאַבעק. יאָ, ער איז פון נישט הי, ר׳וויל בלייבן דאָ־אָ. אַ חידוש? וואָס זאָל ער טאָן? — און אַראָפּגעלאָזן די אויגן, געשטאַרקט זיך נישט איינצוברעכן זיך מיט דער שטים. דער אמת: ער איז מיד פון דער שטאָט. ר׳ווערט אָפּהענטיק אינעם רעש. מיאומדיקע זאַכן גייען אָן אויף זיין געדעכעניש, — האָט ער געגעבן אָנצוהערענישן אויף זיין טרויעריקן אַמאָל וואָס איז נאָך נישט אַזוי וויט.

— אָ! אָאָ־אָ, קומט דאָך אייך אַ שלום־עליכם.

— עליכם־שלום. — ער האָט צוריקגעמורמלט און דערשפּירט אַ קוועטש אין האַלדז.

אומעטיק אויסגעשטרעקט זיין בינטל פינגער און די אויגן, האָט ער געשפּירט, האָבן זיך אים אָנגענעפּלט. די לייט האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום אים, געשטעלט הייסע, ביטערלעכע קאַוועלעך און גענומען אַרויסווייזן פאַראינטערעסירטקייט צו אַזאַ וואָס האָט נעבעך זיך געננוג אָנגעליטן.

— וואָס מ׳הערט! אַזוינע רציחות!...

— די אויערן נעמען ווי טאָן פון הערן!

...אַוודאי, ער וויל פֿאַרדינען זיין טעגלעכן ביסן, האָבן ווו דעם קאָפּ אַזוּעקצולייגן. דאָס ביסל מנוחה איז אים דער עיקר.

עס האָט נישט לאַנג געווען ביז ער האָט זיך פֿאַרדונגען אויף אַ שטעלע. לייט האָבן ברייט פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע פֿאַרזיי־פֿעלדער, וויטלעכע לאַנקעס, סטאַדעס שאָף און רינדער וואָס פֿאַשען זיך אין די דרויסנס סיי זומער, סיי ווינטער; זיי פֿאַרמאָגן סומנע שפּייכלערס מיט תבואה, מיט פֿאַשע־גראָזן, קומט צוניץ אַזאַ מענטשל, אויב ער באַווייזט זיך. אָפּעסן פּאָר אַזאַ איז — מילא, סע שפּילט נישט קיין ראָלע, אַ פּאָר פּעזעס אין קעשענע אַריין איז אויך מילא־מה. אַז אַזעלכענער איז אויך אָרנטלעך, וועט מען שוין דורכקומען.

— איר וועט אַריינגיין צו מיר, סעניאָר, — האָט מענדלען אַ זאָג געטאָן אַ באָרדיקער מאַן מיט וואָרעמע ייִדישע אויגן. — קומט! — און אַליין זיך אויפגעשטעלט פֿון צווישן דעם געזעמל, אַ צי געטאָן אים ביים אָרבל.

דער פרעמדער איז געפֿעלן געוואָרן איסרן דעם פֿאַדאָליער, וואָס האָט מחמת צודרינגלעכער עלטער זיך אַרויסגעקליבן פֿון קאָלאָניע אין נאָענטן שטעטל אַריין. אויב אַ ווילער יונגער מאַן, האָט ער זיך באַרעכנט, וועט אים אויך גוט זיין. מירן זען.

ס'האָט גאָר נישט לאַנג געדויערט און דער איסר האָט'ן גענומען אַריינפֿירן אין דער טאָג־טעגלעכער פֿויערישקייט פֿון די קאָלאָניע־מענטשן.

— מ'באַדאַרף אָנהייבן, ס'וואָר? אַ נו, זאָל ער נאָר פּרווון אַרויפֿרייטן אויפֿן פֿערדל, אַ דריק־טאָן די ריפּן זיינע!

צוגעפֿירט צו אים אַ בולאַן מיט אַ גראָען פֿלעק צווישן די אויגן און אַ שמיץ געטאָן דער בהמה איבערן הינטן:

— היידאַ, מאַנועל, אין פֿעלד אַריין, זאָלן ערלים זען אַז ס'פֿאַראַן אַן אויג איבער זיי.

— ס'עט ווערט זיין ס'גאַנצע געלט, — האָט ער דערנאָך געזאָגט דער ייִדענע וואָס האָט זיך צוגעקוקט צום אַלטנס פֿאַרעניש אַרום דעם מענטש וועלכן ער וויל פֿאַרהיימישן ביי זיי.

— עלעהיי ס'עט זיין היימלעכער, — האָט זי פֿאַרצויגן די ליפּן.

אָנגעגורט מיט געדולד, געלערנט זיך אומגיין מיט אַ בהמה, צוגעוווינט זיך צו הערן די פֿעלדישע מענטשן, איז געבליבן ביי מאַנועלן זיך צו באַזעצן צווישן די לייט, וואָס זענען ווי די ביימער און קוסטעס אַרומ־

געוואַקסן מיט דער דורכויסיקער פּוסטעניש, וועלכע ווינטיקט דאָ און גראָעט מיט הימל און ווייטקייטן.

מענדל האָט אַליין מיט זיך געקנעלט, איינגערו:קט:

— זיי וועלן אויפהערן קוקן מיט חשד און זאָל ער אַזוי פיל נישט אַריינטראַכטן אין דער וועלט. און ס'געוועזענע מוז מען אַראָפּוואַרפן פון זיך.

מאַנועל האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח צו זיין אַנדערש ווי ער איז. ר'מוז באַצווינגען דעם לייכטזיניקן וואָס כאַפּט זיך נאָך אַרויס פון אים. אַוודאי, ער האָט זיך נאָך געקענט פאַזוואַליען אַזאַ שגעון. טפררר, קרי:אָזשאָ! — חזרט ער איבער דעם איינגעלערנטן רוף צום איינמאַנסירטן* פּאַמפּאַ־פערד וואָס איז אים געגעבן געוואָרן פאַרן אומעטומיקן זיין אויפן באַלעבאָס' פעלדער ווו עס אַרבעטן פעאָנעס.** מאַנועל שמיצלט צום פערד, רופט עס און ער מיינט בפירוש איינצולעשן זיין „משוגעת". — אָקערשט שטיי, אויב מ'קיצלט דיר נישט אין די ריפּן.

ער האָט זיך אַליין איבערגעשריגן, דער מענדל, אַרויפגעצויגן בגוואַלד אויף זיך אַ נייע הויט.

און עס האָבן זיך פאַר אים אַוועקגעלייגט די סומנע ברייטן פון דער אָנסופיקער, גראָער אַרגענטינער פּאַמפּאַ מיט די ווילדע היצן, מיט די זאַמד־שטורעמס, אויך די שווערע, זומפּיקע בלאָטעס; דער הימל לאָזט זיך ענדלאָז אַראָפּ, קאָרטשעט זיך צונויף אין אומאויפהערלעכן זיקנהדיקן גע־כליפּ.

דערדריקנדיק איז געווען דער האַרבסט וואָס האָט זיך אין גיכן גע־שטעלט, דערנאָך דער נודנער, דער ווינטיקער ווינטער וואָס איז גראָד אויסגעפאַלן עצירותדיק. דער ווינט האָט אָנגעטריבן וואָלקנס, אָבער קיין טראָפּן פייכטקייט האָט נישט דורכגענעצט די ערד, אַ שמאַכטנדיקע מיט די זוימען וואָס זענען געוואָרפן געוואָרן אין איר שויס.

די טעג פון סטעפּישן ווינטער זענען מאויסדיק טונקל, די אָוונטן — לאַנג, נאָך לענגער ציען זיך די נעכט. אָבער אין תחילת האָבן זיך די אָוונטן אויסגעוויזן צו־קורץ אַרום דעם פּאָדאַליערס מענטש. שכנים האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי איסרן, זיי זענען געווען להוט אויף אַ ניי וואָרט פון אַזאַ. אַ ווו:לער דער יונגער מאַן, דער וואַרשעווער. פאַר די מענטשן פון פרעמדן יישוב האָט ער אויסדערציילט אַ סך מעשות פון ד אָ ר ט, וואָס

* דרעסירטע פריירי־פערד; ** פעלדקנעכט, שווערהאַרבעטערס.

האָט פאַר די לעצטע יאָרן אויפגערודערט די ייִדישע הערצער. גרויליק געווען דאָס צוזען אַלצדינג וואָס דער דייטש האָט צוגעטראַכט פאַר די, וועלכע ער האָט אַריינגענומען אין זיין מאַכט. די הערערס האָבן געקרעכצט, טרויעריק געוויגט מיט די גאָמבעס, אָפּגעווישט אַ טרער און לסוף זיך שלעפּעריק צעגענעצט. אָ־וואַ, אַזוינס זאָל זיך דערוועגן אַ שונא וואָס גייט אויף מלחמה! וואָס זענען חייב רויִקע לייט, זקנים, קליינע קינדער? ווער וואָלט׳ס געקענט זיך אויסמאָלן! אַזוינע ברעך זענען זינט דור־דורות צוגעחתמעט די ייִדן!

געזיפצט, אויסגעלענגערט זיך פון שפּאַרנדיקן לאַנגווייל און שפּעטלעך געקראָכן אויף די געלעגערס אַרויף. אָפּט האָט מענדל נישט באַוויזן זיך אַרומצוזען ווי ער איז געבליבן איינער אַליין פון אַ ז אַ ט י ש אַרומזיצערס. צעקראָכן זיך. דעמאָלט האָט אים דורכגעשטאָכן אַ צוקנדיקע בענקעניש צו די אייגענע וואָס געלאָזן אין דער פאַרווייעטער, מאָדנע אָנטאָפּעוודיקער ווייט. ער האָט זיי געזען אין ממשות, געפּרוווט רעדן צו זיי, אָבער זיך פאַרשעמט פאַר דער נאַרישקייט צו רעדן צום אייגענעם געדאַנק. אַנומלט האָט ער זיך שוין נישט געקענט צוריקהאַלטן און גענומען אָנשרייבן אַ בריוול. באותו אויפדערנאַכט האָט ער זיך אַפילו נישט געכאַפּט צו וועמען ער ווענדט זיך מיט זיין ווייטיקלעכער בענקשאַפט. לסוף האָט עס זיך אויסגעקלאָרט. צו זיי, די מאַטאַדעראָסער וואָס זענען אים איינציק אין זיין גאָרער אַליינקייט, ווענדט ער די בליקן פון האָפענונג אויף נאָענטשאַפט. אין טרערן פון הכנעה האָט ער דעמאָלט גערעדט צו זיך: — וועמען, אומשטיינס געזאָגט, האָט ער אַחוץ לעאָנען מיט בערטען?

„מיינע טייערע, אַ גרוס אייך פון דער שיינער שטאָט טוקומאַן. דאָ איז קעלטער ווי אין בוענאָס־איירעס און אויך הייסער. באַרג און טאָל הייבן אויף און נידערן־אַראָפּ דעם קאַנט, וואָס איז ענלעך צום גורל פון אַ מענטש. ניין, איך וויל נישט פאַראומערן אייער געמיט. פון דער־אָ שטאָט שיק איך אייך די בעסטע ווונטשן פון מזל אין לעבן. און איך גריס עסטעלען. זייט נישט ברוגז וואָס איך בין אַוועק אָן געזעגענען זיך. עס איז געקומען אומגעריכט, אָבער ס׳איז גוט וואָס איך באַדאַרף נישט באַדויערן. שוין אָפּגעאַרבעט אַ שטיקל צייט, געקומען צו זיך כדי אַרומצוזען זיך ווו כ׳בין אין דער וועלט, איך פאַרדין, ערשט האָב איך אויסזיכטן רעכט צו פאַרבעסערן מיין מעמד.

וואָס, ביאַדען פאַר אייך האָב איך נישט געקענט, און איר וואָלט גאָר־נישט געקענט טאָן פאַר מיר. האָט־זשע נישט פאַראיבל פאַר מיין אָוועקפאָרן. זאָל אייך גוט זיין!

דאָס וויל איך אייך לאָזן וויסן פון דאַנעט און גריס גאָר פריינדלעך. אויף דערווייל געזונג. איך האָף בקרוב צו קענען אייך שרייבן פון טשילע, דעם שכנותדיקן לאַנד, וווהין איך האָב אַצינד אַ נייע געלעגנהייט צו פאָרן. יאָ, פאָרן איז געוואָרן אַ שטיק פון מיין לעבן, ווייל ס׳זיצן אויף אַן אָרט טרייבט דעם מוח. דאָ וועל איך לאַנג נישט בלייבן.

זייט געזונט און שטאַרק,

אייער מענדל מאַנועל".

מיט מאַנצבילשע טרערן האָט ער געקוקט אויף די ליגנס, וואָס ער האָט אָנגעבראָקט עטלעכע פאַר אַ מאָל. מענדלען האָט זיך אויסגעוויזן אַז זיי שפּאַרן אַרויס פון די שורות מיט פויסטן קעגן אים און מיט מינעס פון פאַראיבל און איבעראַשונג. ער האָט פאַרקוועטשט די אויגן, כדי נישט צו קוקן אויף זיי. אַ קליינע ווילע אַזוי געקוקט בלינד אין דער פינצטערניש פון געשלאָסענעם בליק, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף אַהינטער און באַלד זיך צוריקגעקערט צום אָנגעשריבענעם בלעטל. איינגערוזקט זיך אויף דעם נייעם „שכל", מיט וועלכן ער האָט זיך אָקערשט אָנגענומען פון וועגן דער פריד, וואָס ער האָט זיך איינגעשמועסט צו פאַנגען אין זיינע אָרעמס אַריין, האָט מענדל ווידער אַריינגעקוקט אין בריוול, אריינגעלייענט זיך דערין און נישט געגנוי עס פאַרשטאַנען. צו לעאָנען, צו בערטען אַ גרוס? גאַנץ פיין. זאָלן זיי הערן פון אים. אויטאָמאַטיש עס איינגעקנייטשט און דאָס געשפּירט שווער ווי אַן אייזערנעם מכשיר, וואָס געקראָגן אין האַנט אַריין. ערשט דערנאָך זיך דערמאָנט אַז ס׳איז אַ בריוו צווישן זיינע פינגער און נישט באַנומען וואָס ער באַדאַרף טאָן מיט אים. געכאַפּט זיך ענדלעך אַז ס׳איז דער צייכן פון זיך וואָס ער וויל אָפּשיקן, האָט ער אויפגעפלאַמט: „ליגנס! ער באַהאַלט זיך נאָך!"

עס האָט הייזעריק אַרויסגעשריגן פון אים.

דערזען דעם גרויסן דאָרפישן צימער אַרום, דערווישט זיך איינער אַליין, מיט געליימטע פיס, אַ באַלבענדיקן קאָפּ, האָט ער פלוצלינג נישט געקענט זיך דערמאָנען ווי אַזוי ער איז אַהער אַריין. דערווישט דערנאָך די

צעוויגטע שטילקייט, האָט עס אים אַ טראַג געגעבן, גלייך ער וואָלט אָט־אָ דערוועקט געוואָרן פון אַ נאָדל־שטאָך.

שפּעטער האָט מאַנוועל זיך שוין דערמאָנט אַז הינטער דער וואַנט וואַרט אויף אים זיין הילצערן בעט מיטן שמאָלן וואָלענעם קישן. די נאַכט קוקט אויס אויף אים, אַריינצונעמען אויף רו זיין מידן געדאַנק.

צומאָרגנס האָט ער געזוכט אַ געלעגנהייט צו באַזאָרגן דעם בריוו אויף דער פּאָסט. פאַרטאָגס מוז ער אַרויס אין פעלד, די פּאַראָבקעס מוזן אים זען אויף זיין „קריאָזשאָ". בוענאָס־איירעס האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזן; בוענאָס־איירעס האָט אַ שאַרפן פּיק־געטאָן מענדל־מאַנועלן, וואָס איז אָפּ־געוואָרפן געוואָרן אין אַ זייט פון די רוישיקע שליאַכן.

— אַוודאי, ער טאָר זיך נישט אויסגעבן. נישטאָ דאָ מענדל. מענדל האָט מער נישט קיין אָרט אין אַ משפחה־נעסט. אויסגעטאָן אים נאַקעט, פאַרשעמט און אַוועקגעוואָרפן, טאָר ער זיך נישט אַנטדרייסטן אויף מענטש־לעכע פּלענער. און ער שפּירט נישט קיין כוחות צו ראַנגלען זיך צופיל. אונטערגעברענגט די היים, טאָר איך זיך נישט זוכן קיין אַנדערע היימיש־קייט. נישטאָ קיין ליבשאַפטן פאַר אים. וואַרשע, יוכבד, שיינדעלע קענען זיך מער נישט באַווייזן. ביזן וואָרצל אויסגעברענט אַלץ, איז פאַרברענט דער זינען פאַר אַלץ, אַלץ. אגב, ער האָט'ס שוין צוגעזען — עס קלעפּט זיך גאָר נישט צווישן חושכדיקע. האָסט צו עסן, איז גענוג. דערוועג זיך נישט מערער צו זוכן.

עס האָט געקלעקט בלויז דאָס דערמאָנען זיך די וואָר, און טרערן האָבן גענומען דריקן דעם מאַנצביל. מענדל זיגל האָט זיך אַוועקגעדרייט פון די מענטשן, וואָס האָבן געקענט אונטערקומען. דאָס טאָג־טעגלעכע, וואָס איז אים געוואָרן אַ חוב, האָט מענדלען פאַרשלונגען. אונטערגעלאָפן אויפן פערד, אָנגעזאָגט אַ פאַסטעך, באַפוילן אַ פּעאָן עפּעס אַוועקצוטראָגן. ר'האָט שטאַרק זיך באַמיט נישט צו געבן צו דערקענען זיין אומעט. טעג דורכ־אַנאַנד האָט מאַנועל זיך אַרומגעטראָגן ווי אין אַ נעפּל, גלייך ער וואָלט צווישן די מענטשן און די זאַכן דאָ זיך אַרומגעדרייט אַ נישט־פאַראַנענער.

— טפּררררר־וו, קריאָאָ־זשאָאָ!

אַלע מאָל האָט ער זיך אַליין אַרויסגערופן פון פאַרגעסנקייט.

*

דערגאַנגען צו די מאַטאַדעראָסער דאָס בריוול פון פאַרפאַלענעם מאַנועל, האָט עס זיי צעטומלט און פאַרווונדערט: אָפּגעפונען זיך דער מענטש, אָבער ווו איז ער, ווו געפינט ער זיך! בערטען האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן, לעאָן האָט זיך געשעמט מיטן געוויין וואָס איז אים געווען נאָענט. געשריבן, מענדל, און נישט דערשריבן. און פאַר וואָס האָט ער זיך אויפגעהויבן אַזוי פּלוצלינג, אַוועק אָן אַ „זיי־געזונט!" כ'האָב אים, גאָט באַהיט, באַליידיקט, אַ שאַרף וואָרט געזאָגט, אַרויסגעבערענגט אַזוינס וואָס זאָל אים וויי־טאָן? אדרבא, נאָך געפּרוווט אים פאַרגרינגערן. מיר זענען נישט קיין אויסניצערס. וויי, — האָט אין בערטען אויפגעטויכט אַן אַנומלטיקע דערמאָנונג — ווי מיר האָבן זיך דערפרייט, ווען מאַנועל איז אַריין אַהער. אַזוי ליב זאָל מיר זיין מיין לעבן ווי גערן איך האָב אים געזען. גליקלעך זענען מיר געווען, ווען ער האָט זיך געזעצט צום טיש מיט אונדז! דערלעבט צו זען אַ געראַטעוועטן, כאָטש איינעם, האָט מען דען באַדאַרפט מער צו דער דערוואָרגענער פרייד? האָט ער זיך פּלוצטאַלבן אויפגעכאַפּט און פאַרשוווּנדן, גלייך מ'וואָלט אים אַן עוולה געטאָן. איך? איך שפּיר זיך נישט שולדיק. און לעאָן? שוין אַזעלכע יאָרן אויף מיר, וואָס פאַר אַ פריינד ער איז מאַנועלן. אַוועק און לאָזט נישט וויסן ווו ער איז. טוקומאַן, שרייבט ער — ווו טוקומאַן?! אַזאַ וויכטיקער מענטש שוין מאַנועל זיגל אין דער שטאָט טוקומאַן, אַז ס'גענוגט בלויז צו שרייבן: „סעניאָר מאַנועל זיגל, טוקומאַן, רעפּובליקאַ אַרכענטינאַ", אַז מ'זאָל אים אָפּגעבן דעם בריוו? אויסטערליש. ער שרייבט נאָך אַז ער פאַרמעסט זיך צו פאָרן ווייטער. ווינציק געבלאָנקעט זיך! טשילע פעלט אים אַצינד. ס'אַ פראַגע צי ער גיט זיך אָפּ חשבון וואָס עס באַטייט ווידער נעמען ס'פּעקל אויף די פּלייצעס. ווו וועט ער זיך אַהינטאָן אין אַ ניי לאַנד! אַהיים קומט ער אַהין, היימישע וועט ער דערגרייכן? דאָס אומגליק יאָגט אים נעבעך. און אַ שידוך „נעמט" אים נישט. ער וויל זיך נישט דעם קאָפּ פאַרדרייען, זאָגט ער, און ער וויל נישט אַ ווייבל פאַרדרייען דעם קאָפּ. „איך האָב זיך מיינע צרות, באַדאַרפן זיי נישט זיין יענעמס צרות", טענהט ער, דער קליגער קאָפּ — דערמאָנט זיך בערטע און זי קען זיך נישט שענקען די נאַרישקייט, וואָס ד ע ר מ ע נ ט ש באַגייט איצט. עס קען אים זיין גוט, וויל ער דווקא ס'שלעכטע. וואָס־זשע איז פאָרט מיט אים! אַז אַ מענטש זאָל נישט וועלן זיך באַזעצן אויף אַן אָרט, מוז דאָך עפּעס זיין, נאָר וואַנדרעווען? איך שפּיר נישט קיין שום

טעם אין דעם. אַ קינד איז ער, צי חלילה געררירט? תּרעומות און מיטגעפיל האָט אַרויסגערעדט פון מאַנועלס היימישע און אַלע זענען זיי געוואָרן צע־טומלט פון דער ידיעה. דערשלעפּט זיך אַזש קיין טוקומאַן. אוי, אוי, נישט גלאַטיק אַז אַ מענטש אין זיינע יאָרן קען זיך נישט סטאַטקעווען!

אַ פּאָלנע צעמישעניש איז געקומען אויף דער שטוב אין מאַטאַדעראָס. פאַראַן דער מאַנועל און ער איז נישטאָ — האָט בערטע געקייעט אַ ליפּ און נישט געקענט איינזיצן. זי איז אָן אויפהער אַרויס פאַר דער טיר, אויסגע־קוקט דעם מאַן, דער טאַכטער, כאָטש עס איז נאָך געווען גרויסער טאָג אַז זיי זאָלן זיך שוין אומקערן פון שטאָט. און איז אַהיים געקומען לעאָן, האָט זי אים אַנטקעגן געטראָגן די גרויסע בשורה:

— נאָ, האָסטו, לעאָן, אָפּגעזוכט זיך דער פאַרלוירענער.

זי האָט נערוועז געפינטלט מיט די אויגן, די הענט האָבן איר געצי־טערט. פון פלוצלינגער מידקייט האָט זי זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ שטול, צוגעקוקט זיך צום מאַנס לייענען. אַזוי ווי ער איז אַריין, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן שטוב און דאָרשטיק געשלונגען דעם בריוו. זי האָט נישט געזען קלאָר צי ער לייענט, אָדער ער הענגט אין דעם וואָלקן פון איר אייגענעם פּראַלנדיקן גערדאַנק: מאַנועל, דער בראַנדיקער מאַנועל זייערער איז ווי אַ פונק פאַרפלויגן אין די ווייטן. ס'האָבן געהוקעט די שלייפן. פאַרן בליק האָט געשוואָרשעט נאָר דער ווייסער פלעק פונעם געאָנטן פּאַפּיר און ער, איר לעאָן, פּיבערט אַ נשתוממער פון דער מעשה מיט „דעם מענטש" וואָס איז נעלם געוואָרן אין דער סודותדיקער אומבאַוווּסטקייט. טוקומאַן, נישט צו דערגרייכן איר דאָס טוקומאַן. אַזוי לאַנג שוין אין די ערטער און זיי האָבן נישט געזען אַ טוקומאַן! — — פאַר בערטען האָט עס געטונקלט, גלייך אַ געוויטער וואָלט אָנגעפּרישעט אירע אויגן אויף נישט צו דערקענען די פּוסטקייט אַרום.

— טוקומאַן, זאָגסטו — אַז ס'איז גאָר נישט טוקומאַן! — האָט לעאָן ווי פון נעפּל אַרויס אַראָפּגערעדט צום ווייב און פאַר אים האָט זיך געדרייט די בלענדעניש פון מטושטשע ווייטן. — ס'דען אַ שטאָט אָן פּלאָנטער פון גאַסן? ס'רעכט אַז ער האַלט זיך, דער פאַרשווין אונדזערער, אויף אַ דאַך פון שפּינוועבס. שפּינוועבס איז זיין גאַנץ טראַכטן, אַפילו ווען אַרום זיך, זעט ער, שפּרייטן זיך אָנסופיקע שטרעקעס פון פעלדישע ליידיקייטן, פון לאָנקעס באַפּעלקערטע מיט סטאַדעס רינדער און שעפּסן וואָס ווערן שווער

מיד, מחמת אומגעהייערן עלנט פון צו פיל הימל און צו פיל היץ, אויך פון צו פיל נעציקייט פאַר אַ מאָל. אַזוי איז עס אין אַרגענטינע: אַלץ, חמימה און פייכטקייט פאַלן אויס משונה פלוצלינג, עס קומט ראַפּטעם און דאָס פאַרצערט דעם מענטשן און, להבדיל, די בהמה. פאַר, פאַר איבער די פוסטעגישן און זעסט נישט קיין ענד. מאַנועל האָט זיך געמוזט איינ־פלאָנטערן אין דעם געדריי פון דער ליידיקייט וואָס קען משוגע מאַכן. ס׳פעלט אים מישעניש אין די געהירן? און ר׳האָט עס געמעגט טאָן — אונדז?

פון אומעט, וואָס דאָס־אַ בריוול האָט אַנגעבראַכט, האָט לעאָן נישט געקענט אויפהערן רעדן אין שטוב אַריין. און איז עסטעלאַ אַהיים געקומען, האָט דער פאָטער איר צוגעטראָגן די נייעס:

— נאַ, האָסטו. ר׳איז דאָ, דיין פעטער, — און אַראָפּגעזעצט זיך גלייך אַנטקעגן איר. ער איז געווען באַשיימפּערלעך צעטראָגן.

דאָס מיידל האָט קלאָמפּערשט דאַרשטיק אַריינגעקוקט אינעם בריוו־בייגעלע און באַלד עס אַוועקגעלייגט:

— וואָס איז די נפקא־מינה? ווו ער איז, זאָל אים גוט זיין. איר האָט אים דען פאַרטריבן?! — אָט־אַ גערעדט צו זיך, אָט צו די „אַלטע" וואָס זענען פאַרמעכיעט ערגעץ אַנדערש, — כדי נישט צו זיין אויג אויף אויג מיטן וויטיק וואָס דער־אַ, דער פונעם בריוול האָט אַהער אַריינגעבראַכט.

— אַז אַ מענטש פאַרשטייט אַזוי, — האָט עסטעלאַ ווידער אַ רעד געטאָן און קענטיק זיך געשטיקט מיטן נישט־דערדערטן, וואָס איז געבליבן הענגען אין חלל מיט אַ פרעגן, וואָס וויל נישט קיין ענטפער, אַנטלויפט פונעם ענטפער.

פאָטער און מוטער האָבן שווייגעוודיק אויפגעהויבן די אויגן צו דער טאָכטער און זיי האָבן זי דערזען אַן אַנדערע, אַזאַ דערוואַקסענע, אַ זעלבשטענדיקע.

זע נאָר, זיי גרייכן גאָר נישט צו איר!

עס איז געווען אַ מין רעדן פון טאַטע־מאַמעס געקרענקטן האַרץ.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

ד'ער איבערקער

— עס איז אַן אַנדערע עסטעלאַ, — האָבן טאַטע־מאַמע אין יאוש אָפּגעמאַכט ביי זיך. — דאָס מיידל וויל מער זיך נישט האַלטן ביי דער מאַמעס פאַרטעך, דער טאַטע איז איר מער נישט אינטערעסאַנט. עסטע־לאַן שטייט נישט אָן אַרויסצוגיין מיט „די אַלטע".

— חס ושלום, זי שעמט זיך נישט מיט אונדז. זי האָט געפונען אירס גלייכן, — פאַרזיכערט בערטע דעם מאַן, וואָס קוקט אַ געקרענקטער אויפן פּירעכץ פונעם מיידל: אַ פאַרדרייעניש געקומען אויף איר און אונדז מאַכט זי אויס מענטשן!

אמת, טאַטע־מאַמעס קליינע עסטעלאַ האָט זיך גרינטלעך איבערגע־ביטן: זי איז געוואָרן פאַרעקשנט, אָבער נישט מער קאַפּריזנע אַנטקעגן „די אַלטע", פאַר וועלכע זי פלעגט זיך פּיעשטשען, איינשפּאַרן זיך פאַר קלייניקייטן. איצט בעט זי גאָרנישט ביי זיי. ז י איז מאָדנע ניכטער, פאַר־טראַכט זיך פלוצלינג און זאָגט קיינעם גאָרנישט אין הויז. „אַ מענטש פאַר־זיך", — איז אומצופרידן דער פאָטער — „אונדז באַדאַרף זי שוין נישט".

— די היים איז איר אַן איבעריקס, — זעט איין די מאַמע, וואָס מוז דערצו נאָך צאַמען דעם מאַן, ער זאָל חלילה נישט „אָנלערנען עסטעלאַן". — מ'זאָל באַהיט ווערן, ער קען פאַלן איבערן קינד, ציטערט די מאַמע. זי כאַפּט זיך נאָך אַרויס, די בערטע, מיטן וואָרט: „דאָס קינד", הגם ס'קינד איז ערנסט גרויס געוואָרן אַפילו אין דער מאַמעס אויגן. טפוי, טפוי, אַן עין־הרע, — פאַרגינט זיך נישט די מוטער צו קוקן אויפן מיידל און זי שרעקט זיך כסדר פאַר לעאָנס האַרטקייט אַקעגן עסטעלאַן, ווייל זי טוט נישט אַזוי ווי אים געפעלט. ער קען זיך פאַרגעסן, לעאָן, און ביי אים הייבט זיך די

האַנט. פּונקט ווי ער פּלעגט זי ליב האָבן, אַזוי האָט ער זי אַצינד פּיינט פאַר אירע „להכעיסן". ער איז אין כּעס, הלמאי זי רעכנט זיך נישט, עס־טעלאַ, מיט דער היים, געדענקט ווינציק אַז אַ מיידל מוז היטן איר גוטן נאָמען. לייט האָבן שאַרפע צינגלעך, קענען אָפּטאָן אַן עוולה. וואָ׳דען, ס׳מיידל איז טאַקע אַרויס פון די האַלאָבליעס. זייערע אייגענע קינדער קוקן זיי נישט נאָך, אויף אַ פרעמדס האָבן זיי גרויסע אויגן. אַזאַ איז די וועלט! ט׳האָט זיך צעווילדעוועט זייער פּריילן, — קלערט מיט ביטערניש אויף די פאַרצאַגטע פרוי און זי מוז האַלטן אין אירע פּויסטן סיי דעם מאַן וואָס מוז האָבן כּוח אויסצוטראָגן אַ הויז, סיי דאָס מיידל וואָס ניוכעט אויס דווקא אַלע אומקלאָרקייטן וואָס צעטאַרקלען זייער נשמה. אַזאַ יונגס באַדאַרף מע נאָך פירן, דעליקאַט פירן, כאַטש עס בריקעט זיך און מ׳באַדאַרף פירן די שטוב אַז זי זאָל נישט פאַרשוואַנקען ווערן פון מיסט, וואָס מענטשן קענען ברענגען אויף איר און, גאָט באַהיט, זי נאָך פאַרטרינקען. איי, זי זאָל נאָר נישט פאַלן אונטער דער לאַסט, די שוואַכע פרוי.

אָבער סיי ווי טוט עסטעלאַ וואָס איר געפעלט: גייט אַוועק אין דער פרי ווי אַ נעכטיקע און דער אויף דער נאַכט האָט פאַר איר נישט קיין שיעור ווען זי באַדאַרף אַהיים קומען. דער טאַטע — ווי ער וואָלט איר געוועזן אַ ווילדפרעמדער. זי טוט אַ טובה, וואָס זי וואַרפט אים צו אַ „גוטן אָוונט" און „זעט" אים נישט מער. עסטעלאַ באַדאַרף שוין נישט פון טאַטן עפּעס אויסגענאַרן מיט אַ חניפהלע, ווי זי פלעגט עס פריִער טאָן. שוין אַ היפּש אונטערגעוואַקסענע האָט זי תמיד נאָך עפּעס געוואָלט פונעם פאָטער, געוועזן להוט זיינעם אַ גלעט, אַ קוש; געקראָכן צו אים נאַשעריש, ווי אַ פייגעלע אַרומגעהיפּט אויף זיין שויס. פּאַפּי, טאַטעלע, האָט זי געצוויטשערט, גע־לאַטשעט זיך, אויסגעפיבערט אויף אים די קאַפּויער געקומענע בלינדע ליידנשאַפטן פון דער זי, וואָס וויגט זיך נאָך אין אומפאַרשטיין. די דאָ־זיקע צערטלעכקייטן האָבן דעם טאַטן צענומען. ער פלעגט בענקען נאָך דעם. ווען די „קליינע" איז נישט געווען אין שטוב, האָט דער פאָטער זיך אַרומגעדרייט אַ צעחושטער. איז זי געקומען, איז געווען נישט אָפּצורייסן איינס פון ס׳אַנדערע. דער מאַמען האָט עס גערייצט. קריגערייען זענען תמיד אויסגעבראָכן אין שטוב איבער טאַטע און טאָכטער; שטענדיק האָט עס זיך געענדיקט מיט דער מאַמעס געזאָג:

— לעאָן, מאַכסט זי קאַליע!

בערטע פלעגט טומלען, שטשירען די ציין.

— גרויסע מויד, שעמסט זיך גאָר נישט? איך וועל דיר די צעפּ אויס־רייסן, אויב דו גייסט נישט אַוועק פון טאַטן!

לעאָן איז נאָכגעקראָכן עסטעלאַן, נישט געקענט לעבן אָן איר. קיין מאָל האָט ער זי נישט געהאַט גענוג.

— לאָז איר איבער איר קינדערישקייט, לעאָן. שטער נישט איר יונג־מיידלשאַפט. זי באַדאַרף יונגוואַרג, לעאָן, נישט דיך. דו רייסט זי אָפּ פון אירס גלייכן.

און דער טאָכטער פלעגט זי ליבלעך אויסמוסרן:

— שעם זיך, סעניאָריטאַ! לעקט דעם טאַטן ווי אַ קעלבל דעם אייטער.

קלאָמפּערשט האָט זי אַליין אויסגעלאַכט דאָס אַריינזאָגן אירס דער טאָכטער, אָבער אין דער אמתן איז זי געווען אייפערזיכטיק אויפן פּאָטער. דער שכל פון אַ מענטש: ער נעמט די טאָכטער אין גאַנצן פאַר זיך! און דער טאַטע איז געשפּרונגען פון דער הויט, אַז עמעץ זאָל נישט צונעמען ביי אים עסטעלאַן. עסטעלאַ איז נישט נאָר זיין פאַרמעג, זי איז זיין שיינע וועלט — — ערשט איז געקומען די גרויסע איבערקערעניש. דאָס קינד איז מיט אַ מאָל געוואָרן גרויס. יענע עסטעלאַ איז מער נישטאָ. אויף איר אָרט איז אין שטוב אַריין אַזאַ וואָס שרעקט מיט אומגעריכטקייטן. און מאַנועל, דער אָנזאָג פון הימלעכקייט, איז אומדערוואַרט אַוועק אין די וייטן וואָס זענען פרעמד סיי אים, סיי זיי. אַ סטראַשנדיקע פּוסטקייט איז אַריין אין הויז; פּלוצלינג געקומען אַ גרימעניש אויפן האַרץ, אויפן געדאַנק. ווי נאָך אַ שריפה טשאַדעט אָן אויף לעאָנאַרדאָן און בערטען אַ טרויער נישט אָפּצוּווישן. און ס'איז נישט צו אַנטרינען דערפון. ער קען נישט איינזיין ביי דער אַרבעט, דער מוח זבענקעט אים. אויך בערטען איז נישט צו דערקענען. די צימערן האָבן זיך אָפּגעוווינט פון פלעדערוויש, פון שטויב־שמאַטקעלע און בערטע איז אַרויס פון דער געוויינהייט צו זוכן אַ דער־קוויקונג פאַר די היימישע, ווען זיי וויזן זיך אַהיים פון דער אַרבעט. „מעגסט פאַרזוכן, לעאָן. ס'אַ נייעס, ס'עט דיר שמעקן". זי פלעגט קוועלן פון דער הנאה וואָס ער האָט געהאַט פון אַ גוטן ביסן וואָס איז צוגעגרייט, און ס'האַרץ איז אין איר געוואַקסן, ווען ס'טעכטערל האָט געצמאָקעט אירס אַ מאכל. אַבי ס'שמעקט דיר. זוייסט נישט, — פלעגט זי זאָגן — אַלע טאָג ס'זעלביקע דערעסט און קיין כוחות קומען נישט צו, אויב עס געפעלט נישט

דער לעפל עסן. קינד, אויך אין טעלער ליגט אַ חכמה, כאָטש די קלוגע גלוסט זיך נישט צו רעדן דערפון. אַצינד האָט זיך אָפּגעטאָן איר געדאַנק פון אַלעמדינג. מאַן און ווייב פילן זיך פאַרלאָזן. די וועלט האָט אָקערשט געגומען שרומפּן, וועלקן פאַר זייער בליק. אַפילו ז י, די איינציק לייב־לעכע, וואָס זיי איז געגעבן געוואָרן, האָט זיי געלאָזן — אויף צו צעטרעטן ווערן. אַ מאָל האָט עס אַפילו אַרויסגעוויינט פון בערטעך. לעאָן איז אַרומגע־גאַנגען אַ דערדריקטער.

העפּטיקער האָט אויף זיי געדריקט דער אומעט אין די זונטיקן, ווען אויף דער שטוב פון מאַטאַדעראָס, ווי אויף דער גאַנצער געגנט לאָזט זיך אַראָפּ דורכויסיקע רו. אום זונטיק זיצט דאָס פּאָרפאָלק אַ מער פאַראייג־זאַמטס. אויך עסטעלאַ ווערט נישט. דעמאָלט קרימט זיך אין זיי דער שניי־דיקער באַוווסטזיין, אַז עסטעלאַ איז זיי טאַקע אַ פאַרלוירן קינד. נישטאָ עסטעלאַ, שרייט דער אָרום.

— אַ קינד אַז עס קומט, איז אַ פרייד, אַז עס אַנטרינט, בלייבט אַ טרויער, — האָט לעאָן אַריינגערעדט אין ווייב און זי האָט פאַרצאָגט צו־געשאָקלט מיטן קאָפּ: אַזוי, אַזוי, אַלטיטשקער. עסטעלאַ איז אַ גוט קינד. נישט ווייט וועט אַוועק אונדזער פייגעלע.

בגוואַלד האָט זי געזוכט אַ טרייסט.

*

ווי מיט אַ טונקעלן פליגל האָט דער אומעט געפּאַכעט איבער לעאָ־נען און בערטען, ווען זיי האָבן אין די ליידיקע פאַרנאַכטן און אין די קאַ־לעמוטנע אָוונטן אויסגעקוקט צו הערן דעם באַקאַנטלעכן קלאַפּ אין טיר, וואָס זיי פאַרקייטלען פון אינעווייניק.

— פּאַפּי, עסטעלאַ איז שוין דאָ, — פלעגט די מאַמע נאָכמאַכן דער טאָכטערס פיעשטשנדיקן זאָג.

— געלויבט צו גאָט, — האָט ער געמורמלט און נישט געקענט פאַר־באַהאַלטן זיין פאַראיבל, הלמאי ס׳מיידל מאַכט שטאַרן ס׳בלוט ביי טאַטע־מאַמע.

די מוטער האָט אָבער נישט דערלאָזט צו זיך דעם פאָטערס ווידער־ווילן.

— ס'אי' דאָך אַ קינד. קען מע זי צובינדן צום זייגער אָדער צו די שרעקן פון אַלטע לייט?

אָבער עפּטערס פּלעגט בערטע זיך אויפכאַפּן מיט אַ פּלאַטערדיק קול און לויפן אַ קוק טאָן, צי ס'איז טאַקע ז י.

עסטעלאַ האָט חידושדיק באַגעגנט די מאַמע, איר געגעבן אַ גלעט מיט דער האַנט:

— שלאָפסט נאָך נישט? באַדאַרפסט שלאָפן, מאַמע.

זי איז געווען פאַרטאָן מיט זיך און אָנגעשטויסן אויף דער היים, הלמאַי מע קוקט איר צופיל נאָך.

— אַ קינד בין איך, צי וואָס? — האָט עסטעלאַ אַ מאָל זיך אָפּגע־טרייסלט פון די גוטסן וואָס די מאַמע האָט איר אַנטקעגן געטראָגן מיט געטריישאַפט און אין איר אויפגעהויבענעם קול האָט זי אַריינגעטאָן אַ גע־שריי צום טאַטן, וועמען זי האָט געשפּירט אַ טשאַטעוועדיקן אין דער מאַ־מעס שאָטן. ווי אַ וויזעלע שטיל און דערשראָקן, האָט לעאָן זיך פאַרבאָרגן אין זיין צוריקגעצויגענעם שווייגן.

„וואָס, ער וועט זיך גיין קריגן מיט זיין קינד? זי איז דאָך נישט קיין נאַר, זי'ט זיך שוין אַרויסדראַפּען", — האָט לעאָן געשמועסט מיט זיך און געזוכט אַ טרייסט אין געשטאַלט פון זיין ליבשאַפט, וואָס ער האָט געוואַ־רעמט פאַרן מיידל. ס'האַרץ האָט זיך אים באַרויקט איטלעך מאָל ווען עס־טעלאַ איז אַריין אין שטוב. איר בייזיין האָט שטענדיק אים געהיילט דעם טאַטשנדיקן אומרו, כאָטש ער האָט מיט איר נישט גערעדט, כאָטש ער האָט געחלשט איר עפּעס צו פרעגן, אַ סך געהאַט צו פרעגן:

— אמת, סטעלע? כ'וויל וויסן, טעכטערל. מעגסט דעם טאַטן זאָגן. אסור, דער טאַטע איז דיר נישט קיין שונא, עסטעלאַ!

אַ בוזעם פול נייגיר, מיט צאַפּלדיקע, נישט אַרויסגעבראַכטע רייד האָט אויפגעלעבט אין דאָן לעאָן פון מאַטאַדעראָס, ווען דאָס מיידל האָט שטיל, נאַכטיש זיך באַוויזן אין הויז.

*

— — עסטעלאַ מילער האָט זיך דערשפּירט אַ באַפרייטע פון אירע יונג־מיידלשע יאָכן. מיט אַ מאָל זיי אַראָפּגעוואָרפן און געשניטן זיך צו זעלב־

שטענדיקייט, אַזאַ ווי זי האָט זיך עס אַליין אויסגעמאָלן. די מאַמע? אַ טייע־רע פרוי, אָבער זי פאַרשטייט איר טאָכטער ווינציקער ווי איר מאַמע, די באָבע פערל (עסטעלאַ האָט זי נישט געקאָנט) האָט פאַרשטאַנען זי, בער־טען. ס׳מאַמעלע האָט דאָך איר געגנוג אַנדערציילט פון זיך. גאָר אַן אַנדערע איז די וועלט וואָס עסטעלאַ דערקענט אָקערשט; זי איז אַ העזהדיקע, אַן אומרחמנותדיקע. — ווער עס האָט מער חוצפה, ווער ס׳איז ברוטאַל, דער קומט אַרויס שיין, ר׳איז גוט און גליקלעך. זי טויג זיך נישט אויס, די מאַמע אירע, איז זי טאַקע דער קרבן פון כיטרעקייטן. דער טאַטע? ער איז אַ נאַר. זאָל ער נישט האָבן פאַראיבל פאַרן האַרבן געדאַנק דער טאָכ־טערס! ער איז נישט קיין מענטש פאַר היינט. אַזעלכע שפּייט אויס די צייט, וואָס מאַכט זיך אַ וועג נאָר מיט די שפּיציקע נעגל, מיט דער אומפאַר־שעמטקייט פון אָפענעם שקר. אַליין רופט ער זיך שלימזל, דער דאָן לעאָ־נאַרדאָ. ער איז אָבער מער ווי דאָס. אַנדערע שפּילן כאָטש דעם גולם אָדער דעם געליטענעם, אַבי ס׳זאָל אַרויסקומען גוט פאַר זייערטוועגן. דאָן לעאָ־נאַרדאָ ווייסט נישט פון קיין שום קונצן. ווי ער רעדט, אַזוי טוט ער. אַזעל־כער איז ווערט די פעטש וואָס ער קריגט. און וואָלט ער פריִער געקריגן מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ, די מאַמע וואָלט כאָטש געוועזן ענערגישער, זי וואָלט׳ן אויסגעשייגעצט פאַר זיין משטיינס געזאָגטער אָרנטלעכקייט, וואָלט זיי אַלעמען געווען ווילער. מאַטאַדעראָס וואָלטן זיי שוין לאַנג איבערגע־לאָזן פאַר די שינדערס און פורגאָן־פירערס און די מילערס וואָלטן געווען מיט מענטשן גלייך. שוין צייט, דאַכט זיך, אַז די אַלטע זאָלן האָבן אַ ביסל רו. יענע בלאָזן זיך ווי די אָנגעקראָפּטע הינער (מחמת די זעק געלט אויף וועלכע זיי שלאָפן). די דאָזיקע פאַרשטייען שוין צו האַלטן זיך גרויס, לפּחות גרעסער ווי לעאָנאַרדאָ מילער וואָס שטופּט בכבוד די אָרעמקייט. וועדליק אים איז גאָר אַ שטאָלץ אַ לעבן־לאַנג זיך אַרומצופירן מיטן דלות: „כ׳האָב די ערע זיך פאַרצושטעלן אַז כ׳האָב נישט קיין איינציקע פּעזע אָפּ־געשפּאָרט פאַר אַ שוואַרצן טאָג. ס׳קנאַפּ, סעניאָרעס, דער יחוס מיט מי־ליאָנען פון יענע... מ׳ווייס שוין. פוי, טרייף!״ — — פאַרשטענדלעך, ווי עמעצער איז, אַזוי איז זיין גאַנצע באַרווע. פון דאָן לעאָנאַרדאָ און זיין הויז־געזינד קלאָגט עס. האָט דען דער טאַטע זי נישט געפירט צו דער שטעלע ווו זי איז געוואָרן ני־מע, ני־בע. אַ שמאַטע־הענדלער קען עמעצן פאַרגי־נען? וועט כוואַן באַלעזני אַריינגעמען מענטשן וואָס זאָלן האָבן די חוצפה

צו וועלן לעבן, וואַקסן? אַבי זיי דערוואַרטן זיך דעם סוף חודש און קריגן אַ שטופּ אין די ציין אַריין. אַ בכבודיקע שכירות איז עס נישט. פרוי סוסאַנאַ איז אַ געשלאָגענע, זי האָט אַ מאַן מיט שטאַרקע לאַפּעס, ער קען שלעפּן לאַסטן, ברענגען אין די דלאָניעס אַ פּאַצענע פליש, אַ לחמא ברויט. מער באַדאַרף ער נישט און זי, נעבן אים, איז שוין צוגעוווינט צו אַלץ. פרוי סו־סאַנאַ האָט גוט ביי סעניאָר כואַן באַלעזני. יענץ מיידל וואָס דרעפּטשעט אויף דער מאַשין, קען אויך זיין גליקלעך ביים שמאַטיקן כואַן: דער טאַטע פאַרזאָרגט זי אי מיטן שכל פון אַ רייכן קרעמער, אי מיטן פאָרעניש פאַר אַ נדן, וואָס אַ חתן וועט פאַדערן, אויב מ׳וועט אים פאַרלייגן אַ קאַלב פאַר אַ ווייב. קען זיך עסטעלאַ פאַרלאָזן אויף די אַלע נסים? זי קען זיך ריכטן נאָר אויף קאַפּווייטיק, ווען עס זאָל אונטערקומען די שעה פון פרווו פאַר איר, דער פּרוי, וואָס קען בשום אופן נישט בלייבן איינזאַם. אופ, אַ מוראַדיק אומגליק וואָלט עס געווען פאַר איר — בלייבן אַן אַלטע מויד!

...עסטעלאַ האָט אימפּעטיק זיך געוואָרפן פון סיטואַציע צו סיטואַציע, כדי נישט צו פאַרבלייבן אין גליווער פון אַפּגעזונדערטקייט. אַ מאַנקאַליע איז איר אַריין אין קאָפּ; זי מוז קומען צווישן מענטשן, וואָס מער זיין צווישן מענטשן; זי מוז אַרויס פון דער זויערקייט וואָס פרוי סוסאַנאַ האָט פאַרזייעט אַרום איר, געשלעפּט זי צווישן אירע פאַרעלטערטע פרויען וואָס לעבן רק מיט די איבערבלייבענישן פון אַן אונטערגעגאַנגענער שיף וואָס רופט זיך פוילן. צווישן די ראַזאַליעס, סאַבינעס, אירענעס יוירן נאָך פּי־צענקע דראַמעס פון איינגעשימלטן סענטימענטאַליזם: „טשעמנאַ ווּשענ־דזשע, גלוכאַ ווּשענדזשע, ז׳ טשוזינים סלוכעם, ז׳באַטשנים אָקיעם, ספּיעש־מי שיען וו׳ טאַינים אַבזשענדזשע, ז׳ טשיכים פּיעניעם, וואָלנים קראָקיעם״*. קאָכאַני מיצקיעוויטשו, רופן זיי אויס מיט פאַרגלייזטע אויגן, רעדן, פלוישן פון דעם אומגעזעענעם נעכטן זייערן. וואַרשע, באַגייסטערן זיי זיך נאָך, האָט געהאַט די רייצן פון גרויסוועלטישקייט, וואַרשע איז עד היום געבליבן די וויג פון זייער בענקען. דאָ איז זומפּיקע פּראָווינץ, קרעכצט די וויבער־כנופיא, בוענאָס איירעס איז דער ברעג פון וועגעטאַציע. דער פלאַטאַ־טייך

---

* פינצטער אומעטום, טויב אומעטום, מיט אָנגעשפּיצטן געהער, מיט וואַכן אויג לאָמיר איילן מיט סודותדיקער פייערלעכקייט, מיט שטילן געזאַנג, שטילן טריט (פויליש, „דזשיאַדי״ פון אַדאַם מיצקיעוויטש).

שמעקט פון בלאָטע; ר׳איז געל, מוטנע, אַן צייכן פון דער גרויסער וועלט. ס׳געזאַנג פון דער וויסל האָט געקלונגען, אָנגעזאָגט פרילינג, צו מאָל אונ־דזער אייגענעם פרילינג. ערשט איז אַלץ פאַרלוירן. היינט יאָגן זיי זיך נאָך געגנאַרערישן גלאַנץ, קילע פאַרגעניגנס. זיי ווימלען אין יידענעוואַטן קרעכץ, מורמלען אין קאָנווולסיע: אָפּעסן פּיקאַנטס, דערכאַפּן ס׳האַרץ. אוי, דער אָטעם! אַ קראַנקע פייכטקייט שטייט שטענדיק אין בוענאָס־איירעס און דאָס דערהרגעט אונדז. אַ שרעק מיט אַזאַ קאָמפּאַניע, ווו מ׳האָט זי אַריינ־געפירט. יענע עטעמען מיט קברים־לופט און זייערע פנימער לעכצן: דער־באַאַאַאַאַרעעעמט זיך! פאַניושעס, זאָגן אַנדערע אויף די דאָזיקע. עס־טעלאַן זענען אַפילו דערווידער די מאַסקעס. פריער האָבן זיי צוגעצויגן און עפּעס אָפּגעוואָרפן פון זיך, אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין כוח זיך אַוועק־צורייסן פון זיי. איצט מוז זי! זי שפירט, אַז זי ברעכט זיך אַרויס, עסטעלאַ, פון די אַלע ווינקלען, ווו מ׳האָט זי איינגעשטעלט. עס איז געווען אַ פאַר־ברעך, וואָס זי האָט זיך געלאָזן פירן.

ענדלעך זיך אָפּגעטרייסלט עסטעלאַ פון אַלעם דעם, וואָס האָט דאָס קליינע מיידעלע צוגעבונדן צום הויז פון די אייגענע און פון די, וואָס האָבן געוואָלט איר זיין היימיש.

זי האָט גענומען, עסטעלאַ מילער, און געוואָרפן די שטעלע אין כּוהן באַלעזונים ביורא. אַ גוטן טאָג, סעניאָראַ, אַ גוטן תמיד, גלאַציק קאַלב, וואָס כ׳האָב זיך מיט דיר נישט געוואָלט קריגן און נישט געקענט ליב האָבן. האָב נישט פּאַראיבל, איך קען נישט מער.

זי האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט און אַריבערגעטראָגן זיך אין אַן אַנדער דלד אמותדיק וועלטל, אַ מער רווישיקס, ווו מענטשן קומען, מענטשן גייען, ס׳איז דאָ מיט וועמען צו רעדן, פון וועמען צו הערן אַ וואָרט, אַ קאָמפּלי־מענט, אַ קונדייסישע האַוואַיע.

אין דער היים האָט מען אַפילו נישט אָנגעהויבן צו וויסן אַז די טאָכ־טער איז אַרויס פון דעם ביורא, ווו די איידעלע פרוי סוסאַנאַ האָט אויף איר מוטערלעך אַכטונג געגעבן. עסטעלאַ איז אַריין אין אַ געשעפט פון קאָנפעקציע. קליידער, מאַנטלען, קאָסטיומען, דאַרפן לעבעדיקע מענטשן. עס קומען מענטשן, עס גייען מענטשן. עס ווייזן זיך אַלע מאָל פרישע פּני־מער. ס׳איז היימלעך, און קומען נישט קיין קונים, איז דאָ אַן אינעווייניק־דיקער עולם פון וועלכן מ׳קען הערן אַ קלינגעדיק וואָרט, זען די גרימאַסע

פון אויפגעלעבטן געמיט. און די גאַס וואַרפט אַריין אַהערצו כוואַליעס לע־בעדיקן אָטעם.

*

דאָס איז דיר נישט דער האַנדל מיט שמאַטעס, סטעלע, — האָט ס׳מיידל זיך געשטאַרקט אין דעם איבערקער, וואָס האָט אין תחילת איר געדריקט ווי אַ ביסן צו וועלכן מ׳איז נישט צוגעוווינט. דאָ איז אַנדערש, בעסער. ביי די לעווינסאָנס שמעקט מיט פרילינג, מיט ווינטער, מיט האַרבסטן און מיט ווידער־פרילינג. די זוניקייט שטייט זיך אויס שוין אין דער פריקרער פייכ־טיקייט פון ווינטער. דאָ ווימלט, ס׳רירט זיך מיטן שטענדיקן בייט פון גוטן צום בעסערן — — זי האָט גוט געטאָן, וואָס זי האָט פאַרלאָזט די אומעטיקע טונקלקייט פון ציפערישער אָנסופיקייט. אַוועק פונעם זומפּ, ווו אַלץ איז שטייענדיק, שמאַטיק. דאָ גייט דער בייט פון סחורה אויף לעבן ממש; דאָ קען מע זיך פאַרגעסן אין רויש און קען אָנבערענגען אויך געלעכטער וואָס איז אַפילו נישט שטענדיק דער גוף פון אמתער פרייד, נאָר אַ הייטל, וואָס פאַרבאַהאַלט קלוג דעם צער. סטעלע האָט ליב ס׳געלעכטער אויף וואָס פאַר אַ אופן ער זאָל זיך נישט אַרויסשאַלן; איר שווידערט שוין פונעם טרויער, וואָס שטאַרט ביי זיי אין דער היים. זי איז אַזוי זשעדנע אַ ביסל געלעכטער. זי פילט עס מיט אַלע רעגונגען פון איר האַרץ, עסטעלאַ; זי באַדאַרף אַריין אין אַ גייענדיקן ראָד, אַזוינס וואָס זאָל זי מיטכאַפּן. איר וואָלט דערקוויקט אַן אמתער שטורעם פון לאַכן, אַנישט וועט זי אומקומען. וועט עמעצער עס איר ברענגען? אפשר דאָ און אפשר עמעץ פון דרויסן. זי מוז זיך אַרויס־לאָזן שווימען. עס איז פריקרע, וואָס מ׳קוקט אויף איר נאָכפאַרשעריש און עס איז ווייל וואָס זי באַגעגנט אַ וואַרעמען בליק פון די אומבאַקאַנטע. זי האָט עס שוין באַמערקט: דאָ קוקט מען אויף איר פון דער זייט, מ׳וויל זי קאָנען, דערקאָנען. מ׳באַטראַכט זי, און עס רייסט זיך אָפּ איבער איר אַ קלינגעדיק געלעכטער. ס׳איז ליב ווען אַרום דיר צעהילכט זיך אַ געלעכ־טער, עס וויברירט אַ פריילעכס, גלייך אַ ווינט וואָלט דאָ אַריין, אַ זוניקער ווינט. אַגב האָט מען איר שוין פריינדלעך געזאָגט — זי איז שיין אין איר געלעכטער, עסטעלאַ מילער. אַוודאי, אַז מ׳לאַכט, לאַכט זיך אויך איר. פול איז איר פּנים, פול די אויגן מיט בלישטש פון צייטיקע טרויבן און אַז זיי לאַכן, לאַכט פון זיי אַ ליכט און אירע אַקסלען כיכיקען מיט. דאָ, ביי די

לעווינסאָנס אין שטענדיק באַלויכטענעם, טיפן קלייט איז פאַראַן ווער עס זאָל איר נאָכקוקן, ווער עס זאָל זיך צוהערן צום אויסקלאַנג פון איר געלעכטער, וואָס שפּרייט זיך, צעשיט זיך אַרום ווי אַ שפּריירעגן. זי איז זיכער, אַז עסטעלאַ ווערט שענער ווען זי איז פריילעך.

דאָס מיידל האָט זיך אָנגענומען מיט דעם ווילן שטאַרק אויסצוקלינגען איר יונגשאַפט אין די חללס פון גרויסן קליידער־געשעפט, ווו זי האָט זיך פּאַמעלעך איינגעגלידערט ווי איינע פון די מערערע פאַרקויפערקעס. אַזעלכע דאַרפן קענען שמייכלען צו די וואָס נעמען אָנמעסטן מלבושים פאַר זייער גופישקייט, ממילא אויך פאַר די הונגעריקע נאָך אינעווייניקדיקער באַנייונג. אַ מענטש באַנייט זיך אויך מיט אַ קלייד, וויס עסטעלאַ. דער טאַטע האָט׳ס געזאָגט און די מאַמע פלעגט זיך יאָגן נאָך דעם ווען עס איז איר געווען אָנגעזאַלצן אויף דער נשמה. „אַז מ׳טוט זיך איבער, פילט מע זיך אַן אַנדערער מענטש, פרישער". אינעם האַרמידער פון שטאָט, ווו מ׳קען — כ׳לעבן — זיך אַליין דערעסן ווערן, מוז מען אַזוי. דעם מענטש ווערט טרויעריק, אויב ער קען נישט פאַר זיך געפינען אַזוינס וואָס זאָל אים אַריינפירן אין דער אילוזיע פון דער אַזוי נייטיקער, אויסגעבענקטער פאַרענדערונג.

און אין די אויגן פון די קונים האָט עסטעלאַ געזען, געהערט ס׳געשריי פון אַט־דער בענקעניש וואָס איז אויך אַ חלום פון בלוט, פון דער נשמה. אין די אויגן פון די קונים איז עסטעלאַ געוואָרן אַ „סימפּאַטיש מיידל" און זיי האָבן גערן געמאָסטן ביי איר נייע קליידער, גרינג געקויפט ביים העפלעכן און קלוגן מיידל. „אַ גליקלעכע האַנט מוז האָבן אַזאַ סעניאָריטאַ", האָבן טייל מודה געווען פאַר די באַלעבאַטים פון קלייט. — „זי לאָקט אַריין אַ קונד. אַ שיין מוילווערק האָט זי און אַ גוטווינשנדיקע מינע".

עסטעלאַ מילער האָט אויסגענומען אין געשעפט פון די לעווינסאָנס, וואָס איז געווען ברייט באַוווסט סיי מיט סאָלידער סחורה, סיי מיט דער פיינער באַהאַנדלונג פונעם קליענט. ס׳איינגעפירט אַז גאַנצע משפחות פון ווייבער־פאָלק טוען זיך אָן ביי זיי — מאַמעס, טעכטער, שנירס און אייניקלעך. אַן אַלטע פירמע. עסטעלאַ האָט נושא־חן געווען ביי די קונדן. זי האָט געקענט זיך צולאַשטשען צו זיי. עסטעלאַ האָט אויך געוווּנען חבר־שאַפט צווישן די „מענטשן" פון דעם גרויסן מאַגאַזין: מיידלעך, יונגעלייט, דערדינטע אָנגעשטעלטע מיט גראָלעכע קעפּ, מיט געקאַרבטע שטערנס

און ברילן אונטערן בולטן, עלטערלעכן קאָפּשיידל. פון צווישן די בחו־רים האָט מיט דער צייט איינער געגומען זיך שאַרן צו עסטעלאַ מילער; ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט איר, געפּרוווט זי באַ־גלייטן אַ שטיקל וועגס צום אָמניבוס. דערנאָך האָט ער זיך שוין אָפּגע־שמועסט מיט איר. נאָכן אַראָפּלאָזן די געפלאָכטענע אייזערנע שאַלוזיע איבערן ברייטן אַריינגאַנג האָבן ביידע אַרויסגעפּלאָנטערט פון קלייט און הינטער זיך געלאָזן אין פריִער נאַכטשיין גלימערן די אויסשטעל־פענצטער. אַ להוטע אויף די דאָזיקע באַגעגענישן, איז עסטעלאַ שעמעוודיק נאָכגע־גאַנגען דעם יִינגל. געלאַסן, מיט מאָדנער אָנגעשפּיצטקייט, האָט זי פּאַוואָ־ליע אים געגומען אונטער אירע פליגל אַרונטער.

אַנומלט האָט זי קלוגעטשקע, געהיט אָנגעהויבן מיט אים אַזוי:

— מיינסט אויף אַן אמת מיט מיר, אָדער סתם זיך אַ שפּיל־טאָן?

— איך בין נישט אַזאַ שטיפער, ווי דו קענסט קלערן. ווייס, עסטעלאַ, — האָט ער כמעט אַרויסגעשריגן — איך בין נישט קיין לאָבוס. איך בין אַ יתום און ביי אונדז איז אַ שטוב מיט יתומים. הוליען?... הלוואי וואָלט איך עס געקענט.

אַ פליינ געטאָן מיט גערייד און ר׳איז שווער אַנטשוויגן געוואָרן. ביידע זענען דעמאָלט געגאַנגען אין די שיטערע שאָטנס פון גאַסיקן אָוונט, וואָס ליאַרעמט מיט אָמניבוסן, מיט פלאַמיקע עלעקטרישע שילדן און קיין וואָרט דערנאָך נישט געקענט פון זיך אַרויסקריגן. נישט ער, נישט זי. צום סוף האָט זי זיך אָפּגערופן:

— האָסט נישט קיין גוטע היים, כאַקאָביטאָ?

— איך, — האָט ער זיך פאַראיקעט — איך האָב אַפילו נישט גע־קלערט דערפון. זי איז גוט, אָבער טרויעריק. כ׳קום אַהיים נאָר שלאָפן און נאָך אַ ריין העמד. דער טאַטע איז פאַרהאַרעוועט; האָט ער צייט, זיצט ער אין שילעכל מיט זיינע ייִדן. ער האָט נישט ליב צו זיין אין דער היים. זינט די מאַמע איז געשטאָרבן, איז ער אַלט געוואָרן. ר׳איז דער אלמן און ר׳מוז זיין דער פאַרדינער.

— ס׳ביטער די יתומשאַפט, כ׳ווייס.

— שייך ביטער. ס׳יאָגט אַרויס די פוסטקייט וואָס די מאַמע האָט גע־לאָזן.

— און פריינד האָסטו נישט, כאַקאָביטאָ?

— נישט לייכט זיך צוצופּאַסן. האָט ווער אַ רייכע היים, שטייט אים נישט אָן זיך צו חברן מיט אַזעלכן וואָס קען נישט פּזרן מיט געלט. ביי מיר זענען פּעזעס דער געיאָמער פון מיינע ברידערלעך, פון שוועסטערל אָדער פון זייער געלעכטער. איך בין אַנדערש פון די וואָס וואָלטן געקענט מיר זיין חברים. כ'האָב ברידערלעך, מוז איך געדענקען אין זיי, ברענגען אַזוינס וואָס די מאַמע וואָלט זיי באַדאַרפט געבן. אַ מאָל מוז איך אויך פאַרברענגען מיט זיי. אין תחילת, אַלע זענען מיר נאָך געווען קליין און איך בין דאָך דער עלטסטער, פלעג איך מיט זיי מיטוויינען, ווען זיי האָבן זיך צעהוילט. זיי האָבן געקלאָגט פון בענקשאַפט אָדער פון הונגער, וואָס זיי האָבן נישט געוווסט ווי אויסצודריקן, האָב איך מיט זיי מיטגעוויינט. די שטוב האָט זיך אָנגעפולט מיט געוויין, אַזש דער טאַטע, ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט פאַרבראָכן די הענט. היינט פאַרשטיי איך שוין זיין פאַרצאָגטקייט. אַפּנים, דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן אַריינצונעמען אין שטוב אַ באַלעבאָסטע. יאָ, די שטיפמאַמע איז אונדז נישט מער ווי אַ באַלעבאָסטע, מסתמא אויך נישט קיין צווייט ווייב דעם טאַטנס. ערשט פאַרשטייסטו, עסטעלאַ? הלוואי וואָלט איך געקענט שטיפן.

„ר'איז באַשיימפּערלעך אַ ווילער. וואָס־זשע באַדאַרף זי זוכן ווייטער?"
און עסטעלאַ האָט זיך פאַרמאָסטן אין איר מיידלשן פאַרמעסט — נישט צו „פּאַרזיצן". זי איז צו אָרעם צו קענען זיך דערלויבן אַזוינס. באַהיט זאָל זי ווערן! זי וואָלט זיך איינגעשניטן דעם האַלדז, — האָט זי גענומען ברענען אויף דעם געדאַנק, אויב דאָס יינגל זאָל זי חס ושלום „אַוועקוואַרפן". זי טאָר זיך נישט צו פיל איינשמועסן. ער איז צו נידעריק, קליין? — כאַקאָביטאָ איז אָבער ריין. זי האָט זיך געאַמפּערט מיט זיך. ס'קענען אונטער־קומען אַנדערע מיידלעך, און ס'פעלן נישט קיין געראָטענע וואָס קענען פאַלן אין אויג אַריין אַזאַ יינגל. זי באַדאַרף איינצוהאַלטן דעם יונגן מאַן. ער איז אַן ערנסטער.

און עסטעלאַ האָט געזוכט עפּטער מיט אים אַרויסצוגיין, צוגעוויינען ס'יינגל צו זיך. ער לאָזט רעדן צו זיך.

— כאַקאָביטאָ, ביסט, זע איך, אַ היימיש קינד, וועל איך מיט דיר האַנדלען ווי אַן אייגענע — האָט זי דערנאָך אים קלוגעטשקע איינגענומען, נישט געקאַרגט קיין צערטל. ווי זי האָט עס באַזאַכט אויסגעשטודירט! זי איז געוואָרן געלאַסענער, געהיט זיך מיט אַ וואָרט, אָנגעשפּיצט אויף יעדער

באַוועגונג פון דעם אָרום, אויף איטלעכן קוק. און וואָס זי האָט באַדאַרפט זאָגן כאַקאָביטאָן, איר יאַנקעלען, האָט זי אים געזאָגט מיט ליבלעכקייט, ממש ווי אַ מאַמע. זי האָט באַגערט ער זאָל עס זען, אָפּפילן.

כאַקאָביטאָ טייערער, וועסט אָנטאָן דאָס־אָ העמד, — האָט זי אים איין מאָל אונטערגעטראָגן אַ פּעקעלע, — האָסט פון מיר אַ קליינע מתנה. כאַקאָביטאָ קרוין, מ׳באַדאַרף אויף זיך אַכטונג געבן. כאַקאָביטאָ, כ׳האָב עפּעס פאַר דיין שוועסטערל. ס׳עט גוט זיין פאַר איר, ווי מיינסטו? — און געגעבן אַ וואָרף אויף פאַר אים אַ געהעקלט סוועטערל, אַ שנירל פּערעלעך. — ס׳אי׳ נישט קיין באַטירלעכע, אָבער גוטע. פון טשעכיע האָט מען עס געבראַכט. נעם, נעם, זי וועט זיך פרייען, דיין...

אין דעם בחור האָט ליכטיק זיך צעציטערט די ברוסט.

*

דאָס מיידל וואָס האָט שטאַרק מורא געהאַט צו פאַרזיצן, געשראָקן זיך פאַר איר אומשיינקייט, האָט פאַרזיכטיק אַריינגענומען אין דער זשמעניע פון צאַרטער ליבשאַפט דעם פּשוטן יונגן מאַן, וואָס האָט אונטערבאַוווסטזיניק זיך געשלאָגן דערפאַר אַז ער זאָל ווי־עס־איז זיך קענען שטעלן אויף די פיס. קלאָר: אויפן בידנעם טאַטן האָט אַזאַ לחלוטין זיך נישט געקענט סומך זיין. פאַרקערט, די היים האָט אים נאָך נאָכגעיאָגט מיטן אומגליק וואָס פאַטשט אַיעדע שטוב, וועלכע איז פאַרמשפּט אויף פריציייטיקער יתומשאַפט. כאַקאָביטאָ לערמאַן האָט אין גרויסן קליידער־געשעפט פון די ברידער לעווינסאָן געזוכט זיין תכלית, ווי ער האָט אים געזען ביי די לעווינסאָנס גופא: מיט פלייס קען מע זיך אַרויסהייבן. אויך זיי, די באַלעבאַטים, זענען יונגווייז געווען נישט מער ווי פאַרקויפערס, אַרויסהעלפערס אין קלייטן ווו מען האָט געשניטן באַלן סחורה, אַרויסגעגעבן צו נייען, אויסגעשטעלט זי צו פאַרקויפן. „מענטשן ביי יענעם דראַפּען זיך אויך אַרויס, כאָטש זיי זענען אָן רייכע ירושות. זיי פאַרדינען אויפן ברויט, קוקן זיך צו, לערנען זיך מסחרן, קאָמבינירן אַ פאַפירענעם מאָדעל, כאַפּן דעם פאָרטל פון איינקויפן שטאָפן און — מיט דער צייט נעמען זיי זיך אַליין פאַר אַזאַ געשעפט. דאָס איז דער וועג, וואָס יאַנקעלע לערמאַן דאַרף זיך פאַרנעמען אויף אים. די שטאָט איז גרויס, דאָס לאַנד באַדאַרף אַ סך. פאַראַן אַפילו געגנטן ווו

קאָנפעקציע פון קליידער איז אַ גאָלדגרוב. אַרבעט איז אַ התחלה פאַר כבוד און עשירות, אָבער שאַ, שטיל. אַ גוטע חברטע צו־הילף איז דער בעסטער שותף צו אַזאַ זאַך. צו ערשט גייט מע קליין, ביסלעכווייז וואַקסט מען העכער, גרעסער. גאָט קען העלפן". עסטעלאַן געפעלט עס. עסטעלאַ האָט עס געהערט אין כאַקאָביטאָס ציטעריקע שמועסן און זי האָט אים געמוטיקט. איך גיי מיט דיר, ליבער. דערוויל — געדולד. מ׳עט שפּאָרן אַ פּעזע צו אַ פּעזע. אי ער אי זי האָבן פּאַוואָליע באַפּליישט די אייגענע געדאַנקען. ביידע האָבן זיך געפרייט מיטן חלום וואָס אַרויסגעבראַכט אין וואָרט.

— ס׳עט גוט זיין, כאַקאָביטאָ. ביסט גערעכט. איך וועל דיר צוהעלפן, טייערער, — און זיך אַ טוליע געטאָן צו זיין אָרעם.

זיי האָבן זיך געשטאַרקט מיט דער שטאַרקייט אויף דעם, וואָס זיי וועלן זיך העלפן איינאַנדער, און גליק וועט אויסוואַקסן פאַר ביידן.

— אַבי נישט קיין טוכלע שמאַטעס, — האָט עסטעלאַ זיך אַרויסגעכאַפּט. ווי ר׳איז מיר נמאס געוואָרן דער כואַנטשיק מיט דער רויטער גראָבער נאָז און דעם באַרג שמאַטעס, וואָס האָט גערייכערט פון זיין מויל, ווען ער איז געקומען רעדן מיט אונדז אין קאָנטאָר.

— אַלץ איז שמאַטעס, — האָט כאַקאָביטאָ אַ לאַכל געטאָן, אָבער אונדזערע שמאַטעס וועלן זיין פריש געניטע; אין זיי צירן זיך סיי די מאַרי׳אַס און סיי די יידישע גלאָריאַס, די עוויטאַס און כואַניטאַס.

— גיי, כ׳וויל נישט הערן דערפון! טראַנטעס שמעקן מיט אַלטקייט. זיי פאַרשפּרייטן דעם מיאוסן ריח פון קאַרגשאַפט. ווי באַלד עס איז קאַפויער געקומען אין ביורא אַריין דאָס כואַנדל, האָט זיך אויפגעהויבן זיין שווייסיקער ריח — האָט זי מיט אַ מאָל געגומען קלערן אויף אַ קול. — איך האָב זיך געמיגלט פון אים! אַ שטיק לעבן האָט כואַן באַלעזני געהיפּט איבער בערג שמאַטעס; פּרי׳ער זיך אָנגעפּרעסן מיט נויט, באַגנוגנט זיך מיט אַ רעפטל און אַ ציבעלע, אַבי אָנצוקלייבן אַ קניפּל. און איז אים אַוועק גוט — דערציילט מען — ר׳האָט שוין געהאַט אַ זאַק מיט פּעזעס, האָט ער זיך שוין געיאָגט נאָר נאָך געלט, מער געלט. די אייגענע ברידער וואָס האָבן אַרויסגעשטרעקט די צונג נאָך אַ ביסן ברויט, האָט ער געטריבן פון זיך, דער שוועסטער נישט געטרויט די שייך. געהאַלטן זיך פאַרשלאָסן אין טונקעלן לאָך, אַ קעמערל ערגעץ אין אַן אָרעמאַנסקער הייזקע. קיינער האָט פון זיין געלט נישט קיין הנאה געהאַט. און האָט ער זיך אויסגעזוכט אַ

ווייב, איז זי שוין געווען אַן אויסדרעסירטע: נישט צו באַדאַרפן צו פיל עסן, זי איז געווען שטאַק קראַנק אויפן מאָגן און זי האָט שוין געהאַט פון ווּעמענען אַ פּאַרטיקע טאָכטער. „וואָס, כּואַן באַלעזני וועט אַרבעטן און נישט האָבן דערפון? — האָט אַ האַלבע שטאָט געחוזקט. — ס'איז נישט אַזוי לייכט צו קומען צו דער פעזע אַז מ'זאָל זי אַבי־ווי דורכלאָזן". אָווע־טאָווע, עסטעלאַ האָט ערשט זיך געפרייט וואָס זי האָט זיך אַרויסגעדרייט פון כּואַן דעם שמאַטניקס תּכליתן און ס'האָט פון איר געקלונגען די האַרציקע האָ־פענונג אויף אַ ישועה וואָס זי נעמט בויען בייגאַנד מיט איר באַשערטן יינגל.

עפּעס מיט אַ מאָל האָט ס'מיידל זיך געסטאַטקעוועט.

אַ צוק פון אומקלאָרער גליקלעכקייט האָט ערגעץ אין די טיפן פון עסטעלאַס באַוווסטזיין אַ בולטן בליץ געטאָן. כּאַקאַביטאַ איז איר אַן אמתער חתן. און איז זי אַהיים געקומען, באַזאַכט זיך אַוועקגעזעצט אין איר מיידלשן ווינקל, האָט בערטע דערשפּירט אַז עפּעס האָט זיך געענדערט ביי איר טאָכטער.

— דאַכט זיך, לעאָן, ס'הייבט זיך אָן ביי אונדזער עסטעלאַן. מ'עט האָבן נחת פון קינד.

— ס'דאַכט זיך דיר! ווילסט שוין אפשר בויען אַ בריק דערויף? — האָט ער אַ הייב געטאָן די אַקסלען.

— איך גלייב און דו מעגסט אויך גלייבן. ס'האַרץ זאָגט מיר, לעאָן. אָט, אָט, און עסטעלאַ וועט אַריינפאַלן אַ פריידיקע: טאַטע, לאָמיר גיין אַ טענצל; מאַמע, כ'בין גליקלעך!

— גיי שוין גיי, נאַרישע מאַמע!

— וואַרט, וואַרט. וועסט שוין טאַנצן אויף אַ שמחה ביי דער־אַ נאַ־רישער מאַמע, — האָט זי אויפגעקוואַלן פונעם דמיון וואָס האָט זיך צע־בליט אין איר מיט דעם קוויט פון לייכטנדיקן שמייכל: — ס'וועט זיין אַ תּנאים צוזאַמען מיט אַ חתונה ביי עסטעלאַן. 'עסט דיר נאָך קלאַפּן אין האַרץ אַריין, טאַטע, הלמאי האָסט גערודפט דיין טאָכטער. ס'האַרץ זאָגט מיר. 'עסט זעען!

עס ווערט ענג אין דער ברוסט — האָט זי געפּילט — פאַר דער פרייד וואָס צייטיקט אָט־אָ אין דער זאַוויערוכע וואָס דער הייסער טאַטע שפּילט אויף כּסדר אַקעגן דעם שטיקל קינד. גאָר נישט געפעלט אים וואָס זי טוט,

ווי זי פירט זיך, אַז סך־הכל האָט ער גאָר נישט פירצוואָרפן דעם מיידל.
— עפּעס אומבאַשטימטס, גאָר נאָענטס וועט דאָס געפּיל ברענגען אין שטוב
אַריין. בערטע האָט מיט ציטער געקוקט צו דער טאָכטער, פון איר צונג
האָט זיך געריסן אַ גליַדיקע נייגעריקייט: פרעגן איר? אומבאַדינגט, זי'ט
פרעגן! אָבער באַלד האָט די מאַמע חרטה: כ'האָב מורא, כ'על אויסוואָרטן.
„אַזוינס" מוז זיך אויסשטיין. אַלץ האָט זיך געוואָרפן אין דער פרוי און פאַר
לאַנגע טעג האָט זי זיך מנצח געווען. נישט טשעפּען! זי'ט שוין אַליין קומען
און זאָגן: מאַ־מע, מאַמעלע, אָט! אין ביידע אָרעמס און אין אירע אויגן
וועט שיינען דאָס פאַרהאָפטע מזל. זי, די מאַמע, וועט איר אויסקושן אַלע
אברים, דער פרייד וועט זי פאַלן צו די פיס וואָס האָבן זיך קוים דערשלעפּט
צו דער שוועל פון איר מאַמעשער לעכצונג און זי אַנטבונדן פון די אומ־
אויסגערעדטע שרעקן פאַרן גורל פון איר קינד: גאָט דערבאַרעמדיקער,
זע ווי איך בין שוין געפּרוווט. שענק אַ שמייכל כאָטש מיין אָרעם קינד.

אין די שפּעטע פינצטערע אויפדערנאַכטן האָט די מאַמע ווייטיקלעך
„געהיט" די הויערנדיקע ווייסטקייט פון דער געגנט, אַ צונויפגעקנוילטע היג־
טער דער שטוב און זי האָט געשורשעט, געסווישטשעט. אין אַנשטרענג
פלעגט לעאַן דעמאָלט פלוצלינג אַרויסקריכן פון זיין פאַרשלעפּערטן שווייגן,
אין דער טונקל פון הויז דערווישן ס'ווייב און אַנשטעלן אויף איר דעם בליק,
כריפּלע טענהן:

— בערטע, אפשר ס'טו זיך שוין לייגן?!

— כ'בין נאָך נישט שלעפעריק.

— געמאַכט אַן איינפירעכץ: צעשטערן די רו נאַכט בנאַכט!

— ווער שטערט דיר, לעאָן? גיי זיך געזונטערהייט אויסרוען, — האָט
זי אים אָפּגעפּאַרטיקט און אַריינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען.

— אַ סוף. גיי שלאָפן, — האָט ער זיך איינגעשפּאַרט — איכ'ל שוין
צוואַרטן.

— מ'דאַרף נישט וואַרטן, לעאָן. האָסט געהערט?

— מ'מוז וואַרטן. די טיר לאָזסטו דאָך נישט פאַרשליסן, — האָט זיך פון
אים שוין אַ טראָג געטאָן מיט רוגזה, כאָטש ס'קול איז געווען פאַרדושעט.

— צו וואָס פאַרשליסן, אַז זי קומט אָן אָט, אָט. דו שלאָף רויק און מיך
לאָז אַזוי. מיר איז גוט צו זיצן ווי כ'זיץ.

לעאָן איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט דאָס ווייב אָפּגעמאָסטן מיט אַ נישטערנדיקן קוק:

— און דו מיינסט, אַז מיר געפעלט שטאַרק וואָס זי מיידט אויס אַהיים צו קומען באַצייטנס אויפדערנאַכט? ס׳איז נישט גלאַטיק, בערטעו!

— מאַך דיר אַריין די נאָז, ווּעסטו האָבן גלאַטיק ס׳פּנים, לעאָן, און טרעט אָפּ פון מיר.

— ווער האָט דיר געטאָן, בערטעו? איך — נישט; אפשר דיין טאָכטער?

— מיין טאָכטער, און נישט דיינע? ווילסט זיך אָפּשרייבן פון איר, פאַרלייקענען זי?

— אַז דאָס לאָזט נישט רעדן אַ וואָרט. די קרוין דיר אָנגערירט, בערטעו?

— דו זעסט דען וואָס דו רעדסט? לאָז מיך במנוחה.

— שאַ, שאַ, איך לאָז דיך, — איז ער שוין גאָר ניכטער — אָבער בעטן מעג איך אַ קלייניקייט? ביסט דאָך אַ גאַנצער שמעלקע מיט דיין טאָכטער — האָט זי דיר נאָך נישט דערציילט פון איר גליק? עפּעס דרייט זי זיך אַן אומרו׳קע, ווען זי בלייבט יאָ אין שטוב. אוי, אוי, הלוואי זאָל איך נישט בלייבן קיין ליגנער.

אַ לענגערע פויזע. זי האָט געקוקט אין דער טונקלקייט אַריין און ער האָט זיך געריבן דעם שטערן, די אויגן. לסוף איז ער אַרויס מיט מאָנונג:

— בערטעו, ברעך שוין אויס דעם בייזן סוד! שאַדט נישט, פאַרגין דעם טאָטן זיך צו ווערגן, אויב ס׳איז אים אויפגעלייגט.

— בייס דיר אָפּ די צונג, וואַזשנער טאַטעו! שלעכטס וואָלט ער גע־וואָלט זען ביי אייגן בלוט און פלייש. אַלץ, ווייל זי טשוטשלט זיך נישט מיטן טאַטן. שעם זיך ליבערשט! גוטס קען ער נישט טראַכטן פון זיין קינד.

— כ׳האָב דען עפּעס געזאָגט?

— האָסט נאָך באַדאַרפט אַרויסזאָגן דיין שוואַרצן איינפאַל? מ׳קען זיך, פעטער. אַ נוקם ונוטר איז דאָס. שוין אַזאַ יאָר אויף מיר ווי דיין טאָכטער איז קליגער פון דיר. זי גינט נישט דעם טאַטן קיין בייזס.

בערטעו האָט זיך אָפּגעקערט פון לעאָנען מיט אַ ברוגזדיקן סיקע און „געלערנט זיך טרעפן" ווי עס זעט אויס ס׳ייִנגל וואָס עסטעלאַ האָט זיך אויסגעקליבן.

— ער האָט זיכער אַ טעם. סטעלע וועט נישט פאַלן איבער אַ בעליק.

ווי זי וואָלט געשטאַנען דערביי — איז די מאַמע געווען זיכער אַז עסטעלאַ פירט זיך שוין אַרום מיט אַ זיווג. ניין, זי׳ט נישט פרעגן, זי וועט צוקוקן ס׳גרייטע. בערטע האָט זיך אַליין איינגערוניקט, און דעם מאַן איינגענומען מיט ווייבלעכער צאַרטקייט, אַז אויך ער זאָל האָבן געדולד, ער זאָל זיך נישט בייזערן אויפן מיידל. זי איז אַ קלוגע, אַ פיינע.

— פאַרלאָז זיך, לעאָנשי. איך קאָן בעסער מיין קינד.

געוואָלט, צי נישט געוואָלט — דער טאַטע האָט זיך אונטערגעגעבן דעם גלויבן וואָס מ׳מוז האָבן אין אַן אייגן קינד, כאָטש עס איז אַ מיידל. אַבי זי איז קלוג. „איך וואָלט מיך דערהרגעט, אויב מיין טאָכטער זאָל מיך אָפּנאַרן״, — האָט דער מענטש זיך געביסן די נעגל.

די טעג און נעכט האָבן זיך אַלץ שווערער געהאָרבעט איבער דער מאַטאַדעראָסער שטוב.

עפּילאָג

...צוזאָגנדיקע באַרוטקייט פון עסטעלאַן האָט דער מאַמען סוף־כל־סוף דערציילט אַז די טאָכטער האָט פאַרלוירן איר גאָרע צאַפּלעניש, וואָס פלעגט שרייען פון איר שוויגן. דאָס מיידל איז מער נישט אַזוי צעטראָגן: זי פאַרגינט זיך שוין אַ מאָל זיך אַנידערצוזעצן און איילט זיך נישט. זי שטייט אַפילו לענגער אין שפּיגל, קומט אַהיים פריִער ווי אַלע מאָל, ברענגט אָן פּעקלעך, פּעקלעך. זי קויפט אָן זאַכן, וועשוואַרג, שיינעם מעדאַפּאָלאָן, באַהאַלט עס אין שאַנק אַריין, פאַרשטופּט עס בגנבה אין שופלאָדן. מאַמע־קרוין, פון וואַנעט האָט זי געלט אַזוי פיל, ווער גיט איר? מסתמא שוין אַ שטיקל חתן, — גיט עס דער מאַמען אַ בליץ אין די געהירן, אָבער די קליינע זאָגט גאָר נישט און זי, די מאַמע, וועט נישט פרעגן. זי'ט כאָטש האָבן כוח נישט צו פרעגן? גלייכער אַזוי, בערטע. קוק און וואַרט. יאָ, בערטע האָט פאַרנומען ווי די טאָכטער ברומט אַ לידל, אַ נאָגנדיקס אַזאַ. דאָס געזאַנג איז ווי אַ פויגלשוועב אַריינגעפאַלן איר אין געהער. ווי שיין! אַ רגע לאַנג האָט איר אויסגעוויזן אַז עסטעלאַ האָט זיך אַליין איינגעוויגט מיט אַ ליב מעשהלע.

— ס'איז אַ גוטער סימן, בערטע, — האָט זי זיך געזאָגט — כ'זאָל עס ווערט זיין ביי גאָט, דאָס וואָס איך האָב אין זינען, רבונו־של־עולם: אַז מיין קינד זאָל טרעפן איר ביסל גליק. וואָס באַדאַרף דען אַ מאַמע?

זי האָט זיך באַהאַלטן, די ציטעריקע מאַמע, מיט דעם געדאַנק וואָס האָט איר געוואַרעמט ווי אַ ליבער שטראַל און ער האָט ממש געפּישטשעט. אויך געזונגען האָט דאָס אין איר ברוסט מיט אַ ציִעניש. זי וועט נישט זאָגן לעאָנען, וואָס איר דאַכט זיך אויס. ליבערשט אויסצוהאַרן. אפשר וועט עסטעלאַ אַליין קומען און אַנטפּלעקן איר סוד? דעם טאַטן, דער מאַמען וועט זי אַזוי לאַנג נישט אויסציִען די נשמה. אַלץ האָט דאָך אַ שיעור. זי וועט'ס

אַליין נישט אויסהאַלטן, די קליינע — — עפּעס פּיקט זיך אויס פון דער אייערשאַל. אַ מאַמע פּילט, אַ מאַמעס האַרץ זעט אַ סך מער ווי טויזנט פּאָר אויגן קענען זען.

אין אומקלאַרקייט דערוואַרט זיך די דערוואַרטונג, וואָס איז נאָך אַלץ געבליבן הויערן אויף יענער זייט שוועל. די מאַמע האָט טאָג־טעגלעך גע־טשאַטעוועט אויפן אומגעריכטן, געוואַרט אין איין פּלאַטערניש און ס׳איז נישט געקומען. די סודותדיקייט האָט אָן אויפהער געשפּיזט צו דער גע־פּרוווטער מאַמען, זיך געריצט מיט איר.

שש, מ׳מוז זיין געדולדיק, — האָט די פרוי זיך אַליין שוין געמוסרט.

אין דער אמתן האָט אויך דאָס מיידל געטשאַטעוועט אויף דער מינוט צו קענען אָנזאָגן דער מאַמען: שוין! האָב נישט פּאַראיבל, מאַמענקע. כ׳וויל אויך ווייטער זיין געליטזעליקט אין דיינע אויגן ווי אַ קינד וואָס איז אין תוך געטריי, תמיד געווען געטריי צו דיר. טאַקע אַזוינס האָט פאַרהוילן גע־פילט ס׳מאַמעשע האַרץ, אָבער דאָס איז נישט רעדעוודיק און די אויגן גייען איבער מחמת אָט דער שטומקייט. אין עסטעלאַן האָט עס דערווייל געזאָטן ווי אַ לעבעדיק קוועלעכל; געפּאַנגען פונעם בחורל כאַקאַביטאַ איז זי איינ־צייטיק געווען איינגעוועבט אינעם „געמיט״ פון דער קלייט וואָס אין שטענ־דיקן האַרמידער, אין וועלכן „דער מענטש״ צאַפּלט זיך ווי אַ טיילעכל פון דעם קאַלאַסאַלן גמאַך וואָס איז דאַ־אַ אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין דינסט פונעם קונה, ווען מ׳מוז אַקעגנטראָגן אַ שמייכעלע, אַ ווייך וואָרט און גלאַנצן מיט תמידער צוגעלאַזנקייט. זי האָט זיך עס שוין אויסגעלערנט, די קליינע עסטעלאַ. זי געדענקט: אַ ז ו י נ ס געפעלט יעדן קונה. דער קונד איז מיין באַלעבאָס, — דעקלאַמירט שטענדיק דער בייכלדיקער שעף לע־ווינסאָן. „סעניאָר כעפע״ — רייסט מען אַ גאַנצן טאָג די געמבע צום מעוברתדיקן קלייטניק, וואָס היט דעם קאַסע־שטענדער, ווי לאַנג עס קומט אים נישט פאַרבייטן זיין ברודער, אָדער עס זעצט זיך אַוועק זיין ליאַלקע־וואַט ווייב. די קונדן פאָדערן דעם גאַנצן קרבן: אי די כוחות, אי דעם גע־מלאכהטן שמייכל וואָס אָט־אָט רייסט ער זיך ווי פּאַפּיר. ווי מ׳מוז איינ־האַלטן דאָס געדולד מיט אייזערנע צוואַנגען. גלייכער צו פאַרקניפּן די ליפּן, איידער צו פאַרלירן די שטעלע. אַ גאַנצן גייעדיקן טאָג מוז מע דאָס האָבן אין זינען, כדי נישט אַרויסצוגיין פון די כלים. מ׳איז אין רשות פונעם גולם וואָס לאָזט נישט אָפּטעמען, מע מוז זיין וואַך, אויך אָנשפּיצן ס׳אויער,

פּטרן הענט און פיס. זי איז אַן אָרעמע טאָכטער. דער טאַטע האָט עסטעלאַן נישט פאַרזאָרגט. לעאָן מילער איז געבליבן אַ קירזשנער־געזעלן, מוז זיין טאָכטער אויסגעריסן ווערן, — זאָגט זיך עסטעלאַ נישט אָן פאַרביטערונג. גוט, וואָס כאַקאָביטאַ איז נישט אַזאַ אויפגעצויגענע נאָז ווי אַנדערע יונגע לייט וואָס וועלן נישט קוקן אויף אַ מיידל, אויב הינטער איר שטייט נישט אַ רייכער טאַטע. אומעטיק, — כאַפּט זיך ביי איר אַרויס אַ זיפץ און זי שטרעקט זיך מאַשינאַל צום פּרעגער, צום קויפער. ווי, ווי די פיס פּלאַצן איר פון אומאויפהעריקן לויפן הין און הער צו די פּרעגערס וואָס גייען אַרום איבער די קלייטן. — ווייזט אויס — אַ סך קומען מחמת לאַנגווייל. ערשט דער פּאָר נאַכט איז אַ דערלייזונג. פריי, מ'ווערט אויף אַן אמת פריי! — טענצלט אויף אין עסטעלאַן אַ מידע פרייד.

— נו, גייען מיר? — פרעגן דעמאָלט מיט געשעפּטש איינע די אַנדערע אין לעווינסאָנישן טיפן קלייט.

מ'פרעגט און מ'וואַרפט אַ זייטיקן בליק צום זיצער ביים קאַסע־שטענדער: — גענעצט ער שוין? דער גענעץ פון פּרעסערישן באַלעבאָס איז אַ סימן פון ערב שליסן דעם גרויסן מאַגאַזין. געלויבט צו גאָט, ער צערייסט שוין די יאַפּע, דער סעניאָר כאַאַקין לעווינסאָן.

אַלע גייען מיר. איך אויך!

נאָך אַן אויגנבליק, אַ ביסעלע זיך צוקלייבן. דעמאָלט האָט עסטעלאַ איילעווודיק אָפּגעזוכט „איר יינגל״, געוואָרפן אַן אַלגעמיינעם ליבלעכן „ביז מאָרגן״ און געצויגן זיך נאָך א י ם.

— דערלאַנג ס'הענטל.

— קום, קום, כאַקאָביטאַ!

ערשט אין פאַרנאַכטן־דעמער האָבן זיי זיך רעכט אָנגעקוקט, קעגנ־זייטיק זיך באַטראַכט, אויסגעפּונען (זי) „האָסט אַ חן״ און (ער) „איך האָב דיר היינט נאָך נישט קיין קוש געגעבן. פאַרקויפט די אויגן, די צייט! קום, איכ'ל דיר אָפּגעבן ס'דייניקע!״

פון זיי האָבן זיך געריסן שטיקלעך געלעכטער, די פרייד מיט איינאַנ־דער האָט זיך אָפּגעברעקלט, געפאַלן אין נייגיר.

שיין זענען די אויפדערנאַכטן, אַפילו ווען ס'איז קלעפּיק די בוענאָס־איירעסער היץ, ליב די אָוונטן צו מאָל אַז ס'רעגנט.

מערסטנס האָבןביידע קינדער אַריינגעאיילט אין אַ פּאַרק אויף אָפּרו,

אויף אָנקוקן זיך. באַהאַלטן זיך אין טיול פון אַ געדיכט־פאַרצווייגטן בוים, אין אים זיך געוויקלט און אונטער זיין דאַך זיך געתענוגט מיט דער אייגענער יונגשאַפט. אַבי מ׳שטערט נישט.

ס׳איז זיס דער זאַפט פון דיין מויל, סטעלעשי. עס איז שטאַרק דיין נאַענטקייט, יאַנקעלע. כ׳וועל שיכור, שוואַך ווי אַן עופהלע אַ הונגעריקס נאָך דער מאַמעס געטריישאַפט.

— ווערסט מיך שטענדיק ליב האָבן, כאַקאַביטאַ טייערער?

— נאַרעלע, ס׳איז דען שיין צו שווערן? אין די ביכלעך לאַכט מע דערפון.

אין די אַקטאַבער־קעלטן איז דאָס פּאָרל אַריינגעטריבן געוואָרן אין דער טונקלקייט וואָס אַרום זיי האָט פונאַנדערגעצויגן דער פאַרבליפטער קינאָ־עקראַן. אין גרויסע קינאָ־הייזער איז דעמאָלט געווען זייער מקום־מנוחה. זיי האָבן געקוקט און געשטוינט איבער איינאַנדער, אויך געשטיפט.

— ביסט זיס ווי אַ האָניק־קיכל, — האָט ער אַ מאָל קאַטאָוועסדיק זיך צעלאַכט מיט אַלע זיינע אַנטפּלעקטע ציינער און אַריינגעביסן זיך אין עסטעלאָס בעקל.

— אַבי נישט קיין קעצל, — האָט זי זיך האַרציק צעברוגזט אויף דעם שאַרפן וויטיק, וואָס ער האָט אָקערשט אַרויפגעבראַכט אויף איר פּנימל. — גיי שוין. אַזוי טאָר מע נישט. — אַ קאַץ איז פאַלש, — האָט זי זיך גע־פּיעשטשעט.

— קאַץ־קעצעלע, און איך בין אַ קאָטער.

— גיי, גיי!

— נישט קיין געלעכטער. דו ביסט אַ זאַפּטיק קאַרשעלע. איך וועל דיך צעגריזשען, איינשלינגען. מיט איין אָטעמצי — פפהוהוווו! ס׳ט נישט קיין מורא?

עסטעלאָס אויגן האָבן געשפּילט פול־פולע; די ליבע שיין וואָס איז געפלאָסן פון אים, זיין וואַרעמען הויך האָט זי אַריינגעצויגן אין זיך.

אָרעם אין אָרעם זיך פאַרפלאָכטן, גוף אין גוף האָט באַגערט זיך איינ־צוקנעטן. שפּעטער האָט ס׳וואָרט שוין געשטיקט און די שוואַרצאַפּלען האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ בלענד־הייטל פון הייסער בענקעניש צו איינאַנדער, כאָטש מ׳איז זיך געווען נאָענט. דער אָוונט האָט זיי פאַרדעקט, אויסגעפולט די גאַרע לײדיקייט אַרום.

גאָר שפּעט האָבן ייִנגל און מיידל זיך דערמאָנט אין זייערע היימען, נאָך אַ מאָל זיך פּאָסמאַקעוועט מיט קושן, איצט אַ קוש דיר צוריק און זיי זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. ניין,ביידע זענען זיי אַוועק ביזן באַלויכ־טענעם אָמניבוס וואָס האָט צוגענומען עסטעלאַן קיין מאַטאַדעראָס, וואָס ליגט אַן אַ זייט אין קאַלעמוטנער נאַכטישקייט. כאַקאָביטאַ האָט דערנאָך אַליין זיך געשאָטנט אין זיין מטושטשן טראַכטן און קוים געשלעפּט זיך צופוס אַהיים.

— ביז מאָרגן! טשאַו!

דאָס בילד עסטעלאַ האָט אים נאָך געמיניעט פאַרן בליק, געוואַרעמט זיין רעיון.

*

און צומאָרגנס און איבערמאָרגן ס׳אייגענע: דער חלום האָט זיך גע־שפּינט אַריבער עסטעלאַן און כאַקאָביטאָן — ביידע אין איין חלום: מירן זיך נעמען, מירן חתונה האָבן און מירן זיך אַרויפאַרבעטן. יאָ, ס׳איז אויך אַ חלום, וואָרן איידער אַזוי ווי מיין טאַטע־מאַמע — איז שווער צו פאַר־נעמען זיך אויף אַ לעבן מיטאַנאַנד, האָט עס אַ מאָל אַרויסגעבוכעט פון עס־טעלאַן ווי אַ פלאַם. כ׳וויל נישט אַ געמאַטערט לעבן, כאַקאָביטאָ, און דו? — האָט זי אים געגומען ווי אויף פאַרהער. אַוודאי איז בעסער צו האָבן אַן אייגענע קאָטש, איידער צו שלעפּן זיך מיטן טראַמווייַ, אויב מ׳האָט נישט קיין כוח צו גיין צופוס. און ס׳איז גוט צו האָבן אַ שיינעם טשאַלעט, — האָט זי אויסגעזונגען. איך ׳על אויך אַרבעטן, איכ׳ל אַפילו האַרעווען, אָבער האָבן מוז איך! זי האָט עס אים צוגעזאָגט, איר ייִנגל, און ער האָט איר צוגע־זאָגט: איכ׳ל דיר זשאַלעווען? — און פאַרלוירן געשמייכלט.

...אַזוי ווי די־אָ, די ווילקאָמירסקיס, די לעווינסאָנס, די פראַשקערס, די זשאַבנערס וואָס זענען צעוואָרפן מיט קאָנפעקציע־געשעפטן איבער די ברייטן פון דעם גרויסן לאַנד, האָט עסטעלאַ זיך געדראַפּעט פון חלום אַרויס. מ׳באַדאַרף זיך פירנעמען, כאַקאָביטאָ. אויך יענע האָבן אָנגעהויבן קליין, מיט אָרעמע קלייטלעך. דער וועג איז דער אייגענער ביי אַלע: פרעג דיין טאַטן, פרעג וועמען־עס־איז, יאַנקעשי, — האָט עסטעלאַ זיך געצונדן אין דער פאַנטאַזיע וואָס איז אויפגעגאַנגען אין איר. פאַרשטייסט? ס׳גייט פון אונטן אַרויף.

פון צייט צו צייט האָבן זיי גערעדט דערפון און האָבן געזעגלט אַנט־קעגן דעם לאָקנדיקן בנין פון גליק וואָס שטראַלט אויס שיינקייט אויף זייער האַרץ. כאַקאָביטאָ האָט שטאַרק ליב עסטעלאַן און עסטעלאַ זאָגט צו אין אירע דערהויבן־צעקלונגענע מינוטן צו ברענגען פאַר כאַקאָביטאָן דעם חלום פון אַלע זיינע יאָרן. „מיין יאַנקעלע", האָט זי אים אַריינגעשעפּטשעט אין פּנים אַריין. יאַנקעלע האָט וואַרעם געדריקט איר אָרעם: „מיין לאַכטיקע".

ער איז געווען גליקלעך, זי האָט געגלייבט אין דער וואָרהאַפטיקייט פון דער געאָנטער פרייד וואָס גייט אויף איר — און עסטעלאַ האָט כאַקאָביטאָן אַהיימגעבראַכט צו טאַטע־מאַמען אין הויז.

— „מיין יינגל, מאַמעלע, טאַטעו!" — האָט זי אָן אָטעם אַ כאַפּ־געטאָן דאָס אומדרייסטע וואָרט און אַ געשפּאַנטע זיך פאַרשלאָסן אויף מויל און האַרץ. פון אומגעריכטקייט איז אין הויז געוואָרן אַ מאָדנע צעמישעניש: וואָס זאָגן, ווי אַזוי זיך באַגיין מיט אַזאַ? וואָלט זי כאָטש פריער עפּעס דערציילט פון אים! ר'זאָל נאָר זיין אַ געזונטער. ר'זעט אויס אַזוי בלאַס. ווער ווייס וואָס פאַר אַ ירושה אַזוינעם קען זיך נאָכשלעפּן? איי־איי, וואָס אַ קינד קען אָפּטאָן זיך אַליין און טאַטע־מאַמען!

סוף־כל־סוף איז מען אין דער היים באַשטאַנען. די מאַמע האָט נאָר גע־פרעגט עסטעלאַן מיט ציטערדיקער געהיטקייט:

— כ'מיין אַז דו האָסט זיך גוט אַרומגעקוקט, טאָכטערשי. געפעלט ער דיר אויף אַן אמת, קינד מיינס? ריכטיק איז, אַז די וואָס האָבן זיך ליב, פרעגן זיך אַליין וואָס טאַטע־מאַמע דאַרפן פרעגן. כ'גלייב, אַז דו פאַר־שטייסט. ס'איז נישט אויפצועסן אַ בולקע מיט פיש. אויב דו ביסט גענוג ערנסט, בלייבט טאַטע־מאַמען צו ווינטשן אַז ס'זאָל זיין אין אַ גליקלעכער מינוט.

— ער זעט אויס אַן ערנסט יינגל. האָב איך אַ טעות, סטעלעשי? — האָבן ביים פאָטער שווער זיך אויפגעריסן די ליפּן און ר'האָט זיך נישט דערוועגט צו קוקן צום יונגן מאַן וואָס איז געזעסן אין שמועס מיט בערטען. —

און אין אַן אָוונט, ווען סטעלע איז אַליין געווען פּנים־אל־פּנים מיט די אַלטע אירע, איז דער שמועס ווידער אויפגעשווומען:

— ווייסט נישט, — האָט די מאַמע אונטערגעשטאַמלט — מ'זאָל באַ־

היט ווערן פאַר אַן איבערגעאיילטן שריט. ער זעט אויס אַ פיינער בחור.
— האָט ביי דער מוטער געציטערט דאָס מויל.

— האָט ער כאָטש אַ גוט פאַך? — האָט לעאַן נישט געקענט איינהאַלטן זיין נייגיר.

איבערן מיידל האָט דאָס פרעגעניש זיך געטראָגן ווי אַ געדונער מיט פלאַמען פון פלאַצנדיקע בליצן. פון איר האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שטיקע־ניש:

— ער איז אַ גוטער מענטש, כאַקאַביטאַ. מער וויל איך נישט וויסן! ער שטאַמט פון אַן אָרנטלעכער היים. וואָס נאָך באַדאַרף מען?

ביי די אַלטע האָבן דעמאָלט זיך פאַרמאַכט די מיילער. זיי וועלן זיך צו פיל מישן? הלוואי זאָל זיין צו גוטן!

דערנאָך האָט עסטעלאַ זיך שוין עפּטער באַוויזן מיט אים; שפּעטער איז דאָס באַקענען זיך מיטן חתן געווען מער היימישלעך, גרינטלעך.

— ער הייסט כאַקאַביטאַ פאַלץ, — האָט ס׳מיידל אַריינגערעדט אין דער מוטער און אירע אויגן האָבן געזוכט אומבאַשטימטס אין די פּנימער פון די וויעכאָס. ווי שטיינער זענען זיי, עקשנים! — האָט עס געברויזט אין דער טאָכטער. — נאָר מ׳גריבלט זיך!

הינטער זיינע אויגן האָט עסטעלאַ פון ס׳ניי געמוזט פאָרשטעלן דעם חתן פאַר טאַטע־מאַמען און זי האָט געפלאַמט, די קליינע עסטעלאַ, וועלכע איז מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן ביי זיך. „נאָר זיי ציטערן״, האָט זי געמיינט די אַלטע, אָבער זי וועט מער נישט פרעגן קיין דעות. זי׳ט נישט לאָזן אַז מ׳זאָל קוקן אויף איר ווי אויף אַ פיצל וואָס וואַרט אויף אַ קניפּ אין בעקל. יאָ, עס איז אַזאַ איינפיר: ברענגט אַ טאָכטער אַריין אין הויז אַ יונגן מאַן, איז ער שוין דער חתן, און אויף אַ מיידל מיט אַ חתן מוז מע קוקן מיט געוויסיקן רעספּעקט. טאַטע־מאַמע דאַרפן געבן נאָר זייער ברכה.

— ס׳איז מיר זייער ליב, טאָכטערשי, — האָט בערטע געלאָזן זיך צוגעבויגן צום מיידל און זי געקושט אין כאַקאַביטאָס אויגן. — ס׳אַ טייער מיידל, מיין קליינטשיקס, — האָט זי ביי דער געלעגנהייט שוין געוואָלט אויסנעמען מיט איר מוטערלעכער צערטלעכקייט. ביים פאָטער, וואָס האָט געקוקט אויפן יונגן מאַן מיט אויגן־פינטלעניש, האָט זיך געצונדן ס׳פּנים. אַזאַ אומגעריכטקייט. נ׳אַוודאי, ר׳איז נישט צוגעוווינט נאָך צו אַזוינס. ס׳גאָר נישט גרינג צו ווערן אַ שווער!

— זייער אַנגענעם, — האָט לעאָן בגוואַלד אַרויסגעקראָגן פון זיך אַן אומגעוואָלטן מורמל. — גאָר ליב, — און באַמיט זיך עפּעס אָפּצוטרייסלען פון בליק. — בערטע, האָט זיך אים געשווערט די צונג — אַז אַזאַ גאַסט, באַדאַרף מען שטעלן אויסצוטרינקען. בערטע, — האָט ער זיך אַלץ געפּלאָנטערט — לאָמיר דעקן דעם טיש. העלפן דיר?

...ערשט שפּעטער איז פאַרגעקומען די אמתע געסטלעכע באַגעגעניש צווישן די עלטערן און דעם יונגן פּאָרל וואָס איז זיך געפעלן געוואָרן, כאָטש — —

*

עס איז אמת, עסטעלאַס גוסט איז געווען: אַ הויכער, אַ סך העכער פון איר זאָל זיין דער יונגערמאַן „וואָס זאָל ווערט זיין איר ליבע"; דאָס האָט לאַנג אַריינגערעדט אין איר מיידלשן חלום: אַ פליייציקער, אַ שיינער זאָל ער זיין, און איר כאַקאָביטאָ איז געווען אַ קורצער פּרייטיק, קלענער פון איר, שמאָל אין די אַקסלען. בכלל אַ קנאַפּער גיבור. נישט מער, ער איז געווען אַ רירעוודיקער, אַ פלינקער. סתם אַ וווילער. זיין גרויסע מעלה איז, וואָס ער איז פלייסיק צו דער אַרבעט און אַן אָרנטלעכער. דער באַלעבאָס פון דער פירמע, ווו ער דינט, האָט פאַר אים לויבווערטער. כאַקאָביטאָס קאָלעגן שמועסן צווישן זיך אַז דאָס ב ח ו ר ל, ווי זיי רופן אים, האָט גערן צו היטן די פּעזע. אים ציט גוואַלדיק זיך אַרויפצואַרבעטן. זוכסט אַ מציאהלע, וועסט קויפן אַ ראַמשל? כאַקאָביטאָ, ס'פאַראַן אַ „שאַנס!" — קומען זיי אים אונטער, אָבער ער בייזערט זיך נישט. ער קוקט אויף אַלעמען מיט גינציקע אויגן. נישט קיין פראַגע, אַז ס'מיידל איז כאַקאָביטאָן ביז גאָר געפעלן. און זי, עסטעלאַ, האָט זיך געכלהט באַצייטנס. גיך נאָכן צונויפריידן זיך מיט אים, איז זי גרייט געווען צו גיין מיט כאַקאָביטאָן צו דער חופה. זי האָט געטענהט: צו וואָס וואַרטן? און זי האָט געהאַט אין זינען — צו פיל טאָר זי זיך נישט איינרעדן ביים קבצנישן טאַטן.

אין גיכן האָט מען אין מאַטאַדעראָס רעכט אָנגעהויבן צו שמועסן פון חתונה. ס'זענען געקומען נייע שווערע זאָרגן וואָס אַנטפּלעקן זיך ביי אָרעמע לייט בתוך האָפּעדיקייט, ווען זיי קומט אויס זיך איבערצושטרענגען כדי צו „מאַכן אַ שריט אין לעבן". דעמאָלט זענען טאַטע-מאַמע גרייט זיך אויס־

צו טאָן ביזן לעצטן העמד, אַבי די שמחה זאָל זיין מיטן פולן מויל. אַזוי האָט בערטע טאַקע געזאָגט צום מאַן. אַ באַלעבטע מיט פרישער רירעוודיקייט וואָס איז קיין מאָל נישט געווען ניכּר ביי איר, האָט זי אַצינד אויפגעשטעלט ביי די אויערן אַלע באַקאַנטע, גענומען געלט אויף פּראָצענט, איינגעשוולדיקט זיך אין גמילת־חסדים־קאַסעס; די מאַמע האָט זיך געגעבן דאָס פּנים צו וואַשן און עס איז למזל געפּראַוועט געוואָרן אַ שיינע חתונה.

עסטעלאַ מילער, עסטעלאַ דעם קירזשנער־געזעלנס האָט געקראָגן אַ מאַן.

עס איז געווען פריילעך און ס׳איז געוואָרן אומעטיקלעך, וואָס מ׳האָט אַרויסגעלאָזט ס׳איינציקע „שטיקל קינד" פון שטוב. אַליין האָט מע זיך באַלד דערשפּירט אויסגעשפּילטע, זקנים, וואָס האָבן זיך נישט ווו אַהינצוטאָן מיטן נייעם עלנט, וואָס האָט אַריינגעשפּאַנט אין שטילן הויז.

— גייסט, לעאָן? — האָט בערטע אַן אויסגעפּוצטע זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ זונטיקדיקן נאָכמיטיק אַ גרייטע אַרויסצולאָזן זיך פון שטוב.

— וווהין גיין, ווייב מיינס?

— ס׳הייסט, וווהין? האָסט דען נישט קיין קינדער, זאָלן לעבן און געזונט זיין? ס׳אַ וואָך אַ יאָר, לעאָן, און איך האָב זיי נישט געזען. סטעלע וויזט זיך נישט. זי איז נעבעך פאַרנומען.

— ווי באַלצער פון דער היץ אויפכאַפּן זיך און לויפן, העי? שוין וואַרטן זיי אויף דיר. זיי האָבן בעסערע געשעפטן. יונגוואַרג זיצט נישט, בערטע. סתם שלעפּן זיך אַ שטיק וועגס און טרעפן געשלאָסן די טיר, איז נישט פאַר מיין טאַטנס זון.

— ביסט טאַקע אַ וויעכאַ, אַ דזשאַד, לעאָן. שעם זיך. עסטעלאַ וועט עס הערן, וועט זי זיך שעמען. דעם טאַטן גלוסט נישט. דעם דאָן לעאָנאַרדאָ ווילט זיך גאַראַנטיעס אַז ער וועט נישט גיין אומזיסט. ערשט געהאַצקעט און שוין איז ער מיד, — האָט ס׳ווייב נישט אויפגעהערט צו טענהן. — פע, הייב זיך אויף, דאָן לעאָנאַרדאָ!

ס׳ווייב האָט אים געמינטערט; ער האָט זיך אויפגעשטעלט, נאָר גערן איז ער נישט געגאַנגען. לעאָנען האָט געגריזשעט דער וואָרעם, וואָס איז ביי סטעלעס חתונה אים אַריין אין דער נשמה בעתן נאָגנדיקן גערייד פון דער פידל, דעם קלאַרנעט און טשעלאָ וואָס האָבן געזוכט צו דערטאַפּן דעם אָדער פון יענער פריילעכקייט וואָס קען דערוועקן די פאַרפלאָסענע, שלעפעריקע

און מידע יאָרן. דעמאָלט האָט עס געקנאַלט, געקלאָגט און געפּישטשעט פון די כּלי־זמר, אָבער לעאָנען דעם מחותן האָט צעשניטן אַ טרויער: מענדלי! מענדל איז נישטאָ! אַן איינציקער וואָס געדענקט זיין וואָרשע, דער איינציקער וואָס פאַרשטייט זיין צער, דער מענדל איז ערגעץ איינגעזונקען. מיט אַ ווייטיק אין האַרץ זיך אָפּגעטראָגן ערגעץ און ווייזט זיך נישט; אַ וואַנדראָווניק וואָס ריכט אָפּ גלות אויף פאַרלוירענע דועגן. עסטעלאַ שפּילט אַ חתונה און ער איז אויף ווילדע צרות אין אַ העק. אר־אר־אווו! וויסט איז דעם קאָפּ וואָס גייט־נאָך דעם האַרצעניו, — און ער האָט זיך אומגעריכט צעהעשעט.

לעאָן, דער שוואָגער לעאָן האָט אין דעם טריבן געדענקען זיך נאָכגעשלעפּט מענדלען אין דער אומבאַוווסטקייט פון דער גרויסער אַרגענטינע, וועלכע איז נישט אויסצושפּאַ־ען און נישט אויסצומעסטן אין איר גרייס ווי אין פאַרנעם פון די יסורים וואָס זי האָט אָנגעבאַרייט פאַרן זינדיקן מענטש.

לעאָן מילער האָט נישט אויפגעהערט צו אומערן.

— — — אין ווייטן פעלדישן העק, וואָס האָט ערגעץ אין דער געגנט „צווישן טייכן" צונויפגעזאַמלט אַ פּאָר שטיינערנע הייזקעס, אַ קיילעכיקן מאַרק־פּלאַץ מיט אַ צאָל באַלעבאַטישע קלייטן און עס אָנגערופן שטאָט, — אין אַזאַ פאַרפאַלנקייט האָט מענדל מאַנועל זיך איינגעגראָבן אין אַן אייגענעם גלות. מיטן שווייס פון זיין פּנים האָט ער אין דער דאָזיקער נייער פרעמד אויסגעשלאָגן זיין בידנע ברויט; ער האָט געוואָלט פאַרגעסן אין זיך, אַנטלויפן פון זיך, פאַרגעסן מענדלען פונעם הויז זיגאַל, בכדי מער נישט צוריקגערופן צו ווערן צו דער וואָר וואָס איז ווי קראַפּעווע ברייזק.

„מענדל איז נישטאָ. מענדל האָט'ס געניג", — האָט ער אַ באַנומענער אַריינגערעדט אין זיך.

טרויער האָט געוואָרגן דעם מענטש, וואָס האָט זיך אַליין פאַרמשפּט אויף יגון ואנחה.

בוענאָס־איירעס, 1959.

ביכער פון דעם זעלביקן מחבר

אונדזער אָרעם ברויט (דערציילונגען)	**וואַרשע**	1936
אַ הויז אויף אַלטשטאָט (ראָמאַן)	**וואַרשע**	1938
אַ בוים אין ווינט (דערציילונגען)	**וואַרשע**	1948
דאָס בוך פון די עלנטע (דערציילונגען)	**בוענאָס איירעס**	1952
באַלוטער וועבערס (ראָמאַן)	**בוענאָס איירעס**	1953
סוף קאַפּיטל (ראָמאַן)	**בוענאָס איירעס**	1956
אונטער ליימענע דעכער (דערציילונגען)	**בוענאָס איירעס**	1957
אַ שטיין צוקאָפּנס (דערציילונגען)	**בוענאָס איירעס**	1960
וואָרצלען זענען דאָרשטיק (ראָמאַן)	**בוענאָס איירעס**	1964

Copyright by
J. OKRUTNY
Buenos Aires, Argentina

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina

Este libro se terminó de imprimir el día 20 de mayo de 1964, en los Tall. Gráf. JULIO KAUFMAN S.R.L. - Corrientes 1976 - Buenos Aires

J. OKRUTNY

LAS RAICES TIENEN SED

(WORCLEN ZENEN DORSCHTIK)

NOVELA

Buenos Aires, 1964